STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06611

MAYN KINDHAYT

Maksim Gorky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מאקסים גאָרקי

מאַקסים גאָרקי

מײַן קינדהייט

איבערגעזעצט פון א. ווייטער

דריטע אויפלאַגע

ווילנע — 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Majn Kindhajt“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

געווידמעט
מיין זון

אין אַ האַלב-פינסטערן צימער ביים פענסטער ליגט אויף דער ערד מיין פאָטער: ער איז אָנגעטאָן אין ווייסן און זעהט אויס אומגעוויינליך לאַנג; די פינגער פון זיינע באָרוועסע פיס זיינען מאָדנע אויסגעשטעלט; די פינגער פון זיינע ליבליכע הענט, וואָס זיינען נכנע'דיג צונויפגעלייגט אויפן ברוסט, זיינען אויך צעקרימט; זיינע פריילעכע אויגן זיינען פאַרמאַכט מיט שוואַרצע קיי-קעלאַך פון קופּערנע מטבעות; זיין גוטער פּנים איז טונקל און שרעקט מיך מיט די פאַרשטשירעטע ציין.

די מאַמע שטייט אויף די קני, האַלבנאַקעט, אין אַ רויטן קלייד און פאַרקעמט דעם טאַטנס לאַנגע ווייכע האָר פון שטערן אויף הינטער מיט יענעם שוואַרצן קאַם, מיט וועלכן איך פלעג ליב האָבן צו זעגן די האַרטע שאָלעכץ פון קאַוואָנעס; די מאַמע רעדט עפּעס אָן אַן אויפהער מיט אַ גראָבער הייזעריגער שטים, אירע גרויע אויגן זיינען אויפגעשוואָלן און, עס דוכט זיך, זיי שמעלצן זיך אויסרינענדיג מיט גרויסע טראָפּנס טרערן.

מיך האַלט פאַרן האַנט די באָבע — אַ קיילעכדיגע, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט גרויסע אויגן און מיט אַ קאָמישן פליישיגן נאָז; זי איז אינגאַנצן אַ שוואַרצע, אַ ווייכע און אַ וואונדערליך-אינטערע-סאַנטע. זי וויינט אויך, זינגט נאָך גוט און עפּיס מאָדנע, ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, צופּט מיך און שטופּט צום טאַטן; איך שפּאַר זיך איין און באַהאַלט זיך הינטער איר: איך האָב מורא און עס איז מיר עפּיס ניט-היימליך.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, אַז דערוואַקסענע זאָלן וויינען, און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די באָבע האָט עטליכע מאָל געזאָגט צו מיר:

— געזעגן זיך מיטן טאַטן, וועסט שוין אים קיינמאָל ניט זעהן; געשטאָרבן נעבעך פאַר דער צייט, ניט אויסגעלעבט זיינע יאָרן...

איך בין שווער קראַנק געווען און אָקאָרשט אַראָפּ פון בעט. בעת מיין קראַנקייט — דאָס געדיינק איך זעהר גוט, — האָט דער פאָטער זיך פריילעך געעסקט מיט מיר, דערנאָך איז ער פלוצלונג פאַרשוואונדן, און אָנשטאָט אים האָט זיך באַוויזן גאָר אַ מאָדנער מענטש — די באָבע.

— פון וואַנען ביסטו געקומען צו גיין? — האָב איך זי געפרעגט:

זי האָט געענטפערט:

— פון אויבן, פון אַרויף־וואַסער, פון ניזשני, און ניט צו־גיין ביי, איך געקומען, נאָר צו פאָרן. איבערן וואַסער, פייג, גייט מען גיט.

דאָס איז געווען קאָמיש און ניט־צו־פאַרשטיין. אויבן, אין שטוב, האָבן געוואוינט אָנגעפאַרבטע פערסן מיט לאַנגע בערד, און נטן, אין קעלער — אַנ'אַלטער, אַ געלער קאַלמיק, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שעפּסענע פעל. איבערן טרעפּ האָט מען געקאָנט אַראָפּפאָרן פון אויבן אַראָפּ, רייטענדיג אויפן פאַרענץ, אָדער אַראָפּקייקלען זיך ווי אַ קנויל, אויב מען זאָל פאַלן — דאָס אַלץ האָב איך געוואוסט אויסגעצייכנט. נאָר וואָס האָט דאָ וואַסער צוטון? דאָ איז אַלץ ניט־ריכטיג, און קאָמיש פאַרפּלאָנטערט.

— און פאַר וואָס בין איך אַ פייג?

— ווייל דו ביסט שוויג, — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער.

גערעדט האָט זי ליבליך, פריילעך און גלאַט. פון ערשטן טאָג אָן האָב איך זיך מיט איר באַפריינדעט און איצט ווילט זיך מיר, זי זאָל וואָס גיכער אַרויסגיין מיט מיר פון דעם צימער.

די מאַמע באַדריקט מיך. אירע טרערן און יאָמער האָבן אָנגעצונדען אין מיר אַ נייעס, אַנ'אומרוהיגן געפיל. דאָס ערשטע מאָל זעה איך זי אַזאַ — זי איז תמיד שטריינג און רעדט ווייניג; זי איז אַ זויבערע, אַ גלאַטע און אַ גרויסע, ווי אַ פערד; זי האָט אַ האַרטן קערפּער און מוראדיג שטאַרקע הענט. איצט אָבער איז זי אינגאַנצן אַזוי אומאַנגענעם־אויפגעשוואָלן און צעשויבערט, די בגדים אויף איר — צעריסן. די האָר, וואָס פלעגן ליגן ביי איר

אין אָרדענונג אויפן קאָפּ, ווי אַ גרויס העל היטל, האָבן זיך צע־שאָטן איבערן נאַקעטן אַקסל, זיינען אַרויפגעפאַלן אויפן פּנים און די העלפּט, וואָס איז פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ, פלאָנטערט זיך אום און פאַרטשעפּעט כּסדר דעם פאָטערס אייגגעשלאָפענעם געזיכט. איך שטיי שוין לאַנג אין צימער, נאָר זי האָט נאָך קיין־איין־מאָל ניט אַ קוק געטון אויף מיר. זי קעמט דעם טאַטן אין שרייט, פאַרכלינענדיק זיך מיט טרערן.

אין טיר באַווייזן זיך שוואַרצע פּויערים און אַ סאָלדאַט אַ בּודאָטשניק. ער שרייט מיט כּעס:

— טראָגט גיכער אַרויס!

דאָס פענסטער איז פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלן טוך, וואָס בלאָזט זיך אויף ווי אַ זעגל. אַמאָל האָט מיר דער טאַטע געמען דורכפאָרן־זיך אויף אַ שיפל מיט אַ זעגל. פּלוצלונג האָט געשלאָגן אַ דונער. דער טאַטע האָט געלאַכט, האָט מיך שטאַרק צוגעפּרע־דריקט צווישן די קני און אַ געשריי געטאָן:

— ס'איז גאָרגישט! האָב קיין מורא ניט!

פּלוצלונג איז די מאַמע שווער אויפגעשפּרונגען פון דילן תיכּף זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט און זיך אַ וואָרף געטון מיטן פּליי־צע אַראָפּ, די האָר צעשיטנדיק איבערן דיל. איר בלינדער ווייסער פּנים איז געוואָרן בלוי, און פאַרשטשירנדיק די ציין, ווי ביים טאַטן, האָט זי אַ געשריי געטון:

— פאַרמאַכט די טיר; פירט אַרויס אַלייקסייען!...

די באָבע האָט מיך אָפּגעשפּופּט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טיר און אויסגעשריען:

— ליבינקע, האָט קיין מורא ניט, טשעפּעט ניט, גייט אַוועק פון דאַנען, גאָט איז מיט אייך! דאָס איז ניט קיין כאָלערע, זי גייט צו קינד! האָט רחמנות, ליבינקע!...

איך האָב זיך באַהאַלטן אין טונקעלן ווינקל הינטער קאַסט און פון דאָרטן געקוקט, ווי די מאַמע דרייט זיך איבערן דיל, אָכ־

בּודאָטשניק — אזוי האָט אַמאָל געהייסן אויף רוסיש אַ גאָראָדאָוואָי, אַ פּאָליציי־מאַן.

צענדיג און כקריפענדיג מיט די ציין, און די באָבע פויזעט-אום אַרום איר און רעדט צו איר ליבליך און מיט שמחה:

— אין נאָמען פון פאָטער און זון,* האָב געדולד, וואַר-יושא! הייליגסטע מוטער פון גאָט, גוטע בעטערין אונזערע...

איך האָב מורא. זיי קריכן אום איבערן דיל אַרום טאַטן, טוען אים אויס די בגדים, קרעכצן און שרייען, און ער איז אומ-באַוועגליך און עס דוכט זיך, אַז ער לאַכט. עס האָט לאַנג גע-דויערט אָט דאָס פויזען איבערן דיל. ניט איינמאָל איז די מאַמע אויפגעשטאַנען און ווידער געפאַלן; די באָבע פלעגט זיך אַרויס-קייקלען פון צימער, ווי אַ גרויסער, אַ שוואַרצער און אַ ווייכער קנויל; דערנאָך האָט אין דער פינסטער פלוצלונג אַ קינד גענו-מען שרייען.

— אַ דאַנק דיר, גאָט! — האָט געזאָגט די באָבע — אַ אינגל!

און האָט אָנגעצונדן אַ ליכט.

מן הסתם בין איך איינגעשלאָפן אין ווינקל: מער געדיינק איך גאָרניט.

דערנאָך האָט זיך אָפּגעשטעמפּעלט אין מיין זכרון: אַ רעגנדי-גער טאָג, אַ וויסטער ווינקל פון בית-עולם. איך שטיי אויף אַ גלי-טשיגן בערגל קלעפּיגע ערד און קוק אַראָפּ אין גרוב, וואוהין מען האָט אַראָפּגעלאָזן דעם אָרון פון מיין טאַטן. אויפן דעק פון גרוב איז אַ סך וואַסער און עס איז דאָ זשאַבעס — צוויי פון זיי האָבן זיך שוין אַרויפגעקליבן אויפן געלן דעקל פון אָרון.

ביים קבר בין איך, די באָבע, אַן אויסגענעצטער בודאָטשניק און צוויי בייזע פויערים מיט רידלען. אַלעמען באַשיט אַ וואַרימער רעגן, אַ דראָבנער, ווי קליינע פּערעלי.

— פאַרשיט, — הייסט דער בודאָטשניק און טרעט אָפּ אָן אַ זייט.

די באָבע האָט באַהאַלטן דעם פנים אין עק פון קאָפּ-טיכל און אָנגעהויבן וויינען. די פויערים האָבן זיך איינגעבויגן און אָנ-

* אַן אָנהויב פון אַ קריסטליכער תפילה.

געהויבן האַסטיג צו וואַרפן אַראָפּ ערד אין קבר; דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן חליופען, די זשאַבעס זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון אָרון און גענומען זיך וואַרפן אויף די ווענט פון גרוב; שטיקער ערד פלעגן זיי אַראָפּשליידערן צוריק אויפן דעק.

— טרעט אָפּ, ליאָניא, — האָט די באָבע געזאָגט און אָנגענומען מיך פאַרן אַקסל; איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט: עס האָ זיך ניט געוואָלט אַוועקגיין.

— אָ, ס'אַרא מאָדנער דו ביסט, גאָט מיינער! — האָט זיך די באָבע אויף מיר אָדער אויף גאָט באַקלאָגט און איז לאַנג געשטאַנען שווייגנדיג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; דער קבר איז שוין געוואָרן גלייך מיט דער ערד און זי שטייט נאָך אַלץ.

די פויערים האָבן הילכיג געפּאַטשט מיט די רידלען איבער דער עוּד; אַ ווינט איז געקומען צו פליהען און פאַריאָגט, אַוועקגעטראָגן דעם רעגן. די באָבע האָט מיך גענומען פאַרן האַנט און אַוועקגעפירט צום קלויסטער, וואָס האָט זיך געזעהן אין דערווייטענס צווישן טונקעלע צלמים.

— פאַר וואָס ווייכסטו ניט — האָט זי געפרעגט, אַז מיר זיינען שוין געווען הינטערן פאַרקאַן, — וואָלסט אפשר אַ ביסל געוויינט?

— ס'ווילט זיך ניט, — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— נו, אַז עס ווילט זיך ניט, דאַרף מען ניט, — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

דאָס אַלץ איז געווען גאָר מאָדנע: איך פלעג וויינען זעלטן, נור פון פאַרדראָס און ניט פון ווייטאָג. דער טאַטע פלעגט שטענדיג לאַכן פון מיינע טרערן און די מאַמע פלעגט שרייען:

— זאָלסט ניט וואַגן צו וויינען...

דערנאָך זיינען מיר געפאָרן אויף אַ דראָזשקע, דורך אַ ברייטער און זעהר אַ קייטיגער גאַס, צווישן שוואַרץ-רויטע הייזער. איך האָב אַ פרעג געטון ביי דער באָבען:

— און די זשאַבעס וועלן שוין ניט אַרויסקריכן?

— ניין, זיי וועלן ניט אַרויסקריכן, — האָט זי געענטפערט. — גאָט איז מיט זיי, מיט די זשאַבעס.

ניט דער טאַטע און ניט די מאַמע פלעגען אַזוי אָפט ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען.

* * *

אין עטליכע טעג אַרום זיינען מיר געפאָרן אויף אַ דאַמפּער איך, די באָבע און די מאַמע, אין אַ קליינער קאַיוטע. מיין ניי-געבוירענער ברודער מאַקסים איז געשטאָרבן און איז געלעגן אויפן טיש אין ווינקל, איינגעוויקלט אין ווייסן און אַרומגעבונדען מיט אַ רייטער טאַסמע.

איך האָב זיך איינגעמאָשטשעט אויף די פּעק און קאַסטנס און קוק אין פענסטערל, וואָס איז בולט און קיילעכדיק, ווי אַן אויג פון אַ פערד. הינטער דער נאַסער שויב גיסט זיך אָן אַ סוף דאָס מוטנע, אויפגעשוימטע וואַסער; צייטנווייז גיט זיך עס אַוואָרף אַרויף און לעקט די שויב. ניט-ווילנדיק שפּרינג איך דעמאָלט אַראָפּ אויף דער ערד.

— האָב קיין מורא ניט! — זאָגט די באָבע, הויבט מיך גרינג אויף מיט אירע ווייכע הענט און זעצט מיך ווידער אַוועק אויף די פּעק.

אויפן וואַסער הייגט אַ גרויסער און פייכטער נעפּל, ערגיץ ווייט באַווייזט זיך אַמאָל שוואַרצע ערד און פאַרשווינדט ווידער אין נעפּל און וואַסער. אַלץ אַרום טרייסלט זיך. נאָר די מאַמע שטייט אומבאַוועגליך, פאַרוואָרפן די הענט אויפן קאָפּ און אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. איר פּנים איז ווי פון אייזן, טונקל און בלינד די אויגן זיינען שטאַרק צוגעמאַכט, — זי שווייגט די גאַנצע צייט און איז אינגאַנצן עפּעס אַן אַנדערע, אַ נייע; אַפילו דאָס קלייד, וואָס זי טראָגט, איז מיר אויך אומבאַקאַנט.

ניט איינמאָל פלעגט די באָבע ריידן צו איר אין דער שטיל:

— וואָלסט עפּעס גענומען אין מויל, וואַריאַ, כאָטש עפּעס, האַ?

זי שווייגט און רירט זיך ניט.

די באָבע רעדט מיט מיר שעפּטשענדיג און מיט דער מאַמען אין דער הויך, נאָר פאָרזיכטיג, ניט זיכער און גאַנץ ווייניג. מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט מורא פאַר דער מאַמען. איך פאַר-

שטיי דאָס און די באָבע ווערט מיר דעריבער אַ סך נעהענטער.

— סאַראַטאָוו! — האָט אומגעריכט הויך און מיט כּעס געזאָגט די מאַמע. — וואו זשע איז דער מאַטראָס?

אַפילו די רייד אירע זיינען מאָדנע, פרעמדע: סאַראַטאָוו, מאַטראָס...

עס איז אַריין אַ גראָהער מענטש מיט ברייטע פּלייצעס, אין בלויע קליידער, און געבראַכט אַ קליינעם קעסטל. די באָבע נעמט ביי אים דעם קעסטל, לייגט אַריין דעם ברודערל און טראָגט צום טיר אויף אויסגעשטרעקטע הענט, נאָר די טיר פון קאַיוטע איז שמאָל און זי — אַ דיקע — קאָן דורכגיין נאָר מיטן זייט און זי טופּעט זיך אַ ווײַלע קאָמיש אויף איין אָרט.

— עך, מאַמאַשאַ, — האָט אויסגעשריען מיין מאַמע און אָפּגענומען ביי איר דעם אָרון. זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדן און איך בין געבליבן אין קאַיוטע, באַטראַכטנדיג דעם בלויען פויער.

— געשטאָרבן דיין ברודערל, האַ? — האָט ער זיך איינגעבויגן צו מיר און געזאָגט.

— ווער ביסטו? — פרעג איך.

— אַ מאַטראָס.

— און ווער איז סאַראַטאָוו?

— אַ שטאָט. גיב אַ קוק אין פענסטער. אָט איז זי.

הינטערן פענסטער האָט זיך גערוקט די ערד. שוואַרץ און גריבערדיג, האָט זי זיך געראַוויכערט אין נעפּל און איז ענליך געווען אויף אַ גרויסן שטיק ברויט, וואָס מען האָט אָקאָרשט אָפּגעשניטן פון אַ פרישן לאַבן.

— וואוהין זשע איז די באָבע אַוועק?

— דעם אייניקל מקבר זיין.

— מען וועט אים פאַרגראָבן אין דער ערד?

— ווי זשע דען? אַוודאי פאַרגראָבן.

איך האָב דערציילט דעם מאַטראָס, ווי מען האָט פאַרגראָבן אין דער ערד לעבעדיגע זשאַבעס, בעת מען האָט מקבר געווען

דעם טאַטן. ער האָט מיך גענומען אויף די הענט, פעסט צוגע־דריקט צו זיך און אַ קוש געטאָן.

— עך, ברודער, דו פאַרשטייסט מיך גאָרניט. — האָט ער געזאָגט. — אויף זשאַבעס איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבן, מילא! אויף דער מאַמען האָב רחמנות, זעסט, ווי דאָס אומגליק האָט זי דערשלאָגן.

איבער אונז האָט עפּעס אָנגעהויבן צו הודזיען און וואָיען. איך האָב שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער דאַמפּער און האָב זיך ניט דערשראָקן. דער מאַטראָס האָט מיך אײַלנדיק אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און זיך אַ לאָז געטון צום טיר, זאָגנדיק:

— מ׳דאַרף לויפן.

מיר האָט זיך אויך פאַרוועלט אַנטלויפן. איך בין אַרויס דורכן טיר. אין האַלב־פינסטערן שמאָלן דורכגאַנג איז געווען פּוסט. ניט ווייט פון טיר האָט געבלישטשעט דער קופּער אויף די טרעפּ פון אַרויסגאַנג. איך האָב אַ קוק געטון אין דער הייך און דערזעהן אַן עולם מענטשן מיט קעסטלאַך און פּעק אין די הענט. עס איז געווען קלאָר, אַז אַלע גייען אַראָפּ פון דאַמפּער — הייסט עס, איך דאַרף אויך אַראָפּגיין.

נאָר אַז איך בין צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם פּויערים צו־געקומען צום באָרט פון דאַמפּער, צום בריקל, וואָס האָט געפירט אויפן ברעג, האָבן אַלע אָנגעהויבן שרייען אויף מיר:

— וועמענס איז ער? וועמענס ביסטו?

— איך ווייס ניט.

אַ לאַנגע צייט האָט מען מיך אַרומגעשטופּט, געטרייסלט, גע־טאַפּט. ענדליך האָט זיך באַוויזן דער גראָהער מאַטראָס, האָט מיך אָנגעכאַפּט און דערקלערט:

— דאָס איז אַן אַסטראַכאַנער, פון קאַיוטע.

האַסטיג האָט ער מיך אַוועקגעטראָגן אין קאַיוטע, פאַר־רוקט מיך אויף די פּעק אַרויף און אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער:

— איך וועל דיר געבן!...

דער גערויש אויבן האָט אָנגעהויבן שטילער צו ווערן. דער

דאַמפער האָט זיך שוין געטרייסעלט און ניט געפּאַטשט איבערן וואַסער. עפּעס אַ פייכטע וואַנט האָט פאַרשטעלט דעם פענסטער פון דער קאַיוטע. עס איז געוואָרן פינסטער, דושנע, די פּעק זייַנען ווי אויפגעשוואָלן און מאַכן מיר איינג, און עס איז בכלל ניט גוט. עס קאָן זיין, אַז מען וועט דאָ מיך אויף אייביג איבערלאָזן איינעם אַליין אין פוסטן דאַמפער.

איך בין צוגעגאַנגען צום טיר. זי עפענט זיך ניט, דאָס הענטל לאָזט זיך ניט אַ דריי טאָן. האָב איך גענומען די פלאַש מיט מילך און מיטן גאַנצן כח אַ קלאַפּ געטאָן איבערן הענטל. די פלאַש האָט זיך צעבראָכן, די מילך האָט מיר באַגאָסן די פיס, איז אראָפּגערונען אויף די שטיוול.

פאַרביטערט פון דעם דורכפאַל, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויף די פּעק, שטיל זיך פונאַנדערגעוויינט און וויינענדיג איינגעשלאָפן.

און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט דער דאַמפער ווידער געטראַסקעס און געטרייסלט, דאָס פענסטערל פון דער קאַיוטע האָט געברענט, ווי די זון. די באָבע איז געזעסן נעבן מיר, געקעמט אירע האָר, געקרימט זיך און עפּעס געשעפּטשעט. זי האָט מאָדנע פיל האָר. זיי באַדעקן איר די אַקסלען, די ברוסט, די קני, און שלעפּן זיך נאָך איבער דער ערד, שוואַרצע מיט אַ בלויען אָפּגלאַנץ. מיט איין האַנט האַלט זי זיי אין דער לופטן, אויפגעהויבן פון דער ערד, און מיט דער אַנדערער — קוים וואָס זי קאָן מיט מאַטערניש אַריינשטעלן דעם הילצערנעם שיטערן קאַם אין דער געדיכטעניש פון די האָר. אירע ליפּן קרימען זיך, די שוואַרצע אויגן בליצן מיט כעס און דער פנים אין דער מאַסע האָר זעהט אויס קליין און לעכערליך.

היינט זעהט זי אויס בייז, נאָר אַז איך פרעג זי, פאַר וואָס האָט זי אַזוינע לאַנגע האָר, ענטפערט זי מיט דער נעכטיגער וואַרימער און ווייכער שטים:

— גאָט האָט מיך, קענטיג, באַשטראָפט מיט זיי, — פּרובקעם זיי פונאַנדער, די פאַרשאָלטענע! יונגערהייט פלעג איך זיך באַרימען מיט דער גריווע מיינער און אויף דער עלטער שעלט

איך זי! און דו שלאָף! ס'איז נאָך פרי — די זון איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען.

— איך וויל שוין מער ניט שלאָפן.

— נו, שלאָף ניט, — האָט זי תּיכּף מסכּים געווען, פאַרפלעכטנדיק דעם צאָפּ און קוקנדיק אַלע ווײַלע אויפן דיוואַן, וואו די מאַמע איז געלעגן אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, מיטן פּנים אַרויף. — ווי אַזוי האָסטו דאָס נעכטן צעבראָכן די פלאַש? רייד שטיל!

ריידנדיק, פלעגט זי מאָדנע אויסזינגען די ווערטער און זיי פלעגן זיך לײַכט אײַנוואָרצלען אין מײַן זכּרון, ענליכע אויף בלומען — אַזוינע ליבליכע, העלע און זאַפטיגע. אַז זי שמייכעלט, עפּע:ען זיך אויף ברייט אירע קאַרשן-אויגן און צינדן זיך אָן מיט אַן אומגעווײנטליך אָנגענעמער ליכטיגקייט; דער שמייכעל דעקט אויף אירע ווײַסע שטאַרקע ציין, און דאָס גאַנץ געזיכט, הגם פול מיט קנייטשן אין דער טונקעלער הויט פון די באַקן, זעהט אויס יונג און ליכטיג. זעהר מיאוס מאַכט איר געזיכט דער ווייך-פליישיגער נאָז מיט אויפגעבלאָזענע נאַזלעכער און רויט בײַן שפּיץ. זי שמעקט טאַבאַק פון אַ שוואַרצער פושקע, באַצירט מיט זילבער. זי איז אינגאַנצן אַ טונקעלע, נאָר זי לײַכט פון אינעווייניג — דורך די אויגן — מיט אַן אומפאַרלעשליכער פריילעכער און וואַרימער ליכטיגקייט. זי איז אײַנגעבויגן, כּמעט הויקערדיג, זעהר דיק, נאָר באַוועגן באַוועגט זי זיך גרינג און פלינק, גלייך ווי אַ גרויסע קאַץ, און זי איז אויך אַזוי ווייך, ווי אָט די ליבליכע חיה.

ביז איר האָב איך אַזוי ווי געשלאָפן, באַהאַלטן אין דער פינסטערניש, נאָר זי איז געקומען און האָט מיך אויפגעוועקט, אַרויסגעפירט אין דער ליכטיגקייט, האָט מיך צונויפגעבונדן מיט דעם אַרומיגן מיט אַ פאָדים, וואָס צעררייסט זיך ניט, אײַנגעוועבט אין אַ פאַרשיידנפאַרביגער האַפט און איז פון דער ערשטער מינוט געוואָרן מײַן פרײַנד אויפן גאַנצן לעבן, דער בעסטער פרײַנד פון מײַן האַרצן, דער טייערסטער און אַמבעסטן פאַרשטאַנענער מענטש— דאָס האָט איר אָן-פּניות'דיגע ליבע צו דער וועלט מיך רייך גע-

מאַכט און אָנגעזעטיגט מיט שטאַרקער קראַפט פאַרן שפּעטערדיגן אַרבעטס-לעבן.

* * *

מיט פערציג יאָר צוריק פלעגן די דאַמפּערס גיין לאַנגזאַם; זיינען מיר ביז ביזשני געפאָרן זעהר לאַנג, און איך געדיינק גוט אָט די ערשטע טעג פון מיין אָנזעטיגן־זיך מיט שיינקייט.

עס האָט זיך אַ שיין וועטער געהאַלטן. פון אין דער פרי ביז אין אָוונט זיץ איך מיט דער באָבען אויפן דאַך פון דאַמפּער אונטערן העלן הימעל, צווישן די ברעגעס פון וואָלגע, וואָס דער האַרבסט האָט זיי באַגאָלדט און אויסגעהאַפּט מיט זיידנס. ניט-געאיילט, פויל, נאָר הילכיג פּאַטשט דער העל-געלער דאמפּער מיט די ברעטער פון ראָד איבערן גרוי-בלויען וואַסער, ציהט זיך דעם שטראָם אַקעגן און שלעפּט נאָך זיך אַ באַרזשע אויף אַ לאַנגן קאַנאַט. אומבאַמערקליך שוועבט די זון איבער דער וואָלגע. אַלע שעה בייט זיך אַלץ וואָס אַרום, אַלץ איז ניי. די גרינע בערג זיינען ווי פּראַכטיגע פאַלבן אויפן רייכן קלייד פון דער ערד. אויף די ברעגעס שטייען דערפער און שטעט, און פון דערווייטנס זעהען זיי אויס ווי אויסגעשניצטע שפּילצייג; גאָלדענע האַרבסט-בלעטער שווימען איבערן וואַסער.

— דו זעה נאָר, ווי שיין דאָס איז! — רעדט צו מיר אַלע ווילע די באָבע, אַריבערגייענדיג פון איין אָרט פון שיף צו דעם אַנדערן, און אַליין שיינט זי אינגאַנצן, און די אויגן זיינען ביי איר פון שמחה ברייט פונאַנדערגעעפנט.

גאַנץ אָפט, אַז זי פאַרקוקט זיך אויפן ברעג, פאַרגעסט זי אָן מיר: זי שטייט ביין באָרט מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן ברוסט, שמייכלט און שווייגט, און די אויגן זיינען ביי איר פאַרטרערט. איך צי זי פאַר איר שוואַרצן קלייד אין קווייטן.

— האַ? — ניט זי זיך אַ צאַפּל — אַזוי ווי איך וואָלט איינגעדרעמלט און אַ חלום געזעהן.

— פאַרוואָס וויינסטו?

— פאַר פרייד, ליבינקער, און פון אַלטקייט, איך בין דאָך

שוין אַלט, איבער דעם זעקסטן צענדליג זיינען שוין מיינע יאָרן־פּריילינגן איבער געקייקלט־אַריבערגעגאַנגען.

זי גיט אַ שמעק טאַבאַק און הויבט מיר אָן צו דערציילן וואונדערליכע געשיכטעס וועגן גוטהארציגע גזלנים און הייליגע צדיקים, וועגן אַלערליי חיות און רוחות רעות.

די מעשיות דערציילט זי מיר שטיל, ווי בסוד־סודות, צוגעבויגען צו מיין פּנים און געקוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט אירע גרויס, געוואָרענע שוואַרצאַפּלען. אַזוי ווי זי וואָלט גיסן אין מיין האַרץ אַריין אַ כח, וואָס מונטערט מיך. זי רעדט, אַזוי ווי זי וואָלט זינגען, און וואָס ווייטער אַלץ ריטמישער קלינגען אירע רייד. הערן זי איז מאָדנע געשמאַק. איך הער און בעט:

— נאָך!

— און נאָך איז אַזוי געווען: עס זיצט אין קאָטוך דער אַלטינקער דאָמאָוואָי. האָט ער דעם פינגער זיינעם מיט אַ לאָקש פאַרשטאָכן. שאָקלט ער זיך און כליפּעט: „אוי, מייזעלאַך, עס טוט מיר וויי, אוי, מייזעלאַך, איך וועל ניט אויסהאַלטן״!

זי הויבט אויף אַ פוס, טוט איס מיט די הענט אַ כאַפּ און וויגט איס אין דער לופטן מיט אַ קאָמיש־פאַרקנייטשטן פּנים, גלייך ווי איר וואָלט דאָס אַליין וויי געטאָן.

אַרום שטייען די מאַטראָסן, — לאַנגבערדיגע, ליבליכע פּויערים, און הערען זיך צו, לאַכן און לויבן זי און בעטען אויך:

— נו, באָבינקע, דערצייל נאָך עפּעס.

און דערנאָך זאָגן זיי:

— אַי—דאַ, קום צו אונז עסען וועטשערע.

ביין אָוונטברויט זיינען זיי מכבד דער באָבען מיט בראַנפן און מיר — מיט קאַוועגעס און דיניעס. זיי טוען דאָס באַהאַלטענערהייט. אויפן דאַמפּער פאָרט מיט אונז איינער אַ מענטש, וואָס לאָזט ניט עסן קיין אויבס; ער נעמט דאָס אָפּ און וואַרפט אין טייך אַריין. בגדים טראָגט ער ענליך אויף אַ גאָראָ־

דאָמאָוואָי — אַ מין שד, דער גוטער גייסט פון שטוב.

דאָוואַי — מיט מעשענע קנעפּ, און איז שטענדיק שכור. אַלע באַהאַלטן זיך פון אים.

די מאַמע גייט זעלטן אַרויס אויפן דאַך פון דאַמפער און האַלט זיך אָפּגעזונדערט פון אונז. זי שווייגט כסדר, די מאַמע. איר גרויסן און שלאַנקן קערפּער, איר טונקעלן אייזן-האַרטן געזיכט, די שווערע קרוין פון אירע אין צעפּ פאַרפלאָכטענע בלאָנדע האָר, זעה איך איצט פאַר זיך ווי דורך אַ נעפּל אָדער אַ דורכזיכטיגן וואָלקן און פון אים קוקן אויף מיר דערווייטערט און אומפריינדליך אירע גרויע אויגן, אויך אַזוינע גרויסע, ווי ביי דער באָבען.

איינמאָל האָט זי שטרייננג אַ זאָג געטאָן:

— מענטשן לאַכן דאָך פון דיר, מאַמאַשע!

— זאָלן זיי זיך לאַכן — האָט אומבאַזאָרגט אָפּגעענטפערט די באָבע. — זאָל זיי וואויל באַקומען!

איך געדיינק איר קינדישע שמחה, בעת עס האָט זיך פון דערווייטנס באַוויזן ניזשני. צופּנדיק מיך פאַרן האַנט, האָט זי מיך געשטופּט צום באָרט פון שיף און געשריען:

— זעה נאָר, זעה נאָר, ווי שיין! אָט איז ער, דער טאַטינקע-ניזשני. ס'אַרא שטאָט דאָס איז פון גאָט! און די צערקווען, זעה נאָר, ווי זיי פליהען.

און האָט זיך כמעט וויינענדיג געבעטן ביי דער מאַמען:

— וואַריושע, גיב נאָר אַ קוק, דו האָסט דאָך אים שוין פאַרגעסן מסתמא! זאָל זיך דיין האַרץ דערפרייען.

די מאַמע האָט פאַראומערט געשמייכלט.

אַז דער דאַמפער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנקעגן דער שיינער שטאָט, אין מיטן טייך, וואָס איז איינג געווען פאַרשטעלט מיט די שיפן און באַדעקט, ווי מיט אָנגעשטעלטע שפּיזן, מיט זייערע שפּיציגע מאַסטבוימער, איז צו אים צוגעשוואומען אַ גרויס שיפל פול מיט מענטשן, האָט זיך אָנגעטשעפּעט מיטן האַקן-שטאַנג אָן דעם טרעפּ, וואָס מען האָט אַראָפּגעלאָזן פון שיף און איינער נאָך דעם אַנדערן האָבן די מענטשן פון שיפל גענומען אַרויפקומען אויפן דאַך פון דאַמפער. פאָרויס איז האַסטיג געגאַנ-

גען אַ דראַבנער, אַ טרוקענער אַלטיטשקער, אין אַ לאַנגן שוואַרצן בגד, מיט אַ בערדל, געל ווי גאָלד, מיט אַ פויגלשן נאָז און גרינע אויגלאַך.

— פּאַפּאַשאַ! —האָט מיט אַ הויכער און געדיכטער שטים אויסגעשריען די מאַמע און איז אַרויפגעפאַלן אויף אים, און ער האָט זי געכאַפּט פאַרן קאָפּ און האַסטיג געזומען גלעטן אירע באַקן מיט זיינע קליינטשקע רויטע הענט און געשריען קווי־טשנדיג:

— וואָס, נאָר איינע! אַהאַ־אַ! אָט דאָס איז דאָך דאָס! עך, אי־איר!...

די באָבע האָט זיך געדרייט ווי אַ שרויף און געקושט און אַרומגענומען זיך מיט אַלעמען פּאַר־אַמאָל, און מיך האָט זי גע־שטופּט צו די אָנגעקומענע מענטשן און גערעדט איילנדיג:

— נו, גיכער! אָט דאָס איז דער פעטער מיכאַיילאָ, דאָס איז יאַקאָוו... די מומע נאַטאַליע, דאָס זיינען שוועסטערקינדער, ביידן רופט מען סאַשע... די שוועסטער קאַטערינע, דאָס איז אַלץ משפּחה, אָט וויפיל!...

דער זיידע האָט געזאָגט צו איר:

— וואָס מאַכסטו, אַלטע?

און האָבן זיך דריי מאָל צעקושט.

דער זיידע האָט מיך אַרויסגעריסן פון דער געדיכטער קוי־פּע מענטשן, האָט מיך אָנגענומען פאַרן קאָפּ און געפרעגט:

— און ווער ביסטו?

— אַן אַסטראַכאַנער, פון קאַיוטע...

— וואָס רעדט ער? — האָט זיך געווענדט דער זיידע צו דער מאַמען, האָט זיך ניט דערוואַרט אויף איר תשובה, האָט מיך אָפּגעשטופּט פון זיך און געזאָגט:

— די סקולעס פּונקט ווי ביי זיין טאַטן... נו, קריכט אַראָפּ אין שיפל.

מיר זיינען אַראָפּ אויפן ברעג און געלאָזן זיך גיין מיט דער גאַנצער מחנה באַרג אַרויף מיטן אַרויפפאָר, וואָס איז געווען אויסגעברוקירט מיט גרויסע פעלדשטיינער און איז געלעגן צווישן

די אָפּהייגנען פון באַרג, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט צע־שרומפּענעם און צעטראָטענעם גראָז.

דער זיידע מיט דער מאַמען זיינען געגאַנגען פאָרויס. די הויך איז ער געווען די מאַמען ביזן אָרם און איז געגאַנגען האַס־טיג מיט קליינע טריט, און זי, קוקנדיג אויף אים פון אויבן אַראָפּ, האָט גלייך ווי געשוואומען אין דער לופטן. הינטער זיי שווייגנדיג האָבן זיך געזוקט די פעטערס: דער שוואַרצער פעטער מיכאַאיל, מיט גלאַטע האָר, אויך אַזאַ דאַרער, ווי דער זיידע, און דער בלאָנדער פעטער יאַקאָוו מיט געקרייזלטע האָר; עפּעס דיקע פרויען אין העל־פאַרביגע קליידער און אַ מאַן זעקס קינ־דער, אַלע עלטערע פון מיר און שטילע. איך בין געגאַנגען מיט דער באָבן און מיט דער מומע נאַטאַליע. אַ בלייכע, מיט בלאָע אויגן און מיט אַ גרויסן בויך, פלעגט זי זיך אָפט אָפּשטעלן, איר פלעגט דער אָטעם פאַרכאַפּן און זי פלעגט שעפּטשן:

— אוי, איך קאָן ניט!...

— צו וואָס האָבן זיי דיך געשלעפּט — האָט אין כּעס גע־בורטשעט די באָבע. — ס׳אַראַ נאַרישער שבט דאָס איז...

סיי די דערוואַקסענע, סיי די קינדער — זיי זיינען מיר אַלע ניט געפעלן געוואָרן, איך האָב זיך געפילט צווישן זיי ווי אַ פרעמדער און אַפילו די באָבע איז אַזוי ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, געוואָרן דערווייטערט.

און דערהויפּט איז מיר ניט געפעלן געוואָרן דער זיידע; איך האָב תּיכּף דערשפּירט אין אים אַ שונא און בין געוואָרן צו אים באַ־זונדער־אויפמערקזאַם און פאָרזיכטיג־נייגעריג.

מיר זיינען געקומען צום עק אַרויפפאָר. אויפן סאַמע שפּיץ, צוגעשפּאַרט צום רעכטן אָפּהאַנג פון באַרג, אין אָנהייב גאַס, אין געשטאַנען אַ נידעריגע איינגעאָרנדיגע שטוב, באַפאַרבט מיט אַ קיי־טיג־ראָזער פאַרב, מיט אַן אָנגערוקטן נידעריגן דאַך און אויסגע־גלאָצטע פענסטער. פון גאַס האָט עס מיר אויסגעוויזן גרויס, נאָר אי־נעווייניג, אין די קליינינקע, האַלב־פינסטערע צימערלעך, איז געווען איינג. ווי אויפן דאַמפער פאַר אַ סטאַנציע, פלעגן דאָ אַרומשמייען אין כּעס׳דיגע מענטשן, ווי סטאַיעס גנבישע וורובלעס

פלעגן אומפליען קינדער און אומעטום האָט געשמעקט מיט אַ בייסעדיגן אומבאַקאַנטן ריח.

איך בין אויפן הויף אַרויסגעקומען, נאָר דער הויף איז אויך געווען אַ אומאָנגענעמער. ער איז אינגאַנצן געווען פאַרהאַנגען מיט גרויסע נאַסע טיכער און פאַרשטעלט מיט קעסלען פאַרשיידנפאַרביגע געדיכטע וואַסער. אין דעם וואַסער האָבן זיך אויך געווייקט טיכער. אין ווינקל, אין אַ נידעריגן האַלב-חרוב-געוואָרענעם געביידל, האָט האָלץ הייס געברענט אין אַן אייוון, עפּעס האָט געקאָכט, געברודעלט און אַ אומגעזעהענער מענש האָט הויך גערעדט משונה׳דיגע רייד:

— סאַנדאַל—פּוקסין—קופּעראַס...

II

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן און ס׳איז אַוועקגערונען מיט אַ געוואַלדיגער האַסטיגקייט אַ געדיכט, פאַרשיידנפאַרביג און משונה׳דיג לעבן. איך דערמאָן זיך אָן אים, ווי אָן אַן אַכזריות׳דיגער געשיכטע, דערציילט פון אַ גוטהאַרציגן, נאָר אַ פיינליך-אמת׳דיגן גייסט. איצט אַז איך מאַך לעבעדיג מיין פאַרגאַנגנהייט, קאָן איך צייטנווייז אַליין ניט גלויבן, אַז אַלץ האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט, ווי דאָס איז געווען, און פיל זאַכן ווילט זיך מיר אָפּפרעגן, אָפּלייקענען — אַזוי פיל אַכזריות ליגט אין דעם פינסטערן לעבן פון „נאַרישן שבט".

נאָר אמת איז העכער פון רחמנות, און ניט וועגן זיך דערצייל איך דאָך, נאָר וועגן יענעם איינגן און דושנעם קרייז פון מאוים׳דיגע איינדרוקן, אין וועלכן עס האָט געלעבט — און לעבט אויך ביז היינטיגן טאָג — אַן איינפאַכער רוסישער מענטש.

דעם זיידנס הויז איז פול געווען מיט אַ הייסער פאַרע פון קעגנזייטיגער שנאה פון אַלעמען צו אַלעמען. זי פלעגט פאַר׳סמ׳ען די דערוואַקסענע און אַפילו די קינדער פלעגן נעמען אין איר אַ לעבעדיגן אָנטייל. שפּעטער, פון דעם, וואָס די באָבע האָט מיר דערציילט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מאַמע איז געקומען

צופאָרען גראָד אין יענער צייט, ווען די ברידער האָבן ניט-אַנ-דערש געפאָדערט, מען זאָל צעטיילן דעם פאַרמעגן. דער מאַמעס אומגעריכט קומען האָט נאָך שאַרפער און שטאַרקער געמאַכט זייער פאַרלאַנג זיך אָפּצוטיילן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די מאַמע וועט מאַנען דעם נדן, וואָס דער זיידע האָט איר צוגעזאָגט און ניט געגעבן, ווייל זי האָט חתונה געהאַט אָן זיין וויסן און קעגן זיין רצון. די פעטערס האָבן געהאַלטן, אַז אָט דער נדן דאַרף אויך צוטיילט ווערן צווישן זיי. זיי אַליין, צווישן זיך גופא, האָבן זיך שוין אויך פון לאַנג אַכזריות'דיג געקריגט וועגן דעם, ווער זאָל שטעלן אַ וואַרשטאַט דאָ אין שטאָט און ווער אויף יענער זייט אָקאַ, אין פאָרשטאָט קונאַווינע.

שוין איינגיכן נאָך אונזער קומען האָט אויפגעפלאַקערט אַ מחלוקת אין קיך בעת'ן מיטאָג. די פעטערס זיינען פלוצלונג אויפ-געשפרונגען און, איבערגעבויגן איבערן טיש, געוואָיעט און גע-שריען אויפ'ן זיידן, מיט רחמנות'דיג פאַרשטשירעטע ציין, און זיך אויפטרייסלענדיג, ווי הינט. דער זיידע איז געוואָרן רויט, גע-קלאַפט מיטן לעפל איבערן טיש און הילכיג—ווי אַ האָן—געשריען:

— איבער די הייזער וועט איר ביי מיר גיין!...

מיט אַ קרייענקליך-פאַרקרימטן פנים האָט די באָבע געזאָגט:

— גיב זיי אָפּ אַלץ, ס'וועט דיר רוהיגער זיין, גיב אָפּ, טאַטע!...

— שווייג, נאָכגעבערקע! — האָט געשריען דער זיידע, בליצנדיג מיט די אויגן; און עס איז געווען מאָדנע, וואָס אַזאַ קליי-ניטשקער קאָן שרייען אַזוי הילכיג.

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען, ניט-געאיילט אַוועק צום פענ-סטער און אומגעקערט זיך צו אַלעמען מיט דער פלייצע.

פלוצלונג האָט דער פעטער מיכאאיל אַ פראַשק געטאָן יאַ-קאָוו'ן אין פנים. יענער האָט אויסגעשריען און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און ביידע צוזאַמען האָבן זיך גענומען קייקלען איבער דער ערד, זיך זידלענדיג, כריפענדיג און קרעכצנדיג.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען; אויסער-זיך האָט גע-שריען די מעוברת'ע מוטע נאַטאַליע; מיין מאַמע האָט זי געכאַפּט

אין בערעמיע און ערגעץ-וואוהין אַוועקגעשלעפּט; די ניאַנקע יעווגעניע, אַ פרייליכע מיט אַ געשטופּלטן געזיכט, האָט געגומען טרייבן די קינדער פון קיך; די שטולן האָט מען צעוואָרפן; ציגיינער ל, אַ יונגער לערנאינגל מיט ברייטע פּלייצעס, האָט זיך געזעצט רייטנדיג דעם פּעטער מיכאַאילן אויפן רוקן; דער מייסטער גריגאָרי איוואַנאָוויטש, מיט אַ פּליכיגן קאָפּ און אַ לאַנגער באָרד, אין טונקעלע שפּאַקולן, האָט רואיג געבונדן דעם פּעטער די הענט מיט אַ האַנטוך.

אויסגעצויגן דעם האַלז, האָט דער פּעטער זיך געריבן אָן דיל מיט זיין שיטערן שוואַרצן באָרד און שרעקליך געכריפּעט און דער זיידע איז אומגעלאָפן אַרום טיש און רחמנות׳דיג געשריען:

— ברידער, האַ? אייגן בלוט! עך, אי — איר...

איך בין גאָר אין אָנהייב פון דער מחלוקת אַ דערשראָקענער אַרויפגעשפּרונגען אויפן אייוון און מוראדיג פאַרוואונדערט געקוקט פון דאָרטן, ווי די באָבע וואַשט אָפּ ביין קופּערנעם האַנטפאַס דאָס בלוט פון יאַקאָווס צעשלאָגענעם פּנים. ער האָט געוויינט און געטופּעט מיט די פיס און זי האָט מיט אַ שווערער שטים גערעדט:

— פאַרשאָלטענער, ווילדער שבט, באַדאַכט זיך!

אַרויפציענדיג אויפן אַקסל די צעריסענע „רובאַכע“, האָט דער זיידע געשריען צו דער באָבן:

— האַ, מכשפה, אָנגעקינדלט חיה-רעה׳ס?

אַז דער פּעטער יאַקאָוו איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן אין ווינקל מיט אַ האַרצרייסנדיגן יאָמער:

— הייליגסטע גאָטס מוטער, קער אום דעם פאַרשטאַנד צו מיינע קינדער!

דער זיידע האָט זיך געשטעלט צו איר מיט אַ זייט און שטיל געזאָגט, קוקנדיג אויפ׳ן טיש, וואו אַלץ איז געווען איבערגעקערט און פאַרגאָסן:

— דו, אַלטע, גיב אַכטונג אויף זיי, זיי וועלן נאָך וואַרווארען, חס-ושלום, אומברייגגען.

— וואָס רעדסטו, גאָט איז מיט דיר!... נו, טו אָקאָרשט אויס די „רובאַכע”, כ'וועל זי פאַרנייען.

זי האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע הענט און אַ קוש געטאָן אים אין שטערן און ער — אַ קליינטשקער אַנקעגן איר — איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו איר אַקסל:

— מען דאַרף זיך, קענטיג, צוטיילן, מאַמע.

— מען דאַרף, טאַטע, מען דאַרף!...

זיי האָבן לאַנג גערעדט צווישן זיך, פון אָנהייב פריינדליך, נאָר דערנאָך האָט דער זיידע אָנגעהויבן שאַרן מיטן פוס איבערן דיל, ווי אַ האָן פאַרן געשלעג, געסטראַשעט דער באָבן מיטן פינגער און הויך געשעפּטשעט:

— איך קען דיך, דו האָסט זיי העלטער! נאָר מישקע דיי־נער איז אַ יעזואיט און יאַשקע — אַ פ אַ ר מ אַ ז אָ ן. און זיי וועלן פאַרשכורן מיין גוטס, אויסבריענגען.

אַ דריי טוענדיג זיך אומגעשיקט אויפן אייוון, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן דעם פרעסאייזן. ער האָט אָפּגעקלאַפּט איבער אַלע טרעפּ פון אייוון און אַריינגעפּאַטשט אין עמער „פּאָמאָיעס”. דער זיידע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טרעפּל, האָט מיך אַראָפּגע־שלעפּט און אָנגעהויבן קוקן מיר אין געזיכט אַריין, גלייך ווי ער וואָלט מיך געזעהן דאָס ערשטע מאָל.

— ווער האָט דיך אַוועקגעזעצט אויפן אייוון? די מאַמע?

— איך אַליין!

— אַ שקר!

— ניין, אַליין. כ'האָב זיך דערשראָקן.

ער האָט מיך אָפּגעשטופּט פון זיך, לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע אין שטערן.

— ווי צוויי טראָפּנס וואַסער — דער טאַטע! אַרויס פונ־דאַנען.

איך בין זעהר צופרידן געווען, וואָס איך האָב געקאָנט אַנטלויפן פון קיך.

פ אַ ר מ אַ ז אָ ן — אין פּראָסטער שפּראַך פאַרענדערט פ ר אַ נ ק־ מ אַ ס אָ ן, אַן אַפּיקורס, אַ הולטיי, אַן אויסוואורף.

* * *

איך האָב גוט געזעהן, אַז דער זיידע שפּירט מיר נאָך מיט זיינע קלוגע, שאַרפזיכטיגע גרינע אויגן, און האָב מורא געהאַט פאַר אים. איך געדענק, מיר פלעגט זיך שטענדיג וועלן זיך באַהאַלטן פון זיינע סמאַליעדיגע אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער זיידע איז אַ רשע: ער רעדט מיט אַלעמען שפּאָטעריש, באַליידיגנדיג, העצט-אונטער און זוכט זיך יעדערן אַריינצוברענגען אין כעס.

— עך, אי — איר! — שרייט ער אויס זעהר אָפט, און דער לאַנגער קלאַנג „אי — אי" וואַרפט אַרויף אויף מיר אַן אומעט און אַ קעלט.

אין די שעה'ן פון רו, בעת דעם אָוונטיגן טיי, אַז דער זיידע, די פעטערס און די אַרבעטער קומען פון וואַרשטאַט פאַרמאַטערטע, די הענט באַפאַרבט מיט סאַנדאַל, פאַרברענט פון קופּאָראָס, די האָר אַרומגענומען מיט אַ טאַסמע, אַלע ענליכע אויף די טונקעלע איקאָנעס אין ווינקל קיך — אין אָט די געפערליכע שעהן זעצט זיך דער זיידע אַנקעגן מיר און, אַרויסרופנדיג אַ קנאה ביי די איבעריגע אייניקלאַך, רעדט ער מיט מיר עפטער ווי מיט זיי. ער איז אינגאַנצן אַן אויפגעפּאַסטער, אַ געפיילטער און אַ שאַרפער. זיין אַטלאַסענער זשילעט, וואָס פאַרשפּילעט זיך ביזן האַלז און איז אויסגעבייט מיט זיידנס, איז אַלט און אויסגעריבן, די סיצענע „רובאַכע" צעקנייטשט, אויף די קני פון די הויזן ליגן גרויסע לאַטעס און פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט דעם אויסזעהן, ווי ער וואָלט געווען אָנגעטאָן רייכער און שענער פון זיינע זין, הגם יענע טראָגן פּידזשאַקן, מאַנישקעס און זיידענע טיכלאַך אויפ'ן האַלז.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך מיין קומען האָט ער מיך אַוועקגעזעצט לערנען די תפילות. אַלע איבעריגע קינדער זיינען געווען עלטער פון מיר און האָבן זיך שוין געלערנט ביין „דיאַטשאָק" פון דעם אוספּענישן קלויסטער, די גאָלדענע קעפּ פון דעם קלויסטער פלעג איך זעהן דורך די פענסטער פון שטוב.

מיט מיר האָט גענומען לערנען די שטילינקע און שרעקעוודיגע מומע נאַטאַליע — אַ פרוי מיט אַ קינדישן פּנימל און אַזוינע

דורכזיכטיגע אויגן, אַז מיר פֿלעגט זיך דוכטן, דורך זיי קאָן מען זעהן אַלץ, וואָס ביי איר הינטערן קאָפּ.

איך האָב ליב געהאַט צו קוקן איר לאַנג אין די אויגן אַריין, ניט אָפּרייסן זיך און ניט פינטלען. זי פלעגט זיך זשמורען, דרייען מיטן קאָפּ און בעטן זיך שטיל, כמעט שעפּטשנדיג:

— נו, זאָג, איך בעט דיך: „אָטשע נאַש, איזשע יעסי...*).

און אַז איך פלעג זי פרעגן, וואָס הייסט דאָס „יאַקאָ־זשע"**), פלעגט זי זיך דערשראָקן אַרומקוקן און עצה'ן:

— דו פרעג ניט! ס'איז ערגער, אַז מען פרעגט, זאָג־נאָך פראָסט נאָך מיר: „אָטשע נאַש"... נו!...

מיך האָט נישט געלאָזט רוהען: פאַרוואָס איז ערגער, אַז מען פרעגט, און דאָס וואָרט „יאַקאָ־זשע" פלעגט באַקומען עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם זינען און איך פלעג אים בכיון איבער־דרייען:

— יאַקאָוו־זשע, יאַ־וו־קאָזשע***).

נאָר די בלייכע מומע, וואָס עס האָט זיך געדוכט, אַז זי גייט־אויס וואָס פון טאָג, פלעגט מיר געדולדיג פאַרריכטן:

— ניין, דו זאָג פראָסט: „יאַקאָ־זשע".

און איר שטים פלעגט זיך דערביי איבעררייסן.

נאָר סיי זי אַליין, סיי אירע רייד זיינען ניט פראָסט געווען. דאָס פלעגט מיך רייצן און שטערן מיר אַריינצונעמען די תפילה אין זכרון.

אַמאָל האָט דער זיידע געפרעגט:

— נו, אַליאָשקאַ, וואָס האָסטו היינט געטאָן? געשפּילט זיך? דאָס זעה איך פון בייל, וואָס אויף דיין שטערן. דאָס איז ניט קיין גוואַלדיגע חכמה צו באַקומען אַ בייל אויפן שטערן. אָבער „אָטשע נאַש" האָסטו אויסגעחזרט?

די מומע האָט שטילערהייט געזאָגט:

— דער זכרון איז ביי אים אַ שלעכטער.

*) אַ טעקסט פון אַ תפילה: „פאָטער אונזערער, וואָס דו ביסט..."; **) פון דער זעלבער תפילה: „אַזוי ווי". ***) „יאַקאָוו אָבער"; „איך בין אין פעל".

דער זיידע האָט אַ שמייכל געטאָן און פריילעך אויפגעהויבן זיינע גרויע ברעמען.

— אויב אַזוי, באַדאַרף מען אָפּשמייסן.

און האָט ווידער געפרעגט ביי מיר:

— דער טאַטע פלעגט דיך שמייסן?

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט, און האָב פאַרשוויגן, נאָר די מאַמע האָט אָפּגעענטפערט:

— ניין, מאַקסים האָט אים ניט געשלאָגן און מיר אויך פאַרווערט.

— פאַרוואָס אַזוי?

— ער פלעגט זאָגן, אַז מיט שלאָגן קאָן מען ניט אויסלערנען.

— אַ טיפּש איז ער געווען אין אַלץ, דיין מאַקסים, זאָל ער מיר מוחל זיין! — האָט כּעסדיק און דייטלעך געזאָגט דער זיידע.

מיך האָבן זיינע רייד באַליידיקט. ער האָט דאָס באַמערקט.

— וואָס האָסטו אָנגעשטעלט די ליפּן? זעה נאָר...

ער האָט אַ גלעט געטאָן זיינע זילבער-גרויע האָר אויפן קאָפּ און צוגעגעבן:

— און איך וועל שבת סאַשקען טרענען די הויט פאַרן פינגערהוט.

— וואָס הייסט טרענען די הויט? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און דער זיידע האָט געזאָגט:

— וואַרט, וועסט זעהן...

איך האָב זיך איינגעהערט אין זיך און האָב אַזוי אויסגעלייגט: טרענען טרענט מען נעט אין די קליידער, וואָס מען ברענגט צום פאַרבן; שמייסן און שלאָגן איז, קענטיג, איינס און דאָס זעלבע. מען שלאָגט פערד, הינט, קעץ; אין אַסטראַכאַן שלאָגן די „בודאָטשניקעס“ די פּערסן, — דאָס האָב איך געזעהן. נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן, אַז מען זאָל אַזוי שלאָגן קליינינקע, און הגם די פעטערס קלאַפּן זייערע קינדער אַמאָל איבערן קאָפּ, אַמאָל איבערן פּאַטעלניצע, נאָר די קינדער פאַרהאַלטן זיך דערצו גלייכ-

גילטיג און קראַצן נאָר דעם צעשלאָגענעם אָרט. איך פלעג ניט איינמאָל פרעגן ביי זיי:

— עס טוט ווי?

און זיי פלעגן מוטיג אָפּענטפערן:

— ניין, אַ קאַפּ ניט.

די גוואַלדיגע געשיכטע מיטן פינגערהוט האָב איך געוואוסט. אין אָוונט, נאָך טיי און פאַר וועטשערע, פלעגן די פעטערס מיטן מייסטער צונויפשטוקעווען די שטיקער אָפּגעפאַרבטע מאַטעריע אין איין שטיק און צונייען צו איר אַ צעטל פון קאַרטאָן. דעם פע־טער מיכאַאיל האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט אָפּטאָן דעם האַלב־בלינדן גריגאָרי. האָט ער געהייסן דעם פלימעניק, ער זאָל אָנברענען אויפן פייער דעם מייסטערס פינגערהוט. סאַשע האָט אַריינגענו־מען דעם פינגערהוט אין צווייגל, מיט וועלכן מען פלעגט אָפּ־שנייצן די ליכט, האָט אים שטאַרק אָנגעברענט אויפן פייער, אומ־באַמערקליך אַוועקגעלייגט גריגאָריען ביין האַנט און אַליין זיך באַהאַלטן אונטערן אייוון; נאָר פונקט אין דער צייט איז געקומען דער זיידע און האָט אַליין אַריינגערוקט דעם פינגער אין אָנגע־ברענטן פינגערהוט.

איך געדענק, אַז בעת איך בין געקומען צולויפן אין קיך אַריין, דערהערנדיג דעם טומל, איז דער זיידע קאָמיש געשפרונ־גען, האַלטנדיג זיך ביין אויער מיט די אָפּגעברענטע פינגער און געשריען:

— וועמענס מלאכה איז דאָס, אויסוואָרפן?

איבערגעבויגן איבערן טיש, האָט דער פעטער מיכאַאיל אַרומגעקייקלט דעם פינגערהוט און געבלאָזן אויף אים; דער מייסטער האָט, ווי ניט אים מיינט מען, געגנייט; שאָטנס זיינען אומגעשפרונגען איבער זיין גרויסן פלעך; עס איז געקומען צולויפן דער פעטער יאַקאָוו און באַהאַלטן זיך הינטערן ראָג פון אייוון און שטילינקערהייט געלאַכט פון דאָרטן; די באָבע האָט אויפן ריב־אייזן געריבן רייע קאַרטאָפל.

— דאָס האָט יאַקאָוו׳ס סאַשקע געטאָן! — האָט פלוצלונג געזאָגט דער פעטער מיכאַאיל.

— אַ ליגן! — האָט אויסגעשריען יאַקאָוו, אַרויסשפּרינגנדיק פון הינטערן אייוון.

און ערגעץ אין אַ ווינקל האָט זיין זון געוויינט און געשריען:

— טאַטע, גלויב ניט! דאָס האָט ער מיר אַליין אָנגעלערנט.

די פּעטערס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן. דער זיידע איז אָבער תּיכּף רוהיק געוואָרן, האָט צוגעלייגט צום פינגער די אָנגעריבענע קאַרטאָפל און איז שווייגנדיק אַרויס, מיטנעמענדיק מיך מיט זיך.

אַלע האָבן געזאָגט, אַז שולדיק איז דער פּעטער מיכאַאיל. איז נאַטירליך, אַז איך האָב בעתן טיי טרינקען געפרעגט, צי מען וועט אים שמייסן דערפאַר.

— מען באַדאַרף טאַקע, — האָט אָפּגעענטפערט דער זיידע און קרום אַ קוק געטאָן אויף מיר.

דער פּעטער מיכאַאיל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אַ געשריי געטאָן צו דער מאַמען:

— וואַרוואַרע, האַלט אַיין דיין הינטל! אַניט, וועל איך אים דעם קאָפּ אַראָפּדרייען.

די מאַמע האָט געענטפערט:

— אַנו, פּרוב, טו נאָר אַ ריר...

און אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

זי האָט אַזוי געקאָנט ריידן קורצע רייד, אַז זי פלעגט גלייך ווי אָפּשטופּן פון זיך די מענשן, אָפּוואַרפן זיי און יענע פלעגן בטל ווערן.

פאַר מיר איז קלאָר געווען, אַז אַלע האָבן מורא פאַר דער מאַמען, אַפילו דער זיידע אַליין פלעגט ריידן מיט איר ניט אַזוי, ווי מיט אַנדערע — אַ סך שטילער. דאָס איז מיר אָנגענעם געווען און איך פלעג מיט גדלות זיך באַרימען פאַר מיינע שוועסטער-קינדער:

— מיין מאַמע איז די שטאַרקסטע.

און זיי פלעגן דאָס ניט אָפּפרעגן.

נאָר דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט שבת, האָט אומגעענדערט מיין באַציאונג צו דער מאַמען.

* * *

ביז שבת האָב איך באַוויזן צו פאַרזינדיגן זיך.

מיך האָט זעהר אינטערעסירט, ווי קונציג די דער־וואַקסענע ענדערן די פאַרבן פון מאַטעריעס. מען נעמט געלן שטאָף, מען נעצט אים אַיין אין שוואַרץ וואַסער און ער ווערט געדיכט־בלוי; מען שווענקט גרויען שטאָף אין געלן וואַסער, ווערט ער רויטלאַך ־„באָרדאָ". זעהר פראָסט, נאָר ניט צו פאַרשטיין.

האָט זיך מיר פאַרוועלט אַליין עפעס אָפּפאַרבן, און איך האָב דערציילט מיין פאַרלאַנג יאַקאָוו׳ס סאַשען.

דאָס איז געווען אַן ערנסטער ייִנגל. ער פלעגט זיך שטענדיג אַרומדרייען אַרום די דערוואַקסענע, ליבליך צו אַלעמען און גרייט יעדערן צו דינען, מיט וואָס נאָר ער קאָן. אַלע פלעגן אים לויבן פאַר זיין פאָלגעוודיגקייט, פאַר זיין שכל, נאָר דער זיידע פלעגט קוקן אויף אים קרום און פלעגט זאָגן:

— אָט איז אַ חונף!

ער איז געווען אַ קליינינטשקער, אַ טונקעלער, מיט אויסגע־גלאָצטע קליינינקע אויגעלאַך, ווי ביי אַ ראַק. ריידן פלעגט ער האַסטיג און שטילערהייט און פאַרכליניען זיך מיט די רייד און פלעגט זיך תמיד סודותדיג אַרומקוקן אַרום זיך, גלייך ווי ער וואָלט בדעה האָבן ערגעץ־וואוהין אַנטלויפן און באַהאַלטען זיך. זיינע קאַרע שוואַרצאַפּלען פלעגן זיין אומבאַוועגליך, נאָר אַז ער פלעגט ווערן אויפגערעגט, פלעגן זיי ציטערן צוזאַמען מיט די ווייסלען.

מיר איז ער ניט געפעלן געווען. אַ סך סימפּאַטישער איז מיר געווען מיכאַיילאָס סאַשע, אַ שטילער ייִנגל מיט טרויעריגע אויגן און אַ גוטמוטיגן שמייכל, זעהר אַ ענליכער אויף זיין נכבע־דיגער מאַמען. ער האָט געהאַט מיאוסע ציין. זיי האָבן געשטאַר־טשעט ביי אים פון מויל און אין דער אויבערשטער זיאַסלע זיי־נען זיי געוואַקסן אין צוויי ראָנדן. דאָס פלעגט אים שטאַרק פאַר־נעמען, און ער פלעגט כסדר האַלטן די פינגער אין מויל און פו־נאַנדערשאָקלען די ציינער פון הינטערשטן ראָנד, פּרובנדיג זיי אַרויסרייסן,—און פלעגט לאָזן אַלעמען זיי טאַפּן. נאָר קיין מער

אינטערעסאַנטע זאַכן האָב איך אין אים ניט איינגעפונען. אין שטוב, וואָס איז געווען געדיכט אָנגעזעצט מיט מענשן, האָט ער געלעבט איינזאַם, ליב געהאַט צו זיצן אין האַלב-פינסטערע ווינקע-לאַך און אין אָוונט-צייט — ביים פענסטער. מיט אים איז גוט גע-ווען צו שווייגן, — זיצן ביים פענסטער, האַרט צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, און שווייגן שעהן-לאַנג, קוקן ווי אויפן רויטן אָוונ-טיגן הימל, אַרום די גאָלדענע ציבעל-קעפּ פון אוספּעניע-קלויסטער, וויקלען זיך און דרייען זיך שוואַרצע קראָהען, שוימען אויף האַס-טיג אַרויף און פאַלן אַראָפּ און פלוצלונג, פאַרדעקנדיג דעם הימל מיט אַ שוואַרצן נעץ, פאַרשווינדן זיי ווער ווייס וואוהין און לאָזן איבער נאָך זיך אַ פוסטקייט. אַז דו קוקסט אַזוי דערויף, ווילט זיך וועגן קיין זאַך ניט ריידן און אַן אָנגענעמע בענקעניש מאַכט פול דאָס האַרץ.

אָבער יאַקאָוס סאַשע האָט וועגן אַלץ געקאָנט ריידן אַ סך און סאָליד, ווי אַ דערוואַקסענער. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז איך וויל ווערן אַ פאַרבער, האָט ער מיר אַן עצה געגעבן, איך זאָל נעמען פון אַלמער דאָס יום-טובדיג ווייס טישטוך און אָפּ-פאַרבן זי אויף גרין.

— ווייסע זאַכן איז גרינגער צו פאַרבן, איך ווייס דאָס שוין, וואָס אַרט דיר! — האָט ער מיר געזאָגט זעהר ערנסט.

איך האָב אַרויסגענומען דאָס שווערע טישטוך און בין אַוועקגעלאָפן מיט אים אויפן הויף, נאָר קוים האָב איך באַוויזן אַראָפּצולאָזן זיין עק אין טשאַן אַריין, איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן אויף מיר ציגײנערל, האָט אַרויסגעריסן ביי מיר דאָס טישטוך, גענומען עס אויסדרייקן מיט זיינע גרויסע הענט און אַ געשריי געטאָן צו סאַשען, וואָס האָט פון פאָרהויז נאָכגעקוקט אויף מיין אַרבעט:

— רוף גיכער די באָבען!

— ער האָט שלעכט-בשורהדיג געשאָקלט מיטן קאָלטענע-וואַטן קאָפּ און געזאָגט:

— נו, מען וועט דיר שוין געבן דערפאַר!

עס איז געקומען צו לייפן די באָבע, האָט גענומען

אָכצן און זיך אַפילו פונאַנדערגעוויינט, קאָמיש מיך זידלענדיג:

— אַ, דו, פערמער, געזאַלצענע אויערן!*) זאָל דיך הויבן און שליידערן!

און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אײַנצורײדן דעם צ י ג ײ נ ע ר ל :

-- דו נאַר, וואַניע, ניט דערצייל דאָס דעם זיידן! איך וועל שוין דאָס ווי עס איז באַהאַלטן, אפשר וועט דאָס אַריבער בשלום.

וואַנקע האָט פאַרזאָרגט געענטפערט, אָפּווישנדיג די הענט מיט זיין פאַרשיידנפאַרביגן פאַרטוך:

— וואָס האָט דאָס צו מיר? איך וועל ניט דערציילן. זעהט נאָר, סאַשקע זאָל ניט מסרן.

איך וועל אים געבן אַ פירער,--האָט געזאָגט די באָבע און מיך אַוועקגעפירט אין שטוב.

שבת, פאַר דער ביינאַכטיגער תפילה, האָט מיך עמיץ גע־בראַכט אין קיך אַריין. דאָרט איז געווען פינסטער און שטיל. איך געדענק, ווי די טירן צום פאָרהויז און אין די צימערן אַריין זיינען געווען פעסט צוגעמאַכט, ווי גרוי און מוטנע עס האָט אויס־געזעהן דער האַרבסט-אָוונט הינטערן פענסטער, ווי עס האָט גע־שאָרכעט דער רעגן. אַנקעגן דעם שוואַרצן שטערן פון אייוון איז געזעסן צ י ג ײ נ ע ר ל, אַ בייזער, אַ בלייכער. דער זיידע איז גע־שטאַנען אין ווינקל ביי דער פּאָמאָיניצע און האָט אַרויסגענומען פון אַן עמער מיט וואַסער לאַנגע ריטער, געמאָסטן זיי, צונויפגעלייגט איינס צום אַנדערן און געשמיסן מיט זיי מיט אַ סווישטש איבערן לופט. די באָבע איז ערגעץ געשטאַנען אין דער פינסטער אין אַ ווינקל, האָט הילכיג געשמעקט טאַבאַק און געברומט:

— ר׳איז צופרידן... דער מערדער...

יאַקאָווס סאַשע איז געזעסן אין מיטן קיך אויף אַ שטול,

*) אַ צונעמעניש פאַר די, וואָס שטאַמען פון פערמער גוב., וואו עס געפינען זיך אַ סך געזאַלצענע אָזערעס און זאַלץ-גרובן.

האָט געריבן מיט די פויסטן די אויגן און ניט מיט זיין קול, ווי אַן אַלטינקער בעטלער, געיענטשעט:

— זייט מיר מוחל, אין נאָמען פון קריסטוס...

הינטערן שטול זיינען געשטאַנען ווי הילצערנע, אַקסעל אין אַקסעל, דעם פּעטער מיכאַאילס קינדער, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

— כ'וועל אָפּשמייסן, וועל איך מוחל זיין — האָט געזאָגט דער זיידע, דורכציענדיק אַ לאַנגן פייכטן רוט דורכן פויסט, — אַנו, לאָז אַקאָרשט אַראָפּ די הויזן.

גערעדט האָט ער רוהיג, און ניט דאָס אומדרייען-זיך פון ייִנגל אויפן סקריפּעדיגן שטול, ניט דאָס שליאָפּן פון דער באָבעס פיס — קיין זאַך האָט ניט געשטערט די שטילקייט אין דער טונקעלקייט פון קיך, אונטער דעם נידעריגן פאַררויכערטן סופיט.

סאַשע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעשפּיליעט די הויזן, אַראָפּגעלאָזן זיי ביז די קני און, האַלטנדיג זיי אין די הענט, איז ער, אַיינגעבויגן און שטרויכלענדיג-זיך, צוגעגאַנגען צום באַנק. עס איז ניט גוט געווען צו קוקן, ווי ער גייט, און ביי מיר אַליין האָבן זיך אויך געטרייסלט די פיס.

נאָר עס איז נאָך ערגער געוואָרן, בעת ער האָט זיך נכנעדיג געלייגט אויפן באַנק, מיטן פּנים אַראָפּ, און וואַנקע האָט אים צום באַנק צוגעבונדן אונטער די הענט און אַרום האַלז און האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אַרומגעכאַפּט די פיס מיט זיינע שוואַרצע הענט.

— לעקסיי! — האָט דער זיידע אַ רוף געטאָן, — גיי צו נעהענטער! צו דיר רייד איך צי ניט? אָט זעה, ווי מען שמייסט... איינס!...

ער האָט זיך ניט-ברייט פאַרמאָסטן און אַ שמיץ געטאָן מיטן רוט איבערן היילן קערפּער. סאשע האָט אַ געשריי געטאָן.

— אַ ליגן! — האָט דע. זיידע געזאָגט — עס טוט ניט וויי, אָבער אָט אַזוי וועט מער וויי טאָן.

און ער האָט אַזוי אַ שמיץ געטאָן, אַז אויפן קערפּער האָט זיך תיכף אָנגעצונדן און אויפגעלאָפן אַ רויטער פּאַס, און דער

שוועסטערקינד האָט יאָמערדיג אויסגעשריען.

— וואָס? ניט געשמאַק? — האָט געפרעגט דער זיידע, גלייכ-מאָסיג אויפהויבענדיג און אַראָפּלאָזנדיג די האַנט, — האָסט דאָס ניט ליב? אָט דאָס איז דיר פאַרן פינגערהוט...

אַז ער פלעגט אויפהייבן די האַנט, פלעגט זיך ביי מיר אין האַרצן אויך אַלץ אויפהייבן, און אַז זיין האַנט פלעגט זיך אַראָפּלאָזן, פלעג איך אויך גלייך ווי מיטן גאַנצן קערפּער פאַלן אַראָפּ.

סאַשע האָט געשריען שרעקליך, מיט אַ דינעם קול, עקלדיג:

— כ׳וועל מער ניט טאָן... דאָס האָב איך דאָך דערציילט וועגן טישטוך... איך האָב דאָך דאָס דערציילט.

רוהיג, גלייך ווי ער וואָלט זאָגן תהלים, האָט דער זיידע גערעדט:

— אַ מסירה איז קיין תירוץ ניט. דעם מוסר קומט דער ערשטער שמיץ. אָט האָסטו פאַרן טישטוך.

די באָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר, האָט מיך אַרויפּ געכאַפּט אויף די הענט און אויסגעשריען:

— לעקסייען וועל איך ניט לאָזן! איך וועל דיר ניט לאָזן רוצח.

זי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן פוס אין טיר און רופן:

— וואַריאַ! וואַרוואַרע!...

דער זיידע האָט זיך צו איר אַ לאָז געטאָן, אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, אַרויסגעכאַפּט מיך פון אירע הענט און אַוועקגע-טראָגן צום באַנק. איך האָב זיך געצאַפּלט ביי אים אין די הענט, געריסן זיין געלע באָרד און אים אַיינגעביסן אַ פינגער. ער האָט געליאַרימט, געקוועטשט מיך מיט די הענט און ענדליך אַ וואָרף געטאָן אויפן באַנק און צעהאַקט מיר דעם געזיכט וואַרפנדיג. איך געדענק זיין ווילדן אויסגעשריי:

— בינד צו! כ׳וועל אַ מיתה מאַכן!...

איך געדענק דער מאַמעס ווייסן פּנים און אירע גרויסע אויגן. זי איז אומגעלאָפן פאַזע באַנק און געכריפּעט:

— פּאַפּאַשאַ, מען דאַרף ניט! גיט אָפּ...

* * *

איך האָב געהלשט ביין זיידן אונטער די הענט און בין עט־ליכע טעג קראַנק געווען, געלעגן מיטן פלייצע אַרויף אין אַ היי־סער בעט, אין אַ קליינעם צימערל מיט איין פענסטער און מיט אַ רויטן נר־תּמיד אין ווינקל פאַרן קיאָט מיט פיל הייליגע בילדער.

די טעג פון מיין קראַנקייט זיינען געווען פאַר מיר גרויסע טעג פון לעבן. צייט די עטליכע טעג בין איך אַפּנים שטאַרק אויסגעוואַקסן און האָב באַקומען עפּעס אַ נייעם געפיל. פון יענע טעג אָן האָט זיך באַוויזן ביי מיר אַן אומרוהיגע נייגעריגקייט צו מענטשן און גלייך ווי מען וואָלט מיר די הויט פון האַרצן אַראָפּגעשונדן. איז מיין האַרץ געוואָרן ניט צו דערטראָגן פילבאַר צו יעטווידער עולה און צו יעכווידן ווייטאָג, סיי אייגענע, סיי פרעמדע.

קודם כל האָט מיך איבערראַשט די מחלוקת צווישן דער באָבן מיט דער מאַמען. אין דער ענגשאַפט פון צימערל האָט זיך די באָבע, אַ שוואַרצע און אַ גרויסע, געררוקט און געררוקט אויף דער מאַמען, פאַרשטופּט זי אין ווינקל אַריין צו די הייליגע בילדער און געשיפּעט:

— פאַרוואָס האָסטו אים ניט אָפּגענומען, האַ?

— כ׳האָב זיך דערשראָקן!

— שעם זיך, וואַרוואַרע! ביסט אַזאַ גבור! איך בין אַן אַל־טע און האָב קיין מורא ניט. שעם זיך!

— לאָזט מיך צו רו, מאַמאַשע... עס נודזיעט מיר!..

— ניין, דו האָסט אים ניט ליב! דו זשאַלעוועסט אים ניט, דעם יתום.

די מאַמע האָט אָפּגעענטפערט שווער און הויך אויפן קול:

— איך בין אַליין אויפן גאַנצן לעבן אַ יתומה...

דערנאָך האָבן זיי ביידע לאַנג געוויינט, זיצנדיג אין ווינקל אויפן קאַסטן, און די מאַמע האָט גערעדט:

— ווען ניט אַלעקסיי, וואָלט איך אַוועק פון דאַנען, אַוועק־געפאָרן. איך קאָן ניט לעבן אין אָט דעם גיהינום, איך קאָן ניט, מאַמאַשע... קיין כּח ניטאָ מער...

— בלוט דו מיינס, האַרץ דו מיינס — האָט געשעפּטשעט די באָבע.

איך האָב אַריינגענומען אין זכּרון: די מאַמע איז ניט קיין גבור; זי האָט מורא פאַרן זיידן, ווי אַלע. איך שטער איר אַוועק־צוגיין פונדאַנען און דאָ לעבן קאָן זי ניט. דאָס איז געווען זעער טרויעריג. אינגיכן איז די מאַמע באמת אַוועק פון שטוב, אַוועק־געפאָרן ערגעץ צו גאַסט.

פּלוצלונג, גלייך ווי ער וואָלט פון סופיט אַראָפּגעשפּרונגען, האָט זיך באַוויזן דער זיידע, געזעצט זיך אויפן בעט און אַ טאַפּ געטאָן מיין קאָפּ מיט זיין קאַלטער האַנט, ווי אַייז.

— גוט מאָרגן!... ענטפער־זשע! זיי ניט אין כּעס... נו!..

עס האָט זיך זעער געוואָלט אים אַ בריקע טאָן מיטן פוס, נאָר איך האָב זיך נאָך ניט געקאָנט רירן. ער האָט אויסגעזעהן נאָך געלער ווי פריער. דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אומרוהיג געשאָקלט, זיינע העלע אויגן האָבן עפּעס געזוכט אויפן וואַנט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ציגעלע פון לעקאַך, צוויי צו־קערנע הערנדלאַך, אַן עפּל און אַ צווייגל בלויע ראָזינקעס און האָט דאָס אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן קישן, ביי מיין נאָז.

— אט זעהסט, איך האָב דיר אַ גאָסציניעץ געבראַכט!

ער האָט זיך איינגעבויגן און מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ריידן, גלעטנדיג שטיל מיין קאָפּ מיט זיין קליינינקער און האַרטער האַנט, איינגעריכט אין געלע פאַרב; דערהויפּט באַמערקליך איז געווען די פאַרב אויף זיינע קליינע פויגלשע נעגל.

— איך האָב דיר דעמאָלט אַ ביסל צופיל, ברודער. זיך זעער צוהיצט. דו האָסט מיך געביסן, געדראַפּעט, בין איך אויך אין כּעס געוואָרן. נאָר דאָס איז קיין אומגליק ניט, וואָס דו האָסט צופיל געליטן: דאָס וועט פאַררעכנט ווערן. דו געדענק: אַז אַן אייגענער, אַ פריינד שלאָגט, איז דאָס ניט קיין עולה, נאָר אַ מוסר־השכּל. אַ פרעמדן זאָלסטו זיך ניט לאָזן, אָבער אַן אייגענער איז אַן בייז. דו מיינסט, מיך האָט מען ניט געשלאָגן? מיך, אַליאָשע, האָט מען אַזוי געשלאָגן, אַז דו וועסט אַזוינע קלעפּ

אפילו אין בייזן חלום ניט זעהן. מיך פלעגט מען אזוי עוולהן, אז, דוכט זיך, גאט אליין פלעגט קוקן און וויינען. איז וואס ארויס דערפון? א יתום, א קינד פון א מאמען א בעטלערקע, בין איך דאך געקומען צו מיין ארט—פאר א סטארשינא אין צעך האט מען מיך געמאכט, פאר אן אויפגענומענעם אויף מענטשן.

ער איז צוגעפאלן צו מיר מיט זיין טרוקענעם צונויפגעפאסטן קערפער און האט אנגעהויבן דערציילן וועגן די טעג פון זיינע קינדער־יארן מיט שטארקע און שווערע ווערטער, וואס ער פלעגט גרינג און געשיקט צונויפלייגן איינס מיט דאס אנדערע.

זיינע גרינע אויגן האבן זיך העל צעבליצט, די גאלדענע האר האבן זיך אויפגעשטעלט, זיין הויכע שטים האט ער געדיכט געמאכט און געטרומייטערט מיר גלייך אין געזיכט אריין:

— דו ביסט מיטן שיף געקומען, פארע האט דיך געפירט, און איך האב ייִנגעלווייז אליין מיט דעם אייגענעם כח אנטקעגן דער וואלגע בארזשעס געשלעפט. די בארזשע גייט מיטן וואסער, איך — מיטן ברעג, איבער שארפע שטיינער, איבער גריבער, פון זון־אויפגאנג ביז נאכט. די זון ברענט אין דער פאטעלניצע, דער קאפ ווי טשוהון און דו — אייגעבויגן אין דרייען, אזש די ביינער סקריפען. דו גייסט און זעהסט דעם וועג ניט, די אויגן מיט שווייס פארגאסן, און די נשמה קלאגט און טרערן יאגט — עך־מא, אליאשא, שווייג און יוצא! גייסטו און גייסט און פאלסט פון דער ליאמקע ארויס, מיט דער געמבע אין דער ערד און ביסט צופרידן: הייסט דאס, דער גאנצער כח איז ביזן לעצטן טראפן ארויס, ווילסטו—רו זיך אפ, ווילסטו—גיב די נשמה אפ. אט אזוי האבן מענטשן געלעבט פאר גאט אין די אויגן, פארן גנאדיגן האר יעזוס קריסטוס. און אזוי האב איך דריי מאל די מאמעוואלגע אויסגעמאסטן: פון סימבירסק ביז ריבינסק, פון סאראטאוו ביז אהער און פון אסטראכאן ביז מאקאריעוו, ביז'ן יריד — דאס הייסט, היפשע עטליכע טויזנט ווערסט. און צום פערטן יאר בין איך שוין געגאנגען אויף דער בארזשע ווי א וואסערגיסער: דעם בעל־הבית מיין בריהשאפט דערוויזן.

ער האט גערעדט און איז האסטיג, ווי א וואלקן, געוואקסן

אין מיינע אויגן, פון קליינינקן דארינקן אלטיטשקן געוואָרן א מאַן מיט א לעגענדארישן כח: ער איינער אליין שלעפּט אנטקעגן טייך א גרויסע - א גרויע בארזשע.

און אנדערש מאָל פלעגט ער אראָפּשפּרינגען פון בעט און מאכנדיג מיט די הענט, באַווייזן מיר ווי די בורלאַקעס גייען אין דער ליאמקע, ווי מען פּאַמפּעט אויס דעם וואַסער פון דער בארזשע, פלעגט זינגען מיט א באַס וואלגע-לידער; דערנאָך פלעגט ער ווידער ארויפשפּרינגען אויפן בעט און—איינגאַנצן א פלאַמדיי-גער—נאָך געדיכטער און שטאַרקער דערציילן:

— דערפאַר אָבער, אליאשא, אַז מען פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער אין א זומער-אָוונט, אין די זשיגולי, ערגיץ וואו אונטער א גרינעם באַרג, און מאַכן א שייטער-הויפן, קאַשע אויפצוקאָכן, פלעגט דאָס אָנהייבן דער פארצרהטער בורלאַק זינ-גען זיין הארציגן נגון און דער גאַנצער עולם פלעגט א העלף-טאָן, אין איין קול געבן א צי—פלעגט אזש א פראָסט די הויט א ביס טאָן און די גאַנצע וואלגע פלעגט, דוכט זיך, אָנהייבן גיין מיט אַזא אימפּעט, אַז אָט שפּרינגט זי אויף פערדיש אויף די הינטערשטע פיס ביזן הימל! און יעטווידער צער איז ווי א שטויב בעת א ווינט, אַזוי פלעגן מענטשן זיך פארזינגען אָפּטמאָל, אַז די קאַשע פלעגט אויסלויפן. אין אזוינע פאַלן דאַרף מען דעם קאַשע-קאָכער שלאָגן מיטן קאָכלעפל איבערן שטערן: זינג וויפיל דו ווילסט, אָבער אָן דיין ארבעט געדענק.

מען האָט שוין עטליכע מאָל אריינגעקוקט צו אונז דורכן טיר און גערופן דעם זיידן, נאָר איך פלעג בעטן:

— גיי ניט אַוועק'

ער פלעגט צופרידן שמייכלען און אָפּווערן זיך פון די מענטשן:

— לאָזט... וואַרט דאָרטן...

דערציילט האָט ער ביזן אָוונט, און אַז ער האָט זיך ליב-ליך געזעגנט מיט מיר און איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך געוואוסט,

---

זשיגולי—בארימטע בערג אויף דער וואָלגע, ביי סאַמאַרע.

אַז דער זיידע איז ניט קיין שלעכטער און ניט קיין סטראַשנער. מיר איז ביז טרערן שווער געווען צו דערמאָנען זיך, אַז דאָס האָט ער מיך אַזוי אַכזריותדיג געשלאָגן, נאָר פאַרגעסן דערויף האָב איך אויך ניט געקאָנט.

דער באַזוך פון זיידן האָט פאַר אַלעמען ברייט געעפנט די טיר צו מיר און פון אינדערפרי ביזן אָוונט פלעגט עמיצער זיצן ביי מיין בעט און מיט אַלע מיטלען זעהן מיך צו פאַרשפּילן. עפּטער פון אַלעמען פלעגט זיין ביי מיר די באָבע. זי פלעגט מיט מיר שלאָפן אַפילו אין איין בעט. נאָר דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט מיר אין יענע טעג פאַרשאַפט ציגיינערל. אַ פּירקאַנטיגער, אַ ברייטברוסטיגער, מיט אַ געדיכט באַוואַקסענעם קאָפּ, איז ער אַמאָל געקומען צו מיר אין אָוונט, יום-טובדיג אָנגעטאָן, אין אַ גאָלדפאַרביגער זיידענער בלוזע, אין פּליסענע הויזן און אין סקריפּעדיגע שטיוול מיט צונויפגעלייגטע פאַלבן אויף די כאָליעוועס, ווי ביי אַ האַרמאָניקע. זיינע האָר האָבן געגלאַנצט, געבליצט האָבן זיינע קאַסאָקע פרייליכע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען און די ווייסע ציין אונטערן שוואַרצן פאַסיק פון זיינע יונגע וואָנצען, געפלאַקערט האָט זיין בלוזע, ווייך אָפּשפּיגלענדיג דעם רויטן פייער פון נר-תמיד.

— דו גיב נאָר אַ קוק, — האָט ער פאַרקאַשערט דעם אַרבל און באַוויזן אויפן האַנט רויטע שראַמען ביזן איילנבויגן — אָט ווי עס איז אויפגעשוואָלן. ס'איז נאָך ערגער געווען, נאָר עס איז שוין אַ סך אָפּגעגאַנגען.

— פאַרשטייסטו: אַז דער זיידע איז אין גרימצאָרן אַריין און איך זעה, אַז ער וועט דיך פאַרקאַטעווען, האָב איך אָנגעהויבן די האַנט אונטערצושטעלן. כ'האָב געוועלט, אַז די רוט זאָל זיך איבערברעכן, וועט דער זיידע גיין נעמען אַן אַנדערע און דערווייליע וועט דיך עמיצער צונעמען, די באָבע אָדער די מאַמע. אָבער די רוט האָט זיך ניט איבערגעבראָכן; זי איז אַ געווייקטע, איז זי בויגיג. און פונדעסטוועגן איז דיר ווייניגער אָנגעקומען — זעהסט אויף וויפיל! איך בין, ברודער, אַ כיטרער.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ זיידענעם, ליבליכן געלעכטער,

האט ווידער אנגעהויבן באטראכטן זיין אויפגעשוואָלענע האנט און לאכנדיג געזאָגט:

— אזא רחמנות האב איך אויף דיר געהאט, אז עס האט מיר דער האלז פארשטיקט. ס'איז ביטער! און ער הערט ניט אויף צו שמייסן!

פירענדיג ווי א פערד און דרייענדיג מיטן קאפּ, האט ער מיר אנגעהויבן עפּעס צו דערציילן וועגן זיידן און איז מיר תיכף געווארן אזוי נאהענט, אזוי קינדיש־פּראסט.

איך האב אים געזאָגט, אז איך האב אים זייער ליב, האט ער מיר אומפארגעסליך פּראסט געענטפערט:

— איך האב דיך אויך ליב — דערפאר האב איך אויף זיך דעם ווייטאג גענומען, ווייל איך האב דיך ליב. וואלט איך דאס געטאן אפנים פאר אן אנדערן, ס'א דאגה מיר...

דערנאך האט ער מיך אין דער שטיל געלערנט, אלע ווײלע אומקוקנדיג זיך צום טיר:

— אַז מען וועט דיך נאָך אַמאָל שמייסן, טו געדענק, צי זיך ניט צונויף, צי ניט צונויף דעם קערפּער — הערסט? עס טוט ווי נאָך אַמאָל אַזוי פיל, אַז מען ציט זיך צונויף. דו לאָז פונאַנ־דער דעם קערפּער, פריי, ער זאָל זיין ווייך — ליג, ווי טייג ליגט. און בלאָז זיך ניט אָן, אָטעם מיטן גאַנצן אָטעם און שריי מיט אַלע כחות — אָט דאָס אָ געדענק, דאָס איז גוט!

איך האָב געפרעגט:

— אַפּנים, מען וועט מיר נאָך שמייסן?

— ווי זשע דען? — האָט רואיג אָפּגעענטפערט ציגייִנערל — געוויס וועט מען שמייסן. דיך וועט מען, מן הסתם, אפט קאַטעווען.

— פארוואס?

— דער זיידע וועט שוין געפינען פארוואס.

און האט מיך ווידער פארזארגט גענומען לערנען:

— אז ער שמייסט פּראסט און לייגט די רוט פון אויבן אראפּ, דארפסטו ליגן רוהיג, ווייך. אז ער ציט אבער די רוט צו זיך און וויל די הויט אראפּשינדן, דעמאלט ווארף זיך, צי זיך נאכן רוט נאך... פארשטייסט? אזוי איז גרינגער.

און ווינקענדיג צו מיר מיטן שווארצן קאסאקן אויג, האט ער געזאגט:

— איך בין אין דעם ענין קליגער פון קווארטאלנעם אליין. פון מיין הויט, ברודער, קאן מען שוין לעדערנע הענטשיקעס נייען.

איך האב געקוקט אויף זיין פריילעכן געזיכט און דערמאנט זיך אן דער באבעס מעשהלאך וועגן איוואן דעם קיניגס-זון און וועגן איוואן דעם נאר...

III.

אז איך בין געווארן געזונט, איז פאר מיר קלאר געווארן, אז ציגיינערל פארנעמט אין שטוב גאר א באזונדערן פלאץ. דער זיידע פלעגט ניט אזוי אפט און ניט אזוי הויך שרייען אויף אים, ווי אויף די זין, און אונטער די אויגן פלעגט ער, זשמורענדיג די אויגן און שאקלענדיג מיטן קאפ, אזוי ריידן וועגן אים:

— איוואנקע האט גאלדענע הענט, דער טייוול זאל אים נעמען. געדענקט מיינע רייד: ניט קיין קליין-מענטשעלע וואקסט דאס.

די פעטערס פלעגן זיך אויך באגיין מיטן ציגיינערל ליבליך, פריינדליך און פלעגן קיינמאל ניט מאכן מיט אים אזוינע קונצן, ווי מיט דעם מייסטער גריגארי. יענעם פלעגן זיי כמעט אלע אוונט אפטאן עפעס אן אכזריותדיג שפיצל: אנברענען דאס הענטל פון שער, אדער ארייגשלאגן אין זיץ-ברעטל פון זיין שטול א נאגל מיטן שפיץ ארויף, אדער אונטעררוקן אים שטיקער מאטעריע פון פארשיידענע פארבן און ער, וואס איז געווען כמעט א בלינדער, פלעגט דאס צונויפנייען אין איין שטיק, און דער זיידע פלעגט אים דערנאך זידלען דערפאר.

איינמאל, אז ער איז נאך מיטאג איינגעשלאפן אויף די פאלאטיעס, האבן זיי אים אויסגעפארבט דעם פנים מיט פוקסין און ער איז א לענגערע צייט אומגעגאנגען א קאמישער און א סטראשנער: פון דעם גרויען בארד קוקן ארויס צוויי קיילעכדיגע טונ-

פאלאטיעס—אברעטער-געלעגער איבערן אייוון אין רוסישע פויערים-הייזער.

קעלע פלעקן פון די ספּאקולן און עס הענגט אראפּ פּאראומערט א רויט בלויער לאנגער נאז, ענליך אויף א צונג.

עס פלעגן זיך ניט אויסנעמען אזוינע קונצן בא זיי, נאר דער מייסטער פלעגט דאס אריבערטראגן שווייגנדיג און פלעגט נאר אכצן שטילערהייט און אז ער פלעגט דארפן זיך צורירן צום פּרעס-אייזן, צום שער, צו די צוואנגען אדער צום פינגערהוט, פלעגט ער פריער גוט איינגעצן די פינגער מיט סליונע. דאס איז ביי אים געווארן א רגילות: אפילו ביין טיש, בא מיטאג, איידער ער פלעגט נעמען אין האנט א מעסער אדער א גאפּל, פלעגט ער אויך פריער איינעצן די פינגער אין מויל; און דאס פלעגט ארויסרופן א געלעכטער ביי די קינדער. אז עס פלעגט אים וויי-טאן, פלעגט זיך אויף זיין גרויסן פנים באווייזן, ווי כוואליעס אויף א טייך, א גאנצער שטרוים פון קנייטשן, וואס פלעגט מאדנע אריבערשווימען איבערן שטערן, אויפהויבנדיג די ברעמען, און פארשווינדן ערגעץ אויפן הוילן שארבן.

איך געדענק ניט, ווי האט זיך דער זיידע פארהאלטן צו די חכמות פון זיינע זין, נאר די באבע פלעגט זיי סטראשען מיט די פויסטן און שרייען:

— איר האט קיין חרפה און קיין בושה ניט!

נאר הינטער די אויגן פלעגן זיי אויך וועגן ציגיינערל ריידן כעסדיג, שפּאטעריש, ניט האלטן פון זיין ארבעט און זאגן אז ער איז א גנב און א פוילער.

איך האב ביי דער באבען געפרעגט, פארוואס טוען זיי דאס אזוי:

גאנץ גערן און פארשטענדליך, ווי תמיד, האט זי מיר דערקלערט:

— ביידן ווילט זיך זיי וואניושקען נעמען צו זיך, בשעת זיי וועלן האבן אייגענע ווארשטאטן, דעריבער זידלען זיי אים איינער פאר דעם אנדערן: דאס הייסט, אז ער איז א שלעכטער ארבעטער. און אחוץ דעם האבן זיי נאך מורא, אז וואניושקע וועט גאר ניט גיין צו זיי און וועט בלייבן ביין זיידן, און דער זיידע איז דאך א שטיקל שגעון, קאן אים נאך איינפאלן עפּעס מיט

איוואנקען א דריטן ווארשטאט. וועט דאס ניט טויגן פאר די פּע־טערס, פּארשטייסט?

זי האָט זיך שטילערהייט פונאַנדערגעלאַכט.

— זיי מאַכן אַלץ קונצן — און גאָט לאַכט. דער זיידע פאַרשטייט זייערע מיינען און רייצט זיך מיט זיי בכּיוון. איך וועל, זאגט ער, קויפן פאר איוואנען א רעקרוטישע קוויטאנציע, מען זאל אים ניט נעמען אין סאלדאטן: איך דארף אים אליין האבן. און זיי זיינען אין כּעס, זיי ווילן דאס ניט, און זשאלעווען געלט: א קוויטאנציע קאסט טייער!

איצט האב איך ווידער געלעבט מיט דער באבען ווי אויפן ז'אמפער, און יעדן אוונט פארן שלאף פלעגט זי מיר דערציילן מעשהס אדער די געשיכטע פון איר לעבן, וואס איז אויך געווען ענליך אויף א מעשה. וועגן דעם געשעפטליכן לעבן פון דער פאמיליע — וועגן אויסטיילן די זין, וועגן דעם נייעם הויז, וואס דער זיידע האט בדעה געהאט צו קויפן פאר זיך, — פלעגט זי ריידן מיט א שמייכעלע, אפגעפרעמדט, ווי פון דערווייטנס, גלייך ווי זי וואלט געווען א שכנטע, און ניט די צווייטע פערזאן אין הויז לויט איר חשובקייט.

איך האב זיך דערוואוסט, אז ציגיינערל איז אן אונ־טערגעווארפן קינד. אין אנהייב פרילינג, אין א רעגנדיגער נאכט האט מען אים געפונען ביין טויער אויפן באנק.

— ער ליגט איינגעוויקלט אין א פארטוך — דערציילט די באבע פארטראכט און סודותדיג — קוים וואס ער פּישטשעט, כמעט א דערפרוירענער.

— פארוואס ווארפט מען דאס אונטער קינדער?

— די מוטער האט קיין מילך ניט, ניטא מיט וואס צו זויגן; דערוויסט זי זיך, ביי וועמען איז ניט לאנג געבוירן געווארן א קינד און געשטארבן, ווארפט זי אהין אונטער איר קינד.

זי האט א ווײלע געשוויגן, אויסגעקראצט דעם קאפ און ווייטער גערעדט זיפצנדיג און קוקנדיג צום סופיט.

— אלץ די ארימקייט, אַליאשא. אזא ארימקייט טרעפט, אז עס איז גאר ניט איבערצודערציילן. און מען האלט, אז א מיידל,

וואָס האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, טאָר ניט האָבן קיין קינדער — עס איז מיאוס, האַלט מען. דער זיידע האָט לכתחילה געוועלט אַוועקטראָגן וואַניושען אין פּאָליציי, נאָר איך האָב אים אָפּגערעדט: לאָמיר אים נעמען, זאָג איך, צו אונז: דאָס האָט אונז גאָט צוגע־שיקט אָנשטאָט די, וואָס זיינען געשטאָרבן. וואָרים איך האָב דאָך אַכצן געהאַט געבוירן; ווען אַלע זאָלן בלייבן לעבן, איז דאָך דאָס אַ גאַנצע גאַס מיט מענטשן, גאַנצע אַכצן הייזער. מיר האָט מען, פאַרשטייסטו מיך, צו פערצן יאָר חתונה געמאַכט און צו פופצן האָב איך שוין געהאַט אַ קינד. נאָר אָט האָט גאָט ליב באַקומען מיין בלוט און פלעגט אַלץ נעמען און נעמען מיינע קינדערלאַך צו זיך פאַר מלאכימלאַך. און דאָס האַרץ — אי עס טוט וויי, אי עס פרייט זיך!

זי זיצט אויפן ברעג בעט אין איין העמד, באַשאָטן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט די שוואַרצע האָר, אַ גרויסע און אַ צעשוי־בערטע, ענליך אויף דער בעריכע, וואָס אַ לאַנגבערדיגער פויער פון סערגאַטש האָט ניט לאַנג אומגעפירט איבער די גאַסן. זי צלמט איר שניי־ווייסע ריינע ברוסט, לאַכט שטילערהייט און וויגט זיך.

— די בעסערע האָט ער זיך צוגענומען און די ערגערע מיר איבערגעלאָזן. האָב איך זיך זעער דערפרייט מיט איוואַנקען, וואָ־רים איך האָב אייך, קליינינקע, מאָדנע ליב. האָבן מיר אים גע־נומען צו זיך, געטויפט און ער לעבט באַ אונז און איז אַ וואוילער יונג. די ערשטע צייט פלעג איך אים רופן זשוק — ער פלעגט הודזיען, פונקט ווי אַ זשוק, פויזעט אום און הודזיעט אַזוי, אַז עס הערט זיך אין אַלע צימערן. דו האָב אים ליב — אַן ער־ליכע נשמה!

איך האָב אַזוי אויך ליב געהאַט איוואַנען און פלעג זיך וואונדערן אויף אים ביז שטומקייט.

שבת, אַז דער זיידע פלעגט אָפּשמייסן אַלע קינדער, וואָס האָבן פאַר דער וואָך געזינדיגט, און פלעגט אַוועקגיין אין קלויס־טער, פלעגט זיך אָנהויבן אין קיך אַן אומבאַשרייבליך־אינטערעסאַנט לעבן. ציגיינערל פלעגט אַרויסקריגן פון הינטערן אויוון שוואַרצע

טאַראַקאַנעס, געשווינט מאַכן אַ שפּאַן פון פּאָדים, פון פּאַפּיר אויס־שניידן אַ שליטן — און איבער געלן, ריין אָפּגעסקראָבעטן טיש פּאָרט אום אַ פּירשפּאַן שוואַרצע פערד, איוואַן קירעוועט זיי מיט אַ דינער קינעלע און שרייט אויפגערודערט:

— מען פּאָרט נאָכן אַרכיערײ!...

ער פלעגט צוקלעפּן צום פליצע פון אַ טאַראַקאַן אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, טרייבן אים הינטערן שליטן און פּאַרטייטשן:

— דעם זאַק פּאַרגעסן. לויפט אַ מאָנאַך און שלעפּט אים.

ער פלעגט צונויפפּענטען מיט אַ פּאָדים די פיסלאַך פון אַ טאַראַקאַן, דאָס באַשעפעניש פּויזעט און פּאַלט אַלע ווײלע אויפן קאָפּ, און וואַניע שרייט און פּאַטשט מיט די הענט:

— דער דיאַטשאָק גייט פון שענק אין קלויסטער אַריין.

ער פלעגט אונז באַווייזן מייזעלאַך, וואָס פלעגן שטיין און גיין אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, נאָכשלעפּנדיג נאָך זיך זייערע לאַנגע עקן, קאָמיש פינטלען מיט די שוואַרצינקע פּערל פון זייערע פּיפּיגע אויגעלאַך. ער פלעגט זיך באַגיין מיט זיי זאָרגפול, אומטראָגן זיי אין בוזים, געבן זיי צוקער פון אייגענעם מויל, קושן זיי און ריידן מיט איבערצייגונג:

— אַ מויז איז אַ קלוגע, אַ ליבליכע שכנטע, דער דאָמאָוואָי האָט זי זייער ליב. און ווער עס שפּייזט זיי, די מייז, צו יענעם איז דער זיידע־דאָמאָוואָי זייער פריינדליך.

ער האָט געקאָנט באַווייזן פאָקוסן מיט קאָרטן, מיט געלט. שרייען פלעגט ער מער פון אַלע קינדער און איז כמעט אין קיין זאַך ניט אַנדערש געווען פון זיי. אַ מאָל, שפּילנדיג מיט די קינדער אין קאָרטן, אַז ער איז עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד געבליבן דער נאַר, האָט ער באַליידיגט אָנגעשטעלט די ליפּן, אויפגעהערט שפּילן און דערנאָך זיך זייער טרויעריג באַקלאָגט פאַר מיר ציענדיג אין נאָז:

— איך ווייס, זיי פלעגן זיך צענויפריידן. זיי פלעגן ווינקן איינע צו די אַנדערע, איבערגעגעבן זיך די קאָרטן אונטערן טיש... זשוליקערייען קען איך אַליין ניט ערגער פון זיי.

ער איז געווען אַלט ניינצן יאָר און איז געווען גרעסער פון אונז אַלעמען פירען צוזאַמען גענומען.

נאָר דערהויפּט איז ער מיר געבליבן אין זכרון, ווי ער פלעגט זיין אין די יום-טובדיגע אָוונטן, בעת דער זיידע מיטן פּע-טער מיכאַאילן פלעגן אַוועקגיין אין געסט. אין קיך פלעגט אַריינ-קומען מיט דער גיטאַרע דער געקרייזלטער און צעשויבערטער פּעטער יאַקאָוו; די באָבע פלעגט דערלאַנגען טיי מיט אַ ברייטן פאַרבייסן און בראַנפן אין אַ גרינער קאַראַפקע, וואָס האָט געהאַט אויפן דעק קונציג אויסגעאָסענע בלומען פון גלאָז. ציגיינערל פלעגט, יום-טובדיג אויסגעפּוצט, זיך אומדרייען דאָ ווי אַ גאָר; שטילערהייט, מיט אַ זייט, פלעגט אַריינקומען דער מייסטער, בליצנדיג מיט די טונקעלע גלעזער פון זיינע שפּאַקולן; די ניאַנקע יעווגעניאַ מיט איר רויטן געשטופּלטן פּנים, אַ קורצע און אַ דיקע, מיט כיטרע אויגן און מיט אַ קול פון אַ טרומייטער; אָפטמאָל פלעגט דאָ זיין דער דיאַטשאָק פון דעם אוספּעניע-קלויסטער און נאָך עפּעס טונ-קעלע, גליטשיגע מענשן, ענליכע אויף העכט און מענטוסן.

אַלע פלעגן אַ סך טרינקען און עסן, שווערמוטיג זיפצנדיג, — די קינדער פלעגט מען געבן צו גלעזלאַך זיסע ליקער, און ביס-לאַכווייז פלעגט אויפפלאַקערן אַ פייערדיגע, נאָר אַ מאָדנע שמחה.

דער פּעטער ציט אָן מיט ליבשאַפט די סטרונעס און אָנ-ציענדיג זיי ווי געהעריג, גיט ער אַ טרייסל מיט די האָר, בויגט זיך איבער דער גיטאַרע, אויסציענדיג דעם האַלז, ווי אַ גאַנז. זיין קיילעכדיגער זאָרגלויזער פּנים ווערט שלעפעריג, זיינע לעבעדיגע, אומלויפנדיגע אויגן לעשן זיך אין אַ פעטיגן נעפל און, שטילערהייט קנייפנדיג די סטרונעס, הייבט ער אָן עפּעס אַזויגס צו שפּילן, וואָס הויבט פון אָרט און שטעלט אַ מענטשן ניט ווילנדיג אַנידער אויף די פיס.

זיין שפּילן פאַרלאַנגט, עס זאָל זיין לחלוטין שטיל. ווי אַ געשווינד טייכל גיסט זיך דאָס ערגעץ פון דערווייטנס, זייט זיך-דורך אַדורך די טירן און ווענט, רירט דאָס האַרץ און כישופט אַרויס עפּעס אַן אומפאַרשטענדליך געפיל, אַ טרויריגס און אַן אומ-רואיגס. הערנדיג זיין שפּילן, ווערט אַ רחמנות אויף אַלעמען און

אויף זיך אַליין. די דערוואַקסענע זעהען אויס ווי קליינינקע און אַלע זיצן אומבאַוועגליך, אײַנגעווערענדיג זיך אין אַ פאַרטראַכטן שווייגן.

מער אָנגעשטרענגט פון אַלעמען הערט זיך צו צום שפּילן מיכאַילאַס סאַשע. מיטן גאַנצן קערפּער ציט ער זיך אַהין, וואו דער פעטער זיצט, קוקט אויף דער גיטאַרע מיט אַן אָפענעם מויל און איבער די ליפּן רינט ביי אים די סליונע. ער ווערט אַזוי פאַרכאַפּט, אַז אָפּטמאָל טרעפט, אַז ער פאַלט אַראָפּ פון שטול אויף דער ערד מיט אויסגעשטעלטע הענט און בלייבט שוין זיצן אויפן דיל מיט אויסגעגלאָצטע פאַרשטאַרטע אויגן.

און אַלע ווערן פאַרשטאַרט, ווי פאַרכּישופטע. דער סאַמאָוואַר אַליין זינגט נאָר אין דע־ שטיל, אָבער ער שטערט ניט צו הערן די טענות פון דער גיטאַרע. די צוויי קוואַדראַטן פון די קליינע פענסטער קוקן שאַרף אין דער פינסטערניש פון דער האַרבסט־נאַכט אַריין און צייטנווייז קלאַפּט עמיץ פאַמעליך אין זיי. אויפן טיש וויגן זיך ווי צוויי שפּיזן די געלע פייערן פון די צוויי חלבנע ליכט.

דער פעטער יאַקאָוו ווערט אַלץ מער און מער פאַרשטאַרט. דוכט זיך, ער איז האַרט אײַנגעשלאָפן, די ציין פאַרביסן, און נאָר די הענט זיינע לעבן מיט זייער אייגענעם לעבן. קוים צו באַמערקן, ווי די אויסגעבויגענע פינגער פון דער רעכטער האַנט ציטערן איבערן טונקעלן חלל פון דער גיטאַרע, גלייך ווי אַ פויגל וואָלט געשוועבט און געפלאַטערט. די פינגער פון דער לאַנגער האַנט לויפן אום איבערן גריף.

דער פעטער, אַז ער פלעגט נעמען אַ ביסל בראַנפן, פלעגט ער תמיד זינגען, זייענדיג דורך די ציין, מיט אַן אומאָנגענעמען סוויסטשענדיגן קול, איינס און דאָס זעלבע אומענדליך לידל:

אויב אַז יאַקאָוו וואָלט אַ הונט געווען,
וואָלט ער וואָיען פון פרי ביז נאַכט:
אוי, ס'איז אומעטיג!
אוי, ס'איז טרויעריג!
אויפן גאַס גייט אַ מאָנאַכיניע;
אויפן פּלאַנקן זיצט אַ שוואַרצע קראָ.
אוי, ס'איז אומעטיג!

אויפן פלאַנקן זיצט אַ שוואַרצע קראָ.
אוי, ס'איז אומעטיג!
הינטערן אויוון גרילצט אַ גריל,
די טאַראַקאַנעס זיינען אומרואיג.
אוי, ס'איז אומעטיג!
אָניצעס צו טריקענען האָט אַ בעטלער אויסגעהאַנגען
און אַ צווייטער בעטלער האָט זיי צוגעגנבעט!
אוי, ס'איז אומעטיג!
אוי, ס'איז טרויעריג.

איך פלעג דאָס לידל ניט קאָנען אַריבערטראָגן און אַז דער פעטער פלעגט אָנהייבן זינגען וועגן די אָרימע לייט, פלעג איך זיך גוואַלדיג פונאַנדערוויינען פון דער בענקשאַפט, וואָס איז געווען ניט צו דערהאַלטן.

ציגיינערל פלעגט זיך צוהערן צום שפּילן מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט, וואָס אַלע, די הענט פאַרשטעקט אין זיינע שוואַרצע קאָלטנס, פאַרקוקט אין ווינקל און געסאָפּעט. אָפטמאָל פלעגט ער אומגעריכט און רחמנותדיג אויסשרייען:

— אַך, אַז איך וואָלט געהאַט אַ שטים, וואָלט איך געזונגען, גאָט מיינער!

די באָבע פלעגט אָפּזיפצן און זאָגן:

— זאָל דיר זיין גענוג, יאַשאַ, דאָס האַרץ צו רייסן; און דו, וואַניושקאַ, וואָלסט בעסער געטאַנצט אַ ביסל.

ניט תּמיד פלעגן זיי איר תּיכּף פאָלגן, נאָר עס פלעגט טרעפן, אַז דער מוזיקער פלעגט פּלוצלונג פאַרהאַלטן די סטרונעס מיט דער דלאָניע, דערנאָך צונויפדריקן דעם פויסט און עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט זעהן און הערן, אָפּוואַרפן פון זיך מיט כּח אויפן דיל אַראָפּ און וואוילעריש אויסשרייען:

— גענוג עצבות! וואַנקע, שטעל זיך אַנידער!

ציגיינערל פלעגט צורעכט מאַכן זיין געלע בלוזע און פאַרזיכטיג, גלייך ווי ער וואָלט טרעטן איבער נעגל, אַרויסגיין אויפן מיטן קיך. זיינע מאַטע באַקן פלעגן זיך רויטלען און מיט אַ פאַרשעמ[?]ן שמייכל פלעגט ער בעטן:

— נאַר האַסטיגער, יאַקאָוו וואַסיליטש!

הייבט אָן משוגענערווייז צו קלינגען די גיטאַרע, דראַבנע קלאַפּן די קנאַפּלען, אויפן טיש און אין אַלמער בראַזגעט די געפעס און אין מיטן קיך פלאַמט, ווי פייער, ציגיינערל, שוועבט, ווי אַ שפּאַרבער, אויסגעשפּרייט די הענט, ווי פליגלען, רוקנדיק אומבאַמערקליך די פיס; שרייט אויס ווילד און זעצט זיך צו דער ערד אַראָפּ, וואַרפט זיך אום ווי אַ גאָלדענע שוואַלב און פאַרבליצט אַלץ אַרום מיטן גלאַנץ פון דעם זייד, און דער זייד פלאַטערט און רינט, גלייך ווי ער וואָלט ברענען און צעשמאָלצן ווערן.

ציגיינערל פלעגט טאַנצן אַזוי ווי ער וואָלט פאַרגעסן אָן זיך און אָן אַלעמען און ניט מיד ווערן, און עס פלעגט זיך דוכטן, אַז ווען מען זאָל עפענען די טיר אין דרויסן, וועט ער אַוועקגיין טאַנצנדיק אין גאַס אַריין, איבערן שטאָט, ווער ווייס וואוהין.

— שנייד איבער דער העלפט! — פלעגט שרייען דער פעטער יאַקאָוו, טופּענדיק אין טאַקט מיטן פוס.

און גרילצנדיק אויספייפן און מיט אַן אומאָנגענעמער שטים אויסשרייען דאָס וויצלדיק לידל:

— עך-מאַ! זאָל איך נאָר ניט זשאַלעווען די שיך,
וואָלט איך דאָך אַנטלאָפן פון מיין ווייב און קינד!

די וואָס זיצן באַם טיש הייבט עס אויך אָן צו צופּן און צייטנווייז שרייען זיי און קוויטשען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעברענט. דער לאַנגבערדיקער מייסטער פּאַטשט זיך איבער דעם פּלעך און בורטשעט עפּעס אונטער זיך. איינמאָל האָט ער זיך צוגעבויגן צו מיר, פאַרדעקנדיק מיין אַקסל מיט זיין ווייכע באָרד, און געזאָגט מיר אין אויער אַריין, ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— זיין טאַטע וואָלט דאָ געווען, לעקסיי מאַקסימאָוויטש, וואָלט ער אַן אַנדער פייער אָנגעצונדן. אַ פריילעכער מאַן געווען, אַ פאַרגעניגנדיגער, דו געדענקסט אים?

— ניין.

— ניין? אָט אַז ער מיט דער באָבען פלעגן... וואַרט נאָר!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, אַ הויכער, אַן אויסגעפייניגטער, אַן ענליכער אויף דער געשטאַלט פון אַ הייליגן,

האָט זיך אַ בוק געטאָן צו דער באָבן און אָנגעהויבן בעטן ביי איר מיט אַן אומגעוויינטליכער גראָבער שטים:

— אַקולינאַ איוואַנאָוונאַ, טו אַ טובה, גיי זיך כאָטש איין מאָל אַדורך, ווי דו פלעגסט אַמאָל מיט מאַקסים סאַוואַטייאיטשן גיין. פאַרשאַף אונז אַ פאַרגעניגן!

— וואָס רעדסטו, ליכט מיינס, האַר מיינער, גריגאָרי איוואַנאָוויטש — האָט געענטפערט די באָבע שמייכלענדיק און זיך טוליענדיג ווי פון קעלט — ווי קום איך צו טאַנצן! לייטישע געלעכטער מאַכן...

נאָר אַז אַלע האָבן זי אָנגעהויבן בעטן, איז זי פלוצלונג אויפגעשטאַנען, צורעכט געמאַכט דאָס קלייד, האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרריסן דעם שווערן קאָפּ און זיך געלאָזן איבערן קיך, אויסשרייענדיג:

— לאַכט זיך אייך, זאָל אייך זיין צו געזונט! אַ־נו, יאַשע, בייט איבער די מוזיקע.

דער פעטער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אויפגעצאַפּלט, אויסגעצויגן זיך, צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן פּאַמעליכער צו שפּילן. ציגיינערל האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, איז אונטערגעשפּרונגען און זיך געלאָזן גיין אַרום דער באָבן, אַראָפּזעצנדיג זיך און אויפשפּרינגענדיג, און זי איז אָן קיין שום גערויש געשוואומען איבערן דיל, ווי אין דער לופטן, מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט, מיט אויפגעהויבענע ברעמען, געקוקט ערגיץ אין דער ווייטנס מיט אירע שוואַרצע אויגן. מיר איז פאָרגעקומען קאָמיש, און איך האָב אַ לאַך געטאָן. דער מייסטער האָט מיר שטרענג אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער און אַלע האָבן אומצופרידן אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— קלאַפּ ניט, איוואַן! — האָט דער מייסטער געזאָגט מיט אַ שמייכל. ציגיינערל איז פאָלגנדיג אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און זיך געשטעלט אויפן שוועל, און די ניאַנקע יעווגעניע האָט אויסגעשטעלט דעם וושט און אָנגעהויבן זינגען מיט אַ טיפער און אָנגענעמער שטים:

ד'גאַנצע וואָך ביזן רעכטן שבת

האָט אַ מיידל אַ זאָק געשטריקט,
האָט זיך נעבאַך אַזוי פאַרמאַטערט,
אַז זי איצט אָן כּח ליגט!...

די באָבע האָט ניט געטאַנצט, נאָר גלייך ווי זי וואָלט עפּעס אַ געשיכטע דערציילט. אָט גייט זי שטילערהייט, פאַרטראַכט זיך, וויגנדיק און אומקוקנדיק זיך אַרום פון אונטערן האַנט און איר גרויסער קערפּער וואַקלט זיך ניט־זיכער, די פיס טאַפּן פאָרזיכטיק דעם וועג. אָט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס, איר פּנים האָט אַ ציטער געטאָן, פאַרכמורעט זיך און תּיכף אויפגעשיינט מיט אַ ליבן פריינדליכן שמייכל; האָט זיך אַ בויג גע־טאָן אָן אַ זייט, האָט עמיצן דעם וועג געלאָזן, עמיצן מיטן האַנט אָן אַ זייט אָפּגעפירט; האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, געבליבן שטיין, זיך ציִענדיק און שמייכלענדיק אַלץ פרייליכער — און פּלוצלונג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַ דריי געטאָן ווי מיטאַ שטורים־ווינט און זי איז אינגאַנצן געוואָרן שלאַנקער און הויך־געוויקסיגער און מען האָט שוין פון איר די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן — אַזוי גוואַלדיק־שיין פלעגט זי ווערן אין אָט די מינוטן פון איר וואונדערליכן צוריקקער צו איר יוגנט.

און די ניאַנקע יעווגעניאַ האָט געטרומייטערט:

דעם גאַנצן זונטאָג פון פרימאָרגן
ביז האַלבע נאַכט געטאַנצט כּסדר,
פון גאַס אַוועק די לעצטע, —
אַ קורצער יום־טוב, ליידער!

נאָכן טאַנצן האָט זיך די באָבע אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט באַם סאַמאָוואַר. אַלע האָבן זי געלויבט און זי האָט, פאַרריכטנדיק די האָר, גערעדט:

— הערט אויף! איר האָט ניט געזעהן קיין אמתע טענצע־רינס! אָט ביי אונז אין באַלאַכנאַ איז געווען איינע אַ מיידל — איך געדענק שוין ניט, ווי מען האָט זי גערופן, — פלעגט מען וויינען, קוקנדיק, ווי זי טאַנצט, וויינען פאַר פרייד. דו קוקסט אויף איר — און אָט האָסטו דיר יום־טוב און דו דאַרפסט מער גאָר־נישט. איך, זינדיקע, האָב איר מקנא געווען.

— זינגער און טענצער זײַנען די ערשטע מענטשן אויף דער וועלט, — האָט שטרענג געזאָגט די ניאַנקע יעווגעניע און האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זינגען וועגן דוד המלך, און דער פעטער האָט אַרומגענומען ציגײַנערלען און גערעדט צו אים:

— אין די שײַנקען וואָלסטו וואָלסט באַדאַרפט טאַנצן, וואָלסט מענטשן פון זינען אַראָפּגעפירט.

— אַ שטים וויל איך האָבן — האָט זיך געקלאָגט ציגײַנערל — אַז גאָט וואָלט מיר אַ שטים געגעבן, וואָלט איך צעהן יאָר נאָכאַנאַנד געזונגען, און דערנאָך אַרט מיך ניט — כאָטש אַ מאָנאַך ווערן.

אַלע האָבן געטרונקען בראַנפן און מער פאַר אַלעמען — דער מײַסטער גריגאָרי. דערלאַנגענדיג אים אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז פלעגט אים די באָבע מתרה זײַן:

— געדענק, גרישאַ, וועסט אינגאַנצן בלינד ווערן.

ער פלעגט סאָליד אָפּענטפערן:

— ס'אַ דאגה. איך דאַרף שוין ניט קײן אויגן — איך האָב שוין אַלץ געזעהן...

טרינקען פלעגט ער און ניט שכור ווערן, נאָר ער פלעגט אַלץ ריידעוודיגער ווערן און מיט מיר ריידן וועגן פאָטער:

— אַ גרויס האַרץ האָט, פרײַנד מײַנער, מאַקסים סאַוואַטייאיטש געהאַט...

די באָבע פלעגט זיפצנדיג צובאַמקען:

— אמת טאַקע!

אַלץ איז דאָ געווען שרעקליך אינטערעסאַנט, אַלץ האָט מיך געהאַלטן שטאַרק אָנגעשטרענגט און פון אַלץ פלעגט זיך דורכזייען צו מיר אין האַרצן אַריין אַ שטילער און אַ לייכטער טרויער. טרויער און פרייד צוזאַמען האָבן דאָ געלעבט אין די מענטשן, ניט אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע און פלעגן מיט אַן אוםפאַרשטענדליכער שנעלקייט אָפּבײַטן איינע די אַנדערע.

איינמאָל האָט דער פעטער יאַקאָוו, אַז ער איז נאָך געווען ניט זער שכור, אָנגעהויבן רייסן אויף זיך די „רובאַכע", צאַרנ-

דיג געפליקט זיך די האָר, די שיטערע ווייסליכע וואָנצן, געריסן זיך דעם נאָז און די אַראָפּגעהאַנגענע ליפּ.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער געוואָיעט, באַגיסנ־דיג זיך מיט טרערן. — צו וואָס האָט מען דאָס באַדאַרפט?...

און האָט זיך געפּאַטשט אין די באַקן און איבערן שטערן און געקלאַפּט אין ברוסט און געיאָמערט:

— מנוול איינער און אויסוואָרף, צעבראָכענע נשמה!...

און גריגאָרי האָט געברילט:

— אַהאַ!... אָט האָסטו...

און די באָבע, שוין אויך ניט ניכטער, האָט געטרייסט דעם זון, כאַפּנדיג זיינע הענט:

— גענוג, יאַשאַ, גאָט ווייס, ווי ער פירט דעם מענטשן.

אַז זי איז שכורלאַך, ווערט זי נאָך שענער: אירע שוואַרצע אויגן שמייכלען און עס שטראָמט פון זיי אויף אַלעמען אַ ליכטיג־קייט, וואָס דערוואַרימט דאָס האַרץ. זי פאָכט מיטן טיכל אויף איר צעהיצטן פּנים און רעדט זינגענדיג:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, ווי גוט און שיין עס איז אַלץ. ניין, איר גיט אַ קוק, ווי שיין און גוט אַלץ איז!

דאָס איז געווען דער געשריי פון איר האַרצן, דער לאָזונג פון איר גאַנצן לעבן.

מיך האָבן זעער איבערראַשט דער געוויין און די געשרייען פון מיין זאָרגלאָזן פעטער. איך האָב אַ פרעג געטאָן בײַ דער באָבען, פאַרוואָס האָט ער געוויינט און געזידלט און געשלאָגן זיך אַליין.

— אַלץ ווילסטו וויסן! — האָט זי, ניט ווי שטענדיג, אומ־גערן מיר אָפּגעענטפערט. — האָב געדולד, ס'איז נאָך צו פרי פאַר דיר זיך צו מישן אין אַזוינע זאַכן...

דאָס האָט נאָך שאַרפער געמאַכט מיין נייגעריגקייט. איך בין אַוועק אין וואַרשטאַט און בין צוגעשטאַנען צו איוואַנען, נאָר ער האָט מיר אויך ניט געוואָלט ענטפערן, האָט שטילערהייט גע־

לאַכט און, קוקנדיק אָן אַ זייט אויפן מייסטער און מיך אַרויס־שטופנדיק פון וואַרשטאַט, געשריען:

— בינד זיך אָפּ פון מיר, גיי אַוועק! אַט וועל איך דיך באַלד אַריינזעצן אין קעסל און אָפּפאַרבן!

דער מייסטער איז געשטאַנען אַנטקעגן ברייטן און נידעריגן אויוון מיט דריי אײַנגעמויערטע קעסלען, געמישט אין די קעסלען מיט אַ לאַנגן און שוואַרצן מיש־האָלץ און, אַרויסנעמענדיק דעם האָלץ, האָט ער נאָכגעקוקט, ווי עס רינען אַראָפּ פון אים פאַר־ביגע טראָפּנס. הייס האָט אין אויוון געברענט און דער פייער פלעגט זיך אָפּשפּיגלען אויפן אונטן פון לעדערנעם פאַרטוך, וואָס איז פאַרשיידנפאַרביג געווען, ווי דעם פּאָפּס ריזע. עס האָט גע־שיפּעט דאָס באַפאַרבטע וואַסער אין די קעסלען, אַ בייסעדיגע פאַרע האָט זיך געצויגן צום טיר ווי אַ געדיכטער וואָלקן און אויפן הויף האָט געווייט אַ טרוקענער זאַמדיגער ווינט.

דער מייסטער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר פון אונטער די ברילן מיט זיינע מוטנע רויטע אויגן און האָט גראָב אַ געשריי געטאָן צו איוואַנען:

— האָלץ! זעהסט ניט, אַפּנים?

און אַז ציגײַנערל איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, האָט זיך גריגאָרי אַנידערגעזעצט אויפן זאַק מיט סאַנדאַל און האָט מיך אַ רוף געטאָן מיטן פינגער:

— קום אַהער!

האָט מיך אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני, האָט זיך צו־געבויגן מיט זיין וואַרימען ווייכן באָרד צו מיין ראָק און מיר אומפאַרגעסליך דערציילט:

— דער פעטער דיינער האָט זיין ווייב אויף טויט פאַר־מוטשעט, דערהרגעט, און איצט צופּט אים דער געוויסן, פאַרשטייסט? דו דאַרפסט אַלץ פאַרשטיין, געדענק, ווען ניט, וועסטו אומקומען.

מיט גריגאָריען איז פונקט אַזוי פּראָסט, ווי מיט דער באָבען, נאָר עס איז עפּעס מוראדיג און עס דוכט זיך, אַז פון אונטער זיינע שפּאַקולן זעהט ער אַלץ דורך און דורך.

— ווי אַזוי האָט ער דערהרגעט? — רעדט ער ניט־געאײַלט. —

אָט ווי אַזוי: ער לייגט זיך שלאָפֿן מיט איר, דעקט זי איבער אַריבערן קאָפּ מיט דער דעקע און דריקט און שלאָגט. צו וואָס? אַ סברא, אַז ער ווייס אַליין ניט צו וואָס.

דעם מייסטער אַרט ניט, וואָס איוואַן איז צוריקגעקומען מיט אַ בערעמיע האָלץ און זיצט די קני צונויפגעבויגן אַנטקעגן פייער און וואַרימט די הענט; און ער דערציילט ווייטער מיט אַן ערנסטן טאָן:

— און אפשר האָט ער זי דערפאַר געשלאָגן, וואָס זי איז געוועזן בעסער פאַר אים, און אים פלעגט דאָס פאַרדריסן. די קאַשירינ'ס, ברודער, האָבן ניט ליב קיין גוטס, זיי פאַרגינען דאָס ניט און אָננעמען קאָנען זיי דאָס ניט, ברענגען זיי דאָס אום. אָט פרעג ביי דער באָבען, ווי זיי האָבן דיין טאַטן פון דער וועלט אומגעבראַכט. זי וועט דאָס אַלץ דערציילן; זי האָט פיינט ליגנס, פאַרשטייט זיי ניט. זי איז ווי אַ הייליגע, כאָטש זי טרינקט בראַנפֿן און שמעקט טאַבאַק. ווי אַ הייליגע איז זי. דו האַלט זיך שטאַרק אָן איר.

ער האָט מיך אָפּגעשטופּט, און איך בין אַרויס אויפן הויף, פאַרקלעמט און אָנגעשראָקן. אין פאָרהויז פון שטוב האָט מיר אָנגעיאָגט וואַניושקאַ, געכאַפּט מיך פאַרן קאָפּ און איינגערוימט מיר אין דער שטיל:

— דו האָב פאַר אים קיין מורא ניט, ער איז אַ גוטער. דו קוק אים נאָר גלייך אין די אויגן אַריין, ער האָט דאָס ליב.

דאָס איז אַלץ מאָדנע געוועזן און דאָס פלעגט מיך אויפרעגן. איך האָב ניט געקענט קיין אַנדער לעבן, נאָר ניט-דייטליך האָב איך געדענקט, אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן ניט אַזוי געלעבט: זיי האָבן אַנדערע רייד גערעדט, אַנדערע שמחות געהאַט. זיי פלעגן שטיין און זיצן תמיד צוזאַמען, נאָהענט איינס לעבן דאָס אַנדערע, אָוונט-צייט פלעגן זיי אָפּט און לאַנג לאַכן און זינגען אין דער הויך אויפן קול; אויפן גאַס פלעגן זיך מענטשן צונויפקלייבן, קוקנדיג אויף זיי. די פאַרריסענע געזיכטער פלעגן קאָמיש אויסזעהן אין מיינע אויגן, ווי שמוציגע טעלער נאָך מיטאָג. דאָ אָבער לאַכט מען ווייניג און ניט שטענדיג קאָן מען קלאָר באַגרייפן, פון וואָס מען לאַכט. מען שרייט אָפּט איינע אויף די

אַנדערע און מען סטראַשעט, מען סודעט זיך אין די ווינקעלאַך. די קינדער זיינען שטיל, אומבאַמערקליך, דערשלאָגן ביז דער ערד, ווי שטויב פון רעגן... איך האָב זיך געפילט ווי אַ פרעמדער אין שטוב און דאָס דאָזיגע לעבן פלעגט מיך אויפרעגן מיט צענדליגער נאָדל-שטעך, אויפוועקן חשדים אין מיין האַרצן און נויטן מיך זיך צוצוקוקן צו אַלץ מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט.

מיין גוטע-פריינדשאַפט מיט איוואַנען איז אַלץ געוואַקסן. די באָבע פלעגט זיין פון אינדערפרי ביזן אָוונט פאַרנומען מיט דער שטוביגער אַרבעט, און איך פלעג זיך כמעט דעם גאַנצן טאָג אַרומדרייען אַרום ציגיינערל. ער פלעגט נאָך אַלץ אונטערשטעלן זיין האַנט אונטערן רוט, בעת דער זיידע פלעגט מיך שמייסן און אויף מאָרגן מיר ווייזן די אויפגעשוואָלענע פינגער און זיך קלאָגן:

— ניין, דאָס האָט גאָר קיין זינען ניט! דיר איז דערפון ניט גרינגער און באַ מיר — זעהסט, וואָס עס טוט זיך. מער וועל איך דאָס ניט טאָן, געזונג!

און פלעגט פונדעסטוועגן ווידער אונטערשטעלן די האַנט.

— דו האָסט דאָך ניט געוועלט?

— ניט געוועלט און אונטערגעשטעלט. איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי.

אין קורצן האָב איך זיך דערוואוסט וועגן ציגיינערל עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט מיין אינטערעס און מיין ליבע צו אים.

יעדן פרייטאָג פלעגט ציגיינערל איינשפּאַנען אין אַ ברייטן שליטן דעם ראַבן שאַראַפּ, דער באָבעס באַליבטן פערד, וואָס איז געווען אַ כיטרער שטיפער און אַ נאַשער, פלעגט אָנטאָן אַ קורץ פעלצל ביז די קני און אַ שווער היטל, פלעגט זיך שטייף אונטערגאַרטלען מיט אַ גרינעם גאַרטל און פאָרן אויפן מאַרק איינקויפן פּראָוויזיע. אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער זיך לאַנג פאַרהאַלטן אין וועג, אַלע שטוביגע פלעגן ווערן אומרואיג, גיין אַלע ווײַלע אָטעמען אויף די שויבן פון פענסטער און קוקן אויפן גאַס.

— ער פֿאָרט ניט?

— ניין!

מער פֿאַר אַלעמען פֿלעגט זיין אומרואיג די באָבע.

— עך—מאַ! — פֿלעגט זי טענהן צו די זין און צום זיידן,— איר וועט מיר אומברענגען אַ מענטשן און דעם פֿערד וועט איר מיר אויך אומברענגען! און ווי שעמט איר זיך דאָס ניט, פֿאַרשטאָכענע אויגן! עס איז אייך אַפּנים ווייניג אייער אייגן גוטס? אַך, נאַרישער שבט, די גאַנצע וועלט וואָלט איר איינשלינגען. וואַרט, עס וועט קומען אַ שטראָף אויף אייך פֿון גאָט.

און דער זיידע פֿלעגט אָנגעכמורעט בורטשען:

— נו, גוט, מער וועט דאָס שוין ניט זיין.

אָן אַנדערש מאָל פֿלעגט ציגיינערל זיך אומקערן ערשט נאָך האַלבן טאָג. די פֿעטערס מיטן זיידן פֿלעגן איילנדיג אַרויסגיין אים אַנטקעגן אויפֿן הויף. נאָך זיי, כעסדיג שמעקנדיג דעם טאַבאַק, פֿלעגט די באָבע נאָכקריכן, ווי אַ בעריכע; זי פֿלעגט שטענדיג אין אַזאַ פֿאַל זיין מאָדנע אומגעלומפּערט. עס פֿלעגן אַרויסלויפֿן די קינדער און מען פֿלעגט אָנהייבן אויסלאָדן דעם שליטן, פֿול מיט חזירמלאַך, געקוילעטע פֿייגלאַך, פֿיש און שטיקער פֿלייש פֿון אַלע סאָרטן.

— האָסט אַלץ געקויפֿט, ווי מען האָט דיר געהייסן,—פֿלעגט פֿרעגן דער זיידע און קוקנדיג אָן אַ זייט טאַפּן דעם וואָגן מיט זיינע שאַרפֿע אויגן.

— אַלץ, ווי מען דאַרף,— פֿלעגט זיך פֿרייליך אָפּרופֿן איוואַן און, כּדי זיך צו דערוואַרימען, שפּרינגען איבערן הויף און הילכיג פּאַטשן מיט די לעדערנע הענטשקעס.

— רייס ניט די הענטשקעס, מען האָט פֿאַר זיי געלט געצאָלט,— פֿלעגט שטרענג שרייען דער זיידע.— רעשטע האָסטו געבראַכט?

— ניין!

דער זיידע פֿלעגט פּאַוואָליע אַרומגיין אַרום שליטן און זאָגן ניט הויך:

— דו האָסט עפּעס ווידער צופֿיל אָנגעבראַכט. זעה נאָר,

צי האָסטו ניט געקויפט אָן געלט? ביי מיר זאָלן ניט זיין אַזוינע זאַכן.
און פלעגט געשווינט אַוועקגיין, צונויפקנייטשנדיק דעם פּנים.

די פּעטערס פלעגן זיך פרייליך אַ וואָרף טאָן צום שליטן, נעמען וועגן אויפן האַנט די פיש און די פייגלאַך, די געגזעגנע דרייבקעס און קעלבערנע פיסלאַך און די גרויסע שטיקער פלייש, מיט באַוואונדערונג צו־פייפן און צופרידן רוישן:

— לייטיש איינגעקויפט... פיין.

די גרעסטע התפּעלות פלעגט האָבן דער פּעטער מיכאַאיל. ווי אויף פּרוזשינעס פלעגט ער אומשפּרינגען אַרום שליטן, אַלץ אַרומשמעקן מיטן לאַנגן נאָז, ווי בײַ אַ פּיקהאָלץ, געשמאַק טשמאָקען מיט די ליפּן און זיס פאַרזשמורענדיק זיינע אומרואיגע אויגן — אַ דאַרער, ענליך אויפן טאַטן, נאָר העכער פון אים, און אַ שוואַרצער, ווי אַ האַלאַוועשקע. באַהאַלטנדיק אין די אַרבל די פאַרפראָרענע הענט, פלעגט ער פרעגן בײַ ציגיינערל:

— וויפיל האָט דיר דער טאַטע געגעבן?

— פינף קאַרבן.

— און דאָ האָסטו אויף פופצן... און וויפל האָסטו אויסגעגעבן?

— פיר מיט צען.

— הייסט דאָס, ניינציק קאָפּיקעס איז דיר געבליבן אין קעשענע... זעהסט, יאַקאָוו, ווי מען קלייבט געלט.

דער פּעטער יאַקאָוו שטייט אויפן פראָסט אין איין בלוזע, לאַכט זיך שטילערהייט און פינטלט מיט די אויגן צום בלוי־קאַלטן הימל און זאָגט פויל צו ציגיינערל:

— דו, וואַנקע, דאַרפסט אונז מכבד זיין מיט אַ שנעפּסל.

די באָבע שפּאַנט אויס דעם פערד.

— וואָס, זונעלע? וואָס, קעצעלע? ס׳ווילט זיך אַ שטיף־טאָן? נו, שטיף. גאָט הייסט שטיפן.

דער גרויסער שאַראַפּ טרייסלט אויף זיין געדיכטע גריווע, צופּט דער באָבעס אַקסל מיט זיינע ווייסע ציין, רייסט אַראָפּ בײַ איר דעם זיידענעם הייבל פון קאָפּ, קוקט איר אַריין אין פּנים מיט

אַ פריילעכן אויג און אַראָפּטרייסלענדיג דעם טוי־פּראָסט פון די וויעס, הירזשעט ער שטיל:

— ווילסט ברויט אַ שטיקעלע?

זי שטופּט אים אין די ציין אַ גרויסע לוסטע ברויט, געדיכט באַשאָטן מיט זאַלץ, שטעלט אונטער דעם פאַרטוך ווי אַ זאַק אונ־טערן מאָרדע און קוקט פאַרטראַכט, ווי ער עסט.

צ י ג יי נ ע ר ל שפּילט זיך אויך, ווי אַ יונג פערדל, און שפּרינגט אונטער צו איר.

— אַ טייער פערד, באָבינקע, קלוג...

— גיי אַוועק! דריי ניט מיטן עק! — שרייט אויס די באָבע און גיט אַ טופּ מיטן פוס. — ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך ניט ליב אין אַזוינע טעג.

מיר האָט זי דערציילט, אַז צ י ג יי נ ע ר ל גנבהט אויפן מאַרק מער, וויפיל ער קויפט.

— דער זיידע גיט אים אַ פינפערל, און ער קויפט פאַר דריי, און פאַר צווייען גנבהט ער — האָט זי ניט־פריילעך גערעדט. — ער האָט ליב גנבהנען, דער יונגאַטש. איין מאָל געפּרובט, און ס׳איז אַראָפּ גלאַט, און אינדערהיים האָט מען געלאַכט און געלויבט פאַר דער בריהשקייט, איז עס שוין געוואָרן באַ אים אַ מנהג אַזאַ. און דער זיידע האָט זיך פון קינדווייז אָן גענוג אָנגעליטן אָרימקייט און נויט, איז ער אויף דער עלטער גייציג געוואָרן. געלט איז באַ אים טייערער ווי די אייגענע קינדער, איז ער צופרידן, אַז ער קריגט וואָס אומזיסט. נו, און מיכאַיילא מיט יאַקאָוון...

זי גיט אַ מאַך מיטן האַנט, שווייגט אַ ווײַלע, אַרײַנקוקנדיג אין דער אָפענער טאַבאַק־פושקע, און פאַרענדיגט בורטשענדיג:

— אָט, מען וועט כאַפּן אַמאָל איוואַנקען באַ אַ גנבה, וועט מען אים מאַכן אַ טויט אויפן אָרט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— ע־כע־כע! דינים איז דאָ באַ אונז אַ סך, נאָר קיין אמת איז ניטאָ.

אויף מאָרגן האָב איך זיך געבעטן בײַ ציגײַנערל, ער זאָל מער ניט גנבֿהנען.

— מען וועט דיך ממיתן.

— זיי וועלן מיך ניט כאַפּן, איך וועל זיך אַרויסדרייען. איך בין פֿלינק, און דאָס פֿערד איז אַ לאַפּער, — האָט ער געענטפֿערט שמייכלענדיק, נאָר ער איז תּיכּף אומעטיק און כמורנע געוואָרן. — מיינסט, איך ווייס ניט, אַז מען טאָר ניט גנבֿהנען און אַז עס איז אַ סכּנה... איך טו דאָס אַזוי זיך, פֿון אומעט. און קיין געלט קלייב איך אויך ניט. די פֿעטערס דיינע נאַרן אויס בײַ מיר פֿאַר דער וואָך ביז אַ קאָפּיקע. איך זשאַלעווע ניט, נעמט אײַך, כ׳בין זאַט.

ער האָט מיך פּלוצלונג גענומען אויפֿן האַנט און פֿאַוואָליע אַ טרייסל געטאָן:

— ביסט אַ גרינגער און אַ דינער און די ביינער זייגען בײַ דיר שטאַרקע. וועסט זיין אַ גבֿור! ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן: לערן זיך שפּילן אויף גיטאַרע, בעט דעם פֿעטער יאַקאָוו, אויף מיין וואָרט. ביסט נאָך קליין — אָט דאָס איז אַ חסרון! ביסט קליין און ביסט שוין אַ כעסן. דעם זיידן האָסטו ליב?

— איך ווייס ניט!

— און איך האָב אַלע קאַשירינס פֿיינט, אַחוץ דער באָבען, איך האָב זיי ניט ליב, זאָל זיי דער טייוול ליב האָבן.

— און מיך?

— דו ביסט ניט קיין קאַשירין, דו ביזט — פּיעשקאָוו, אַן אַנדער בלוט, אַן אַנדער שבֿט.

און פּלוצלונג האָט ער מיך שטאַרק אַרומגענומען און כמעט אויסגעקרעכצט:

— אַך, אַז איך וואָלט געהאַט אַ שטים צום זינגען, אַך דו, גאָט מיינער. אָט וואָלט איך דאָס געצונדן דעם עולם... גיי, ברודער. מען דאַרף אַרבעטן.

ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, זיך אַריינגעשאָטן אין מויל אַ הויפֿן נעגל און גענומען אויסשפּרייטן און אַרויפֿקלאַפּן אויף אַ גרויסן פּירקאַנטיקן ברעט אַ פֿייכט שטיק שוואַרצע מאַטעריע.

אינגיכן איז ער אומגעקומען.

פאַסירט האָט דאָס אַזוי: אין הויף, ביים טויער, צוגעשפּאַרט צום פּאַרקאַן, איז געלעגן אַ גרויסער דעמבענער צלם מיט אַ גראָבן סוקעוואַטן עק. געלעגן איז ער דאָ פון לאַנג. איך האָב אים באַמערקט נאָך אין די ערשטע טעג פון מיין זיין דאָ אין שטוב — דעמאָלט איז ער נייער געווען און געלער, נאָר פאַרן הארבסט איז ער שוואַרץ געוואָרן אונטערן רעגן. ער האָט געהאַט אַ ביטערן ריח פון געפּאַרעטן דעמב און איז בכלל געווען אַן איבעריגער אויפן ענגן און קויטיגן הויף.

געקויפט האָט אים דער פעטער יאַקאָוו, כדי אים צו שטעלן אויפן קבר פון זיין פרוי, און ער האָט אַ נדר געטאָן אָפּצוטראָגן דעם צלם אין טאָג פון יאָרצייט אויף די אייגענע אַקסלען ביזן בית-עולם.

אָט דער טאָג איז אויסגעפאַלן אום שבת, אָנהייב ווינטער. ס׳איז געווען פראָסטיג און ווינטיג, פון די דעכער האָט געשאָטן מיט שניי. אַלע זיינען אַרויס פון שטוב אויפן הויף. דער זיידע און די באָבע מיט דריי אייניקלאַך זיינען נאָך פריער אַוועקגעפאָרן צום בית-עולם צו אָפּריכטן דאָרט „אַ פּאַניכידע”. מיך האָט מען געלאָזן אין שטוב, באַשטראָפט פאַר עפּעס אַ חטא.

די פעטערס אין איינערליי שוואַרצע פּעלצלאַך האָבן אויפגעהויבן דעם צלם פון דער ערד און אונטערגעשטעלט זיך אונטער זיינע פליגלען. גריגאָרי און נאָך איינער, אַ פרעמדער מענטש, האָבן קוים אויפגעהויבן דעם שווערן סוקעוואַטן עק און אים אַרויפגעלייגט אויף ציגאַנערלס ברייטער פּלייצע. ציגאַנערל האָט זיך אַ וויג געטאָן און ברייט פונאַנדערגעשטעלט די פיס.

— וועסט ניט אויסהאַלטן? — האָט אַ פרעג געטאָן גריגאָרי.

— איך ווייס ניט. ס׳איז טאַקי אַפּנים שווער.

דער פעטער מיכאַאיל האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

— עפן דעם טויער, בלינדער טייוול!

און דער פעטער יאַקאָוו האָט צוגעגעבן:

— שעם זיך, וואַנקאַ, מיר ביידע זיינען דאָך שוואַכער פון דיר.

נאָר גריגאָרי האָט, עפענענדיג ברייט דעם טויער, שטרענג געזאָגט צו איוואַנען:

— זעה נאָר, רייס זיך ניט אונטער! נו, גייט בשלום!

— פלעכיגע באָביצע — האָט אויסגעשריען פון כעס דער פעטער מיכאאיל.

אַלע, וואָס זיינען געווען אויפן הויף, האָבן אַ שמייכל געטאָן און אָנגעהויבן ריידן אין דער הויך, גלייך ווי אַלע וואָלטן צו פרידן געווען, וואָס מען האָט דעם צלם אַוועקגעטראָגן.

גריגאָרי איוואַניטש האָט מיך אָפּגעפירט פאַרן האַנט אין וואַרשטאַט און געזאָגט:

— אפשר וועט דיך היינט דער זיידע ניט שמייסן. ער איז היינט אַ ווייכהאַרציגער...

אין וואַרשטאַט האָט ער מיך אַרויפגעזעצט אויף אַ קופּע וואָל וואָס איז געווען צוגעגרייט צום פאַרבן, און זאָרגפול אַרומגעלייגט מיך מיטן וואָל ביז די אַקסלען; שמעקנדיג דעם פּאַר, וואָס פלעגט זיך הייבן איבער די קעסלען, האָט ער פאַרטראַכטערהייט גערעדט

— איך קען, ליבינקער, דעם זיידן שוין זיבן-און-דרייסיג יאָר, געזעהן אים אין זיין אָנהייב און זעה אים בּאַ זיין סוף. אַמאָל זיינען מיר מיט אים געווען חברים, גוטע-פריינד, צוזאַמען אָט דעם געשעפט אָנגעהויבן און צוגעטראַכט. ער איז קלוג, דער זיידע דיי-נער, איז ער געוואָרן דער בעל-הבית און איך ניט. אָבער גאָט איז קליגער פון אַלעמען. גאָט טוט נאָר אַ שמייכל, און דער גרעסטער חכם הייבט אָן פינטלען מיט די אויגן, ווי אַ נאַר. דו פאַרשטייסט נאָך ניט, וואָס-ווער עס רעדט און צו וואָס ווער עס טוט, אָבער דו דאַרפסט שוין פאַרשטיין. אַ יתומס לעבן איז שווער און ביטער. דיין טאַטע, מאַקסים סאַוואַטיעאיטש, איז אַ לייט געווען, ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען — האָט אים טאַקי דערפאַר דער זיידע ניט ליב געהאַט, ניט אָנערקענט.

עס איז אָנגענעם געווען צו הערן אָט די גוטהאַרציגע רייד און קוקן, ווי אין אויוון שפּילט דער רויטער און גאָלדענער פייער, ווי איבער די קעסלען הייבן זיך אויף מילכיגע וואָלקנס פון פאַרע און לייגן זיך אויס ווי אַ בלוילילכער טוי-פראָסט אויף די ברעטער פון משופעדיגן דאַך, וואָס דורך זיינע פאַרוואַקסעגע שפּאַלטן זעהען זיך בלויע סטענגעס פון הימל. דער ווינט איז שטילער געוואָרן,

עס לייכט ערגעץ די זון, דער גאַנצער הויף איז ווי מיט אַ גלע־זערנעם שטויב באַשאָטן, אויפן גאַס סקריפּען די אַרויפגעהויבענע העלצער פון די שליטנס, אַ בלויער רויך וויקלט זיך פון די קוי־מענס, לייכטע שאָטנס גליטשן זיך איבערן שניי און זיי, דוכט זיך, דערציילן איינע עפּעס אייגע די אַנדערע.

דער לאַנגער, דאַר־ביינערדיגער גריגאָרי, מיטן לאַנגן באָרד, אָן אַ היטל, מיט גרויסע אויערן, ענליך אויף אַ גוטן מכשף, מישט די פאַרב, וואָס קאָכט זיך אין קעסל, און האַלט אין איין לערנען מיך:

— קוק אַלעמען גלייך אין די אויגן אַריין. פאַלט אויף דיך אָן אַ הונט, גיב אים אַ קוק אין די אויגן, וועט ער דיך לאָזן צורו.

די שווערע ברילן דריקן אויפן נאָז־זאָטל, דער שפּיץ נאָז האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלויען בלוט און איז ענליך אויף דער באָבעס נאָז.

— וואַרט נאָר! — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן און אָנגעהויבן זיך צוצוהערן. דערנאָך האָט ער מיטן פוס צוגעמאַכט דאָס טירל פון אויוון און שפּרינגענדיג אַ לאָז געטאָן זיך איבערן הויף. איך בין אים נאָכגעלאָפן.

אין קיך אויף דער ערד איז געלעגן ציגיינערל מיטן פּנים אַרויף. די ברייטע פּאַסן ליכט פון די פענסטער זיינען גע־לעגן — איין פּאַס אויפן קאָפּ און ברוסט, דער צווייטער — אויף די פיס. זיין שטערן האָט מאָדנע געגלאַנצט, די ברעמען האָבן זיך הויך אויפגעהויבן. זיינע קאָסאָקע אויגן האָבן שאַרף געקוקט אויפן שוואַרצן באַלקן. די טונקעלע ליפּן האָבן געציטערט און רויטליכע בלאָזנס פלעגן אויפשפּרינגען אויף זיי. פון די מויל־ווינקלען איבער די באַקן האָט גערונען בלוט אויף דער ערד אַראָפּ און אין גע־דיכטע שטרוימען אַרויסגערונען פון אונטערן פּלייצע. זיינע פיס זיינען געווען אומגעלומפּערט צעוואָרפן, זיינע הויזן זיינען, קענטיג, געווען נאַס: זיי האָבן זיך פעסט צוגעקלעפּט צו די ברעטער פון דיל. דער דיל איז ריין געווען אויסגעשייערט מיט זאַמד. ער האָט זונענדיג געגלאַנצט. זעער העלע רינעס בלוט האָבן זיך געצויגן צום שוועל דורך די פּאַסן ליכט.

צ י ג יי נ ע ר ל איז געלעגן אָן באַוועגונג און נאָר די פינגער פון זיינע אין דער לענג פון קערפּער אויסגעצויגענע הענט האָבן זיך גערירט און געקראַצט דעם דיל, און אויפן זון האָבן געבליש־טשעט די אין פאַרב איינגעריכטע נעגל.

די ניאַנקע יעווגעניע האָט זיך געזעצט אויף די קני און געפּרובט אַריינשטעלן איוואַנען אין האַנט אַריין אַ דינע ליכט. איוואַן האָט זי ניט אַריינגענומען, די ליכט איז געפאַלן, און דאָס פענזעלע פייער האָט זיך גענומען טרינקען אין דעם בלוט. די ניאַנקע האָט אויפגעהויבן די ליכט, אָפּגעווישט מיט אַן עק בגד און ווידער געפּרובט עס אַריינשטעלן אין די אומרואיקע פינגער. אַ פאַרוויגנדיקע שושקעניש איז געשוואומען איבערן קיך און ווי אַ ווינט האָט זי מיך געשטופּט פון שוועל אַראָפּ, נאָר איך האָב זיך שטאַרק געהאַלטן פאַרן קלאַמקע פון טיר.

— געשטרויכלט זיך, — האָט דער פעטער יאַקאָוו דערציילט מיט עפּעס אַ גרויער שטים, געציטערט און געדרייט מיטן קאָפּ. ער איז געווען אינגאַנצן גרוי און צונויפגעקוועטשט. די אויגן זיינען ביי אים אָפּגעקראָכן און האָבן אָפט געפינטלט.

— געפאַלן, האָט עס אים צוגעקוועטשט; אין פּלייצע האָט דאָס אים אַ טראַסק געטאָן. אונז וואָלט עס אויך צעקאַלעטשעט, נאָר מיר האָבן באַוויזן אַראָפּצוואַרפן פון זיך באַצייטנס דעם צלם.

— האָט איר דאָס אים דערהרגעט, — האָט גריגאָרי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול.

— יע, ווי?

— אַוודאי, איר!

דאָס בלוט האָט אַלץ גערונען. באַם שוועל איז שוין אָנגערונען אַ גאַנצע לוזשע, געוואָרן טונקעלער און אַזוי ווי געהויבן זיך אַרויף. אויף צ י ג יי נ ע ר ל ס מויל האָט זיך געבלעזלט רויטליכער שוים. ער האָט געברומט, ווי פון שלאָף, און איז צוגאַנגען, געוואָרן אַלץ פלאַכער און פלאַכער, צוגעקלעפּט זיך צום דיל, אַריינציהענדיק זיך אין אים.

— מיכיילא האָט זיך געלאָזט אויפן פערד אין קלויסטער נאָכן טאַטן — האָט געשעפּטשעט דער פעטער יאַקאָוו — און איך האָב אים אַרויפגעפּאַקט אויף אַ דראָזשקע און וואָס גיכער אַהער. גוט,

וואָס איך האָב זיך ניט געשטעלט אונטערן עק צלם, אַניט, וואָלט איך אָט...

די ניאַנקע האָט, זעצנדיג זיך אויף די שפּיץ פינגער, ווידער איינגעמאָסטשעט אַ דינע ליכט אין ציגיינערלס פינגער און גע־טריפט אים אויף דער דלאָניע וואַקס און טרערן.

גריגאָרי האָט גראָב און הויך אַ זאָג געטאָן צו איר:

— פּויערטע, די ליכט שטעל צוקאָפּן, קלעפּ צו צום דיל.

— ביזט גערעכט!

— און דעם היטל טו אים אויס.

די ניאַנקע האָט אַראָפּגענומען דעם היטל פון איוואַנ׳ס קאָפּ און זיין פּאַטעלניצע האָט טעמפּ אַ קלאַפּ געטאָן זיך אין דיל.

איצט איז זיין קאָפּ געלעגן געבויגן אָן אַ זייט. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן געדיכטער צו רינען, אָבער נאָר פון איין זייט מויל. דאָס האָט געדויערט מוראדיג לאַנג. לכתחילה האָב איך גע־מיינט, אַז ציגיינערל וועט זיך אָפּרוען, וועט אויפשטיין, זיך אַנידערזעצן אויפן דיל און זאָגן אויסשפּייענדיג:

— פּ־פו, הייס!

אַזוי פלעגט ער טאָן געוויינטליך, אַז ער פלעגט זיך אויפ־כאַפּן זונטאָג נאָך מיטאָג. נאָר ער איז ניט אויפגעשטאַנען, ער האָט געגוססט. די זון איז שוין אָפּגעגאַנגען פון אים, די ליכטיגע פּאַסן זיינען קירצער געוואָרן און זיינען געלעגן נאָר אויף די פענסטער־ברעטער. ער איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, די פינגער האָבן זיך שוין ניט באַוועגט און אויף די ליפּן האָט זיך שוין קיין שום ניט באַוויזן. הינטערן קאָפּ און בּאַ די אויערן זיינען דריי ליכט געשטאַנען, געשאָקלט מיט זייערע גאָלדענע פּענזעלאַך און באַ־לויכטן זיינע צעשויבערטע בלוי־שוואַרצע האָר. געלע שאָטנדלאַך האָבן זיך געשפּילט אויף זיינע ברוינליכע באַקן און עס האָט זיך געלויכטן דער שפּיץ פון שאַרפן נאָז און די ראָזע ציין.

די ניאַנקע איז געשטאַנען אויף די קני, געוויינט און גע־שעפּטשעט:

— ליבינקער מיינער, שפּאַרבערל נחתדיגס!...

עס איז געווען סומנע, קאַלט. איך בין אַרונטערגעקראָכן

אונטערן טיש און האָב זיך דאָרטן באַהאַלטן. דערנאָך איז אין קיך אַריינגעקראָכן דער זיידע אין אַ שאָפּן-פּעלץ, די באָבע אין אַ סאַלאָפּ מיט עקעלאַך, דער פעטער מיכאַאיל, די קינדער און אַ סך אַנדערע מענטשן.

דער זיידע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּעלץ אויף דער ערד און אָנגעהויבן שרייען:

— אויסוואָרפן! אַזאַ בחורל האָט איר אומזיסט און אומנישט אומגעבראַכט! מען וואָלט אים דאָך ניט געקאָנט אָפּשאַצן אין אַ יאָר פינף אַרום.

אויף דער ערד האָט מען אָנגעוואָרפן בגדים און פאַרשטעלט פון מיר איוואַנען. איך בין אַרויסגעקראָכן פון אונטערן טיש און אָנגעשטויסן זיך אויפן זיידן. ער האָט מיך אַוועקגעשטויסן אָן אַ זייט, סטראַשנדיג די פעטערס מיטן קלייניקן רויטן פויסט:

— וועלף!

און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק, איינגעשפּאַרט זיך אין איר מיט די הענט, און, כליפּענדיג אָן טרערן, געטענהט מיט אַ סקריפּעדיגער שטים:

— איך וויים, ער איז אייך ווי אַ ביין אין האַלז געשטאַנען... אַך, וואַניושעטשקע, נאַרעלע!... וואָס קאָן מען העלפן, האַ? וואָס, זאָג איך, קאָן מען העלפן? די פערד — פרעמדע, די לייצעס — צע-פוילטע. וואָס זאָגסטו, מאַמע, גאָט האָט אונז ניט ליב די לעצטע יאָרן, האַ, מאַמע?

די באָבע האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געטאַפּט מיט די הענט איוואַנס פּנים, דעם קאָפּ, די ברוסט, געאָטעמט אים אין די אויגן אַריין, געכאַפּט אים פאַר די הענט און געריבן זיי און אַלע ליכט אומגעוואָרפען. דערנאָך האָט זי זיך שווער אויפ-געשטעלט אויף די פיס, אינגאַנצן אַשוואַרצע, אין אַ גלאַנצעדיגן שוואַרצן קלייד, האָט מוראדיג אויסגעגלאָצט די אויגן און ניט-הויך אַ זאָג געטאָן:

— אַרויס פון שטוב, פאַרשאָלטענע!

אַלע, אַחוץ דעם זיידן, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון קיך.

... צ י ג י י נ ע ר ל ע ן האָט מען מקבר געווען אומבאַמערקליך, אומגעדענקליך.

IV.

איך ליג אין אַ ברייטן בעט, פֿירמאַל איינגעוויקלט אין אַ שווע־רער דעקע, און הער, ווי די באָבע דאַוונט שטייענדיג אויף די קני. איין האַנט איז באַ איר צוגעפּרעסט צום ברוסט און מיט דער צווייטער צלמט זי זיך ניט־אָפּט און ניט־האַסטיג.

אין דרויסן קנאַלט דער פראָסט. אַ גרינגליכער לבנה־שיין קוקט אַריין דורך די מיט אייז אויסגעהאַפּטע שויבן פון די פענסטער, באַלייכט געגוג דער באָבעס גוטן פּנים מיטן גרויסן נאָז און צינדט אָן אין אירע טונקעלע אויגן אַ פּאָספאָרישן פייערל. דאָס זיידן הייבל, וואָס באַדעקט אירע האָר, בלישטשעט, גלייך ווי דאָס וואָלט גע־מאַכט געווען פון אַ גלאַנצעדיגן מעטאַל. דאָס שוואַרץ קלייד באַ־וועגט זיך, רינט פון די אַקסלען אַראָפּ און שפּרייט זיך איבערן דיל.

אַז זי ענדיגט דאַוונען, טוט זי זיך אויס שטילערהייט, לייגט פּינקטליך צונויף די זאַכן אויפן קאַסטן, וואָס שטייט אין ווינקל, און גייט־צו צום בעט. איך מאַך זיך כּלומרשט, אַז אי־ בין שטאַרק איינגעשלאָפן.

— דו שלאָפסט דאָך ניט, גנב איינער! — זאָגט זי אין דער שטיל. — איך זעה דאָך, אַז דו שלאָפסט ניט. נו, גיב די דעקע.

איך ווייס שוין, וואָס ווייטער וועט זיין, קאָן איך זיך ניט איינהאַלטן און טו אַ שמייכל. דעמאָלט הייבט זי אָן צו שרייען אין דער הויך אויפן קול:

— אַ, דו מאַכסט חוזק פון דער אַלטער באָבען!...

זי נעמט דעם עק דעקע און גיט אים אַ שלעפּ צו זיך אַזוי שטאַרק און פלינק, אַז איך שפּרינג אויף אין דער לופטן, דריי זיך איבער עטליכע מאָל און פאַל אַראָפּ אין דער ווייכער פּערינע. און זי לאַכט:

— וואָס, געכאַפּט אַ חלק, דו אַזוינער און אַזוינער?!

נאָר אַמאָל דאַוונט זי אַזוי לאַנג, אַז איך שלאָף איין באמת און הער ניט, ווי זי לייגט זיך.

מיט אַ לאַנגן דאַוונען פאַרענדיגט זי געוויינטליך טעג פון פאַרדראָס, פון מחלוקת און געשלעגן. זיך צו־הערן צו אַזאַ דאַוונען

איז זעער אינטערעסאַנט. די באָבע דערציילט איר גאָט בפרטיות אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט אין שטוב. שווער, ווי אַ גרויס בערגל, שטייט זי אויף די קני, אין אָנהייב שעפּטשעט זי עפּעס האַסטיג און ניט דייטליך, נאָר דערנאָך הייבט זי אָן גערדיכט צו בורטשען:

— דו ווייסט דאָך אַליין, גאָטעניו, יעדער וויל פּאַר זיך וואָס בעסער. מיכאַיילא איז דער עלטערער, דאַרף ער בלייבן אין שטאָט; אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן אויף יענער זייט טייך—איז אַן עוולה. ס׳איז אַ נייער אָרט, אַן אומבאַקאַנטער און וואָס דאָרט וועט זיין, ווייס מען נאָך ניט. און דער טאַטע האָט מער ליב יאַקאָוון. איז דאָס גוט, אַפּנים, ניט גלייך ליב צו האָבן די אייגענע קינדער? ער איז אַן עקשן, דער אַלטער; וואָלסטו אין אים, גאָטעניו, שכל אַרייגעגעטאָן!

און קוקנדיג זאויף די טונקעלע הייליגע בילדער מיט איר׳ע גרויסע בלישטשעדיגע אויגן, ראַט זי איר גאָט:

— שיק אָן אויף אים, גאָטעניו, אַ חלום אַ גוטן, ער זאָל באַגעמען, ווי מען דאַרף קינדער פונאַנדערטיילן.

זי צלמט זיך, בוקט זיך צו דער ערד און קלאַפּט דערביי מיטן שטערן אָן דיל, גלייכט זיך ווידער אויס און הייבט אָן איינצוריידן גאָט:

— וואלסט, כלעבן, וואַרוואַרען דיין שמייכל באַוויזן און דערפרייט זי מיט וואָס עס איז. מיט וואָס האָט זי דיין צאָרן אַרויסגערופן, מיט וואָס איז זי זינדיגער פון אַנדער׳ע? וואָס איז דאָס אַ זוינס: אַ יונגע פרוי, אַ געזונטע, און לעבט אין טרויער! און דערמאָן זיך, גאָטעניו, אָן גריגאָריען—די אויגן ווערן אים אַלץ ערגער און ערגער. ער וועט בלינד ווערן, וועט ער דאָך מוזן גיין איבער די הייזער. זיין גאַנצן כח האָט ער אויפן זיידן פאַרלאָרן, דער זיידע וועט אים, אַפּנים, דען אויסהעלפן? אַך, גאָטעניו, גאָטעניו!..

אַ לענגערע צייט שווייגט זי, דעם קאָפּ אין די הענט נכנעדיג אַראָפּגעלאָזן, גלייך ווי זי וואָלט שטאַרק איינגעשלאָפן, פאַרפראָרן געוואָרן.

— און וואָס נאָך?—וויל זי זיך דערמאָנען און קנייטשט איין די ברעמען.—פאַרגיב, גאָט, די זינד אַלע רעכטגלויביגע און אויך

מיר, דער פאַרשאָלטענער נאַר, זײַ מוחל מײַנע זינד. דו ווייסט דאָך: ניט פון שלעכטס זינדיק איך, נאָר צוליב מײַן שכל דעם נאַרישן.

זי זיפצט אָפּ טיף און זאָגט ליבליך און צופרידן:

— דו ווייסט דאָך אַלץ, ליבינקער, דיר, טאַטוניע, איז דאָך אַלץ באַוואוסט.

מיר איז זעער געפעלן געווען דער באָבעס גאָט, אַזאַ נאָענטער און אַ ליבליכער, און איך פלעג בעטן אָפּט:

— דערציייל מיר וועגן גאָט!

וועגן גאָט פלעגט זי ריידן אויף אַ באַזונדער אופן: זעער שטיל און יעדן וואָרט פלעגט זי מאָדנע אויסציען און ניט אַנדערש ווי זיצנדיק. זי פלעגט זיך אויפהויבן, אַוועקזעצן, אַרויפציען אַ טיכל אויפן ניט-פאַרקעמטן קאָפּ און אָנהייבן דערציילן לאַנג, לאַנג, ביז איך פלעג אײַנשלאָפן:

— זיצט גאָט אויף אַ קלײנעם באַרג, אין מיטן גן-עדן-פעלד, אויף אַ טראָן פון בלויען סאַפּירשטיין, אונטער זילבערנע לינדנביימער און די דאָזיגע לינדנביימער בליִען אַ קײלעכדיקן יאָר; ניטאָ אין גן-עדן ניט קיין ווינטער, ניט קיין האַרבסט און בלומען פאַרוועלקן דאָרטן קיינמאָל ניט, נאָר זיי בליִען כּסדר, כּדי צו פרייען די נשמות פון גאָטס צדיקים. און אַרום גאָט פליִען אום מלאכים אַ שלל רב — ווי שניי, וואָס גייט, אָדער ווי בינען ראָיִען אָדער ווי טויבן ווייסע פליִען אום פון הימל צו דער ערד און צוריק צום הימל און דערציילן פאַר גאָט אַלץ וועגן אונדז, מענטשן. דאָרטן איז דײַן מלאך אויך דאָ, און מײַן מלאך און דעם זיידנס — יעדן מענטשן איז געגעבן געוואָרן אַ מלאך, גאָט איז צו אַלעמען גלײַך. אָט ברענגט דײַן מלאך צו גאָט: לעקסיי האָט דעם זיידן געוויזן אַ צונג. און גאָט הייסט: זאָל אים דערפאַר דער אַלטער אָפּשמײַסן. און אַזוי כּסדר וועגן יעטווידערן, און יעדערן באַצאָלט ער, ווי יענער איז ווערט: וועמען מיט צער און וועמען מיט נחת. און אַלץ איז אַזוי גוט בײַ אים, אַז די מלאכים פרייען זיך, פּאָכן מיט די פליגלען און זינגען אָן אַן אויפהער: „געלויבט ביסטו, גאָט, געלויבט ביסטו!" און ער, דער ליבינקער, שמייכלט נאָר, ווי איינער זאָגט: „נו, יוצא, יוצא"...

און זי אַליין שמייכלט אויך, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ.

— האָסט דאָס געזעהן?

— ניט געזעהן, נאָר איך וויס—ענטפערט זי פאַרטראַכטערהייט.

בעת זי רעדט וועגן גאָט, גן-עדן, מלאכים, ווערט זי קליין און נכנעדיג, איר פּנים ווערט ייִנגער און פון די פייכטע אויגן גיסט זיך אַ וואַרימע ליכטיגקייט. איך נעם אין האַנט אירע שווערע אַטלאַסענע צעפּ, בינד זיי אַרום האַלז און הער זיך צו מיט קאָפּ צו אירע אומענדליכע מעשיות, וואָס דערעסן מיר קיינמאָל ניט.

— אַ מענטש קאָן ניט זעהן גאָט—ער וועט בלינד ווערן, און נאָר די הייליגע קאָנען קוקן אויף אים מיט אָפענע אויגן. מלאכים אָבער האָב איך געזעהן. זיי ווייזן זיך צום מענטשן, בעת זיין האַרץ איז ריין. איך שטיי אַמאָל אין קלויסטער בעת דער אינדערפריעדיגער תּפילה, זעה איך אין אַלטאַר—גייען אום צוויי ווי נעפּלען, קוקן זיך דורך, ליכטיגע, ליכטיגע, און די פליגלען זייערע ביז דער ערד, ווי אויסגעהאַפּטע, און ווייסע, ווי מוסלין. זיי גייען אַרום טראָן און העלפן דעם פּאַטער*) איליאַ, דעם אַלטיטשקן! ער הייבט אויף זיינע זקנישע הענט, בעטנדיק צו גאָט און זיי האַלטן אונטער זיינע איילנבויגנס. ער איז שוין זעער אַלט געווען, בלינד, פלעגט ער זיך אָן אַלץ שטרויכלען, און איז אינגיכן טאַקע נפטר געוואָרן. דעמאָלט, אַז איך האָב זיי דערזעהן, האָב איך אַזוי ווי אָפּגעהלשט פאַר פרייד, דאָס האַרץ האָט גענומען נאָגן, טרערן גיסן זיך—אַך, ווי גוט עס איז געווען. אָי, ליאָנקאַ, האַרצעניו, טייבעלע, אָי ווי גוט עס איז בא גאָט אויפן הימל און אויף דער ערד, אַזוי גוט...

— און בא אונז איז אַפּנים גוט?

די באָבינקע צלמט זיך איבער און ענטפערט:

— געלויבט איז די הייליגע מוטער פון גאָט — ס'איז אַלץ גוט!...

דאָס האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין. ס'איז שווער געווען

*) פּאַטער—גלח.

צו גלויבן, אַז עס איז גוט באַ אונז אין שטוב. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען לעבט ביי אונז אַלץ ערגער און ערגער. אַמאָל, אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי טיר פון דעם פעטער מיכאַאילס צימער, האָב איך געזעהן, ווי די מומע נאַטאַליאַ איז אומגעלאָפן איבערן צימער, אײנגאַנצן אין ווייסן, די הענט צוגעדריקט צום ברוסט, און געשריען ניט הויך, גאָר שרעקליך:

— גאָט מיינער, נעם מיך צו פון דער וועלט, פיר מיך אַרויס פונדאַנען...

איר געבעט איז מיר געווען פאַרשטענדליך און איך פלעג אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס גריגאָרי בורטשעט און זאָגט:

— אַז איך וועל בלינד ווערן, וועל איך אַוועק איבער די הייזער, וועט בעסער זיין, ווי איצט.

איך פלעג וועלן, ער זאָל וואָס גיכער בלינד ווערן—איך וואָלט זיך געשטעלט באַ אים פאַר אַ פירער און מיר וואָלטן צוזאַמען געגאַנגען איבער דער וועלט. איך האָב שוין גערעדט מיט אים וועגן דעם. ער האָט אַ שמייכל געטאָן אין באָרד און געענטפערט:

— נו, איז גוט, וועלן מיר טאַקע גיין. און איך אַלע שטעט וועל איך אויסרופן: אָט דער-אָ איז וואַסילי קאַשירינס, דעם סטאַרשינאַס פון פאַרבער-צעך, אַ לייבליכער אייניקל... אָט דאָס איז אַן איינפאַל...

ניט איין מאָל פלעג איך זען סיניאַקעס באַ דער מומען נאַטאַליען אונטער אירע פוסטע אויגן און אויפגעשוואָלענע ליפּן אויף איר געלן געזיכט. פלעג איך פרעגן באַ דער באָבען:

— דער פעטער שלאָגט זי?

— זי פלעגט אָפּזיפצן און ענטפערן:

— שטילערהייט שלאָגט ער זי, דער רשע מרושע, דער זיידע האָט אָנגעזאָגט, ער זאָל זי ניט שלאָגן, טוט ער דאָס באַנאַכט. ער איז אַ רשע און זי איז—אַ גאָרנישט.

און זי מינטערט זיך אויף און דערציילט:

— פונדעסטוועגן איצט שלאָגט מען שוין ניט, ווי מען פלעגט אַמאָל שלאָגן. נו, גיט ער אַ זעץ אין די ציינער אָדער אין אויער, גיט אַ ריס פאַרן צאָפּ. אַמאָל אָבער פלעגט מען פייניקן שעהנווייז. מיך האָט דער זיידע אַמאָל דעם ערשטן טאָג פּאַסכאַ געשלאָגן

פון אינדערפרי ביז אין אָוונט. ער פלעגט מיד ווערן, פלעגט ער אָפּרוען אַ ווײַלע און ווידער שלאָגן. געשלאָגן מיט שטריק און סתם געשלאָגן.

— פאַרוואָס?

— כ'געדענק שוין ניט. און נאָך אַמאָל האָט ער מיך געשלאָגן, אַז ער האָט מיך שיר ניט דערהרגעט. פינף מעת־לעת דערנאָך האָט מען מיר עסן ניט געגעבן. איך בין קוים לעבן געבליבן.

איך בין נשתומם געוואָרן פון דער מעשה. די באָבע איז געווען נאָך אַמאָל אַזוי די גרויס ווי דער זיידע און עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ער זאָל זי קענען בײַקומען.

— ער איז אפנים שטאַרקער פאַר דיר?

— ניט שטאַרקער, נאָר עלטער. אַחוץ דעם איז ער דאָך מײַן מאַן. גאָט וועט אויפמאָנען בײַ אים, אָבער איך באַדאַרף לײַדן.

אינטערעסאַנט און אָנגענעם פלעגט זײַן נאָכצוקוקן, ווי זי נעמט אַראָפּ דעם שטויב פון די הייליגע בילדער און ריייניגט זייער מעטאַלענעם אָרנאַמענט. די הייליגע בילדער זײַנען געווען טײַערע, די קרוינען זייערע אויסגעלייגט מיט פערל, זילבער און פאַרביקע שטיינער. מיט אירע פלינקע הענט נעמט זי אַראָפּ דאָס הייליג בילד, קוקט אויף דעם מיט אַ שמייכל און רעדט אַנטציקט:

— ס'איר אַ ליב פּנימל!...

און קושט עס, זיך איבערצלמענדיק.

— אַך, דו מוטער אל הילפיקע, פרייד מײַנע אייביקע, ביסט פאַרשטויבט און פאַרוויכערט געוואָרן. זעה, ליאָניא, האַרצעניו, ווי איידל געמאָלט דאָס איז. פּיטשינקע פיגורעלאַך און יעטווידע שטייט זיך באַזונדער אויך איר אָרט, אָט דאָס הייליג בילד רופט זיך „די צוועלף יום־טובים”, אין מיטן איז גאָטס־מוטער די האַרציקע און אָט דאָ שטייט: „קלאָג אויף מיר ניט, מוטער, אַז דו זעהסט מיך אין קבר ליגנדיק”... אָפטמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז זי שפּילט זיך מיט די איקאָנעס אויך אַזוי פלייסיק און ערנסט, ווי די קליינינקע קאַטאַרינע, דעם פעטער יאַקאָווס מיידעלע, שפּילט זיך מיט אירע קוקלעס.

ניט־זעלטן פלעגט זי זעהן שדים, איינציגע און מחנותווייז.

— איך גיי אַמאָל באַנאַכט, ווינטערצייט, בעתן לאַנגן תּענית, פאַרביי רודאָלפס הויז. די נאַכט איז אַ לבנהדיגע... מיט אַמאָל זעה איך, עס זיצט רייטנדיג אויפן דאַך ביים קוימען אַ שוואַרצער, אַ גרויסער, אַ באַוואַקסענער, האָט איינגעבויגן זיין הערנערדיגן קאָפּ איבערן קוימען און שמעקט און ניסט און דרייט מיטן עק איבערן דאַך. איך האָב זיך איבערגעצלמט און זאָג: „זאָל אויפשטיין גאָט און זאָלן צערונען ווערן זיינע פיינט.” האָט ער שטיל אַ קוויטש געטאָן, אַראָפּגעגליטשט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ אין הויף אַריין און איז צערונען געוואָרן. מן הסתם האָבן די רודאָלפס געקאָכט פליישיגס, האָט ער געשמעקט און געקליבן נחת...

איך לאַך; איך שטעל זיך פאָר, ווי דער שד פליט פון דאַך מיטן קאָפּ אַראָפּ, און זי לאַכט אויך און זאָגט:

— זיי האָבן ליב צו שטיפן, ווי קליינע קינדער. אַמאָל האָב איך וועש געוואַשן אין שטיבל, וואו אונזער באָד איז. איז געוואָרן אַזוי האַלבע נאַכט. אַז עס שפּרינגט ניט אָפּ מיט אַמאָל פון זיך אַליין דאָס טירל פון אויוון און עס הויבן זיך ניט אָן צו שיטן פון דאָרטן רויטינקע, גרינינקע, שוואַרצינקע, איינער קלע־נער פאַר דעם אַנדערן, ווי טאַראַקאַנעס. גיב איך זיך אַ לאָז צום טיר—איז זי פאַרשפּאַרט. בין איך געבליבן צווישן די ניט־גוטע, ווי אין אַ בלאָטע; פול מיט זיי די גאַנצע באָד, מען קאָן זיך ניט אַ קער טאָן, זיי קריכן אונטער די פיס און שטופּן זיך, און האָבן מיך אַזוי צונויפגעדריקט, אַז איך קאָן זיך אַפילו ניט איבער צלמען. אַזוינע האָריגע זיינען זיי, ווייכינקע, וואַרימע, ווי קליינע קעצלאַך, נאָר זיי גייען אויף די הינטערשטע לאַפּקעס; זיי דרייען זיך איבערן שטוב און שטיפן, שטשירען די מייזישע ציינדלאַך, די אויגעלאַך זיינען גרינע, די הערנער האָבן זיך נאָך קוים אויס־געשניטן בא זיי און שטעקן ווי שישקעלאַך, די עקעלאַך ווי בא די חזרימלאַך—אַך, גאָט מיינער! איך בין געפאַלן אין חלשות! און אַז איך בין געקומען צו זיך, זע איך: די ליכט קוים וואָס זי ברענט, די קאָריטע איז קאַליע געוואָרן, די אויסגעוואַשענע וועש וואַל־

גערט זיך אויף דער ערד. אַך, איר אזוינע און אזוינע, טראכט איך מיר, געשוואָלן זאָלט איר ווערן, ווי אַ בארג.

אַז איך פארמאַך די אויגן, זעה איך, ווי פון לאַך פון שטיי־נערנעם אויוון, פון זיינע גרויע פעלדשטיינער, גיסט זיך א גע־דיכטער גוס האָריגע פאַרשיידנפארביגע בעשעפעניש, זיי מאַכן פול די קליינע באָד, ווילן די ליכט פאַרלעשן, שטעלן ארויס שטיפע־ריש זייערע ראָזע צינגער... דאָס איז קאָמיש, אָבער עס ווארפט אָן אימה. די באָבע שאָקעלט מיטן קאָפּ, שווייגט א ווײילע און מיט אַמאָל הייבט זי ווידער אָן, גלייך ווי זי וואָלט זיך אָנצינדן:

— און נאָך אמאָל האָב איך זיי געזעהן, די פארפלוכטע. דאָס איז אויך געווען באנאכט; עס איז ווינטער, א זאַווייע. גיי איך אזוי בארג אראָפּ דאָרטן, וואו, איך האָב דיר אמאָל דער־ציילט, יאקאָוו מיט מיכאילען האָבן געוועלט דעם טאטן דיינעם דערטרינקען אין אפּראליוועק אויפן טייכל. גיי איך אזוי און ווי איך הייב זיך אָן אראָפּצולאזן מיט דער סטעזשקע אראָפּ, אין טאָל, ערשט איך הער: עס הייבט אָן מיט אמאָל צו פייפן און היקען איבערן גאנצן טאָל. איך קוק זיך אום: אויף מיר פליט א דריי־שפאן שווארצע פערד און א געזונטער שד אין א רויטער מיץ שטייט אין שליטן ווי א דראָנג, די הענט אויסגעצויגן און האלט די ליי־צעס פון געשמידטע קייטן. און מיט יענעם טאָל פאָרט מען גאָר קיינמאָל ניט, און ער פליט, באדעקט מיט א וואָלקן שניי, גלייך צום טייכל. אין שליטן זיצן נאָך שדים און זיי שוויסטשען און שרייען און פאָכן מיט די מיצן זייערע. און אזוי איז פארביי מיר זיבן שליטנס פארבייגעלאָפן, ווי פייערלעשערס, און דורכאויס מיט שווארצע פערד געשפאנט. די פערד זיינען מענטשן, וואָס די טאטע־מאמעס האָבן זיי פארשאָלטן. אזוינע מענטשן פאלן אריין צו די שדים אין די הענט און יענע איזדיעקעווען זיך איבער זיי, פאָרן אום אויף זיי און יאָגן זיי אום גאנצע נעכט אין די שדימשע יום־טובים. איך האָב דאָס, מן הסתם א שדימשע חתונה געזעהן.

ניט גלויבן דער באָבען קאָן איך ניט: זי דערציילט אזוי פּראָסט, אזוי איבערצייגנדיג.

נאָך בעסער פלעגט זי זינגען לידער וועגן גאָטסמוטער, ווי

אַזוי זי האָט זיך געפּייניגט אויף דער וועלט, ווי זי איז געגאַנגען מוסרן די גזלנתע, די פּריצטע יענגאַליטשאָוואַ, און איינריידן זי, זי זאָל ניט שלאָגן און ניט ראַבעווען די רוסישע לייט; לידער וועגן אַלעקסייען גאָטס=דינער, וועגן איוואַן דעם קריגסמאַן; מעשיות וועגן דער קליגסטער וואַסיליסאַ, וועגן אַ פּאָפּ-א באָק און גאָטס א טויף=קינד; שרעקליכע געשיכטעס וועגן מארפא פּאסאַדניצאַ, וועגן דער באָבע אוסטאַ, דעם אַטאַמאַן פון גזלנים, וועגן מאַריען, דער זינדיגערין פון מצרים, וועגן דער פּיין פון א מוטער, וואָס האָט אַ זון אַ גזלן... אָן א צאָל מעשיות, געשיכטעס און לידער האָט זי געקענט.

זי האָט ניט מורא געהאַט ניט פאַר מענטשן, ניט פאַרן זיידן, ניט פאַר שדים, ניט פאַר קיינע רוחות=רעות, נאָר גוואַלדיג מורא האָט זי געהאַט פאַ־ שוואַרצע טאַראַקאַנעס, דערשפּירנדיג זיי אַפילו פון דערווייטנס. אָפּטמאָל פלעגט זי מיך אויפוועקן באַנאַכט און שעפּטשען:

— אַליאָשאַ, ליבינקער, אַ טאַראַקאַן קריכט אום, גיי צעטרעט אים, טו מיר אַ טובה.

אַ פאַרשלאָפענער פלעג איך אָנצינדן אַ ליכט און אומקריכן איבער די דילן, און זוכן דעם שונא. ניט גיך און ניט אַלעמאָל פלעג איך אים געפינען:

— ס׳איז ניטאָ אין ערגעץ—פלעג איך זאָגן. און זי, ליגנדיג אומבאַוועגליך, מיט דער דעקע איבערן קאָפּ איינגעדעקט, פלעגט זיך בעטן קוים צו דערהערן:

— אי, ס׳א׳ז דאָ, זוך נאָך אַ ביסעלע, איך בעט דיך. ער איז דאָ, איך ווייס.

זי פלעגט קיינמאָל קיין טעות ניט האָבן—איך פלעג געפינען דעם טאַראַקאַן ערגעץ וואו ווייט פון בעט.

— דערהרגעט? נו, אַ לויב צו גאָט, און דיר—א דאַנק.

און אָפּוואַרפן די דעקע פון קאָפּ און פאַרגרינגערט אָפּזיפצן, שמייכלענדיג.

און געפינען איך ניט דעם טאַראַקאַן, קאָן זי ניט איינשלאָפן. איך פלעג פילן, ווי עס ציטערט איר קערפּער, ווי נאָר עס גיט

עפּעס אַ שאָרך אין דער נאַכטיגער טויטער שטילקייט, און פלעג־הערן ווי זי שעפּטשעט, איינהאַלטנדיג דעם אָטעם:

— לעבן שוועל איז ער. אונטערן קאסטן איז ער אוועק־געקראָכן...

— פארוואָס האָסטו אזוי מורא פאַר טאַראַקאַנעס?

זי האָט עס מיר מסביר געווען:

— איך פארשטיי ניט, צו וואָס דאַרף מען זיי. קריכן אום און קריכן אום אזוינע שוואַרצע. גאָט האָט יעדער באַשעפעניש איר התמנות געגעבן. אַ קעלער־וואָרים ווייזט, אז אין שטוב איז פייכט, אַ וואַנץ — אז די ווענט זיינען ברודיג, אז לייז באַפאַלן אַ מענטשן, איז אַ סימן, אז ער וועט קראַנק ווערן — אַלץ האָט אַ זינען. און אָט די־אָ ווער ווייס, וואָס פאַר אַ כח זיי האָבן צו וואָס זיי ווערן אָנגעשיקט?...

* *
*

אַמאָל, אַז די באָבע איז געשטאַנען אויף די קני און האַר־ציג גערעדט מיט גאָט, האָט דער זיידע ברייט אויפגעעפנט די טיר צו איר אין צימער און מיט אַ הייזעריג שטים געזאָגט:

— נו, מאַמע, גאָט איז צו גאַסט געקומען: מיר ברענען!

— וואָס רעדסטו! — האָט אויסגעשריען די באָבע און זיך אַריס געטאָן פון דיל. ביידע, שווער טרעטנדיג מיט די פיס, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דער פינסטערניש פון דעם גרויסן פאַראַד־נעם צימער.

— יעווגעניאַ נעם אַראָפּ די „איקאָנעס”! נאַטאַליע, טו אָן די קינדער! — האָט שטרענג מיט אַ פעסטער שטים געקאָמאַנדעוועט די באָבע און דער זיידע האָט שטיל געוואָיעט:

אי—אי—אי...

איך בין אַוועקגעלאָפן אין קיך. דאָס פענסטער וואָס צום הויף האָט געלויכטן ווי אַ גאָלדענעס. איבערן דיל האָבן גערונען און געגליטשט זיך געלע פלעקן. דער פעטער יאַקאָוו האָט זיך גע־מאַטערט אָנצוטאָן די שטיוול, איז געשפּרונגען אויף זיי, גלייך ווי די פאָדעשוועס וואָלטן אים ברענען, און האָט געשריען:

— דאָס האָט מישקע אונטערגעצונדן, אונטערגעצונדן און אוועקגעגאַנגען, אַהאַ !..

— שטילער, הונט איינער !—האָט אַ געשריי געטאָן די באָבע און אים אַזוי אַ שטופּ געטאָן צום טיר, אַז ער איז שיר ניט גע־פאַלן.

דורך די פאַרפראָרענע שויבן האָט מען געקאָנט זעהן, ווי עס ברענט דער דאַך פון וואַרשטאַט און ווי ה׳נטער זיין אָפענער טיר פלאַטערט דער גרייזלדיגער פייער. אין דער שטילער נאַכט האָבן רויטע בלומען פון פייער געבליט אָן רויך און נאָר זעער הויך איבער זיי האָט זיך געוויגט אַ ביסל אַ טונקעלער וואָלקן, וואָס האָט ניט געשטערט צו זעהן אויפן הימל דעם זילבערנעם שטרוים פון מילך־וועג. דער שניי האָט אויסגעזעהן טונקל־רויט און די ווענט פון די געביידעס האָבן געציטערט און געוויגט זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ציען צום הייסן ווינקל פון הויף, וואו עס האָט פריילעך געשטיפט דער פייער, פאַרגיסנדיג מיט רויטס די ברייטע שפּאַלטן און די ווענט פון וואַרשטאַט און אַרויסקריכנדיג דורך זיי מיט אָנ־געברענטע קרומע טשוועקעס. גאָלדענע רויטע סטענגעס האָבן זיך געדרייט איבער די שוואַרצע ברעטער פון דאַך און אים האַסטיג אַרומגעוויקלט. צווישן זיי האָט שרייעוודיג געטאָרטשעט און געררוי־בערט דער דינער קוימען. אין די שויבן פון די פענסטער האָט אַ שטילער זיידענער רויש געקלאַפּט. דער פייער איז אַלץ געוואַקסן, דער וואַרשטאַט, וואָס איז געווען פון אים אויסגעצירט, איז ענליך געווען אויפן אָרון פון די הייליגע בילדער אין קלויסטער און האָט גוואַלדיג געצויגן און גערופן צו זיך.

איך האָב אַרויסגעכאַפּט אויף זיך אַ שווערן פעלץ, די פיס אַריינגערוקט אין עמיצנס שטיוול און זיך אַרויסגעשלעפּט אין פאָ־דערהויז, אויפן גאַניק, און בין געבליבן שטיין, פאַרבלענדעט פון דעם העלן שפּיל פון פייער און באַטויבט פון די געשרייען פון ויידן, פון גריגאָריען, פון פעטער, פון דעם טרעסטשען פון דער שרפה, און דערשראָקן פון דער באָבען. זי האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ פוסטן זאַק, זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ פערדישער דעקע, זיך געלאָזן ויפן גלייך אין פייער אַריין און זיך אַריינגערוקט אין אים, שרייענדיג:

— וויטריאָל איז דאָך דאָרטן, בהמות! עס וועט אויפּרייסן.

— גריגאָרי, לאָז איר ניט—האָט געוואָיעט דער זיידע—אָי, זי וועט אומקומען!

נאָר די באָבע איז שוין צוריק אַן איינגעבויגענע אַרויסגעשוואומען פון פייער, די בגדים אויף איר האָבן זיך געררויכערט, זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ און אין האַנט האָט זי געטראָגן אַן עמערדיגע פלאַש וויטריאָל.

— טאַטע, פיר אַרויס דעם פערד!—האָט זי געשריען, כריפּעדיג און הוסטנדיג. — פון די אַקסלען נעמט מיר אַראָפּ, איך ברען; איר זעהט דען ניט?

גריגאָרי האָט אַראָפּגעריסן פון אירע אַקסלען די פּאָפּאָנע, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין טליען, דערנאָך האָט ער אַזוי ווי איבערגעבראָכן זיך איבער דער העלפט און גענומען מיט דער לאָפּעטע וואַרפן אין וואַרשטאַט אַריין שטיקער שניי; דער פעטער איז געשפרונגען אַרום אים מיט אַ האַק אין האַנט; דער זיידע איז אומגעלאָפן אַרום דער באָבען און געוואָרפן שניי אויף איר, זי האָט אַריינגערוקט די פלאַש אין אַ קופּע שניי און אַליין זיך געלאָזן לויפן צום טויער, אים אויפגעעפנט און, זיך בוקנדיג צו די אָנגעלאָפענע שכנים, געבעטן:

— דעם שייער, שכנים, ראַטעוועט! וועט זיך דער פייער אַריבערוואַרפן צום שייער, וואו די היי ליגט, איז שלעכט. אונזערע וועט אַלץ פאַרברענט ווערן און אייערס וועט זיך אויך אָנכאַפּן. האַקט דעם דאַך און די היי — אין גאָרטן אַריין. גריגאָרי, אַרויף וואַרף, וואָס וואַרפסטו אויף דער ערד! יאַקאָוו, לויף ניט אום, טומל ניט, גיב די שכנים העק און לאָפּעטעס. ליבע שכנים, נעמט זיך ווי געהעריג, גאָט זאָל אייך העלפן.

זי אַליין איז געווען ניט ווייניגער אינטערעסאַנט, ווי די שרפה. באַלויכטן פון פייער, וועלכער פלעגט זיך אַזוי ווי יאָגן נאָך איר, דער שוואַרצער, פלעגט זי אומלויפן איבערן הויף, אומעטום אַכטונג געבן, אַלץ זעהן און אַלץ פאַראָרדענען.

אויפן הויף איז אַרויסגעלאָפן דער פערד שאַראַפּ, אויפשפּרינגענדיג כסדר אויף די הינטערשטע פיס און אַרויפרייסנדיג יעדן

מאָל דעם זיידן, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַרן צוים. דער פייער האָט אים אין זיינע גרויסע אויגן אַ שלאָג געטאָן, זיי האָבן רויט אויפגעבלישטשעט, ער האָט אָנגעהויבן כראַפּען און איינגעשפּאַרט זיך מיט די פאָדערשטע פיס. דער זיידע האָט אַרויסגעלאָזן די צוים פון האַנט, איז אָפּגעפּשרונגען און האָט אויסגעשריען:

— מאַמע, כאַפּ אים!

די באָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער די פיס פון פערד, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים ווי אַ צלם מיט אויסגעשטרעקטע הענט. דער פערד האָט רחמנותדיג אַ הירזשע געטאָן און זיך אַ צי-געטאָן צו איר, קוקנ-דיג קרום אויפן פייער.

— האָב קיין מורא ניט — האָט מיט אַ באַס-שטים געזאָגט די באָבע, געפּאַטשט אים איבערן האַלז און גענומען דעם צוים אין האַנט. — אַפּנים וועל איך דיך דאָ איבערלאָזן אין דעם שרעק? אַך, דו, מייזעלע מיינס.

דאָס מייזעלע, דריי מאָל אַזוי די גרויס ווי די באָבע, איז בכנעדיג נאָכגעגאַנגען נאָך איר צום טויער און געפּירקעט, קוקנ-דיג אויף איר רויטן געזיכט.

די ניאַנקע יעווגעניע האָט אַרויסגעפירט פון שטוב די פאַר-וויקלטע קינדער, וואָס האָבן פאַרשטיקט געוויינט, און אויסגע-שריען:

— וואַסילי וואַסיליטש, ליעקסיי איז ניטאָ!

— גיי, גיי ווייטער! — האָט געענטפערט דער זיידע, מאַכנ-דיג מיטן האַנט, און איך האָב זיך באַהאַלטן אונטער די טרעפּ פון גאַניק, די ניאַנקע זאָל מיך ניט דערזעהן און זאָל מיך ניט אַוועק-פירן, ווי די איבעריגע קינדער.

דער דאַך פון וואַרשטאַט איז שוין איינגעפאַלן. געשטאַרצט האָבן צום הימל די דינע שטאַנגען פון די ריסטאַוואַניעס, גערויכערט זיך פון פייער און געבליצט מיטן גאָלד פון די קוילן. אין גע-ביידע פלעגן זיך, וואָיענדיג און טרעסטשענדיג, אויפרייסן גרינע, בלויע און רויטע שטיקער פייער; גאַנצע גאַרבן פייער פלעגן זיך אַריבערוואַרפן אין הויף, אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומ-

געקליבן אַרום אָט דעם גוואַלדיגן שייטער־הויפן און געוואָרפן אויף אים שנײ מיט לאָפּעטעס. אינעווייניג אין פייער האָבן געקאָכט און געזאָדן די קעסלען מיט אַ גוואַלדיגן כּעס, ווי אַ געדיכטער וואָלקן האָט זיך איבער זײ געהויבן אַ פּאַרע און אַ רויך, מאָדנע כּוחות האָבן זיך געטראָגן איבערן הויף און פלעגן אַרויסדריקן טרערן פון די אויגן.

איך בין אַרויסגעקראָכן פון אונטערן טרעפּ און אָנגעטראָפן זיך דער באָבען אונטער די פיס.

— גײ אַוועק פון דאַנען—האָט זי אַ געשריי געטאָן—מען וועט זיך דאָ דערשטיקן.

אין הויף האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ רייטער אין אַ קופּערנעם היטל מיט אַ קאַם פון אויבן. זיין געלער פערד האָט געשפּייט מיט שוים, און ער אַליין האָט הויך אויפגעהויבן די האַנט מיט אַ קאַנטשיק און געשריען:

— רוקט זיך פונאַנדער!

פריילעך אין גיך האָבן געקלונגען די גלעקלאַך, אַלץ האָט אויסגעזעהן יום־טובדיג שיין. די באָבע האָט מיך אַ שטופּ געטאָן צום גאַניק אַרויף.

— צו דיר רייד איך, צי ניט? גײ אַוועק!

ניט פאָלגן איר אין אַזאַ שעה איז געווען אוממיגליך. איך בין אַוועק אין קיך, האָב זיך צוגעקלעפּט צום שויב פון פענסטער, נאָר די טונקעלע קופּע מענטשן פאַרשטעלן אינגאַנצן דעם פייער און נאָר די קופּערנע היטלען בלישטשען צווישן די ווינטערדיגע שוואַרצע קוטשמעס און קאַרטוזן.

דעם פייער האָט מען גיך צוגעשטיקט צו דער ערד, מען האָט אים פאַרגאָסן און צוטראָטן, די פּאָליציי האָט דעם עולם צוטריבן און אין קיך איז אַריין די באָבע.

— ווער איז דאָס? דו? שלאָפסט ניט, האָסט מורא? האָב קיין מורא ניט, עס האָט זיך שין אַלץ געענדיגט.

זי האָט זיך געזעצט לעבן מיר און איז שאָקלענדיג זיך אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז גוט, וואָס עס האָט זיך צוריקגעקערט

די שטילע נאַכט, נאָר וואָס דער פייער איז שוין ניטאָ, איז געוועזן פאַרדראָסיג.

ס'איז אַריין דער זיידע, האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם שוועל און געפרעגט:

— מאַמע?

— האַ?

— אָפּגעברענט זיך?

— ס'איז גאָרנישט.

ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, באַלייכטנדיג מיט דעם בלויען פייערל זיין קליינעם און פאַרשאַרפטן פּנימל. וואָס איז געווען אויסגעשמירט אין סאַזשע, האָט מיט די אויגן אויסגעזוכט אַ ליכט אויפן טיש און ניט-איילנדיג זיך צוגעזעצט צו דער באָבען.

— וואָלסט זיך איינגעוואַשן — האָט זי געזאָגט צו אים, און איז אַליין אויך געווען איינגאַנצן אין סאַזשע איינגעריכט און דורכגענומען מיטן בייסנדיגן ריח פון רויך. דער זיי ע האָט אָפּגעזיפצט.

— גאָט גיט דיר הצלחה, אַ גרויסן שכל גיט ער דיר אַריין... און האָט איר אַ גלעט געטאָן די פּלייצע און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— אויף אַ קורצער צייט, אויף אַ ווײַלע, אָבער ער גיט דיר שכל.

די באָבע האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, האָט געוועלט עפּעס זאָגן, נאָר דער זיידע האָט זיך פאַרכמורעט:

— גריגאָריען דאַרף מען אַנטזאָגן. דאָס האָט ער זיך ביישט געהיט מיט פייער. ער איז אַלט געוואָרן, אָפּגעאַרבעט. אויפן גאַניק זיצט יאַשע, דער נאַר, און וויינט. וואָלסט צוגעגאַנגען צו אים.

זי איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק. האַלטנדיג די האַנט אַנטקעגן פּנים און בלאָזנדיג אויף די פינגער, און דער זיידע האָט אַ פרעג געטאָן, ניט קוקנדיג אויף מיר:

— דו האָסט די גאַנצע שׂרפה געזעהן, פון אָנהייב אָן? ווי די באָבע האָט דאָס געבעל-הבתעוועט, האַ? אַזאַ זקנה! אַזויפיל מאָל געשלאָגן, געבראָכן געוואָרן... און אָט זעהסטו... עך, אי—ר...

ער האָט זיך איינגעהויקערט און לאַנג געשוויגן, דערנאָך

האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשנייצט די ליכט מיט די פינגער און ווידער געפרעגט:

— האָסט מורא געהאַט?

— ניין!

— און ס'איז טאַקע ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

ער האָט ברוגזדיג אַראָפּגעריסן פון זיך די רובאַכע און איז אַוועק אין ווינקל, צום האַנטפאַס, דאָרטן, אין דער פינסטער, האָט ער אַ טופּ געטאָן מיטן פוס און הויך געזאָגט:

— אַ שרפה איז נאַרישקייט. פאַר אַ שרפה דאַרף מען מיט אַ רוט אויפן מאַרק שמייסן דעם, וואָס האָט אָפּגעברענט. ער איז אַ נאַר, אַניט איז ער אַ שווינדלער. אָט ווי מען דאַרף טאָן, וועט ניט זיין קיין שרפות. גיי שלאָפן, וואָס זיצסטו?

איך בין אַוועק, נאָר שלאָפן אין דער דאָזיגער נאַכט האָב איך ניט געקאָנט. ווי נאָר איך האָב זיך געלייגט אין בעט, בין איך אויפגעשפּרונגען פון עפּעס אוממענשליכע געשרייען. איך האָב זיך ווידער געלאָזן אין קיך אַריין. אינמיטן איז געשטאַנען דער זיידע, אָן אַ רובאַכע, מיט אַ ליכט אין האַנט. די ליכט האָט געציטערט, ער האָט געשאַרט מיט די פיס איבערן דיל, שטייענדיג אויף איין אָרט, און געכריפּעט:

— מאַמע! יאַקאָוו! וואָס איז דאָס אַזוינס!...

איך בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן אויוון און האָב זיך פאַררוקט אין ווינקל אַריין און אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן לויפן און טומל'ען, ווי בעת דער שרפה. כוואַליעסווייז האָט נעקלאַפּט צו דער סטעליע און צו די ווענט אַ ריטמישער האַרצרייסנדיגער געוויש, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. דער זיידע און דער פעטער זיינען אומגעלאָפן ווי משוגעים, די באָבע האָט געשריען און זיי ערגעץ וואוהין געטריבן. גריגאָרי האָט מיט רעש געוואָרפן האָלץ אין אויוון, געגאָסן וואַסער אין די טשוהונעס און אומגעגעקראָכן איבערן קיך, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ, ווי אַן אַסטראַכאַנער קעמל.

— הייץ־אַיין פריער דעם אויוון—האָט געקאָמאַנדעוועט די באָבע.

ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַ קינעלע, האָט אָנגעטאַפּט דערביי מיין פוס און אומרואיג אויסגעשריען:

— ווער איז דאָ? פו, האָסט מיך דערשראָקן. דו ביסט אוימעטום, וואו מען דאַרף דיך ניט.

— וואָס קומט דאָ פאָר?

— די מומע נאַטאַליע גייט צו קינד — האָט ער מיר גלייכגילטיג געענטפערט און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז מיין מאַמע האָט ניט געשריען אַזוי, בשעת זי איז געגאַנגען צו קינד.

אַז ער האָט אַריינגעשטעלט די טשוהונעס אין אויוון, איז ער גריגאָרי אַרויפגעקראָכן צו מיר אויפן אויוון, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ליימענע ליולקע און מיר געוויזן:

— איך הייב אָן צו רויכערן, צוליב די אויגן. די באָבע הייסט שמעקן טאַבאַק, און איך מיין, אַז רויכערן איז בעסער.

ער איז געזעסן אויפן ברעג אויוון, מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס, און געקוקט אַראָפּ אויפן אָרימן פייערל פון ליכט; דער אויער און די באַק זיינען געווען אויסגעשמירט אין סאַזשע, די רובאַכע באַם זייט—צעריסן, און איך האָב געזעהן זיינע ריפּן, ברייטע, ווי רייפן. איין גלעזל פון זיינע ברילן איז געווען צעבראָכן, כמעט אַ העלפט פון אים איז אַרויסגעפאַלן, און דורכן לאָך האָט געקוקט אַ רויט אויג, נאַס, ווי אַ וואונד. ער האָט געשטאָפּט אין ליולקע בלעטער טאַבאַק, זיך צוהערנדיג צו די קרעכצן פון דער געווינערין, און געררעדט אָן אַ צוזאַמענהאַנג, כמעט ווי אַ שיכורער:

— די באָבע האָט זיך דאָך אָפּגעברענט? ווי וועט זי איצט ויין די הויבאַם? הערסט, ווי די מומע קרעכצעט? מען האָט פאַרגעסן אָן איר. אַפּנים, זי האָט זיך נאָך גאָר אין אָנהייב פון דער שריפה זיך אָנגעהויבן קאָרטשן — פון שרעק. אָט זעהסט, ווי ס'איז שווער אַ מענטשן צו האָבן, — און מען האַלט ניט ערליך די ווייבער! געדענק-זשע: ווייבער דאַרף מען ערליך האַלטן, די מאַמעס, הייסט דאָס.

איך האָב איינגעדרעמלט או פלעג זיך אויפכאַפּן פון דער אומלויפעניש, פון דעם קלאַפּן מיט די טירן, פון די שיכורע גע

שרייען פון פעטער מיכאַאיל; משונהדיגע ווערטער פלעגן קריכן אין די אויערן.

— די קייזערליכע טירן*) דאַרף מען עפענען.

— גיט איר לאַמפּאַדנבוימל מיט ראָם און סאַזשע: אַ האַלב גלאָז בוימל, אַ האַלב גלאָז ראָם און אַן עסלעפל סאַזשע.

דער פעטער מיכאַאיל פלעגט צושטיין:

— לאָזט מיך אַריין אַ קוק טאָן!

ער איז געזעסן אויף דער ערד, מיט פונאַנדערגעשטרעקטע פיס, געשפּייט אַנטקעגן זיך און געפּאַטשט מיט די הענט איבערן דיל. אויפן אויוון איז געוואָרן ניט צו דערהאַלטן הייס, איך האָב גענומען אַראָפּקריכן, און אַז מיין פוס האָט דערלאַנגט ביזן פעטער, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן, געגעבן אַ ריס און איך בין געפאַלן מיט דער פּאַטעליניצע אָן דער ערד.

— שוטה! — האָב איך אים געזאָגט.

ער איז אויפגעשפּרונגען, האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט פאַר די פיס און געשריען:

— איך וועל דיך צעשמעטערן אָן אויוון!

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין פּאַראַדנעם צימער, אין ווינקל, אונטער די הייליגע בילדער, באַם זיידן אויפן שויס. ער האָט געקוקט צום סופיט, מיך געוויגט און גערעדט אין דער שטיל:

— און פאַרענטפערן זיך האָבן מיר קיינער ניט מיט וואָס, קיינער ניט.

איבערן קאָפּ האָט העל געברענט די לאַמפּאַדע, אינמיטן צימער, אויפן טיש — דאָס ליכט, און אין פענסטער האָט אַריינגעקוקט דער מיטנער ווינטערדיגער פרימאָרגן.

דער זיידע האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוט דיר וויי?

אַלץ האָט וויי געטאָן. דער קאָפּ איז באַ מיר געווען נאַס, דער קערפּער שווער, נאָר ריידן וועגן דעם האָט זיך ניט געוועלט — אַלץ אַרום איז אַזוי מאָדנע געווען: כמעט אויף אַלע

*) אין קלויסטער, טירלעך פון אן אלטער, ווי בא ײדן, דער ארון-קודש.

שטולן אין צימער זיינען געזעסן פרעמדע מענטשן—אַ פּאָפּ אין לילאָווע קליידער, אַ גרויער אַלטיטשקער אין אַ מיליטערישער פאָרמע און אין ברילן און נאָך אַ סך מענטשן. אַלע זיינען זיי געזעסן אומבאַ-יועגליך, ווי הילצערנע, וואַרטנדיג אויף עפּעס און זיך צוהערנדיג, ווי עס פּליעסטשעט דאָס וואַסער ערגעץ-וואו גאַנץ נאָהענט. באַם קאָסיאַק פון טיר איז געשטאַנען אויסגעצויגן דער פעטער יאַקאָוו, די הענט פאַרלייגט אויף הינטער. דער זיידע האָט געזאָגט צו עים:

— אַ, נו, פיר אים אַוועק שלאָפן.

דער פעטער האָט מיך אַ ריוף געטאָן מיטן פינגער און איז אַוועק אויף די שפּיץ פינגער אין דער באָבעס צימער אַריין, און אַז איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן בעט, האָט ער מיר איינגערוימט אַ סוד:

— געשטאָרבן די מומע נאַטאַליע.

דאָס האָט מיך ניט פאַרוואונדערט. זי האָט שוין לאַנג גע-לעבט צווישן אונז אַן אומגעזעהענע, פלעגט ניט אַרויסגיין ניט אין קיך, ניט צום טיש.

— און וואו איז די באָבע?

— דאָרטן — האָט געענטפערט דער פעטער און אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און איז אַרויס ווידער אויף די שפּיץ-פינגער פון די באָרוועסע פיס.

איך בין געלעגן אין בעט און זיך אַרומגעקוקט. אין די שויבן פון די פענסטער זיינען געשטאַנען עפּעס האָריגע, גרויע, בלינדע פּנימער. אין ווינקל, איבערן קאַסטן, הענגען דער באָבעס קליידער — דאָס ווייס איך, נאָר איצט דוכט זיך מיר, אַז דאָרטן האָט זיך עמיצער אַ לעבעדיגער באַהאַלטן און לויערט. איך האָב אונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטערן קישן און מיט איין אויג געקוקט אויפן טיר. עס האָט זיך געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון פערינע און אַנטלויפן. עס איז געווען הייס. אַ געדיכטער אַ שווערער ריח האָט געשטיקט דעם אָטעם, פּונקט אַזוי, ווי בשעת ס'האָט געגוססט ציי-גיינערל און איבערן דיל זיינען געגאַנגען טייכלאַך בלוט. אין קאָפּ אָדער אין האַרצן איז געוואַקסן עפּעס אַ געשווילאַכץ. אַלץ,

וואָס איך האָב געזעהן אין הויז, האָט זיך געצויגן דורך מיר, ווי אַ ריי פורן ווינטער־צייט איבערן גאַס, און געדריקט און פאַרניכט.

די טיר האָט זיך פאַמעליך אויפגעעפנט, אין צימער האָט אַריינגעפּויזעט די באָבע; צוגעמאַכט די טיר מיטן פּלייצע, זיך מיטן רוקן צוגעשפּאַרט צו איר, אויסגעצויגן די הענט צום בלויען פייערל פון נר־תמיד און שטיל, ווי אַ קינד באַקלאָגט זיך:

— מיינע הענטעלאַך, מיינע הענטעלאַך טוען ווי...

V.

פרילינגס־צייט האָבן זיך די פעטערס צעטיילט. יאַקאָוו איז געבליבן אין שטאָט, מיכאאיל האָט זיך באַזעצט הינטערן טייך און דער זיידע האָט זיך געקויפט אַ גרויס הכנסהדיג הויז אויף דער פּאָלעוואַיאַ־גאַס, מיט אַ שיינק אין ערשטן שטאָק, מיט אַ קליינעם, היימליכן צימער אויפן בוידים און מיט אַ סאָד, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ, מיט ביז די געדיכט אָנגעשפּיזטע דינע ריטלאַך פון די ערבות, וואָס זיינען געוואַקסן אונטן.

— וויפל ריטער דאָ איז דאָ! — האָט דער זיידע געזאָגט און פריילעך אונטערגעוואונקען צו מיר, בעת ער האָט באַקוקט דעם סאָד און איך בין געגאַנגען מיט אים איבער די ווייכע, אָפּגעגאַנגענע וועגעלאַך. — איך וועל דיך באַלד אָנהייבן לערנען אַלף־בית. וועט דאָס צוניץ קומען.

דאָס גאַנץ הויז איז געדיכט געווען געפּאַקט מיט איינוואוינער, און נאָר אין אויבערשטן שטאָק האָט דער זיידע פאַר זיך און פאַר געסט איבערגעלאָזן אַ גרויס צימער, און די באָבע האָט זיך באַזעצט מיט מיר אין צימערל, וואָס אויפן בוידים. דאָס פענסטער פון צימערל איז געווען צום גאַס, און, זיך איבערבויגנדיג איבערן פענסטער, פלעגט מען קאָנען זעהן, ווי אין אָוונט און אין יום־טובדיגע טעג קריכן אַרויס שיכּורע פון שיינק, האַלטן זיך קוים אויף די פיס, שרייען, גייענדיג איבערן גאַס, און פאַלן. אַמאָל פלעגט מען זיי אַרויסוואַרפן אויפן גאַס, ווי זעק, און זיי פלעגן זיך ווידער

שפּאַרן אין טיר פון שיינק. די טיר פלעגט קלאַפּן און בראַזגען, דער בלאָק-שנור פלעגט גרילצן און עס פלעגט זיך אָנהייבן אַ געשלעג—צו קוקן אויף דעם אַלעמען פון דער הויף פלעגט זיין זעער אינטערעסאַנט. דער זיידע פלעגט אַלע אינדערפרי אַוועקפאָרן צו די זין אין די וואַרשטאַטן, העלפן זיי איינאָרדענען זיך. צוריק פלעגט ער קומען אין אָוונט מיד, דערשלאָגן און אין כעס.

די באָבע פלעגט קאָכן און נייען, אַרבעטן אין גאָרטן און אין סאָד, זיך אַרומדרייען אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ ריזיגער גאָר, געטריבן פון אַ ניט-געזעהענער בייטש, שמעקן טאַבאַק, ניסן געשמאַק און ריידן, ווישנדיג דעם פאַרשוויצטן פּנים:

— גוט מאָרגן, ערליכע לייט, אייביג זאָלט איר לעבן! אָט האָבן מיר, אַליאָשאַ, האַרצעניו, אַ שטיל לעבן געמאַכט. אַדאַנק דיר דערפאַר, מאַמע אין הימל, ווי גוט עס איז געוואָרן!

און מיר פלעגט זיך גאָרניט דאַכטן, אַז מיר לעבן שטיל. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט פלעגן רעשדיג אומלויפן די קוואַרטיראַנטינס איבערן הויף, און אין הויז פלעגן אַלע ווײַלע קומען שכנות צו אונז, אַלע פלעגן זיך אַלץ איילן און אַלץ פאַרשפּעטיגן און אָכצן דערביי, אַלע פלעגן זיך אַלץ גרייטן צו עפּעס און רופן דער באָבען:

— אַקולינאַ איוואַנאָוונאַ!

זי פלעגט פאַר יעדערן האָבן דעם זעלביגן שמייכל, צו אַלעמען פלעגט זי זיין ווייך-אויפמערקזאַם; מיטן אגודל פלעגט זי אָנשטאָפּן די נעזליכער מיט שמעק-טאַבאַק, אָפּווישן ווי געהעריג דעם נאָז און דעם פינגער מיט אַ רויטן קעסטלדיגן טיכל און זאָגן:

— עס זאָל קיין לייז ניט זיין, ליבע מיינע, דאַרף מען עפּטער גיין אין באָד אַריין און אין פּאַרע פון מיאַטע זיך פּאַרען; און אויב די לויז איז אַ לייביגע, זאָלט איר נעמען געזנשמאַלץ דעם ריינסטן סאָרט אַן עסלעפל, אַ טיילעפל סולעמאַ, דריי שווערע טראָפּנס קוועקזילבער, אַלץ צערייבן זיבן מאָל אויף אַ טעצל מיט אַ פאָרצעלייענעם שערבל און זיך אָנשמירן דערמיט. וועט איר דאָס רייבן מיט אַ הילצערנע לעפל צי מיט אַ ביין, וועט דאָ די קוועקזילבער אומקומען. ווידער אַמאָל, קופּער און זילבער טויג אויך ניט—ס'קאָן שאַטן.

אַמאָל פלעגט זי זיך פאַרטראַכטערהייט אַזוי זאָגן:

— איר, ליבע מיינע, גייט צו די קלייסטער-היילן צום מאַנגאַך אָסף — איך קאָן אייך ניט ענטפערן.

זי איז געווען אי אַ הויבאַס, אי אַ בוררטע באַ פאַמיליען-קריגערייען און מחלוקתן, פלעגט היילן קינדער, האָט געקאַנט אויף אויסווייניג דעם „חלום פון דער גאָטס-מוטער" און געלערנט דאָס מיט די ווייבער ווי אַ סגולה צו הצלחה, און פלעגט געבן עצהס אין בעל-הבתישקייט:

— דער אוגעריק וועט שוין אַליין זאָגן, ווען מען זאָל אים זייערן. האָט ער אויפגעהערט צו שמעקן מיט ערד און מיט אַנדערע פרעמדע ריחות,— נעם אים.—דעם קוואַס דאַרף מען אָפּטאָן אַ שפּיצל ער זאָל שטאַרקער ווערן, זאָל אויפשוימען. קוואַס האָט פיינט זיסע זאַכן, טאָ גיט אים אויף צו-להכעיס אַ ראָזינקע, אַפילו צוקער אַ ביסל שיט אים אַריין, אַ זאָלאָטניק אויף אַן עמער... געקאָכטע מילך פאַרזייערט מען אויף פאַרשיידענע אופנים — אויפן שפּאַנישען אָדער אויפן קאַווקאַזער שטייגער, אָדער ווי מען מאַכט דאָס אויפן דוניי...

אַ גאַנצן טאָג פלעג איך זיך אַרומדרייען אַרום איר אין סאָד, אויפן הויף, פלעג גיין מיט איר צו די שכנים, וואו זי פלעגט שעהן-לאַנג טרינקען טיי און אָן אַן אויפהער דערציילן פאַרשיידענע געשיכטעס. איך בין אַזוי ווי צוגעוואַקסן צו איר, און איך געדענק ניט, אַז איך זאָל אין דעם דאָזיגן פעריאָד פון מיין לעבן האָבן נאָך עפּעס געזעהן, אַחוץ אָט דער אימפּעטיגער, אומדערמידליך גוטער אַלטינקער.

אָפּטמאָל פלעגט זיך פון ערגעץ-וואו אויף אַ קורצער צייט באַווייזן די מאַמע. שטאָלץ און שטרענג פלעגט זי קוקן אויף אַלץ מיט קאַלטע גרויע אויגן, ווי די ווינטערדיגע זון, און פלעגט גיך פאַרשווינדן, ניט איבערלאָזנדיג אין מיר קיין שום זכרונות וועגן זיך.

אַמאָל האָב איך געפרעגט דער באָבען:

— ביסט אַ כישוף-מאַכערן?

— נאָך וואָס ווערסטו אויסטראַכטן — האָט זי געשמייכלט, און תיכף פאַרטראַכט צוגעגעבן:—ווי קומט דאָס צו מיר? כישוף איז אַ שווערער לימוד, און איך קאָן אַפילו ניט לייענען. דער

ע — אָט ער איז אַ וואוילקענעווודיגער, אָבער מיך האָט גאָטס־מוטער ניט קלוג געמאַכט.

און זי האָט געעפנט פאַר מיר נאָך אַ שטיק פון איר לעבן:

— איך בין דאָך אויך געוואַקסן אַ יתומה. מיין מאַמע האָט קיין היים ניט געהאַט און איז געווען אַ קאַליקע. נאָך מיידלווייז האָט איר דער פריץ אָנגעשראָקן. זי איז באַנאַכט פון שרעק דורכן פענסטער אַרויסגעשפרונגען. האָט זי זיך צעבראָכן די ביינער, געשעדיגט דעם אַקסל און פון יענער צייט אָן איז באַ איר די ר׳עכטע האַנט, די נויטיגסטע, אָפּגעדאַרט געוואָרן. און געווען איז זי, די מאַמע, אַ גוואַלדיגע האַפטערקע. איצט אָבער דאַרפן זיי ז׳ מער ניט האָבן, די פריצים, האָבן זיי זי באַפרייט: לעב, הייסט דאָס, ווי דיין האַרץ גלוסט. ווי לעבט מען אָבער אָן אַ האַנט? אָט אַזוי איז זי אַוועק איבער די הייזער, באַ מענטשן נדבות בעטן, און אין יענער צייט האָבן מענטשן רייכער געלעבט און בעסער געווען — די באַרימטע טשעסלער און האַפטערקעס פון באַלאַכני־אייגער אין איינעם, אויסגעצייכנטע מענטשן. גייען מיר מיט איר׳ מיט דער מאַמען, ווינטער און האַרבסט איבערן שטאָט, און אַז גבריאל המלאך גיט מיטן שווערד אַ פאָך, פאַרטרייבט דעם ווינ־טער און דער פרילינג נעמט די ערד אַרום, לאָזן מיר זיך אַוועק מיט איר אין דער ווייט, וואוהין די אויגן פירן. פלעגן מיר זיין אַזוי אין מוראָם און אין יוריעוועץ, אַרויף איבער דער וואָלגע פלעגן מיר גיין און איבער דער שטילער אָקע. פרילינג און זומער איז וואויל איבער דער וועלט צו גיין: די ערד איז ליבליך, די גראָז -— ווי סאַמעט. די הייליגע גאָטס־מוטער האָט אויסגעשאָטן די פעלדער מיט בלומען — איז אומעטום פרייד, אומעטום דעם האַרצן ברייט. און די מאַמע מיינע פלעגט פאַרמאַכן אירע בלויע אויגן און אָנהייבן זינגען — אַ שטים האָט זי געהאַט ניט קיין שטאַרקע, אָבער אַ קלינגעדיגע — און אויף אַזאַ הייך דעם ניגון אַרויסברענגען, אַז אַלץ אַרום פלעגט ווי אַיינדרעמלען, ניט רירן זיך און זיך צוהערן. ס׳איז גוט געווען צו לעבן פון גאָטס חסד און מענטשליכער גאָב. און אַז איך בין אַלט געוואָרן ניין יאָר, האָט שוין דער מאַמען ניט געפּאַסט צו גיין מיט מיר איבער די הייזער,

זי האָט זיך געשעמט, און איז געבליבן זיצן אין באַלאַכני. שלעפּט זי זיך אום פון שטוב צו שטוב און אין יום־טובדיגע טעג בעט זי נדבות באַ די קלויסטערס. און איך זיץ אין שטוב און לערן זיך האַפטן. איך לערן זיך אַיילנדיג, איך וויל וואָס גיכער דער מאַמען קאָנען באַהילפיג זיין און אַז עס טרעפט, עס גיט זיך מיר עפּעס ניט אַיין, — וויין איך. צייט צוויי יאָר מיט עפּעס האָב איך זיך די מלאכה אויסגעלערנט און האָב אַפילו אַ שם באַקומען: ווי נאָר עמיצער דאַרף האָבן אַ גוטע אַרבעט, גייט מען צו אונז: אַ, נו, אַקוליע, וויַיז וואָס דו קענסט. בין איך צופרידן, ס׳איז יום־טוב באַ מיר. פאַרשטייט זיך, ניט מיין בריהשקייט, נאָר דער מאַמעס אָנווייז. אַליין אַרבעטן האָט זי קיין האנט ניט, אָבער וויַיזן האָט זי גוט געקאָנט. און איין גוטער אָנווייזער איז בעסער פאַר צען אַרבעטער. בין איך גרויס געוואָרן באַ זיך. זאָג איך צו דער מאַמען: הער אויף, מאַמע, צו גיין איבער דער וועלט, איך וועל אַליין פאַרדינען סיי פאַר זיך, סיי פאַר דיר. און זי ענטפערט מיר: דו שווייג און יוצא; דאָס קלייב איך נדן פאַר דיר. אינגיכן האָט זיך דער זיידע אונטערגערוקט, אַ לייטישער בחור, צוויי־און־צוואַנציג יאָר און שוין אַ וואַסערגיסער אויף אַ באַרזשע. זיין מאַמע האָט זיך צוגעקוקט צו מיר, זעהט זי, איך בין אַן אַרבעטערקע, אַ טאָכטער פון אַן אָריממענטש, הייסט דאָס, איך וועל ניט פאַררייסן דעם נאָז... און געוועזן איז זי אַ בעקערקע און אַ מרשעת, זאָל איר צו קיין גנאי ניט זיין... עך—מאַ! וואָס דאַרפן מיר בייזע לייט דערמאָנען. גאָט אַליין זעהט זיי און אונז אויך. ער זעהט זיי און טייוואָלים ליבן זיי.

און זי צעלאַכט זיך מיט אַ האַרציגן געלעכטער, איר נאָז ציטערט מאָדנע לעכערליך און די פאַרטראַכטע אויגן בלישטשען און גלעטן מיך און דערציילן מיר וועגן אַלץ אַ סך פאַרשטענדליכער, ווי די ווערטער.

* * *

איך געדענק, עס איז געווען אַ שטילער אָוונט. איך און די באָבע האָבן געטרונקען טיי באַם זיידן אין צימער. ער איז גע-

וועןׂ ניט געזונט, איז געזעסן אין בעט אָן אַ רובאַכע, די אַקסלען פֿאַרדעקט מיט אַ האַנטוך, געאָטעמט אָפּט און הייזעריג, אַלע מינוט אָפּווישנדיג דעם געדיכטן שווייס. זיינע גרינע אויגן זיינען מוטנע געוואָרן, זיין געזיכט פֿאַרשוואָלן און טונקל־רויט, דערהויפּט רויט זיינען געווען זיינע קליינינקע שאַרפֿע אויערן. אַז ער פֿלעגט אויסשטרעקן זיין האַנט נאָכן גלאָז טיי, פֿלעגט זי זיך רחמנותדיג טרייסלען. געווען איז ער אין דעם אָוונט נכנעדיג און ניט ענליך אויף זיך.

— פֿאַרוואָס גיסטו מיר ניט קיין צוקער — האָט ער מיט אַ קאַפּריזנעם טאָן פֿון אַ צעפּיעשטשעטן קינד געפֿרעגט דער באָבען. זי האָט געענטפֿערט ליבליך, נאָר פֿעסט.

— טרינק מיט האָניג. דאָס איז פֿאַר דיר בעסער.

ער האָט האַסטיג געטרונקען דעם הייסן טיי, ווערגנדיג זיך און קרעכצנדיג, און גערעדט:

— דו זעה נאָר, איך זאָל חס־ושלום ניט שטאַרבן.

— האָב קיין מורא ניט, איך וועל שוין זעהן.

— נו, נו... וואָרים איצט שטאַרבן איז אַזוי ווי איך וואָלט נאָך גאָר ניט געלעבט. אַלץ וועט חרוב ווערן.

— דו רייד ניט. ליג אין דער שטיל.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, פֿאַרמאַכט די אויגן, און געשמאַקעט מיט די שוואַרצע ליפּן, און מיט אַ־מאָל, פּונקט ווי מען וואָלט אים איינגעשטאָכן, האָט ער זיך אויפֿגעצאַפּעלט און אָנגעהויבן טראַכטן אין דער הייך.

— יאַשקען מיט מישקען דאַרף מען וואָס גיכער חתונה מאַכן. אפשר וועלן זיי די ווייבער און נייע קינדער ווי עס איז איינהאַלטן, האַ?

און האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, וואו עס איז דאָ אין שטאָט פּאַסיגע כלות. די באָבע האָט געשוויגן און געטרונקען איין גלאָז טיי נאָך דאָס אַנדערע. איך בין געזעסן באַם פֿענסטער און געקוקט, ווי עס רויטלט זיך איבערן שטאָט דער אָוונטשיין און עס גליען די שויבן אין די פֿענסטער פֿון די הייזער — פֿאַר

עפּעס אַ חטא האָט מיר דער זיידע פֿאַרבאָטן צו גיין אויפֿן הויף און אין סאָד אַריין.

אין סאָד, אַרום די בעריאָזעס זיינען אומגעפֿלויגן הודזענדיג זשוקעס, אַ באָנדער האָט געאַרבעט אין שכנותדיגן הויף, ערגעץ גאָהענט האָט מען מעסערס געשאַרפֿט, אין טאָל אונטערן באַרג האָבן רוישיג קינדער געשטיפֿט, אומקריכנדיג צווישן די געדיכטע קוסטעס. עס האָט זיך זעער געוואָלט אין דרויסן, דער אָוונט-טרויער האָט זיך געגאָסן אין האַרצן אַריין.

מיט אַמאָל האָט דער זיידע אַרויסגענומען אַ שפּאָגל-נייעם ביכל, מיט אים אַ פּאַטש געטאָן איבער דער דלאָניע און מיר מונטער אַ רוף געטאָן:

— אַ, נו, דו, פּערמער, געזאַלצענע אויערן, קום נאָר אַהער, קאַלמיצקער פּנים. זעהסט דאָס פֿיגורל? דאָס איז „אַז“. זאָג נאָך: אַ ז, ב ו ק י, ו ו י ע ד י. וואָס איז דאָס?

— בוקי.

— געטראָפֿן. און דאָס?

— וויעדי.

— שקר! דאָס איז „אַז“. זעה נאָר: ג ל אַ ג אָ ל, ד אָ ב ר אָ, י ע ס ט... וואָס איז דאָס?

— דאָברא.

— ריכטיג. און דאָס?

— גלאַגאָל.

— ריכטיג. און דאָס?

— אַז!

האָט זיך אַריינגעמישט די באָבע:

— וואָלסט בעסער, טאַטע, געלעגן רואיג.

— וואַרט נאָר, שווייג. דאָס איז גוט פֿאַר מיר, ווען ניט קאָן איך פֿון די רעיונות ניט אויסהאַלטן. טו אין עסק, ליעקסיי.

ער האָט מיך אַרומגענומען פֿאַרן האַלז מיט זיין הייסער און פֿייכטער האַנט און פֿון הינטער דער פּלייצע האָט ער געטייטלט מיטן פֿינגער אין די בוכשטאַבן, האַלטנדיג דעם בוך אַנטקעגן מיין נאָז. פֿון אים האָט הייס געשמעקט מיט עסיג, מיט שוויס

און מיט געבאַקטע ציבעלע, איך בין שיר ניט דערשטיקט געוואָרן פון דעם ריח, און ער פּלעגט זיך קאָכן, כריפּען און שרייען מיר אין אויער אַריין:

— זעמליאַ! ליודי!

די ווערטער זיינען געווען באַקאַנט, נאָר די סלאַווישע אותיות האָבן גאָרניט געפּאַסט צו זיי. „זעמליאַ"—די ערד—איז געווען ענ־ליך אויף אַ ווערימל, „גלאַגאָל" — אויף דעם הויקערדיגן גריגאָרי, „יאַ" — אויף דער באָבען מיט מיר, און דער זיידע האָט געהאַט עפּעס אַן ענליכקייט אויף אַלע אותיות פון אַלף-בית. ער האָט מיך לאַנג אומגעטריבן איבערן אַלפאַבעט, אויסגעפרעגט אַלע אותיות כסדר און איבערהיפּנדיג, איך האָב זיך אָנגענומען מיט זיין התמדה, זיך אויך פאַרשוויצט און געשריען מיט גאָר די כוחות. דאָס פּלעגט אים מאַכן לאַכנדיג. כאַפּנדיג זיך פאַרן ברוסט, הוסטנדיג, האָט ער געריבן דעם בוך און געכריפּעט:

— מאַמע, דו זעה נאָר, ווי ער האָט זיך אויפגעשרויפט! אַך, דו אַסטראַכאַנער קדחת, וואָס שרייסטו אַזוי?

— דאָס שרייט איר!

עס איז פרייליך געווען צו קוקן אויף אים און אויף דער באָבען. זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די איילנבויגנס אָן טיש און מיטן פויסט אין די באַקן, געקוקט אויף אונז און שטיל גע־לאַכט.

— הערט אויף צו רייסן זיך די העלזער!

דער זיידע האָט מיר פריינדליך דערקלערט:

— איך שריי, ווייל איך בין ניט געזונט, אָבער דו—צו וואָס?

און גערעדט צו דער באָבען, טרייסלענדיג דעם נאַסן קאָפּ:

— נאַטאַליע האָט ניט ריכטיג באַנומען, אַז בא אים איז אַ שלעכטער זכרון. אַ זכרון האָט ער, אַדאַנק גאָט, אַ פערדישן. נו, רייד ווייטער, דו קורצנעזיגער!

ענדליך האָט ער ניט ווילנדיג מיך אַראָפּגעשטופּט פון בעט:

— ס'וועט זיין גענוג: דעם ביכל באַהאַלט. מאָרגן וועסטו מיר דעם גאַנצן אַלף-בית אָפּזאָגן אָן איין גרייז און דערפאַר וועל איך דיר געבן אַ צענער.

אַז איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן ביכל, האָט ער מיך ווידער צוגעצויגן צו זיך און געזאָגט אומעטיג:

— פאַרלאָזן דיך די מאַמע אַליין אויף דער וועלט, ברודער די באָבע האָט זיך אויפגעצאַפּלט:

— איי, טאַטע, צו וואָס דאַרפסטו ריידן אַזוינע ריידי

— איך וואָלט ניט גערעדט — די צרות ברענגען מיך דערצו, ער, ס'איז אַ מויד עס האָט זיך פאַרבלאָנדזיעט!

ער האָט מיך מיט אַמאָל אָפּגעשטופּט פון זיך:

— גיי, שטיף. אויפן גאַס — וואָג ניט, נאָר אין הויף און אין סאָד מעגסטו.

איך האָב טאַקע נאָר אין סאָד באַדאַרפט. ווי איך פלעג זיך דאָרטן, אויפן בערגל, באַווייזן, פלעגן די יינגלאַך פון טאָל אונטער באַרג אָנהויבן וואַרפן מיט שטיינער אויף מיר און איך פלעג זיי מיט פאַרגעניגן ענטפערן.

— די אילה איז געקומען! — פלעגן זיי שרייען, דערזעהענדיג מיך פון דערווייטנס, און פלעגן זיך איילנדיג באַוואָפענען. — שלאָגט אים!

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס „אילה" און דאָס צונעמעניש פלעגט מיך ניט באַליידיגן, נאָר עס פלעגט זיין אָנגענעם, זיך צו שטעלן אייגער קעגן אַ גאַנצער מחנה, עס פלעגט זיין אָנגענעם צו זעהן, ווי מיינער אַ גוט-געוואָרפענער שטיין פאַרטרייבט דעם שונא און נויט אים צו באַהאַלטן זיך אין די קוסטעס. פירן פלעגן מיר אָט די מלחמות אָן כעס און זיי פלעגן זיך שטענדיג ענדיגן אָן שאָדן.

די לימודים פלעג איך לייכט בייקומען, דער זיידע פלעגט אויף מיר אַלץ מער אַכטונג געבן און פלעגט מיך שמייסן אַלץ זעלטענער, הגם, ווי ווייט איך פלעג פאַרשטיין, פלעגט מיר קומען שמייסן עפּטער ווי פריער: איך בין געוואָרן עלטער און פליגקער און פלעג עפּטער עובר זיין אויף דעם זיידנס כללים און פאַרבאָטן, נאָר ער פלעגט מיך נאָר זידלען און וואַרפן זיך אויף מיר.

איך האָב אָנגעהויבן מיינען, אַז פריער, קאָן זיין, פלעגט ער

מיך שלאָגן גאָר אומזיסט און איך האָב דאָס אים אַמאָל געזאָגט.

מיט אַ לייכטן שטופּ אין געמבל האָט ער מיר עטוואָס פאַר־וואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטער און, פינטלענדיג מיט די אויגן, לאַנג אויסגעצויגן:

— וואָ—אָס?

און זיך דראָבנע צעלאַכט.

— אַך דו, אַפּיקורס איינער, ווי אַזוי קאָנסטו דאָס וויסן, וויפל מען דאַרף דיך שמייסן? ווער קאָן דאָס וויסן אַחוץ מיר. נו, אַוועק פון דאַנען, גיי!

נאָך תיכף האָט ער מיך געכאַפּט פאַרן אַקסל, מיר ווידער אַריינגעקוקט אין די אויגן און געפרעגט:

— דו ביסט כיטרע צי ניט, האַ?

— איך ווייס ניט.

— דו ווייסט ניט? וועל איך דיר זאָגן: זיי בעסער כיטרע, פראָסטהאַרציגקייט איז דאָס אייגענע, וואָס טיפשות, פאַרשטייסט. אַ לעמעלע איז פראָסטהאַרציג. געדענק זשע. נו, גיי שטיפן.

* * *

אינגיכן האָב איך שוין געקענט לייענען תהלים. געוויינט־ליך פלעגן מיר זיך דערמיט עוסק זיין נאָכן אָוונטיגן טיי און יעדן מאָל פלעג איך דאַרפן דורכלייענען אַ קאַפּיטל.

לייענען פלעג איך לאַנגזאַם, אָנרופנדיג יעדן אות מיטן נאָ־מען און דערנאָך צונויפלייגן דעם גאַנצן וואָרט. מיר פלעגט זיין לאַנגווייליג, און איך פלעג פרעגן:

— „אַז וואויל איז דעם מענטשן"—דאָס איז פעטער יאַקאָוו?

— אָט וועל איך דיר געבן אַ טראַסק אין פּאַטילניצע, וועסטו וויסן, ווער איז „אַז וואויל איז דעם מענטשן" — פלעגט מיט כעס אָפּענטפערן דער זיידע, נאָר איך האָב געפילט, אַז דאָס כעסט ער נאָר על־פּי הרגל, ווייל עס פּאַסט אַזוי.

איך פלעג קיין טעות ניט האָבן. אין אַ מינוט אַרום פלעגט שוין דער זיידע אינגאַנצן, קענטיג, פאַרגעסנדיג אָן מיר, בורטשען:

— יאָ, מיט זיין געזאַנג און לידער איז ער דוד המלך, מיט

זיינע מעשים, אָבער — דער שלאַנג אבשלום. אַ לידלמאַכער, אַ בדחן, אַזאַ מענה-לשון... עך, אי—יר... ווי אין פסוק שטייט: „געשפרונגען, שטיפנדיג מיט די פריילעכע פיס", אָבער צי וועסטו ווייט ערגעץ דערשפרינגען? —

איך האָב אויפגעהערט צו לייענען און זיך צוגעהערט, קוקנ־דיג אויף זיין כמורן, פאַרזאָרגטן פּנים. זיינע צוגעזשמורעטע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ וואוהין איבער מיר; אַ טרויעריג און וואַרים געפיל האָט זיך געלויכטן אין זיי און איך האָב שוין געוואוסט, אַז דאָס צעשמעלצט אין אים זיין געוויינטליכע האַרטקייט. ער האָט געפּייקלט מיט די פינגער איבערן טיש, די געפּאַרבטע נעגל האָבן געבלישטשעט, די גאָלדענע ברעמען האָבן זיך באַוועגט.

— זיידע?

— האַ?

— דערציילט עפּעס.

— דו לייען בעסער, פוילער פויער! האָט ער אָפּגעענטפערט בורטשענדיג, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און אויסגעריבן מיט די פינגער די אויגן. — מעשהלאַך האָסטו ליב און תהלים — ניט.

נאָר איך האָב חושד געווען, אַז ער אַליין האָט אויך ליבער מעשהלאַך, ווי תהלים. ער האָט אים כמעט אינגאַנצן געקענט אויף אויסווייניג, יעדער אָוונט פאַרן שלאָף פלעגט ער אָפּזאָגן אַ גאַנצן קאַפּיטל, מקיים-זייענדיג אַ נדר.

איך האָב אים שטאַרק געבעטן, און דער אַלטער איז ביס־לעכווייז געוואָרן ווייכער און מיר נאָכגעגעבן.

— נו, געפּועלט. דעם תהלים וועסטו שטענדיג האָבן, אָבער איך גיי דאָך באַלד שטעלן זיך פאַר גאָטס משפט...

ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן צום מיט וואָל אויסגענייטן אָנלעהן פון אַלטמאָדישן פאָטעל, זיך טיפער אין אים איינגענורעט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן און קוקנדיג צום סופיט אַרויף האָט ער אָנגעהייבן שטיל און פאַרטראַכט דערציילן וועגן אַמאָל, וועגן זיין טאַטן. אַמאָל זיינען געקומען רויבער קיין באַלאַכני און באַפאַלן דעם סוחר זאַיעוו, האָט זיך דעם זיידנס פאָטער אַ לאָז-געטאָן צום

קלויסטער, צום גלאָקטורעם און אָנגעהויבן קלינגען אין די גלעקער, האָבן אים די רויבער נעכאַפּט, געמזיקט מיט זייערע סאַבליעס און אַראָפּגעוואָרפן פון אונטער די גלאָקן אויף דער ערד אַראָפּ.

איך בין אין יענער צייט גאָר אַ קליין-ייִנגל געווען, האָב דאָס ניט געזעהן און געדענק ניט. איך הייב אָן זיך צו געדענקען פון דעם פראַנצויז אָן, אין צוועלפטן יאָר; מיר איז טאַקע דעמאָלט פונקט צוועלף יאָר געוואָרן. האָט מען געבראַכט צו טרייבן צו אונז אין באַלאכני אַ מאַן דרייסיג געפאַנגענע. דאַר און קליינגע-וויקסיג זיינען זיי געווען, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, ערגער פון בעטלער, טרייסלען זיך פון קעלט, און פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן שיין אָפּגעפרוירענע גלידער, קאָנען אויף די פיס ניט שטיין. אונ-זערע פויערים האָבן לכתחילה געוועלט תיכף מאכן אַ סוף פון זיי, נאָר די וואַך האָט ניט דערלאָזן, די סאָלדאַטן פון גאַרניזאָן האָבן זיך איינגעשטעלט און צעטריבן די פויערים. און דערנאָך — נישקשה, אַלע האָבן זיך צו זיי צוגעוויינט. די פראַנצויזן זיינען פלינקע און קלוגע לייט, און גאַנץ פריילעכע אַפילו — זיי פלעגן זינגען שיינע לידער. פון ניזשני אַפילו פלעגן קומען רייכע לייט צו פאָרן אָנקוקן די געפאַנגענע. אייניגע פון זיי פלעגן זידלען זיי, די פראַנצויזן, פאַרמעסטן זיך אויף זיי מיט די קולאַקעס און זיי שלאָגן אַפילו; אַנדערע, פאַרקערט, פלעגן ריידן מיט זיי ליבליך אויף זייער לשון, געבן זיי געלט און אַלערליי בגדים וואַרימע. און איינער אַן אַלטיטשקער פריץ האָט מיטן האַנט פאַרשטעלט דעם פנים און זיך פונאַנדערגעוויינט: אומגליקליך, טענהט ער, האָט דער מערדער נאַפּאָלעאָן געמאַכט דעם פראַנצויז. זעהסטו: אַ רוס און אַ פריץ — און אַ גוטהאַרציגער: אויף אַ פרעמד פאָלק רחמנות געקראָגן.

ער שווייגט אַ ווילע מיט פאַרמאַכטע אויגן און גלעט די האָר מיט דער דלאָנע, דערנאָך דערציילט ער ווייטער, וועקנדיג פאָרזיכטיג די פאַרגאַנגענהייט:

ס'איז ווינטער, אַ זאַווערוכע טראָגט זיך איבערן גאַס, דער פראָסט פרעסט די הייזער צונויף און זיי, די פראַנצויזן, לויפן צו אונז אונטערן פענסטער, צו דער מאַמען — זי איז אַ בעקערקע גע-

װען — קלאַפּן אין די שױבן, שרײען, שפּרינגען און בעטן הײסע קױלעטשן. אין שטוב אַרײן לאָזט זײ ניט די מאַמע, נאָר דורכן פֿענסטער גיט זי צו זײ אַ רוק אַ קױלעטש, אַ זודיקן, אָקאָרשט פֿון פֿײער, און דער פּראַנצװיז כאַפּט אים און פֿאַררוקט אים תּיכּף אין בוזים אַרײן, צום הױלן לײב, צום האַרצן: ס'איז ניט צו פֿאַרשטײן, װי זײ האָבן דאָס פֿאַרטראָגן! אַ סך זײנען פֿון קעלט אױסגעשטאָרבן. זײ זײנען פֿון װאַרימע לענדער, צו קעלט ניט צוגעװײנט. בײַ אונז אין גאָרטן, אין באָד, האָבן צװײ פּראַנצױזן געװײנט, אַן אָפֿיציר און זײַנער אַ דינער — מיראָן. דער אָפֿיציר איז געװען אַ הױכער, אַ דאַרער, הױט און בײנער. געטראָגן האָט ער אַ װײבערשן סאַלאָפּ, איז ער אים געװען ביז די קני. ער איז געװען זעער אַ ליבליכער און אַ שיכּור. מײַן מאַמע פֿלעגט באַהאַלטענערהײט מאַכן ביר און פֿאַרקױפֿן, פֿלעגט ער קױפֿן עטליכע פֿלאַשן, זיך אָנשכּורן און זינגען לידער. ער האָט זיך אױסגעלערנט אַ ביסל אונזער לשון און פֿלעגט פּלאַפּלען: אײער לאַנד ניט װײס, ער — שװאַרץ, שלעכט. רײדן פֿלעגט ער שלעכט, נאָר מען פֿלעגט קאָנען פֿאַרשטײן. און ס'איז טאַקע אמת. אונזערע געגענטן אַרױף װאַסער זײנען טאַקע פֿאַראומערטע, אַראָפּ מיט דער װאָלגע איז די ערד װאַרימער, און הינטער דעם קאַספּישן ים, דערצײלט מען, איז קײנמאָל קײן שנײ ניטאָ. און מען קאָן גלױבן. ניט אין עװאַנגעליום, ניט אין די שבחי הקדושים, און נאָך װײניגער אין תּהלים, װערט דערמאָנט װעגן שנײ, װעגן װינטער. און אין יענער געגנט ליגן דאָך די ערטער, װאו קריסטוס האָט געלעבט. אָט אַז מיר װעלן ענדיקן דעם תּהלים, װעל איך מיט דיר אָנהײבן דעם עװאַנגעליום.

ער װערט װידער אַנטשװיגן, גלײך װי ער װאָלט אײַנשלאָפֿן ער טראַכט עפּעס, קוקט אין פֿענסטער אַרײן און זעהט אױס קלײן און שפּיציג.

— דערצײלט, זײדע — דערמאָן איך אים שטילערהײט.

ער גיט אַ ציטער און הײבט װידער אָן:

— נו, די פּראַנצױזן, הײסט עס, זײנען אױך מענטשן, ניט ערגער פֿון אונז. מײַן מאַמען פֿלעגן זײ רופֿן: מאַדאַמאַ, מאַדאַמאַ-

דאָס הייסט, מיין דאַמע, מיין פֿריצטע, נאָר די דאָזיגע פֿריצטע
פֿלעגט טראָגן פֿון קראָם צו זיך אין שטוב פֿינף־פּודיקע זעק אויף
די פּלייצעס. אַ כּוח האָט זי געהאַט אַ גוואַלדיקן, גאָר ניט ווי אַ
פּרויענצימער; ביז צוואַנציק יאָר פֿלעגט זי מיך גאַנץ לייכט ביי־
קומען און רייסן פֿאַר די האָר, פֿון צוואַנציק יאָר אָן בין איך שוין
אַליין אויך ניט קיין שוואַך ייִנגל געווען. און אָט דער דינער זיינער
מיראָן האָט ליב געהאַט פֿערד. גייט ער אום איבער די הויפֿן און
בעט אויף שטום־לשון, מען זאָל אים געבן פֿערד ריייניקן. אין אָנ־
הייב האָט מען מורא געהאַט: ווער ווייס, אַ שונא, ער קאָן נאָך
דעם פֿערד מיט אַ כּיוון שעדיקן. דערנאָך אָבער פֿלעגן שוין די
פּויערים אַליין אים צורופֿן: אַי־דאַ, מיראָן. ער פֿלעגט שמייכלען,
אויסבויגן דעם האַלז און זיך לאָזן גיין ווי אַ בייק. אַ געלער איז
ער געווען. רויט־געל, מיט אַ גרויסן נאָז, מיט דיקע ליפּן. ער האָט
גוט געוואוסט, ווי מען באַגייט זיך מיט פֿערד, און זיי אויסגע־
צייכנט געקענט היילן. דערנאָך איז ער דאָ, אין ניזשני, געווען אַ
קאָנאָוואַל. לסוף איז ער פֿון זינען אַראָפּ און די פֿייערלעשערס
האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער איז אומגעקומען. און דער
אָפֿיציר האָט צו פֿרילינג־צו אָנגעהויבן אויסגיין און איז אין טאָג
פֿון פֿרילינגדיקן ניקאָלאַ שטיל אַוועקגעשטאָרבן: אין באָד בײַם
פֿענסטער איז ער געזעסן פֿאַרטראַכט און איז אָט אַזוי זיצנדיק,
מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן קאָפּ אין דרויסן, אויסגעגאַנגען. מיר האָט
עס לייד געטאָן, איך האָב שטילערהייט אַפֿילו אַ וויין געטאָן. ער
איז אַזאַ צאַרטער געווען, ער פֿלעגט־מיך נעמען פֿאַר די אויערן
און ריידן אַזוי ליבליך אויף זיין לשון: ס׳איז ניט פֿאַרשטענדליך
געווען און דאָך אָנגענעם. אַ מענטשליכע פֿריינדשאַפֿט קאָן מען ניט
קויפֿן אויפֿן מאַרק. ער האָט אַפֿילו געהאַט אָנגעהויבן זיין לשון
מיט מיר צו לערנען, נאָר די מאַמע האָט עס פֿאַרבאָטן און מיך צום
פּאָפּ געפֿירט, און דער פּאָפּ האָט געהייסן מיך אָפּשמייסן און דעם
אָפֿיציר האָט ער אָנגעקלאָגט. דעמאָלט, ברודער, האָט מען געלעבט
שטרענג, דו וועסט דאָס שוין איצט ניט האָבן, פֿאַר דיר האָבן
אַנדערע געליטן. געדענק זשע דאָס. אָט איך, למשל, האָב אי־
בערגעטראָגן...

עס איז פינסטער געוואָרן. אין דער טונקלקייט איז דער זיידע מאָדנע פאַרגרעסערט געוואָרן. זיינע אויגן בלישטשען, ווי בײַ אַ קאָטער. וועגן אַלץ רעדט ער שטיל, פאַרזיכטיג, פאַרטראַכט, וועגן זיך אַליין אָבער — היציג, האַסטיג און לויבט זיך אַליין. מיר געפעלט ניט, בעת ער דערציילט וועגן זיך, מיר געפעלט ניט, ווי ער הייסט מיר כּסדר:

— נעם אַריין אין זכּרון! אַט דאָס דאַרפסטו געדענקען!

אַ סך פון זיינע מעשׂיות ווילט זיך גאָר ניט געדענקען, נאָר זיי רייסן זיך אַריין אין זכּרון, אַפילו אַז ער הייסט ניט, ווי שטראַמאַקעס. ער פלעגט קיינמאָל ניט דערציילן קיין אויסגעטראַכטע זאַכן, נאָר אַלץ אמתע געשעעניש, און איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט פיינט, מען זאָל אים שטעלן פראַגן. איך הייב אָן דעריבער צושטיין און פרעגן:

— ווער איז בעסער: רוסן אָדער פראַנצויזן?

— ווי קאָן איך דאָס וויסן? איך האָב דאָך ניט געזעהן, ווי די פראַנצויזן לעבן בײַ זיך אין דער היים — בורטשעט ער אין כּעס און גיט צו:

— בײַ זיך אין נאָרע איז דער טכויר אויך שיין.

— און די רוסן זיינען גוטע מענטשן?

— ס'איז דאָ אַלערליי. בעת דער פּאַנשטשיזנע איז מען בעסער געווען. דעמאָלט איז מען געווען פאַרהאַרטעוועט, ווי אויסגעשמידט. איצט איז מען פריי און פראַנק, נאָר מען האָט אין פעלד קיין זאַנג. די פּריצים, פאַרשטייט זיך, פלעגן ניט גלעטן איבערן קעפל, נאָר זיי האָבן מער שׂכל געהאַט אָנגעקליבן. ניט אַלע פּריצים זיינען גוטע, נאָר אַז עס טרעפט אַ גוטער, איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף אים. און עס טרעפט אַזוי: אַ פּריץ, אָבער אַ נאַר; איז ער, ווי אַ זאַק: וואָס מען שיט אַריין אין אים, דאָס טראָגט ער. אַ סך שאָלאַכץ האָבן מיר אויף זיך. גיסט אַ קוק, דוכט זיך, אַ מענטש, און אַז דו דערקענסט אים נעהענטער, איז ער נאָר—שאָלאַכץ, קיין יאָדער איז אין אים ניטאָ, דער יאָדער איז אויפגעגעסן. לערנען וואָלט מען אונז באַדאַרפט, דעם שׂכל שאַרפן, נאָר קיין שאַרפשטיין קיין אמתער איז ניטאָ.

— די רוסן זיינען שטאַרק?

— ס'איז דאָ שטאַרקע, נאָר ניט דער כוח איז דער עיקר; דער עיקר איז — געשיקטקייט. ווי שטאַרק דו זאָלסט ניט זיין, וועט אַ פערד אַלץ שטאַרקער זיין.

— און פאַרוואָס האָבן מיט אונז די פראַנצויזן מלחמה געהאַלטן?

— נו, מלחמה — דאָס ווייס נאָר דער קייסער. מיר מיט אונזער שכל קאָנען דאָס ניט פאַרשטיין.

איך געדענק גוט, וואָס דער זיידע האָט געענטפערט אויף מיין פראַגע, ווער איז געווען נאַפּאָלעאָן.

— געווען איז ער אַ שלעכטער מענטש, האָט געוואָלט איינ-נעמען די גאַנצע וועלט און אַלע זאָלן דערנאָך לעבן אויף איין אופן, מען דאַרף ניט קיין פריצים און ניט קיין באַאמטע, נאָר לעבן זאָל מען פּראָסט, ניט טיילן זיך אויף קלאַסן. נעמען קאָנען זיין פאַרשיידענע, אָבער רעכט זאָלן אַלע האָבן דיזעלביגע. און די אמונה זאָל זיין איינע בײַ אַלעמען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז טיפּשות. איינע צו די אַנדערע גלייך זיינען נאָר די ראַקעס, די פיש אָבער זיינען שוין פאַרשיידענע. דער שטערפיש איז קיין חבר ניט מיטן וועלספיש, די סטערליאַד איז מיטן הערינג ניט קיין חברטע. מיר האָבן אויך געהאַט באָנאַפּאַרטן: דאָס איז געווען ראַזין סטעפּאַן טימאָפעיעוו, פוגאַטש, יעמעליאַן איוואַנאָוו. איך וועל דיר אַמאָל דערציילן וועגן זיי.

אָפטמאָל פלעגט ער אָנהייבן קוקן אויף מיר לאַנג און שווייגנדיג, מיט קיילעכדיגע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט מיך זעהן צום ערשטן מאָל. און מיר פלעגט דאָס זיין אומאָנגענעם.

און ער פלעגט קיינמאָל ניט ריידן מיט מיר וועגן מיין טאַטן, וועגן דער מאַמען.

* * *

גאַנץ אָפט פלעגט צו אונזערע שמועסן אַריינקומען די באָבע, זיך שטיל אַוועקזעצן אין ווינקל, לאַנג זיצן שווייגעדיג און אומבאַמערקליך און מיט אַמאָל אַ פרעג טאָן מיט יענער שטים אירער, „אַס פלעגט ווייך אַרומנעמען:

— געדענקסט, טאַטע, ווי גוט עס איז געווען, בעת מיר זיינען ביידע געגאַנגען קיין מוראָם צו די הייליגע? אין וואָסער יאָר איז דאָס געווען?

דער זיידע פלעגט אַ טראַכט טאָן און גאַנץ אויספירליך אָפּ-ענטפערן:

— געווי קאָן איך דיר ניט זאָגן, נאָר געווען איז דאָס נאָך דער כאָלערע, אין יענעם יאָר, ווען מען פלעגט כאַפּן די אַלאַנעצקער אין די וועלדער.

— אמת טאַקע. איך געדענק, מיר האָבן מורא געהאַט פאַר זיי.

— אַוודאי.

איך פלעג פרעגן: ווער זיינען דאָס די אַלאַנעצקער און פאַרוואָס פלעגן זיי לויפן איבער די וועלדער; דער זיידע פלעגט אָן חשק ענטפערן.

— אַלאַנעצקער הייסט עס פראָסט — פויערים פון אַלאַ-נעצק און לויפן פלעגן זיי פון קאַזנאַ, פון די קאַזיאָנע זאַוואָדן, פון דער אַרבעט.

— און ווי פלעגט מען זיי כאַפּן?

— וואָס הייסט ווי? ווי שפילן יינגלאַך אין כאַפּעניש? איינע לויפען, די אַנדערע זוכן, כאַפּן. אַז מען פלעגט זיי כאַפּן, פלעגט מען זיי שמייסן מיט געפלאָכטענע בייטשן, מיט קנוטעס, די נעזליכער אויסרייסן און שטעלן אַ שטעמפל אויפן לייב, מען זאָל וויסן, אַז דער איז אַ באַשטראָפטער.

— פאַרוואָס?

— פאַר פרעגן. דאָס איז פאַרפלאָנטערטע מעשיות און ניט אונזער שכל קאָן באַגרייפן, ווער איז דאָ שולדיג, צי דער, וואָס אַנטלויפט, צי דער, וואָס כאַפּט.

— און געדענקסט, טאַטע — רעדט ווייטער די באָבע — ווי גאָך דער גרויסער שרפה...

דער זיידע האָט ליב אין אַלץ פינקטליכקייט און ער פרעגט מיט אַ שטרענגן טאָן:

— וואָסער גרויסע שרפה...

אוועקגעלאָזן זיך אין זייער פאַרגאַנגענהייט, פאַרגעסן זיי אָן מיר. זייערע שטימען און זייערע רייד קלינגען ניט־הויך און זיינען אַזוי צוגעפּאַסט איינע צו די אַנדערע, אַז עס דוכט זיך אַמאָל, אַז זיי זינגען ביידע אַ ליד, ניט קיין פריילעך ליד וועגן קראַנקהייטן, שרפות, געשלעגן אומגעריכטע טויטן, קונציגע שווינדלערייען, הייליגע מטורפים, בייזע פריצים.

— וויפל מען האָט דאָס דורכגעלעבט, וויפל מען האָט זיך דאָס אָנגעזעהן — ברומט אין דער שטיל דער זיידע.

— האָבן מיר אַפּנים שלעכט געלעבט — רעדט די באָבע — דו דערמאָן זיך נאָר, ווי גוט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פריילינג נאָך דעם, ווי איך האָב וואַריאַן געהאַט.

— דאָס איז געווען אין יאָר אַכט־און־פערציג, פונקט בעת דער אונגאַרישער מלחמה, דעם פריינד טיכאָן האָט מען דאָס דעמאָלט גלייך אויף מאָרגן נאָכן טויפן דאָס קינד אַוועקגעטריבן אויף מלחמה.

— און ער איז אומגעקומען — זיפצט די באָבע.

— יאָ, אומגעקומען. — פון יענעם יאָר אָן האָט זיך גאָטס גענאָד צו אונז אין שטוב אַ גאָס געטאָן, ווי וואַסער אויף אַ פליט. אַך, וואַרוואַרא!..

— הער אויף, טאַטע, צו ריידן.

נאָר ער האָט געכעסט, זיך געכמורעט:

— פאַרוואָס אויפהערן! ניט געראָטן זיינען אונזערע קינדער, ווי מען זאָל אויף זיי ניט קוקן. וואו איז אַהינגעקומען אונזער זאַפט און קראַפט? איך מיט דיר האָבן געמיינט, אַז מיר לייגן אין קאָרב, ווייזט זיך אַרויס, אַז גאָט האָט אונז אין האַנט אַ רעשעטע דערלאַנגט.

ער פלעגט אַלע ווילע אויסשרייען און ווי אַן אָפּגעבריטער. אומלויפן איבערן צימער, קריצנדיג, זידלענדיג די קינדער און סטראַשענדיג דער באָבען מיט זיין קליינטשקן און דאַרן פויסט.

— דו האָסט דאָס זיי אַלץ נאָכגעגעבן, די אויסוואָרפן, אַלץ דו! אַ מכשפה ביסטו!

פיינליך־אויפגערעגט, פלעגט ער זיך אַריינרוקן אין ווינקל,

צו די הייליגע בילדער, זיך האַסטיג שלאָגן אין דער דאַרער היל־כיגער ברוסט און וואָיען מיט טרערן:

— גאָט מיינער, בין איך אַפּנים זינדיגער פון אַלעמען? פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

און פלעגט זיך טרייסלען און צאָרנדיג בליצן מיט די אויגן, פייכטע פון טרערן.

די באָבע פלעגט, זיצנדיג אין דער פינסטער, זיך שטילער־הייט צלמען און פאַרזיכטיג צוגיין צו אים און נעמען איינריידן:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקלעמט. גאָט וויים, וואָס ער טוט. אַ סך מענטשן האָבן דען אַפּנים בעסערע קינדער? עס איז אומע־טום דאָס זעלבע — קריג און מחלוקת און געשלעג. אַלע טאַטע־מאַמעס וואַשן זייערע זינד מיט טרערן, דו ביסט ניט איינער...

גאַנץ אָפט פלעגן אים דער באָבעס רייד בארואיגן, ער פלעגט מיד פאַלן צום בעט און איך מיט דער באָבען פלעגן שטי־לערהייט אַוועקגיין צו זיך ארויף.

נאָר איינמאָל, אַז זי איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אירע ליבליכע רייד, האָט ער זיך האַסטיג אַ קער געטאָן צו איר און מיט אימפעט אַ פּלעם געטאָן איר מיטן פויסט אין פּנים אַריין. די באָבע איז אָפּגעשפּרונגען, האָט זיך קוים אויף די פיס איינגע־האַלטן, האָט זיך געכאַפּט מיטן האַנט פאַרן מויל, און אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי ניט הויך און רואיג געזאָגט:

— אַך, ס'אַר אַ נאַר דו ביסט!

און האָט אַ שפּיי געטאָן מיט בלוט צו זיינע פיס. ער האָט צוויי מאָל לאַנג אויסגעשריען, אויפהייבנדיג ביידע הענט:

— גיי אַוועק! איך וועל דיך ממיתן!

— ביסט אַ נאַר! — האָט איבערגעחזרט די באָבע. דער זיידע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, נאָר זי האָט ניט געאַיילטער־הייט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל און פאַרהאַקט די טיר באַ אים באַם סאַמע פּנים.

— אַלטע פּעל! — האָט אויסגעשיפּעט דורך די ציין דער זיידע, אַ שוואַרץ־רויטער ווי אַ קויל, האַלטנדיג זיך פאַרן קאָסיאַק און דראַפּענדיג אים מיט די נעגל.

איך בין געזעסן אויף דער לעזשאַנקע ניט טויט-ניט לעבע-דיג און האָב זיך אַליין ניט געגלויבט. דאָס ערשטע מאָל האָט דער זיידע פאַר מיר אין די אויגן געשלאָגן דער באָבען, און דאָס איז געווען מאווימדיג העסליך, דאָס האָט אויפגעדעקט אין דעם זיידן עפּעס אַזוינס, מיט וואָס מען קאָן בשום אופן ניט שליסן שלום, וואָס עס האָט מיך אַזוי ווי צעדריקט אינגאַנצן. און ער איז אַלץ געשטאַנען, אײַנגעזויגן מיט די נעגל אין קאָסיאַק און ווי אַ באַשאָטענער מיט אַש, פלעגט ער ווערן אַלץ גרויער און קלענער. מיט אַמאָל איז ער אַרויס אויפן מיטן צימער, האָט זיך געשטעלט אויף די קני, נאָר ניט געקאָנט אײַנשטיין און געפאַלן, תיכף אויפ-געשפּרונגען און זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַנט אין ברוסט:

— אַך, גאָט מײַנער!

איך האָב זיך אַראָפּגעגליטשט פון די וואַרימע קאַכליעס פון דער לעזשאַנקע, ווי איבער אײַז, און בין אַרויסגעלאָפן. אויבן איז די באָבע אומגעגאַנגען איבערן צימער און געשווענקט דעם מויל.

— דיר טוט ווײ?

זי איז אָפּגעגאַנגען אין ווינקל און האָט אויסגעשפּײט דאָס וואַסער אין עמער מיט די פּאָמאָיעס און מיר רואיג געענטפערט:

— נישקשה, די ציין זײַנען גאַנץ, ער האָט מיר נאָר די ליפּ צעשפּאָלטן.

— פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן?

זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער אין דרויסן און גע-ענטפערט:

— ער איז אין כעס, עס איז אים, דעם אַלטן, נעבאַך, שווער. ער האָט קיין מזל ניט. דו לייג זיך שלאָפן, טראַכט ניט וועגן דעם.

איך האָב בײַ איר נאָך עפּעס געפרעגט, נאָר זי האָט ניט ווי געוויינטליך שטרענג אַ געשריי געטאָן:

— צו דיר רייד איך צי ניט, גיי שלאָפן! אַזאַ ניט קיין פאָלגער, ווי דאָס איז!

זי האָט זיך געזעצט בײַם פענסטער און, זויגנדיג די ליפּ, אפט געשפּיגן אויף דער ערד. אויסטוענדיג זיך, האָב איך געקוקט אויף

איר: אין בלויען קוואַדראַט פון פענסטער האָבן געפינקלט די שטערן איבער איר שוואַרצן קאָפּ. אויף דרויסן איז געווען שטיל, אין צימער—פינצטער.

אַז איך האָב זיך געלייגט, איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר שטילערהייט אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— שלאָף רואיג, איך וועל אַראָפּגיין צו אים. דו ניט האָב אויף מיר אַזוי רחמנות, האַרצעניו, איך בין דאָך אַליין אויך שולדיג... שלאָף!

זי האָט מיר אַ קוש געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען, און מיר איז געוואָרן ניט צו דערהאַלטן טרויעריג. איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון דעם בּרייטן, ווייכן און הייסן בעט, בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און קוקנדיג אין דער פּוסטער גאַס אַריין, בין איך פאַרשטיינערט געבליבן שטיין אין אַ גוואַלדיגער בענקעניש.

VI.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן באַ אונז מאויימדיגע מעשיות. מיר זיינען געזעסן אַזוי אין אָוונט, נאָך טיי, איך מיטן זיידן האָבן געלייענט תּהלים און די באָבע האָט זיך גענומען וואַשן די געפעס, איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין צימער דער פעטער יאַקאָוו, צעשויבערט ווי תּמיד, ענליך אויף אַן אָפּגעניצטן בעזים. ער האָט קיינעם ניט באַגריסט, אַ וואָרף געטאָן דעם היטל אָן דער ערד און האַסטיג אָנגעהויבן דערציילן, טרייסלענדיג זיך און מאַכנדיג מיט די הענט:

— טאַטינקע, מישקע מאַכט סקאַנדאַלן גאָר אומנאַטירליך. ער האָט געגעסן מיטאָג באַ מיר, זיך אָנגעשיכּורט און אָנגעהויבן צו באַווייזן ווילדע משוגעתן: די געפעס צעבראָכן, צעריסן אַ פאַרטיגע אַרבעט—אַ וואָלן קלייד, די שויבן צעבראָכן, מיך באַליידיגט און גריגאָריען. איצט גייט ער אַהער און סטראַשעט: דעם טאַטן, זאָגט ער, וועל איך די באָרד אויסרייסן, איך וועל אים הרגענען, זאָגט ער. איר היט זיך.

דער זיידע האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט אויף די פיס, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן טיש, זיין פּנים האָט זיך צו־נויפגעקנייטשט און זיך צונויפגעצויגן באַם נאָז און איז געוואָרן מאָדנע ענליך אויף אַ האַק.

— הערסט, מאַמע—האָט ער אויסגעקוויטשעט.—ווי געפעלט דאָס דיר. ער גייט דעם טאַטן הרגענען, האַ? אַן אייגענער זון צייט, שוין טאַקע צייט, חברה...

ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער, אויסגעגלייכט די פּלייצעס, צוגעגאַנגען צום טיר און האַסטיק פאַרלייגט דעם שווערן קריוק אין פראָבאָי און געזאָגט צו יאַקאָוון:

— דאָס ווילט איר אַלץ וואַרוואַרעס נדן אַרייננכאַפּן. איז אָט האָט איר דאָס!

און האָט געוויזן אַ פייג דעם פעטער באַם סאַמע נאָז. יענער איז אָפּגעשפּרונגען, באַליידיגט.

— טאַטינקע, וואָס האָט איר צו מיר?

— צו דיר? איך קען דיך!

די באָבע האָט געשוויגן און איילנדיג געראַמט די געפעס פון טיש און אַלמער.

— איך בין דאָך געקומען זיך איינשטעלן פאַר אייך.

— טאַקע? —האָט איראָניש אויסגעשריען דער זיידע. — דאָס איז פיין. אַ דאַנק דיר, זונעלע. מאַמע, גיב טאַקע אָט דעם פוקס עפּעס אין האַנט אַריין: אַ קאָטשערע, אפשר דעם פּרעסאייזן. און דו, יאַקאָוו וואַסיליעוו, אַז דער ברודער וועט זיך אַריינרייסן אַהער, שלאָג אים—אין מיין קאָפּ אַריין.

דער פעטער האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט.

— אַז איר געטרויט מיר ניט.

— איך געטרוי ניט? — האָט דער זיידע געשריען און אַ טופּ געטאָן מיטן פוס.—דיר געטרוי איך טאַקע ניט. איך ווייס, דו אַליין האָסט אים איינגעשיכורט, דו האָסט אים אָנגעשטעלט. איצט שלאָג, אַז דו ווילסט. קלייב אויס, ווען דו ווילסט: מיר, אים, ווען דו ווילסט, שלאָג.

די באָבע האָט מיר שטיל אַ זאָג געטאָן אויפן אויער:

— לויף אַרויף און קוק אין פענסטער. אַז דער פעטער מי־ כיילא וועט זיך באַווייזן אויפן גאַס, שפּרינג אַראָפּ אַהער און זאָג אָן. לויף גיכער.

איך בין אַ ביסל צעשראָקן פון דעם אָנפאַל, וואָס דאַרף גע־ שעהן, נאָר, שטאָלץ מיט דער ראָלע, וואָס איך שפּיל אין דער געשעהעניש, טרעט איך ניט אָפּ פון פענסטער און קוק אויף דער גאַס. די גאַס איז ברייט און באַדעקט מיט אַ געדיכטן פּלאַסט שטויב. ערטערווייז, ווי אַ געשווילאַכטס, שטעקט פון שטויב אַרויס אַ גרוי־ סער פעלדשטיין. אויף לינקס ציט זיך ווייט אַוועק די גאַס, שניידט איבער דעם טאָל און קומט צו דעם טורמע־פּלאַץ, וואו עס שטייט פעסט אויף דער ליימיגער ערד אַ גרויע געביידע מיט פיר טו־ רימס אין די ווינקלען. דאָס איז דער אַלטער אָסטראָג. ער האָט אין זיך עפּעס אַ טרויעריגע שיינקייט, אַן ערנסטקייט. אויף רעכטס, דריי הייזער הינטער אונז, צעשפּרייט זיך ברייט דער היי־מאַרק, פאַרצאַמט מיט דער געלער געביידע פון די אַרעסטאַנטנראָטעס און מיט דעם בליי־גרויען טורים פון די פייערלעשער. אויפן פּיל־ אויגיגן טורים, אויפן שפּיץ, גייט אום אַ פייערלעשער, ווי אַ הונט אויפן קייט. דער גאַנצער מאַרק איז אין באַרג און טאָלן. אין איין טאָל פּוילט עפּעס אַ גרינליכע לוזשע, אויף רעכטס ליגט דער טוכ־ לער געמייזעכטס, וואו די פעטערס האָבן אַמאָל אין אַ פּראָלימקע אַריינגעוואָרפן מיין טאַטן. כמעט אַנטקעגן סאַמע פענסטער איז אַ געסעלע מיט קליינינקע פאַרשיידנפאַרביגע הייזעלאַך. דאָס געסעלע ענדיגט זיך באַם דיקן נידעריגן קלויסטער פון די דריי הייליגע אַז מען זאָל קוקן גלייך אַנטקעגן זיך, זעהען אויס די דעכער, ווי שיפלאַך, איבערגעקערטע מיטן דעק אַרויף, אויף די גרינע וועלן פון די גערטענער.

די הייזער זיינען אָפּגעקראָכן פון די זאַווערוכעס און לאַנגן ווינטער און פון די אומענדליכע רעגנס אין האַרבסט. איצט זיינען זיי אָנגעפּודערט מיט שטויב. זיי שפּאַרן זיך איינע צו די אַנדערע, ווי בעטלער באַם קלויסטער, און צוזאַמען מיט מיר וואַרטן זיי אויך אויף עמיצן, פאַרדעכטיג אויסגעגלאָצט די פענסטער. מענטשן אויפן

גאַס איז נאָנץ ווייניג, זיי גייען פּאַוואָליע, ווי פּאַרטראַכטע טאַ־ראַקאַנעס איבער די ציגל פון פּריפּעטשיק. פון אונטן אַרויף הייבט זיך צו מיר אַ דומפּיגע וואַרימקייט. עס שמעקט געדיכט מיט קוכנס, מיט גרינע ציבעלע און מערן. איך האָב פּיינט אָט דעם ריח און ער רופט באַ מיר שטענדיג אַרויס אַן אומעט און אַן איבלקייט.

עס איז לאַנגווייליג, מאָדנע לאַנגווייליג, כמעט ניט צו דער־האַלטן. די ברוסט גיסט זיך אָן מיט שיטערע, וואַרימע בליי, דאָס דריקט פון אינעווייניג, צעשפּאַרט די ברוסט, די ריפּן. מיר דוכט זיך, אַז איך ווער אויפגעבלאָזן, ווי אַ פּענכער, און מיר איז ענג אין קליינינקן צימערל אונטער דעם סופיט, וואָס איז ענליך אויף אַ דעק פון אַ טרונע.

אָט איז דער פּעטער מיכאַאיל. ער באַווייזט זיך אין געסל, אין ווינקל וואָס באַם גרויען הויז. דאָס היטל איז אים אָנגערוקט אויף די אויערן, זיי שטייען אָפּ און טאַרטשען. ער טראָגט אַ ברוינעם פּידזשאַק און פאַרשטויבטע לאַנגע שטיוול ביז די קני, איין האַנט שטעקט אין קעשענע פון די קעסטלדיגע הויזן, מיט דער צווייטער האַלט ער זיך פאַרן באָרד. זיין געזיכט זעה איך ניט, נאָר ער שטייט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט בדעה געהאַט איבערצושפּרינ־גען די גאַס און זיך איינטשעפּן אין יידנס הויז מיט זיינע שוואַר־צע האָריגע הענט. מען דאַרף לויפן אַראָפּ, אָנזאָגן, אַז ער איז גע־קומען, נאָר איך קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון פענסטער און איך זעהן ווי דער פּעטער גייט־איבער די גאַס, פאָרזיכטיג, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט איינצוריכטן אין שטויב זיינע גרויע שטיוול; איך הער, ווי ער עפנט די טיר פון שיינק — די טיר שרייט, די שויבן ציטערן.

איך לויף אַראָפּ אונטן און קלאַפּ צום זיידן אין טיר.

— ווער איז דאָס? — פרעגט ער גראָב און עפנט ניט. — דאָס ביסטו? נו? אין שיינק אַוועק? גוט, קענסט גיין!

— איך האָב מורא...

— נישקשה...

שטיי איך ווידער באַם פענסטער. דער שטויב אויפן גאַס איז אויפגעשוואָלן געוואָרן טיפער, שוואַרצער. געלע פייער־פלעקן צעגיסן

זיך ווי פּעטס אין די פענסטער פון די הייזער. אין אַנטקעגנדיגן הויז שפּילט מען, אַ סך סטרונעס זינגען טרויעריג און גוט. אין שיינק זינגט מען אויך. אַז מען עפנט דאָרטן די טיר, רינט אַרויס פון דאָרטן אַ מידע, געבראָכענע שטים. איך ווייס, אַז דאָס זינגט דער בלינדער בעטלער ניקיטושקע, אַן אַלטער מיט אַ גרויסן באָרד, מיט אַ רויטן קייל אויפן אָרט פון רעכטן אויג און מיט אַ פאַרשלאָסע־נעם לינקן אויג. און פאַרמאַכט מען די טיר, איז גלייך ווי מען וואָלט אָפּגעהאַקט דעם געזאַנג מיט אַ האַק.

די באָבע איז מקנא דעם בעטלער. אַז זי הערט זיינע לי־דער, זיפצט זי און זאָגט:

— ווי גוט אים איז — ס'אַר אַ לידער ער קען. אָט דאָס איז אַ מזל!

אַמאָל פאַררופט זי אים אין הויף אַריין. זיצט ער אויפן גאַניק, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, און זינגט, און דערציילט, און די באָבע זיצט צוזאַמען מיט אים און הערט, און פרעגט אויס.

— וואַרט אַ ווײַלע, איז אַפּנים גאָטס מוטער געווען אין ריאַזאַן?

און דער בעטלער ענטפערט מיטן באַס, פעסט:

— זי איז אומעטום געווען, אין אַלע גובערניעס.

אומגעזעהן שווימט איבערן גאַס אַ שלאָפערדיגע מידקייט און פרעסט און דריקט דאָס האַרץ, די אויגן. ווי גוט וואָלט גע־ווען, אַז די באָבע וואָלט אַריין, אָדער, לכל־הפּחות, דער זיידע וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען מיין טאַטע, פאַרוואָס האָט אים דער זיידע און די פעטערס פיינט געהאַט, און די באָבע, גריגאָרי און די ניאַנקע יעווגעניע ליבן אים אַזוי. און וואו איז מיין מאַמע?

אַלץ עפטער און עפטער טראַכט איך וועגן דער מאַמען און שטעל זי אין מיטלפּונקט פון אַלע מעשיות און געשיכטעס, וואָס די באָבע דערציילט מיר. דאָס, וואָס די מאַמע וויל ניט זיין מיט אונז, הייבט נאָך זי העכער אויף אין מיינע מחשבות. מיר דוכט זיך, אַז זי וואוינט ערגעץ אין אַ קרעטשמע, באַם גרויסן גאָסציניעץ, באַ גזלנים, וואָס באַראַבעווען רייכע דורכפאָרער און טיילן זיך מיטן געלט מיט אָרימעלייט. און אפשר וויינט זי גאָר

אין וואַלד, אין אַ הייל, אויך, נאַטירליך, מיט גוטהאַרציגע רוי־בער, פירט זייער בעל־הבתישקייט און היט דאָס אָנגעראַבעוועט געלד. און אפשר גייט זי איבער דער וועלט און ציילט איר רייכ־קייט, ווי עס איז אומגעגאַנגען די פריצטע און פירשטין יענגאַ־ליטשעווא צוזאַמען מיט דער גאָטס־מוטער, און די גאָטס מוטער רעדט איין מיין מאַמען, ווי זי האָט איינגערעדט די פריצטע און פירשטין:

— וועסט ניט צונויפנעמען, דו שקלאַפין גייציגע,
פון דער גאַנצער וועלט גאָר די רייכקייטן,
וועסט גיט צודעקן, נשמה דאָרשטיגע,
מיט גאָר די רייכקייטן דיין נאַקעטקייט.

און די מאַמע ענטפערט איר מיט די ווערטער פון דער רויבערין, דער פריצטע און פירשטין:

— זיי מיר מוחל, הייליגע גאָטס־מוטער,
דערבאַרים זיך אויף מיין נשמה זינדיגע.
ניט פאַר זיך האָב איך די וועלט געראַבעוועט,
נייערט פאַר מיין זון דעם איינאייניציגן.

און גאָטס־מוטער, אַ גוטהאַרציגע, ווי די באָבע, איז איר מוחל און זאָגט:

— אַי, דו מאַריושקע, נשמה טאַטערישע,
אַי, דו, אומגליק, צרה קריסטליכע!
גיי שוין, גיי אין דיין אייגענעם וועג —
און דער וועג איז דיין און די טרער איז דיין! —
נאָר דו ריר כאָטש ניט דעם פאָלק דעם רוסישן,
מיט די וועלדער גיי און די מאָרדווינער רויב,
מיט די פעלדער גיי און די קאַלמיקעס יאָג!...

אַז איך דערמאָן זיך אָט די מעשהלאַך, הייב איך אָן צו לעבן ווי אין חלום. נאָר עס וועקט מיך אויף דאָס טופען מיט די פיס, דער טומל און געשריי אונטן, אין פאָרהויז און אויפן הויף. איך רוק אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענסטער און זעה, ווי דער זיי־דע, דער פעטער יאַקאָוו און דער אַרבעטער וואָס באַם שיינקער, דער קאָמישער טשערעמיס מעליאַן, וואַרפן דורכן פערטל אין גאַס

אַריין דעם פעטער מיכאַאיל. ער שפּאַרט זיך אײַן און זי שלאָגן אים איבער די הענט, אין פּלייצע, אין האַלז, און בריקען מיט די פיס, ביז ער פליט ענדליך מיט קאָפּ אַראָפּ אין שטויב פון דער גאַס. דאָס פערטל פאַרהאַקט זיך, עס בראַזגעט די קליאַמקע און דער פאַררוקער. איבערן פאַרקאַן האָט מען אַריבערגעוואָרפן אַ צעריבן היטל; און עס ווערט שטילט.

דער פעטער ליגט אַ ווײַלע, דערנאָך הייבט ער זיך אויף, אַן אָפּגעריסענער, אַ צעשויבערטער, הייבט אויף אַ שטיין און וואַרפט אין טויער אַריין. עס הערט זיך אַ הילכיגער קלאַפּ, ווי אין דעק פון אַ פוסטן פאַס. פון שײַנק קריכן אַרויס טונקעלע שאָטנס, שרײַען, כראָפּען, מאַכן מיט די הענט; פון די פענסטער אין די הײַזער רוקן זיך אַרויס מענטשליכע קעפּ. די גאַס לעבט אויף, לאַכט, שרײַט. דאָס איז אויך ענליך אויף אַ מעשהלע, עס איז אינטערע־סאַנט, נאָר עס איז אומאָנגענעם און עס שרעקט.

און מיט אַמאָל ווערט אַלץ אָפּגעריבן, אַלע ווערן אַנטשוויגן און פאַרשוואונדן.

... באַם שוועל, אויפן קאַסטן זיצט די באָבע, אײַנגעהוי־קערט, באַוועגט זיך ניט און אָטעמט ניט. איך שטיי אַנטקעגן איר און קוק אויף אירע וואַרימע, ווייכע און פייכטע באַקן, נאָר זי פילט דאָס ניט, קענטיג, און ברומט אין צאָרן:

— גאָטעניו, האָט דאָס דיר דען אויסגעפּעלט גוטער שכל פאַר מיר און פאַר מײַנע קינדער? גאָט מײַנער, האָב רחמנות!...

* * *

מיר דוכט זיך, אַז אויף דער פּאָלעוואַיאַ־גאַס האָט דער זיידע געוווינט ניט מער ווי אַ יאָר — פון פרילינג ביז פרילינג, נאָר אַפילו פאַר אָט דער קורצער צײַט האָט זײַן הויז באַקומען אַ גוואַלדיגן נאָמען. כמעט אַלע זונטאָג פלעגן זיך ייִנגלאַך צונויפ־לויפן צו אונזער טויער און פריילעך מודיע זײַן דער גאַס:

— באַ די קאַשירינס שלאָגט מען זיך.

געוויינטליך פלעגט דער פעטער מיכאַאיל אַראָפּקומען אין אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט האַלטן די שטוב ווי באַלאַגערט און די שכנים — אין אײַנע שרעק. אַמאָל פלעגן קומען מיט אים צווײ־

דריי באַהעלפער, פון די רעכטע קונאַווינער יאַטן! זיי פלעגן פון יענער זייט, פון טאָל, פאַרקלייבן זיך אין סאָד און בעל־הבתּעווען דאָרט, ווי זייער שיכּורע פאַנטאַזיע פלעגט טראָגן: זיי פלעגן אויס־וואָרצלען קוסטעס פון מאַלינעס און ווייַנפּערלאַך, אַמאָל האָבן זיי אַפילו די באָד צעטראָגן, צעבראָכן אין איר אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט — די פּאָלקעס, די בענק, די קעסלען; דעם אויוון האָבן זיי צעוואָרפן, אויסגעבראָכן עטליכע ברעטער פון דיל, אַראָפּגעריסן די טיר...

דער זיידע, אַ פינסטערער און אַ שטומער, איז געשטאַנען באַם פענסטער און זיך צוגעהערט צו דער אַרבעט פון די לייט, וואָס צענישטשען זיין אייגנס. די באָבינקע איז אומגעלאָפן איבערן הויף אַן אומבאַמערקליכע אין דער פינסטער, און זיך רחמים געבעטן:

— מישע, וואָס טוסטו, מישע!..

נאָר פון סאָד האָט מען איר געענטפערט מיט יענער אידי־אָטיש־שענדליכער רוסישער זידלעריי, וואָס איר באַדייטונג קאָן אַפּנים דער שכל און געפיל פון חמורים ניט באַגרייפן.

אין אַזוינע פאַלן פלעגט ניט מיגליך זיין נאָכצוהאַלטן די באָבען אין איר אומלויפן. נאָר בלייבן אַליין אָן איר האָב איך מורא. ל אָזאיך זיך אַראָפּ צום זיידן אין צימער, נאָר ער כריפעט מיר אַנטקעגן:

— אַרויס, ימח־שמוניק!

לויף איך אויפן בוידים און דורכן קליינעם קוק־פענסטער זוך איך אין דער פינסטערניש דער באָבען. איך האָב מורא, אַז מען וועט זי הרגענען, שריי איך און רוף. זי ענטפערט מיר ניט, דער שיכּורער פעטער דערהערט מיין קול און הייבט אָן ווילד און פּאַסקודנע צו זידלען מיין מאַמען.

איינמאָל אין אַזאַ אָוונט איז דער זיידע געלעגן קראַנק צום בעט, געקייקלט זיך איבער די קישנס מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ אין האַנטיכער, און שרייענדיג באַקלאָגט זיך:

— אָט צוליב וואָס מיר האָבן געלעבט, געזינדיגט און גוטס געקליבן. ווען ס׳וואָלט ניט געווען קיין שאַנד, קיין בזיון, וואָלט איך פּאָליציי גערופן, צום גובערנאַטאָר געגאַנגען... נאָר ס׳איז בזיונות.

וואָסערע עלטערן שיקן דאָס אין פּאָליציי אויף זייערע קינדער. נו, הייסט דאָס, ליג, אַלטער, און יוצא.

ער האָט פלוצלונג אַראָפּגעלאָזן די פיס פון בעט און איז צוגעגאַנגען, קוים האַלטנדיג זיך אויף די פיס, צום פענסטער; די באָבע האָט אים געכאַפּט אונטערן האַנט:

— וואוהין גייסטו, וואוהין?

— צינד אָן פייער! האָט ער געהייסן, שטיקנדיג זיך, און רוישיג זויגנדיג אין זיך די לופט.

און אַז די באָבע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט ער גענומען דעם לייכטער אין האַנט און האַלטנדיג אים אַנטקעגן זיך, ווי אַ זעלנער אַ ביקס, האָט ער אויסגעשריען אין פענסטער שפּאָטעריש און הויך:

— עי, מישקע, נאַכט-גנב, משוגענער, קרעציגער הונט!

תיכף האָט זיך אַ שויב צעבראָכן אויף שטיקלאַך און אויפן טיש לעבן דער באָבען איז אַראָפּגעפאַלן אַ האַלבער ציגל.

— ניט געטראָפן! — האָט מיט יאָמער אויסגעשריען דער זיידע און האָט זיך צעלאַכט און אפשר צעוויינט.

די באָבע האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, אַזוי ווי זי פלעגט מיך אַרויפכאַפּן, און אַוועקגעטראָגן אין בעט אַריין, טענהנדיג צו אים דערשראָקן:

— וואָס טוסטו, וואָס טוסטו, גאָט איז מיט דיר. קאָנסט דאָך אים צו סיביר ברענגען. ער קאָן אַפנים פאַרשטיין איצטער, אַז ער איז אַזוי צוקאָכט, צו וואָס דאָס וועט אים ברענגען!

דער זיידע האָט זיך געצאַפּלט, געוויינט אָן טרערן און געכריפּעט:

— זאָל ער מיך הרגענען.

הינטערן פענסטער האָט מען געוויזשעט, געטופּעט און געריסן די וואַנט. איך האָב גענומען דעם ציגל פון טיש און בין צוגעלאָפן צום פענסטער, נאָר די באָבע האָט באַוויזן מיך אָנצוכאַפּן, האָט מיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל אַריין און אויסגעשיפּעט:

— אַך, דו, פאַרשאָלטענער.

אַ צווייטן מאָל איז דער פעטער אַראָפּגעקומען, באַוואָפנט

מיט אַ גראָבן פלאָקן און אָנגעהויבן ברעכן די טיר אין פּאָדערהויז פון הינטערגאַנג. געשטאַנען איז ער אויף די טרעפּ פון שוואַרצן גאַניק און געטראַסקעט אין טיר, און אויף דער זייט האָבן גע־וואַרט, אים צו באַגעגענען, דער זיידע מיט אַ שטעקן אין האַנט, צוויי שכנים מיט פלעקער און דעם שיינקערס ווייב, אַ הויכע פּרויענצימער, מיט אַ וואַלגערהאָלץ אין האַנט. הינטער זיי האָט זיך געטופּעט די באָבע און געבעטן זיך:

— לאָזט מיך־צו צו אים! לאָזט מיך אים זאָגן אַ וואָרט.

דער זיידע איז געשטאַנען אויסגעשטעלט די פוס פאָראויס, ווי דער פּויער מיטן הילצערנעם שפּיז אויפן בילד „געיעג אויף אַ בער". אַז די באָבע פלעגט צולויפן צו אים, פלעגט ער זי שווייגנדיק אָפּשטופּן מיטן איילנבויגן און מיטן פוס. אַלע פיר זיינען געשטאַנען צוגעגרייט צום געשלעג. איבער זיי, אויפן וואַנט, האָט געברענט אַ לאַמטערנע און אומאָנגענעם, מיט אַ ציטערדיגן פּייערל באַליכט זייערע קעפּ. איך האָב געקוקט דערויף פון די טרעפּ פון בוידים און עס האָט זיך געוואָלט פונדאַנען אַוועק־פירן די באָבען.

דער פּעטער האָט פלייסיג און ווי געהעריג געבראָכן די טיר. זי האָט זיך שוין קוים געהאַלטן. דער אונטערשטער קרוק איז שוין געווען אָפּגעריסן און האָט אומאָנגענעם געבראַזגעט. דער זיידע האָט צו זיינע קאַמף־חברים אויך מיט אַ בראַזגעדיגן קול גערעדט:

איבער די הענט שלאָגט, איבער די פיס, נאָר איבערן קאָפּ זאָלט איר ניט שלאָגן.

באַם טיר, אין וואַנט, איז געווען אַ קליין פענסטערל — נאָר דעם קאָפּ דורך אים אַרויסצורוקן. דער פּעטער האָט שוין אויסגע־בראָכן די שויב און זי האָט אויסגעזעהן, מיט די שערבלאַך אַרום, ווי אַן אויסגעשלאָגענע אויג.

די באָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטערל, אַרויס־גערוקט די האַנט און מאַכנדיג מיט איר, אויסגעשריען:

— מישאַ, ווי גאָט איז דיר ליב, אַנטלויף! זיי וועלן דיך ממיתן, גיי אַוועק!

ער האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פלאָקן איבערן האַנט. מען האָט געקאָנט זעהן, ווי עס האָט זיך אַ גליטש געטאָן פאַרביי פענסטערל און אַרויסגעפאַלן אויף איר האַנט עפּעס אַ ברייטע זאַך און תּיכּף נאָך דעם האָט זיך די באָבע אַליין אַראָפּגעזעצט, געפאַלן אויפן רוקן און נאָך באַוויזן אויסצושרייען:

— מישאַ, אַנטלויף!

— אָ, דער מאַמען שלאָגן! האָט מאָויימדיג אויסגעשריען דער זיידע.

די טיר האָט זיך ברייט אויפגעעפנט, אין איר שוואַרצן חלל האָט באַוויזן דער פעטער און איז תּיכּף אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון גאַניק, ווי מיסט מיט אַ רידל.

דעם שיינקערס ווייב האָט אָפּגעפירט די באָבען אין זיידנס צימער; אינגיכן איז ער אַליין אויך געקומען אַהין און פאַרכמורעט צוגעגאַנגען צו דער באָבען:

— די ביין איז גאַנץ?

— אַך, קענטיג צעבראָכן. — האָט געענטפערט די באָבע, ניט עפענענדיג די אויגן. —און וואָס איז מיט אים? וואָס ט'מען מיט אים געטאָן?

— הער אויף! — האָט שטרענג געזאָגט דער זיידע. — וואָס בין איך אַ חיה-רעה? מען האָט אים צונויפגעבונדן, ער ליגט אין שייער. איך האָב אים מיט קאַלטע וואַסער באַגאָסן. אָבער אַ כּעסן! אין וועמען האָט ער זיך דאָס איינגעגעבן?

די באָבע האָט געקרעכצעט.

— איך האָב געשיקט רופן די אַלטע, וואָס וועט דיר איינפאַסן דעם ביין, דערווייל לייד איבער, — האָט געזאָגט דער זיידע, צוזעצנדיג זיך צו איר אויפן בעט, — זיי וועלן אונז אומברענגען, פאַר דער צייט וועלן זיי אונז אומברענגען.

— פאָלג מיר, גיב זיי אָפּ אַלץ...

— און וואַרוואַרא!..

זיי האָבן לאַנג אַזוי גערעדט. די באָבע שטיל און יאָמערליך, ער—הויך און מיט כּעס.

דערנאָך איז געקומען אַ קליינינקע אַלטיטשקע, אַ הויקערדיגע,

מיט אַ גרויסן מויל ביז די אויערן. די אונטערשטע העלפט פון פּנים האָט זיך באַ איר געטרייסלט, דאָס מויל איז געווען אָפן, ווי באַ אַ פיש, און איבער דער אויבערשטער ליפּ האָט אין אים אַריינגעקוקט אַ פאַרשאַרפטער גאָז. די אויגן אירע האָט מען ניט געזעהן. זי האָט קוים זיך באַוועגט און געשלעפּט נאָך זיך איבערן דיל אַ קאָטשערקע און אין האַנט געטראָגן עפּעס אַ רוישנדיג פּעקלע.

מיר האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דאָס איז געקומען דער באָבעס טויט. איך בין אונטערגעשפּרונגען צו איר און אויסגעשריען מיט גאָר דעם כּוח:

— אַרויס פון שטוב!

דער זיידע האָט מיך געכאַפּט אויף די הענט און אַוועקגעגעשלעפּט אויפן בוידים.

VII.

איך האָב זעער פרי פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע האָט איין גאָט און די באָבע—אַן אַנדערן.

די באָבע שטייט אינדערפרי, קעמט לאַנג, זיצנדיג אין בעט, אירע וואונדערליכע האָר, דרייט מיטן קאָפּ און רייסט, מיט פאַרביסענע ציין, גאַנצע פּעקלאַך לאַנגע, שוואַרצע זיידענע האָר און זידלט זיי שטילערהייט, כּדי מיך ניט אויפצוועקן.

— זאָל אַייך אַ קויל טרעפן! אַ קאָלטן אויף אַייך, פאַרשאָלטענע.

אַז זי פלאָנטערט זיי ווי עס איז פונאַנדער, פאַרפלעכט זי זיי געשווינט אין דיקע צעפּ, וואַשט זיך אַיין בחפזון, בלאָזנדיג פון זיך דעם וואַסער מיט כּעס און, ניט אַראָפּוואַשנדיג די אויפגערעגטקייט פון איר גרויסן פּנים, וואָס איז צעקנייטשט פון שלאָף, שטעלט זי זיך אַוועק פאַר די הייליגע בילדער. דעמאָלט ערשט הייבט זיך אָן באַ איר דאָס אמתע וואַשן זיך, וואָס פרישט איר תּיכף אָפּ אינגאַנצן.

מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף הינטער, קוקט זי ליבליך אין קיילעכדיקן פּנים פון דער קאַזאַניער גאָטס מוטער, צלמט זיך, ברייט און פּאַוואָליע און שעפּטשעט מיט התלהבות:

— געלויבטסטע גאָטס-געווינערין, שיינק מיר דיין חסד, מאַמינקע, אויף היינטיקן טאָג!

און בוקט זיך ביז דער ערד, גלייכט אויס לאַנגזאַם דעם רוקן און בעט ווייטער מיט נאָך אַ גרעסערער התלהבות און אַנטציקונג:

— דו, קוואַל פון שמחה, דו, שיינהייט די ריינסטע, עפּלבוים בליענדיקער!..

כמעט אַלע טאָג פלעגט זי געפינען נייע ווערטער פון לויב און צוליב דעם פלעג איך שטענדיק זיך צוהערן צו אירע תּפילות מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט.

— האַרץ מיינס ריינס, הימלישס! באַשיצונג און באַשירמונג מיינע, זון מיינע גאָלדענע, מאַמע פון גאָט, באַהיט מיך פון בייזע גייסטער, לאָז מיך ניט עולות טאָן און זעה, מען זאָל מיך ניט עולהן.

מיט אַ שמייכל אין די שוואַרצע אויגן און אַזוי ווי יינגער געוואָרן, הייבט זי ווידער אָן זיך לאַנגזאַם צו צלמען מיט איר שווער׳ער האַנט:

— יעזוס קריסטוס, גאָטס זון, זיי גנעדיג צו מיר, דער זינדיגערין, צוליב דיין מאַמען וועגן...

איר תּפילה איז שטענדיג אַ לויבגעזאַנג, אַן אויפריכטיגער און אַ פּראָסטהאַרציגער.

אינדערפרי פלעגט זיין איר תּפילה קורץ. מען דאַרף שטעלן דעם סאַמאָוואַר, קיין דינסט האָט דער זיידע שוין ניט געהאַלטן, און אַז די באָבע פלעגט ניט באַווייזן מיטן טיי צו דער צייט, וואָס ער האָט איינגעשטעלט, פלעגט ער זיך לאַנג און בייז זידלען.

אַמאָל פלעגט ער אויפשטיין פריער פאַר דער באָבען זיין קומען אַרויף צו איר אין צימער און טרעפן איר בײַ דער תּפילה. ער פלעגט זיך אַ ווײַלע צוהערן צו איר שעפּטשען מיט שפּאָטעריש פאַרקרימטע ליפּן און דערנאָך באַם טיי וואָרטשען:

— וויפל מאָל איך האָב דיך, גראָבער קאָפּ, געלערנט, ווי מען דאַרף דאַוונען, און דו באַלבעסט אַלץ אויף דיין אופן, עס

האָרץ איינער. און ווי האַלט דאָס דיך גאָט אויף דער ערד!...

— ער פאַרשטייט — פלעגט ענטפערן די באָבע מיט זיכערקייט — ווי דו זאָלסט צו אים ניט ריידן, וועט ער אַלץ פאַרשטיין.

איר גאָט איז אַ גאַנצן טאָג געווען מיט איר, אַפילו מיט חיות און בהמות פלעגט זי ריידן וועגן אים. מיר איז קלאָר געווען, אַז צו אַזאַ גאָט גיט זיך אונטער אַלץ גרינג און אונטערטעניג: מענטשן, הינט, פייגלען, בינען און גראָזן. ער איז צו אַלעמען אויף דער ערד גלייך גוט, גלייך נאָהענט.

אַמאָל האָט דעם שיינקערס צעלאָזענער קאָטער, אַ ליבלינג פון גאַנצן הויף, מיט רויך-גרויע האָר און אַ גאָלד-געלבן קאָפּ, אַ כיטרער נאַשער און אַחונף, געבראַכט פון גאָרטן אַ סקוואָרעץ אין די ציין. די באָבע האָט אָפּגענומען בײַ אים דעם פאַרמוטשעטן פויגל און אָנגעהויבן מוסרן:

— האָסט ניט קיין גאָט אין האַרצן, גזלן איינער!

די שיינקערקע און דער דוואָרניק האָבן זיך צעלאַכט פון אירע רייד, נאָר די באָבע האָט כּעסדיג געשריען אויף זיי:

— איר מיינט, אַז חיות פאַרשטייען ניט גאָט. יעדע באַשעפעניש פאַרשטייט עס, ניט ערגער פון אײַך.

איינשפּאַנענדיג אַמאָל דעם פאַראומערטן פעט-געוואָרענעם שאַראַפּ, האָט זי געשמועסט מיט אים:

— וואָס ביסטו אומעטיג, גאָטס אַרבעטער, האַ? ביסט אַלט געוואָרן?...

און דער פערד האָט געזיפצט, דרייענדיג מיטן קאָפּ.

און פונדעסטוועגן פלעגט זי אַזוי אָפט ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען, ווי דער זיידע. דער באָבעס גאָט איז מיר געווען פאַרשטענדליך און איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט געהאַט, נאָר זאָגן אים אַ ליגן, וואָלט איך ניט געקאָנט — איך וואָלט זיך געשעמט. עס איז פּראָסט אוממיגליך געווען צו באַהאַלטן וואָס-עס-איז פון דעם דאָזיגן גוטן גאָט און עס האָט זיך אַפילו גאָר ניט געוואָלט באַהאַלטן.

אַמאָל האָט זיך די שיינקערקע צוקריגט מיטן זיידן און האָט

דערביי אויסגעזידלט פאַר איין גאַנג די באָבען אויך, הגם יענע האָט קיין שום אָנטייל ניט גענומען אין דער מחלוקת, אויסגעזידלט מיט כּעס און אַפילו אַ וואָרף געטאָן אויף איר מיט אַ מער.

— נו, איר זייט אַ נאַר, ליבע שכנטע — האָט רואיג צו איר געזאָגט די באָבע; איך האָב זיך אָבער גוואַלטיג באַליידיגט און באַשלאָסן נוקם צו זיין זיך אין דער אַרורה.

איך האָב לאַנג געטראַכט, וואָס אַזוינס זאָל איך אָפּטאָן מיט דער געלער דיקער פרוי, מיט דעם גיידער און אָן אויגן, אַז עס זאָל איר שטאַרק פאַרדריסן.

ווי ווייט איך האָב אַכטונג געגעבן אויף די מחלוקתן צווישן די שכנים, האָב איך געוואוסט, אַז זיי זיינען זיך נוקם אייגע אָן די אַנדערע דערמיט, וואָס זיי האַקן אָפּ די עקן באַ די קעץ, פאַרסמען הינט, דערהרגענען עופות אָדער מען פאַרגנבעט זיך באַנאַכט צום שונא אין קעלער און מען גיסט אָן קעראָסין אין די פעסלאַך מיט קרויט און אוגערקעס אָדער מען לאָזט אַרויס דעם קוואַס פון די פעסער — נאָר דאָס אַלץ איז מיר ניט געפעלן געווען, איך האָב געוואָלט צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן נאָך אַ גרעסערן רושם.

איך האָב צוגעטראַכט. איך האָב אָפּגעהיט, ווען די שיינ־קערקע איז אַראָפּ אין קעלער, האָב איך פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן פון אויבן דעם דעק, אויסגעטאַנצט אויף אים אַ טאַנץ פון נקמה, פאַרוואָרפן דעם שליסל אויפן דאַך און זיך געלאָזן לויפן אין קיך אַריין, וואו די באָבע האָט געקאָכט באַם אויוון. אויפן־שטעל האָט זי ניט פאַרשטאַנען מיין התפעלות און אַז זי האָט פאַרשטאַנען, האָט זי מיר אָנגעפּאַטשט וואו מען דאַרף, אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף און געהייסן קריכן אויפן דאַך, געפינען דעם שליסל. דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער באָבען האָט מיך פאַרוואונדערט. איך האָב שווייגנדיג אויפגעזוכט דעם שליסל און בין אַנטלאָפן אין עק הויף און פון דאָרטן געקוקט, ווי די באָבע האָט באַפרייט די געפאַנ־גענע שיינקערקע און זיי ביידע האָבן זיך געלאָזן גיין איבערן הויף, פריינדליך לאַכנדיג.

— איך וועל דיר... — האָט מיר געסטראַשעט די שיינקערקע

מיטן פוכלן פויסט און איר פנים אָן-אויגן האָט פריינדליך געשמייכלט, און די באָבע האָט מיך גענומען פאַרן קאָלנער, געבראַכט אין קיך אַריין און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— זי האָט אין דיר געוואָרפן מיט אַ מער.

— הייסט דאָס, דו האָסט עס געטאָן צוליב מיר? אַזוי! וואַרט אָקאָרשט, אָט וועל איך דיר דערפאַר, פוסט-און-פּאַסניק, אין קאָטוך צו די מייז אַריינזעצן, וועסטו קומען צו זיך. ס'אַראַ באַשיצער מיינער — גיט גיכער אַ קוק אויף דעם כענכער, אָט באַלד פּלאַצט ער. איך וועל נאָך דערציילן דעם זיידן, וועט ער פון דיר די הויט אַראָפּשינדן. גיי אויפן בוידים, זעץ זיך לערנען!..

אַ גאַנצן טאָג האָט זי ניט גערעדט מיט מיר. און אין אָוונט, איידער זי האָט זיך געשטעלט זאָגן די תפילה, האָט זי זיך צוגעזעצט צו מיר אויפן בעט און צו מיר ערנסט אַזוי געזאָגט:

— אָט-וואָס, ליאָניאַ-האַרצעניו, נעם זיך דאָס אַריין אין זכּרון. מיש זיך ניט אין די געשעפטן פון דערוואַקסענע מענטשן. דערוואַקסענע מענטשן זיינען שוין פאַרדאָרבענע מענטשן. זיי זיינען שוין געפּרובט פון גאָט, און דו נאָך ניט, טאָ לעב מיט דיין קינדישן שכל. וואַרט ביז גאָט וועט דיין האַרץ באַרירן, דיר דיין אַרבעט ווייזן און אויף דיין וועג אַרויספירן. האָסט פאַרשטאַנען? און ווער אין וואָס עס איז שולדיק — האָט צו דיר ניט. גאָט משפּט און באַשטראָפט. דאָס איז זיין זאַך, ניט אונזערע.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַ שמעק געטאָן טאַבאַק און, צוזשמורענדיק דעם רעכטן אויג, צוגעגעבן:

— און גאָט אַליין איז אויך ניט אַלעמאָל בכּוח צו פאַרשטיין, ווער אין וואָס עס איז שולדיק.

— אַפנים, גאָט ווייס ניט אַלץ? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט; שטיל און טרויעריק האָט זי מיר געענטפערט:

— אַז ער וואָלט אַלץ געוואוסט, וואָלטן דאָך די מענטשן אַ סך זאַכן ניט געטאָן. ער, דער טאַטע, קוקט און קוקט, מן הסתּם, פון די הימלען אויף דער ערד, אויף אונז אַלעמען און צעוויינט זיך אַמאָל, צעקלאָגט זיך: מענטשן מיינע, מענטשן, ליבע

מענטשן מיינע? נעביך, ס'אַראַ רחמנות עס איז אויף אײַך!

זי האָט זיך אַליין צעוויינט און ניט אָפּווישנדיק די נאַסע באַקן, איז זי אַוועק אין ווינקל תּפֿלה זאָגן.

פֿון יענער צייט אָן איז מיר איר גאָט נאָך נעהענטער און פֿאַרשטענדליכער געוואָרן.

דער זיידע, שמועסנדיק מיט מיר, פֿלעגט אויך זאָגן, אַז גאָט איז אומעטום, ווייס אַלץ און זעהט אַלץ און איז אַ גוטער העלפֿער פֿאַר מענטשן אין אַלע זייערע מעשים, נאָר דאַוונען פֿלעגט ער אַנדערש, ניט אַזוי ווי די באָבע.

אינדערפֿרי, פֿאַרן שטעלן זיך אין ווינקל מיט די הייליגע בילדער, פֿלעגט ער זיך לאַנג אַיינוואַשן, אָנטאָן זיך ווי געהעריק, אויפֿמערקזאַם פֿאַרקאַמען די געלע האָר, פֿאַרגלעטן דעם בערדל און באַקוקנדיק זיך אין שפּיגל, פֿאַרריכטן די אייבערהעמד, פֿאַרלייגן דעם האַלזטיכל אונטערן זשילעט און פֿאָרזיכטיק, ווי אַ מענטש וואָס גנבֿט זיך, זיך לאָזן גיין צו די „איקאָנעס”. שטעלן פֿלעגט ער זיך שטענדיק אויף איינעם און דעם זעלביקן אָרט, אויפֿן סוק אין ברעט פֿון דיל, וואָס איז ענליך געווען אויף אַ פֿערדישן אויג, פֿלעגט שטיין אַ ווײַלע שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אויסגעצויגענע הענט אין דער לענג פֿון קערפּער, ווי אַ סאָלדאַט. און דערנאָך פֿלעגט ער, אַ גלייכער און אַ דינער, ערנסט אָפּזאָגן:

— אין נאָמען פֿון פֿאָטער און פֿון זון און פֿון הייליגן גייסט.

מיר פֿלעגט זיך דוכטן, אַז נאָך אָט די ווערטער ווערט אין צימער מאָדנע שטיל; און אפֿילו די פֿליגן זשומען פֿאָרזיכטיגער.

ער שטייט מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ, זיינע ברעמען האָבן זיך אויפֿגעהויבן און אָנגעשפּיזט די האָר זייערע, דאָס גאָלדיק־געלבע בערדל שטעקט האָריזאָנטאַל; ער זאָגט די תּפֿלות מיט אַ פֿעסטער שטים, גלייך ווי ער וואָלט ענטפֿערן דעם לערער אויף אַ לעקציע. ער רעדט דייטליך און תּביעותדיק:

— ווען דער שופֿט־יושר קומען און יעדערנס מעשים וועלן אָפּגעבאַר ווערן.

ער שלאָגט זיך מיטן פֿויסט אין ברוסט ניט האַסטיק און בעט ענערגיש:

— פאַר דיר, דעם איינאיינציגן, האָב איך חוטא געווען, ווענד אָפּ דיין געזיכט פון די חטאים מיינע.

ער זאָגט די תפילה „ווערויו", אויסשמידנדיג יעדן וואָרט. זיין רעכטער פוס ציטערט, גלייך ווי ער וואָלט שטילערהייט אָפּ־קלאַפּן דעם טאַקט פון דער תפילה. זיין גאַנצער קערפּער ציט זיך אָנגעשטרענגט צו די איקאָנעס אַרויס, ער וואַקסט און ווערט דינער און דאַרער און איז אַזאַ ריינינקער, אַן אויפגעראַמטער און ער מאָנט:

— דו, וואָס דו האָסט אַ היילער געבוירן, הייל אויס פון דער נשמה מיינער די לאַנגיאָריגע ליידנשאַפטן! די זיפצן פון מיין האַרצן ברענג איך צו דיר אָן אַן אויפהער, בעאייפער זיך פאַר מיר, געביטערין!

און ער רופט הויך, מיט טרערן אויף די גרינגע אויגן:

— מיין גלויבן אָנשטאָט מיינע מעשים זאָל מיר פאַררעכנט ווערן. גאָט מיינער, פאַר מיינע מעשים, וואָס קאָנען מיך ניט רעכט־פאַרטיגן, מאָן פון מיר ניט.

איצט צלמט ער זיך האַסטיג, ציטערנדיג, וואַרפט מיטן קאָפּ אַזוי ווי ער וואָלט זיך שטעכן מיט הערנער, זיין קול ווישעט און כליפּעט. שפּעטער, אַז איך בין געווען אין יידישע שולן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע פלעגט דאַוונען, ווי אַ ייד.

דער סאַמאָוואַר קאָכט שוין לאַנג אויפן טיש, אין צימער שווימט אום אַ הייסער ריח פון קאָרענע קוכלאַך מיט צוואָראָך — עס הילט זיך עסן. די באָבע שטייט ביין טיר, אָנגעשפּאַרט אין קאָסיאַק, און זיפצט, אַראָפּלאָזנדיג די אויגן. אין פענסטער קוקט אַריין פון סאָד אַ פריילעכע זון, אויף די ביימער ליגט פּערלדיג דער טוי, די פרימאָרגעדיגע לופט שמעקט מיט קראָפּ, מיט ווייני־פערלאַך, מיט צייטיגע עפּל, נאָר דער זיידע דאַוונט נאָך אַלץ, שאָקלט זיך און שרייט:

— לעש אויס דעם פלאַם פון מיינע ליידנשאַפטן, וואָרום אָרעם בין איך און פאַרפלוכט.

איך קען אויסוועניג אַלע תפלות, די אינדערפריהעדיגע און די אָוונטיגע, און הער זיך צו אָנגעשטרענגט: צי וועט דער

זיידע ניט אַ טעות האָבן, צי וועט ער ניט פאַרפעלן אַ וואָרט.

טרעפן פלעגט דאָס זעער זעלטן און איך פלעג שטענדיג הנאה האָבן דערפון.

אַז ער ענדיגט דאַוונען, זאָגט ער צו מיר און צו דער באָבען:

— גוט מאָרגן!

מיר ענטפערן און זעצן זיך, ענדליך, צום טיש. דעמאָלט זאָג איך צום זיידן:

— דו האָסט היינט פאַרפעלט „ביישטיין".

— וואָס רעדסטו? — גלויבט ער ניט און פרעגט אומרואיג.—

— איך זאָג דיר, דו האָסט פאַרפעלט: מען דאַרף זאָגן: „נאָר אָט דער גלויבן מיינער זאָל ביישטיין פאַר מיר אָנשטאָט אַלע", און דו האָסט ניט געזאָגט „ביישטיין".

— זעהסט אַ מעשה! — שרייט ער אויס און פינטלט פאַרשעמט מיט די אויגן.

ער וועט מיר ביטער באַצאָלן פאַר דאָס, וואָס איך ווייז אים אָן זיין פעלער, נאָר איצט טריאומפיר איך, אַז איך זעה זיין פאַר־לעגנהייט.

אַמאָל האָט די באָבע צו אים אין אַ געלעכטער געזאָגט:

— גאָט איז דאָך מסתמא נודנע צו הערן דיינע תפלות: אַלע טאָג טענהסטו איינס און דאָס זעלבע.

— וואָ—אָס — האָט ער לאַנגזאַם אויסגעשריען — וואָס מע־קעסטו?

— איך זאָג, אַז צייט איך הער דיך, האָסטו נאָך גאָט ב"ה קיין איין וואָרט פון אייגענעם האַרצן ניט געשאָנקן.

ער איז שוואַרץ-רויט געוואָרן, האָט זיך אויפגעטרייסלט און אויפגעשפרונגען פון שטול און אַ וואָרף געטאָן אויף דער באָבן מיט אַ טעצל, — אַ וואָרף געטאָן און תיכף אָנגעהויבן ווידשען, ווי אַ זעג, וואָט טרעפט אויף אַ סוק:

— אַרויס פון שטוב, דו אַלטע מכשפה!..

אַז ער פלעגט מיר דערציילן וועגן דעם אומבאַזיגליכן כח פון גאָט, פלעגט ער שטענדיג און קודם כל אונטערשטרייכן זיין

אַכזריות: מענטשן האָבן פאַרזינדיקט, איז געקומען אַ מבול אויף זיי, זיי האָבן נאָך געזינדיקט, זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן, זייערע שטעט זיינען חרוב געוואָרן. ווידער אַמאָל האָט גאָט באַשטראָפט די מענטשן מיט הונגער און מגפה, שטענדיק איז גאָט אַ שווערד איבער דער ערד, אַ בייטש אויף די זינדיקע.

— ווער עס פאָלגט ניט און איז עובר אויף גאָטס געזעצן, וועט באַשטראָפט ווערן מיט פיין און אומגליק — פלעגט ער טענהן, קלאַפנדיק איבערן טיש מיט די ביינדלאַך פון זיינע דינע פינגער.

מיר איז שווער געווען צו גלייבן אין דער אַכזריות פון גאָט. איך האָב חושד געווען, אַז דער זיידע טראַכט דאָס אַלץ אויס מיט אַ בכיוון, כדי איך זאָל מורא האָבן ניט אַזוי פאַר גאָט, ווי פאַר אים. און איך האָב אים אָפנהאַרציק געענטפערט:

— דו זאָגסט דאָס, כדי איך זאָל דיר פאָלגן?

און ער האָט מיר אויך אַזוי אָפנהאַרציק געענטפערט:

נו, געוויס! פּרוב אָקאָרשט ניט פאָלגן.

— אָבער די באָבע...

— דו גלויב איר ניט, דער אַלטער נאַר — האָט ער מיך שטרייַנג געלערנט. — זי איז פון קינדווייז אָן אַ נאַר, זי קען אַפילו ניט לייענען און האָט קיין שכל ניט. אָט איך וועל איר אָנזאָגן, אַז זי זאָל ניט וואַגן צו ריידן מיט דיר וועגן אַזוינע גרויסע זאַכן. נו. ענטפער: אין וויפיל „טשינעס" (מדרגות) זיינען אַיינגעטיילט די מלאכים?

איך ענטפער און פרעג:

— און ווער זיינען די „טשינאָווניקעס"?

— זעה, ווי עס וואַרפט אים — שמייכלט דער זיידע, באַהאַלטנדיק פון מיר די אויגן. ער גיט אַ קיי מיט די ליפן און דערקלערט מיר אָן חשק:

— צו גאָט האָט דאָס ניט קיין שייכות. „טשינאָווניקעס" איז אַ מענטשליכע זאַך. אַ טשינאָווניק איז אַ געזעצנפרעסער ער פרעסט די געזעצן.

— וואָס איז דאָס געזעצן.

— געזעצן? דאָס הייסט: מנהגים — רעדט דער זיידע

פרייליכער און מיט מער חשק און בליצט מיט זיינע קליינע שטע-
כעדיגע אויגן. — עס לעבן מענטשן צוזאַמען און ריידן זיך צו-
נויף: אָט אַזוי וועט זיין בעסער, אָט אַזוי-אָ זאָלן מיר זיך אויפ-
פירן, אָט אַזוי זאָל זיין אונזער מנהג, אונזער געזעץ. אָט, למשל,
קינדער קומען זיך צונויף און שפּילן, מאַכט מען אָפּ צווישן זיך,
ווי מען זאָל שפּילן, אויף וואָס פאַר אַן אופן. אָט אַזאַ אָפּמאַך
איז אַ געזעץ.

— און די טשינאָווניקעס?

— און אַ טשינאָווניק איז ווי אַ שטיפער, ער קומט און
טוט דעם היפוך פון די געזעצן.

— פאַר וואָס?

— נו, דאָס וועט דיין שכל ניט קאָנען באַגרייפן — זאָגט
ער שטרענג און כמורנע און לערנט מיך ווייטער:

— העכער איבער אַלע מעשים פון די מענטשן איז גאָט.
מענטשן וילן איינס, ער וויל עפּעס אַנדערש. אַלץ וואָס מענטשן
טוען איז ווי שפּינוועבס, גאָט גיט אַ בלאָז, ווערט אַלץ צעשאָטן,
ווי שטויב.

צוליב אַ סך סבות האָב איך זיך אינטערעסירט מיט טשי-
נאָווניקעס, האָב איך געוועלט נאָך וואָס דערגיין, און איך פרעג:

— און וואָס זינגט דער פעטער יאַשא:

די ליכטיגע מלאכים טוען גאָטס געבאָטן,
אָבער די טשינאָווניקעס דינען בײַ דעם שטן.

דער זיידע האָט מיט דער דלאניע אויפגעהויבן דעם בערדל,
אַריינגעלייגט אין מויל און פאַרמאַכט די אויגן. די באַקן זיינע
האָבן אָנגעהויבן ציטערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער לאַכט
אין זיך.

— אַזוינע לידער — האָט ער דערנאָך געזאָגט — איז ניט
ער דאַרף זינגען, ניט דו דאַרפסט הערן. דאָס זינגען ראַסקאָלניקעס,
אַפּיקורסים.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, פאַרקוקט זיך ערגיץ אין דער
ווייטנס און שטיל אויסגעצויגן:

— עך, אי—איר!..

נאָר כאָטש ער האָט געשטעלט גאָט אַזוי הויך און מאַווימדיג איבער די מענטשן, פלעגן זיי ביידע, סיי ער, סיי די באָבע, אַריינציען אים אין אַלע זייערע געשעפטן, אים אַליין און אויך די אָנצאָליגע מחנות פון זיינע הייליגע צדיקים. די באָבע האָט, דוכט זיך, גאָר ניט געוואוסט פון הייליגע צדיקים, אַחוץ ניקאָלאַ, יורי, פראָל אין לאַוור, נאָר דאָס זיינען געווען פשוטע לייט, זעער גוטע און זעער פריינדליכע צו אַלעמען, וואָס גייען אום איבער דערפער און שטעט און מישן זיך אַריין אין לעבן פון די מענטשן. אָבער דעם זיידנס הייליגע זיינען געווען דורכאויס מערטירער, זיי פלעגן מלחמה האַלטן מיט פרעמדע געטער, דערווידער גיין די רוימישע קיסרים און דערפאַר פלעגט מען זיי פייניגן, ברענען, שינדן די הויט פון זיי.

אַמאָל פלעגט דער זיידע טרוימען:

— אַז גאָט וואָלט העלפן, דעם הויפל מיינעם פאַרקויפן כאָטש מיט פינף הונדערט רובל ריוח, וואָלט איך באַשטעלט „אַ מאָלעבען“ *) ניקאָלאַ דעם צדיק.

די באָבע האָט לאַכנדיג געזאָגט צו אים.

— תיכף וועט זיך טאַקי נעמען ניקאָלאַ דיינע הייזער פאַרקויפן, קיין וויכטיגערע מלאכה האָט ער ניט אַפנים?

בּאַ מיר איז לאַנג געלעגן דעם זיידנס אַ לוח מיט פאַרשיידענע אויפשריפטן פון זיין האַנט. אַקעגן דעם טאָג פון די הייליגע יהויקים און חנה איז געשטאַנען געשריבן מיט אָפּגעקראָכענע געלע טינט און גלייכע בוכשטאַבן: „מציל געווען פון אַ צרה די גנעדיגע“.

איך געדיינק די „צרה“. כּדי צו שטיצן זיינע ניט געראָטענע קינדער, איז דער זיידע געוואָרן אַ וואָכערניק און אָנגעהויבן נעמען משכנות אין דער שטיל. עמיצער האָט אים געמסרט, איז אונז פּלוצלונג בּאַ נאַכט באַפאַלן פּאָליציע, געמאַכט אַ הויזזוכונג. עס איז געווען אַ גרויסער טומל, נאָר עס האָט זיך געענדיגט

*) תּפילה.

בשלום. דער זיידע האָט נאָך דעם תּפילות געזאָגט ביז די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט פאַר מיר אין די אויגן אינדערפרי פאַרשריבן אָט די ווערטער אין לוח.

פאַר וועטשערע פלעגט ער געוויינטליך לייענען מיט מיר דעם תהלים, דעם „טשאַסאָסלאָוו" אָדער דעם גראָבן ספר פון יעפרעם סירין, און נאָכן עסן פלעגט ער זיך ווידער שטעלן צו דער תּפילה און אין דער אָוונטיגער שטילקייט פלעגן לאַנג קלינגען זיינע אומעטיגע חרטה-רייד:

— וואָס זאָל איך דיר ברענגען און וואָס זאָל איך דיר אָפּפערן; דו ביסט דאָך דער נדיב דער גרעסטער און דער אומשטאַרבליכער מלך... און פאַרהיט מיך פון מחשבות זרות... גאָט מיינער, פון די יעניגע מענטשן באַשיץ מיך... גיב מיר טרערן, גאָט, און וועגן טויט אַ זכּרון...

און די באָבע פלעגט אָפטמאָל אַזוי זאָגן:

— אַי, ווי איך בין היינט מיד. איך וועל זיך שוין, קענטיג, לייגן אָן תּפילה.

דער זיידע פלעגט מיך פירן אין קלויסטער: שבת צו דער באַנאַכטיגער תּפילה, און אין יום-טוב-טעג — צו דער פאַרמיטאָגדיגער. און דאָרטן פלעג איך אויך דערקענען, ווען צו וועמענס גאָט מען בעט: אַלץ, וואָס דער פּאָפּ מיטן „דיאַטשאָק" זאָגן—דאָס איז צום זיידנס גאָט, די משוררים זאָגן שטענדיג צו דעם גאָט פון דער באָבען.

פאַרשטייט זיך, איך דריק אויס גראָב יענע קינדישע אונטערשיידונג צווישן די געטער, וואָס האָט אין יענער צייט אַזוי געטומלט מיין נשמה און געשפּאָלטן זי אויף צווייען, נאָר דעם זיידנס גאָט פלעגט באַ מיר אַרויסרופן אַ מורא און אַן אומפריינדליכקייט: ער האָט קיינעם ניט ליב, קוקט אַלעמען נאָך מיט אַ שטרענגן אויג, קודם כּל זוכט ער און געפינט אין מענטשן נאָר דאָס שלעכטע, דאָס בייזע, דאָס זינדיגע. עס איז קלאָר געווען, אַז ער האָט צום מענטשן קיין צוטרוי ניט, וואַרט אויף זיין הרטה האָבן און האָט ליב צו באַשטראָפן.

אין יענע צייטן איז דאָס געווען די הויפּטשפּייז פון מיין נשמה

אַט די געפילן און געדאַנקען וועגן גאָט, דאָס שענסטע, וואָס איז דעמאָלט געווען אין מיין לעבן; אַלע איבעריגע אייַנדרוקן פלעגן מיך נאָר באַליידיגן מיט זייער אַכזריות און אומרייַנקייט און פלעגן אַרויסרופן בא מיר אַ געפיל פון עקל און טרויער. גאָט איז געווען דאָס בעסטע און דאָס ליכטיגסטע פון אַלץ, וואָס עס האָט מיך אַרומגערינגלט, דער גאָט פון דער באָבען, אַזאַ ליבליכער פריינד פון אַלע לעבעדיגע באַשעפענישן. און נאַטירליך האָט מיך געמוזט באַאומרוהיגן די פראַגע: ווי זעהט דאָס ניט דער זיידע אָט דעם דאָזיגן גוטן גאָט.

אין גאַס פלעגט מען מיך ניט לאָזן. זי פלעגט מיך זעער אויפרעגן, איך פלעג אזוי ווי שיכּור ווערן פון אירע איינדריקן און פלעג כּמעט שטענדיג ארויסרופן סקאַנדאַלן און געשלעגן. קיין חברים האָב איך פאַר דער צייט ניט געוואונען, די שכנישע ייִנגלאַך פלעגן זיך פאַרהאַלטן צו מיר פיינדליך. מיר איז ניט געפעלן געווען, וואָס זיי רופן מיך מיט דעם זיידנס פאַמיליע—קאַשירין, זיי האָבן דאָס באַמערקט און פלעגן דוקא שרייען איינע צו די אנדערע:

— זעהט נאָר, אָט גייט קאַשירינס אייניקל.

— שלאָגט אים!

איך האָב געהאַט כּוח ניט נאָך מיינע יאָרן און בין געווען פלינק אין געפעכטן— דאָס האָבן געמוזט מודה זיין אפילו מיינע פיינד, וואָס פלעגן מיך תּמיד באַפאַלען קאָמפּאַניעס־ווייז. פונדעסטוועגן פלעג איך שטענדיג זיין דער געשלאָגענער, אַהיים פלעג איך קו־מען געוויינטליך מיט אַ צעקוואַשעטן נאָז, מיט צעהאַקטע ליפּן און מיט סיניאַקעס אויפן געזיכט, אַן אָפּגעריסענער און א פארשטויבטער.

די באָבע פלעגט מיך אויפנעמען מיט א דערשראָקענעם מיטגעפיל:

— האָסט זיך ווידער געשלאָגן? וואָס איז דאָס אזוינס מיט דיר, האַ? איך וועל דאָס דיר אָנהייבן דערפאַר בייקערן די ביינער.

זי פלעגט מיר וואַשן דעם פּנים, צולייגן אזוינע גראָז צו

די סיניאקעס, קופערנע מטבעות אדער צינק-וואַסער, און פלעגט מיך איינריידן:

— נו, צו וואָס שלאָגסטו זיך? אין שטוב ביסטו אַ שטילינקער און ווי דו קומסט אין גאַס, ביזטו אויף זיך אַליין ניט ענליך. וו איז דאָס דיר ניט מיאוס! וואַרט אַקאָרשט, איך וועל דערציילן דעם זיידן, וועט ער דיך פון שטוב ניט ארויסלאָזן.

דער זיידע פלעגט זעהן מיינע סיניאַקעס, נאָר ער פלעגט מיך קיינמאָל ניט זידלען און פלעגט נאָר קיראַקען און ברו-מען:

— ווידער מיט מעדאַליען. דו ביסט בײַ מיר אַ העלד-אַ גבור, אָלסט ניט וואָגן פון שטוב אַרויסגיין, הערסט צי ניט?

און מיר פלעגט זיך גאָר ניט ווילן אויפן גאַס, בשעת דאָרטן איז שטיל, נאָר ווי איך דערהער דאָרטן דעם פריילעכן קינדערשן גערויש, לויף איך אַהין, ניט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון זיידן. די סיניאַקעס און די ביילן באַליידיגן מיך ניט, מיר ברענגט אויף די אַכזריות פון די גאַסיגע שפילן, יענע אַכזריות, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט געווען און וואָס פלעגט מיך אַריינברענגען אין דער גרעסטער אויפגערעגטקייט. איך פלעג ניט קאָנען צוזעהן ווי די קינדער מאַכן מיט אַ בכיוון רייסערייען צווישן די הינט און געשלעגן צווישן די הענער, פייניגן די קעץ, יאָגן אום די יידישע ציגן, פאַרפאָלגן שכורע בעטלער און „איגאָשען, דעם טויט אין קעשענע“.

איגאָשע איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער אַ פאַררויכערטער מענש, אין אַ שווערן שעפּסענעם פּעלצל, מיט האַרטע האָר אויפן ביינערדיגן, פאַרזשאַווערטן פנים. ער פלעגט גיין איבער ן גאַס איינ געבויגן, מאָדנע שאָקלענדיג זיך, און שווייגנדיג און איינגעשפּאַרט קוקן אַראָפּ, זיך אונטער די פיס. זיין טשוהונענער פנים מיט די קליינע טרויעריגע אויגן פלעגט אַרויסרופן בײַ מיר אַ דערשראָקע-נעם ערגעפיל. עס פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ער איז פאַרנומען מיט זעער אַ וויכטיגן ענין, ער זוכט עפּעס און מען דאַרף אים ניט שטערן.

די יינגלאַך פלעגן אים נאָכלויפן און שליידערן מיט שטיינער אין זיין הויקערדיקן רוקן. אַ געוויסע צייט פלעגט ער זיי גאָרניט באַמערקן און ניט פילן קיין ווייטאָג פון די שטיינער, נאָר אָט שטעלט ער זיך אָפּ, הויבט אויף דעם קאָפּ אין פעלצענעם היטל, פאַרוּיכט עס מיט אַ ציטערדיקער האַנט און קוקט זיך אום, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָקאָרשט אויפגעכאַפּט.

— איגאָשע! דער טויט אין קעשענע! איגאָשע הייסטו, וואו־הין גייסטו! זעה, דער טויט ליגט ביי דיר אין קעשענע! — פלעגן שרייען די קינדער.

ער גיט זיך אַ כאַפּ מיטן האַנט פאַרן קעשענע, דערנאָך בויגט ער זיך האַסטיג אַיין, הויבט אויף פון דער ערד אַ שטיין אָדער אַ שטיק האָלץ אָדער אַ הרודע*), פאַרמעסט זיך אומגעלומפערט מיט זיין לאַנגער האַנט און הויבט זיך אָן צו זידלען. זידלען פלעגט ער זיך שטענדיג מיט איינע און די זעלביגע דריי פּאַס קודנע רוסישע זידל־ווערטער און אין דעם פּרט זיינען די יינגלאַך אַ סך רייכער געווען פון אים. אמאָל פלעגט ער זיך יאָגן נאָך זיי הינקנדיג. דער לאַנגער פעלץ פלעגט אים שטערן צו לויפן, ער פלעגט פאַלן אויף די קני און אַיינשפּאַרן זיך אין דער ערד מיט די שוואַרצע הענט, וואָס זיינען ענליך געווען אויף טרוקענע סוקעס און די יינגלאַך וואַרפן אים אין די זייטן און אין פלייצע אַ שטיין נאָך אַ שטיין און די פלינקערע און דרייסטערע לויפן צו נאָהענט צו אים, שיטן אים אויפן קאָפּ הויפנס זאַמד און באַוויין צו דער צייט אָפּצושפּרינגען.

און נאָך אַ שווערערער אַיינדרוק פון דער גאַס איז פאַר מיר געווען דער מייסטער גריגאָרי איוואַנאָוויטש. ער איז שוין אינ־גאַנצן בלינד געוואָרן און איז געגאַנגען איבער דער וועלט, אַ הויכער, מיט אַן אָנשטענדיגן אויסזעהן און אַ שטומער. געפירט האָט אים פאַרן האַנט אַ קליינינטשקע גרויע אַלטיטשקע; מיט אַ פּישטשע־דיגן קול פלעגט זי יענטשן אונטער די פענסטער, קוקנדיג ערגעץ וואוהין אַן אַ זייט:

*) אַ שטיק פאַרטריקנטער קויט.

— גיט אַ נדבה אַ בלינדן, אַ קאַליקן !..

נאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש שווייגט. זיינע שוואַרצע ברייל קוקן גלייך אין וואַנט פון הויז, אין פענסטער, אין פנים פון באַ־געגעגטן דורכגייער. מיט דער דורך־און־דורך באַפּאַרבטער האַנט גלעט ער דעם באָרד, די ליפּן זיינען פעסט פאַרשלאָסן. איך פלעג אים אָפט זעהן, נאָר קיינמאָל קיין שום קלאַנג ניט געהערט פון זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן און אָט דעם אַלטנס שווייגן פלעגט פּיי־ניקן. דריקן מיין האַרץ. איך פלעג ניט קאָנען צוגיין צו אים, איך בין קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען און, פאַרקערט, דערזעהענדיג אים, פלעג איך לויפן אַהיים און זאָגן דער באָבען :

— גריגאָרי גייט איבערן גאַס !

— נו? — פלעגט זיך אומרואיג און רחמנותדיג אויסשרייען, — נאַ, לויף גיכער, גיב אים אָט דאָס.

נאָר איך פלעג גראָב און בייז זיך אָפּזאָגן. דעמאָלט פלעגט זי אַליין גיין און לאַנג ריידן מיט אים, שטייענדיג אויפן טראָטואַר. ער פלעגט אונטערשמייכלען, טרייסלען מיטן באָרד, נאָר אַליין פלעגט ער ריידן ווייניג און נאָר איינציגע ווערטער.

אָפטמאָל פלעגט אים די באָבע פאַררופן אין קיך אריין געבן טיי און עסן. אַמאָל האָט ער געפרעגט אויף מיר. די באָבע האָט מיך אַ רוף געטאָן, נאָר איך בין אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די האָלץ. איך האָב ניט געקאָנט צוגיין צו אים: איך האָב זיך זעער געשעמט פאַר אים און האָב געוואוסט, אַז די באָבע שעמט זיך אויך. נאָר איין מאָל האָבן מיר גערעדט מיט איר וועגן אים. זי האָט אים באַגלייט ביזן גאַס און איז געגאַנגען צוריק איבערן הויף מיט שטילע טריט און אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געוויינט. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און גענומען זי פאַרן האַנט.

פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון אים? — האָט זי שטיל גע־פרעגט. — ער האָט דיך ליב, ער איז דאָך אַ גוטער.

פאַרוואָס גיט אים ניט דער זיידע צום לעבן?

דער זיידע פאַרוואָס גיט ניט?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, מיך צוגעטוליעט צו זיך און כמעט שעפּטשענדיק נביאות געזאָגט:

— געדענק מײַן וואָרט: ביטערליך וועט אונז גאָט פאַר דעם דאָזיקן מענטשן באַשטראָפן! אַי, ער וועט באַשטראָפן!

זי האָט קיין טעות ניט געהאַט: אין אַ יאָר צעהן אַרום, אַז די באָבע האָט שוין געפונען איר אייביקע רו, איז דער זיידע אַליין אומגעגאַנגען איבער די הײַזער, איבער די גאַסן פון שטאָט, אַ חסר־דעה, און פלעגט רחמנותדיק בעטן אונטער די פענסטער:

— קינדער מײַנע גוטינקע, גיט מיר קיכעלע אַ שטיקל, קי־כעלע אַ שטיקל וויל איך. עך, אי־איר...

פון דעם פריהערדיקן איז בײַ אים נאָר איבערגעבליבן אָט דאָס ביטערע, נודנע:

— עך אי־איר...

אַחוץ איגאָשען און גריגאָרי איוואַנאָוויטשן, פלעגט מיך פּיי־ניגן און פאַרטרײַבן פון גאַס די אויסגעלאַסענע וואַראָניכע. באַ־ווײַזן פלעגט זי זיך אין יום־טוב־טעג, אַ גרויסע, אַ צעשויבערטע, אַ שיכורע. איר הילוך איז געווען אַ מאָדנער. גלײַך ווי זי וואָלט ניט באַוועגט מיט די פיס, ניט באַרירט די ערד, פלעגט זי זיך רוקן ווי אַ וואָלקן, און זינגען פאַסקודנע לידער. אַלע דורכגייער פלעגן זיך באַהאַלטן פון איר, אַרײַנגיין אין די טויערן, אין די הײַזער, אין די קראָמען, אָפּטרעטן אָן אַ זײַט אין אַ ווינקל — זי פלעגט אַזוי ווי אויסקערן די גאַס. איר פּנים איז געווען כמעט בלוי אופגעבלאָזן, ווי אַ פענכער, די גרויסע גרויע אויגן—מאוימדיק און שפּאָטעריש אויסגעגלאָצט. אַמאָל פלעגט זי וואויען און ווײַנען:

— עופהלאַך מײַנע, וואו זײַט איר?

איך פלעג פרעגן בײַ דער באָבן, וואָס איז דאָס.

— דו דאַרפסט דאָס ניט וויסן.—האָט זי מיר אָפּגעענטפערט פאַרכמורעט און האָט מיר פונדעסטוועגן אין קורצן דערציילט: זי האָט געהאַט אַמאָל אַ מאַן, אַ טשינאָווניק וואָראָנאָוו, האָט ער געוואָלט באַקומען אַ העכערן טשין און האָט צוליב דעם פאַרקויפט זײַן ווײַב דעם נאַטשאַלניק זײַנעם, יענער האָט זי אַוועקגעפירט

ערגעץ-וואוהין און צוויי יאָר צייט איז זי דאָרטן אָפּגעווען. און אַז זי איז געקומען צוריק, זיינען שוין צוויי קינדער — אַ יינגעלע און אַ מיידעלע—אויף דער וועלט ניט געווען — זיי זיינען גע-שטאָרבן—דער מאַן האָט פאַרשפּילט אין קאָרטן קאַזיאָנע געלט און איז געזעסן אין תּפיסה. פון פיין האָט זיין חייב אָנגעהויבן שכורן, זיך אויפפירן ניט ווי געהעריג און מאַכן סקאַנדאַלן. אין אַלע יום-טובים אין אָוונט נעמט זי די פּאָליציע אין תּפיסה אַריין.

ניין, אין דערהיים איז אַ סך בעסער, ווי אין גאַס. דערהויפּט איז גוט אין שטוב נאָך מיטאָג, אַז דער זיידע פאָרט אַוועק צו יאַקאָוון און די באָבע זעצט זיך ביים פענסטער, דערציילט מיר אינטערעסאַנטע מעשיות און געשיכטעס, רעדט מיט מיר וועגן מיין טאַטן.

דעם פויגל, וואָס זי האָט אָפּגענומען ביין קאָטער, האָט זי אַרומגעשאָרן דעם צעבראָכענעם פליגל, אָנשטאָט דעם אָפּגעביסע-נעם פוס, האָט זי אים קונציג צוגעמאַכט אַ הילצערנע קוליע, אים אויסגעהיילט און אויסגעלערנט ריידן. שטייט זי שעהן-לאַנג פאַר זיין שטייג אויפן פענסטער, איז אַליין ענליך אויף אַ גרויסער אין אַ גוטמוטיגער חיה, און טענהט מיט אַ געדיכטער שטים צו דעם קויל-שוואַרצן פויגל, וואָס קאָן אַזוי גוט נאָכמאַכן:

— נו, זאָג זשע: כ'וויל קאַשע...

דער שוואַרצער סקוואָריעץ פאַרלייגט זיין קעפּל אָן אַ זייט און גיט אַ קוק אויף איר מיט זיין קיילעכדיגן, לעבעדיגן אויג, פון אַ צווילינג, קלאַפּט מיט דעם הילצערנעם פיסל אין דעק פון שטייגל, ציט אויס דעם האַלז און פייפט ווי אַן איוואָלגע, פישטשעט ווי אַ סאָיקע, שרייט ווי אַ קוקו, מאַטערט זיך צו מיאַאוקען, ווי אַ קאַץ, מאַכט נאָך, ווי אַ הונט וואָיעט, אָבער ריידן ווי אַ מענטש רעדט געלינגט אים ניט.

— שטיף ניט! — זאָגט צו אים ערנסט די באָבע.—זאָג נאָך: כ'וויל קאַשע...

די שוואַרצע געפעדערטע מאַלפּעלע שרייט אויס הילכיג עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַביסל ענליך אויף דער באָבעס רייד; די

אַלטע לאַכט צופרידן, גיט דעם פויגל אַביסל קאַשע פון פינגער און רעדט:

— איך קען דיך, שייגעץ איינער! דו קענסט אַלץ אויסגע-צייכענט, נאָר דו מאַכסט זיך בכיון, אַז דו קענסט ניט כּלומרשט.

און האָט דאָך טאַקע אויסגעלערנט דעם סקוואָריעץ עטליכע ווערטער. אין אַ געוויסער צייט אַרום פלעגט ער געניט דײַטליך מיט ווערטער בעטן קאַשע און אַז ער פלעגט דערזעהן די באָבען פון דערווייטענס, פלעגט ער אויסציען עפּעס ענליכס אויף — גוט-מאָרגן!..

פריער איז זיין שטייג געהאַנגען אין דעם זיידנס צימער, נאָר דערנאָך האָט ער אים פאַרטריבן צו אונז אויפן בוידים ווייל דער פויגל האָט אָנגעהויבן איבערצוקרימען דעם זיידן: דער זיידע שטעלט זיך זאָגן זיינע תפלות און דער סקוואָריעץ שטעלט אַרויס זיין וואַקסענעם נאָז צווישן די גראַטקעס פון שטייגל און פייפט נאָך:

— טאַ, טאַ, טאַ – אירו, טו–איר, טו–אירה, טאַ — אואו!.

דעם זיידן פלעגט דאָס באַליידיגן. איינמאָל האָט ער איבער-געריסן די תפלה, אַ טופּ געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריען מיט אַ גוואַלדיגן כּעס:

— נעם אים צו פונדאַנען, דעם שטן! כ׳וועל ממיתן!

עס איז זעער אינטערעסאַנט געווען אין שטוב, נאָר צייטנ-ווייז פלעגט מיר דעם האַרץ דריקן אַזאַ בענקשאַפט, וואָס איך פלעג זיך פון איר בשום אויפן ניט קאָנען באַפרייען. איך פלעג זיך אַזוי ווי אָנגיסן מיט עפּעס אַ שווערער זאַך און פלעג אַ לאַנגע צייט נ̣אָכאַנאַנד לעבן, ווי אין אַ טיפער, פינסטערער גרוב אָן דעם חוש פון זעהן, פון הערן און אָן אַלע איבעריגע חושים, אַ לינד-ער און האַלב אַ טויטער...

אומגעריכט האָט דער זיידע פאַרקויפט דעם שענקער זיין הויז און האָט געקויפט אַנ׳אַנדערן אויף קאַנאַטנע גאַס. די גאַס איז געווען ניט ברוקירט, באַוואַקסן מיט גראָז, אַ ריינע און שטילע, און האָט געפירט גלייך אין פעלד אַריין. זי איז געווען איני־גאַנצן ענליך אויף צוויי שנירלאַך אָנגעניזיטע קליינינקע פאַר־שיידנפאַרביגע הייזעלאַך.

דאָס נייע הויז האָט אויסגעזעהן יום־טוב׳דיגער און ליבלי־כער, ווי דאָס פריהערדיגע. דער פאַסאַד זיינער איז געווען אָפּגע־פאַרבט אין דעם וואַרימען און רוהיגן טונקל־רויטן קאָליר, עס האָבן העל געשימערט די דריי בלויע לאָדנס אויף די פענסטער אונטן און דער לאָדן מיט גראַטקעס אויפן פענסטער פון דער סאַלקע. דער דאַך פון דער לינקער זייט איז שיין געווען פאַר־דעקט מיט דעם געדיכטן גרינס פון וויאַז און לינדנבוימער. אויפן הויף און אין סאָד איז געווען אַ סך פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך, ווי מען וואָלט דאָס לכתחילה געמאַכט אויף צו שפילן אין באַהעל־טעניש. דערהויפט איז געווען שיין דער סאָד, ניט קיין גרויסער, נאָר אַ געדיכטער מיט אַנגענעם פאַרפלאָנטערטע וועגעלאַך. אין איין עק סאָד איז געשטאַנען די באָד, אַ קליינינקע, ווי אַ שפּילצייג; אין צווייטן עק איז געווען אַ גרויסע, גאַנץ טיפע גרוב; זי איז פאַרוואַקסן געווען מיט גראָז און עס האָבן אַרויסגעשטעקט פון איר גראָבע, פאַרלאָשענע האַלאַוויעשקעס — אַ זכר פון דער פרי־הערדיגער באָד, וואָס עס האָט אָפּגעברענט. פון דער לינקער זייט האָט זיך דער סאָד געענדיגט ביין וואַנט פון אַ פערדשטאַל, וואָס האָט געהערט צום פּאָלקאָווניק אָוסיאַנניקאָוו, רעכטס—ביי בעט־לינג׳ס הייזער. אין דער טיף האָט ער זיך געגרעניצט מיטן הויף פון דער מילכיקערן פעטראָוונאַ—אַ דיקער, אַ רויטער, אַ טומלדי־גער פרוי, וואָס איז ענליך אויף אַ גלאָק. איר שטיבל איז געווען איינגעהויקערט צו דער ערד, גוט באַדעקט מיט מאָך, שוואַרץ און

אַלט, און האָט גוטמוטיג געקוקט מיט זיינע צוויי פענסטער אין פעלד אַריין. דאָס פעלד איז געווען פול מיט באַרג־און־טאָלן און אין דערווייטנס איז שווער געהאַנגען אויף אים דער בלויער וואָלקן פון וואַלד. דעם גאַנצן טאָג פלעגן אומגיין און אומלויפן סאָלדאַטן איבערן פעלד, און אין די קרומע שטראַלן פון האַרבסט־זון פלעגן שימערן די ווייסע בליצן פון זייערע שפּיזן.

דאָס גאַנצע הויז איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט אַזוינע לייט, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געזעהן זייער גלייכן: אין דער פאָדערשטער העלפט האָט געוואוינט אַנ׳אָפיציר, אַ טאָ־טער, און זיין קליינע קיילעכדיגע ווייב. פון איינדערפרי ביז אין אָוונט, פלעגט זי שרייען, לאַכן, שפּילן אויף דער רייך־באַציר־טער גיטאַרע און זינגען אויף איר הויכער קלינגעדיגער שטים מערסטנטייל דאָס דאָזיגע וואוילערישע לידל:

האָסט ליב איינע — ניט צופרידן,
זיי זשע ניט קיין נאַר:
זוך אַ צווייטע אויף געשווינטער,
וועסטו האָבן שכר,
אויב דו וועסט זי נור געפינען!
אַ—אַי, ס׳אַראַ זיסן שכר!...

און דער מאַן, אַ קיילעכדיגער, ווי אַ באַלאָן, פלעגט זיצן ביים פענסטער, אָנבלאָזן זיין בלויען פּנים און פריילך אויסגלאָ־טשן זיינע אויסגעקראָכן־געלע אויגן. ער פלעגט רויכערן אָן אויפ־הער אַ ליולקע און הוסטן אויף אַ מאָדנעם הינטישן אופן:

— וואוך—וואוך—וואוך...

אויפן סאַלקע, וואָס איז געווען צוגעבויט צום פערד־שטאַל און קעלער, האָבן ביי אונז געוואוינט צוויי פורמאַנעס, איינער אַ קליינגעוויקסיגער, אַ סיווער, דער פעטער פּיאָטר און זיין שטו־מער פּלימעניק סטיאָפּאַ, אַ געזונטער בחור מיט אַ פּנים, וואָס איז ענליך געווען צו אַ מעשענעם טאַץ, און דעם אָפיציר׳ס דינער, אַנ׳אומעטיגער, אַ לאַנגער טאָטער. די אַלע זיינען געווען פאַר מיר

גאַנץ נייע מענטשן מיט אַזוינע זאַכן, פון וועלכע איך האָב ביז דעמאָלט ניט געוואוסט.

נאָר מער פאַר אַלעמען האָט מיר פאַרכאַפּט און צוגעצויגן צו זיך אונזער קוואַרטיראַנט. אין דער הינטערשטער העלפט פון הויז, האָט ער געהאַט ביי אונז, ביי דער קיך, אַ לאַנגן צימער מיט צוויי פענסטער, איינס צום הויף, דאָס אַנדערע — אין גאָרטן אַריין.

געווען איז דאָס אַ דאַרער, אַ ביסל אַנ'איינגעהויקערטער מענטש, מיט אַ ווייסן געזיכט און שוואַרצן בערדל, צעטיילט אויף צווייען, מיט גוטמוטיגע אויגן אין ברילן. ער איז געווען אַ שוויי־געוודיגער, אַן אומבאַמערקליכער, און אַז מען פלעגט אים רופן עסן אָדער טיי טרינקן, פלעגט ער שטענדיג ענטפערן:

— „אַ שיינע זאַך".

האָט אים די באָבע אָנגעהויבן אַזוי אָנצורופן סיי אונטער די אויגן, סיי אין די אויגן:

— גיי, ליזַנקאַ, רוף די „שיינע זאַך" טיי טרינקן — פלעגט זי זאָגן. אָדער:

— פאַרוואָס עסט איר אַזוי ווייניג, „שיינע זאַך"?

דאָס גאַנץ צימער איז געווען ביי אים פול מיט קעסטלאַך און גראָבע ביכער, געדרוקט ניט מיט אַלטסלאַווישע, נאָר מיט אומ־באַקאַנטע אותיות. אין אַלעווינקעלאַך זיינען געשטאַנען ביי אים פלעשעלאַך מיט פאַרשיידנפאַרביגע פליסיגקייטן, געוואַלגערט זיך שטיקלאַך קופּער און אייזן, שטיינגלאַך בליי. פון אינדערפרי ביזן אָוונט פלעגט ער אין זיין לעדערנער קורטקע, אין די גרויע, קעסטלדיגע הויזן, אַנ'אויסגעשמירטער אין פאַרב, מיט אַן אומאַנ־גענעמען ריח, אַ צעשויבערטער און אַנ'אומגעלומפּערטער,—שמעלצן בליי, פאַרלייטן עפּעס מאָדנע קופּערנע זאַכן, וועגן עפּעס אויף אַ קליינ־טשקער וואָג, אָפּברענען די פינגער און בלאָזן אויף זיי, לויפן צו די צייכענונגען, וואָס זיינען געהאַנגען אויפן וואַנט, און שטרויכלען זיך לויפנדיג, און, ווישנדיג די ברילן, איינגנורען זיך אין די צייכענונגען, כמעט באַרירן זיי מיט זיין דינעם, גלייכן און מאָדנע ווייסן נאָז. אָפּטמאָל פלעגט ער זיך פּלוצלונג אָפּשטעלן אין

מיטן צימער אָדער ביים פענסטער און שטיין לאַנג מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ, אָפּהענטיק און שווייגנדיק.

איך פלעג אַרויפקריכן אויפן דאַך פון סייער און נאָכקוקן נאָך אים דורכן אָפענעם פענסטער. איך פלעג זעהן דעם בלויען פייערל פון זיין ספּירטלעמפּל אויפן טיש, זיין טונקעלע פיגור; איך פלעג זעהן, ווי ער שרייבט עפּעס אין זיין צעשויבערטן קאַיעט, זיינע ברילן בלישטשן קאַלט און בלויליך, ווי קריהעס, און שעה'ן-לאַנג פלעגט מיך האַלטן אויפן דאַך די כשוף-אַרבעט פון דעם דאָזיגן מענטשן און פלעגט פּיינליך אויפצינדן מיין נייגעריגקייט.

אָפּטמאָל פלעגט ער שטיין ביים פענסטער, ווי אין אַ ראַם די הענט פאַרלייגט אויף הינטער, און קוקן גלייך צום דאַך-צו נאָר מיך פלעגט ער אַזוי ווי ניט באַמערקן. דאָס פלעגט מיך באַליידיקן. פּלוצלונג פלעגט ער אָפּשפּרינגען צום טיש, זיך איינבויגן אין צווייען און עפּעס אָנהויבן דאָרטן צו זוכן.

איך בין משער, אַז איך וואָלט מורא האָבן פאַר אים, ווען ער וואָלט געווען רייכער און שענער אָנגעטאָן, נאָר ער איז געווען אָרים. איבערן קאָלנער פון זיין קורטקע האָט זיך געזעהן דער צעריסענער און קויטיגער קראַגעלע פון העמד, די הויזן זיינען געווען אין לאַטעס און אין פּליאַמעס, אויף די באָרוויסע פיס האָט ער געטראָגן צעטראָטענע פּאַנטאָפּל. פאַר אָרימע איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, זיי זיינען ניט געפערליך. דערין האָב איך זיך איבערצייגט, זעהענדיק, אַז די באָבע פאַרהאַלט זיך צו זיי מיט רחמנות און דער זיידע — מיט בטול.

אין שטוב האט קיינער ניט ליב געהאַט די „שיינע זאַך" אלע האָבן געלאַכט פון אים. דעם אָפיציר'ס פריילך ווייבל פלעגט אים רופן „קרייטענער נאָז", דער פעטער פּיאָטר פלעגט אים רופן: אַפּטייקער און מכשף, און דער זיידע: אַפּיקורס און מאַסאָן.

— וואָס טוט ער? — האָב איך געפרעגט ביי דער באָבען. זי האָט מיר שטריינג אָפּגעענטפערט:

— ס'איז ניט דיין עסק. דו שוויג און יוצא.

איינמאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, בין צוגעגאַנ-

געגן צו זיין פענסטער און האָב, קוים באַהאַלטנדיג מיין אויפרעגונג, געפרעגט ביי אים:

— וואָס טוסטו דאָס?

ער האָט אַ ציטער געטאָן, האָט לאַנג געקוקט אויף מיר איבער די ברילן, האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט, וואָס איז באַדעקט געווען מיט וואונדן און אָפּגעבערנט אין אַ סך ערטער, און האָט געזאָגט:

— קריך אַריין!

דאָס, וואָס ער האָט מיך גערופן אַריינגיין צו אים ניט דורכן טיר נאָר דורכן פענסטער, האָט אים נאָך גרעסער געמאַכט אין מיינע אויגן. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ קעסטל, מיך האָט ער אַוועקגעשטעלט אַקעגן זיך, האָט מיך אָפּגערוקט און ווידער צוגערוקט צו זיך און ענדליך האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען ביסטו?

דאָס איז גאָר געווען מאָדנע: פיר מאָל אַ טאָג פלעג איך זיצן אין קיך ביין טיש לעבן אים! איך האָב אָפּגעענטפערט:

— אַ היגער אייניקל...

— אַה! יאָ, יאָ! — האָט ער געזאָגט, באַקוקנדיג זיין פינגער, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איך האָב דעמאָלט געפונען פאַר נויטיג אים צו דערקלערן

— איך בין ניט קאַשירין, איך בין פיעשקאָוו.

— פיעשקאָוו? — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַנ׳אַנדער נגינה. — אַ שיינע זאַך.

ער האָט מיך אָפּגערוקט פון זיך, איז אויפגעשטאַנען און, אַוועקגייענדיג צום טיש, געזאָגט צו מיר:

— נו, זיץ רוהיג.

איך בין זעהר לאַנג געזעסן, נאָכקוקנדיג, ווי ער פיילט אַרום מיט אַ נאַפּילניק אַ שטיקל קופּער, וואָס איז געלעגן אין צוואַנגען. פון דעם קופּער אויף אַ שטיק טאַקטור שיטן זיך גאָלדענע ברעקעלאַך פון די פּאָלאָווינעס. אָט האָט ער זיי צונויפגענומען אין הויפן, אַריינגעשאָטן זיי אין אַ גראָבן טעצל, צוגעשאָטן אַהער פון אַ פושקעלע אַ ביסל ווייסן שטויב, ווי זאַלץ, אַב-

גאָסן דאָס מיט עפּעס פון אַ טונקעלן פלעשל — און אין טעצל הויבט אָן צו זידן, צו רויכערן, אַ בייסנדיגער ריח שפּאַרט מיר אין נאָז אַריין, איך פאַרהוסט זיך און דריי מיטן קאָפּ, און ער, דער מכשף, פרעגט מיך גאוה'דיג:

— וואָס, עס שמעקט שלעכט, האַ?

— יאָ.

— אָט דאָס איז דאָך דאָס! דאָס הייסט, ברודער, אַז דאָס איז זעהר גוט.

„מיט וואָס ער נעמט זיך איבער", האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און איך האָב שטרענג געזאָגט:

— אַז עס איז שלעכט, קאָן ניט זיין גוט.

— אַפּנים? — האָט ער אויסגעשריען, צו-ווינקענדיג צו מיר. — ניט תּמיד, ברודער, איז דאָס אַזוי! זאָג מיר, אין באַבקעס שפּילסטו?

— אין גאָראָדקעס!

— יאָ, אין גאָראָדקעס.

— שפּיל איך!

— ווילסט, וועל איך דיר דעם וואַרפער אָנגיסן מיט בליי.

— איך וויל!

— טאָ ברענג אַהער די באַבקע.

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר, האַלטנדיג אין האַנט דעם טעצל, וואָס האָט זיך גערויכערט, מיט איין אויג אַרייַנקוקנדיג אין אים, און האָט אַזוי געזאָגט צו מיר:

— דעם וואַרפער וועל איך דיר מאַכן, נאָר דערפאַר זאָלסטו צו מיר ניט גיין-אַהער, גוט?

דאָס האָט מיך אַכזריותדיג באַליידיגט.

— איך וועל אַזוי אויך קיינמאָל אַהער ניט אַרייַנגיין.

איך בין אַוועק אַ באַליידיגטער אין סאָד אַריין. דאָרטן האָט זיך געע'עסקט דער זיידע, אַרומגעלייגט די וואָרצלען פון די עפּעלבוימער מיט מיסט. ס'איז שוין געווען האַרבסט, די בלעטער פון די בוימער האָבן שוין לאַנג אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן.

— אַ—נו, שער אונטער די מאַלינעס - האָט דער זיידע געזאָגט, דערלאַנגענדיג מיר די שער.

איך האָב ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מייסטרעוועט דאָס די „שיינע זאַך“?

— ער מאַכט חרוב דעם צימער.—האָט בייז אָפּגעענטפערט דער זיידע.—די דילן צעבּרענט, די טאַפּעטן פאַרשמוצט און אָפּגעריסן. איך קלייב זיך אַלץ אים צו זאָגן, ער זאָל זיך אַרויסקלייבּן.

— טאַקע געערכט, — האָב איך מסכּים געווען און זיך גענומען שערן די אויסגעטריקנטע ריטלאַך פון די קוסטעס מאַלינעס.

נאָר איך האָב זיך צוגעאײַלט.

אין די רעגנדיקע אָוונטן, אַז דער זיידע פלעגט אַוועקגיין פון שטוב, פלעגט מאַכן די באָבּע אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונגען אין קיך, פאַרבעטנדיג אויף טיי אַלע איינוואוינער פון הויז: די פורמאַנעס, דעם אָפיצירס דינער; אָפט פלעגט אַריינקומען די חוואַטסקע פעטראָוונאַ. אַמאָל פלעגט אַפילו אַראָפּקומען דעם אָפיצירס פריילעך ווייבל; און שטענדיג פלעגט זיצן אין ווינקל ביים איוון די „שיינע זאַך“ שטום און אומבאַוועגליך. דער שטומער סטיאָפּאַ פלעגט שפּילן אין קאָרטן מיטן טאַטער. וואַליי פלעגט אים שנעלן מיט די קאָרטן אין ברייטן נאָז און זאָגן דערביי:

— אַש—שייטאַן!

דער פעטער פּיאָטר פלעגט ברענגען אַ גרויס שטיק ווייסברויט און אַ גאַנצן סלאָי קאָנפיטורן, פלעגט צעשניידן דעם ברויט אויף המוציא׳ס, ניט־שפּאָר־דיג אָנשמירן מיט קאָנפיטורן און אַיינטיילן אַלעמען מיט די געשמאַקע שטיקער ברויט מיט זאַפּט פון מאַלינעס, האַלטנדיג די המוציא׳ס אויף דער דלאָניע און זיך בוקנדיג טיף צו יעדערן:

— נעמט, איך בעט אַייך, בייסט צו! — פלעגט ער ליבליך בעטן, און אַז מען פלעגט ביי אים נעמען אַ שטיק ברויט, פלעגט ער אויפמערקזאַם דערנאָך באַקוקן זיין טונקעלע דלאָניע, און באַמערקנדיג אַ טראָפּן קאָנפיטורן, אַראָפּלעקן דאָס מיט צונג.

פעטראָוונאַ פלעגט ברענגען קאַרשן-ליקער, דאָס פריילעכע ווייבל — ניס און קאָנפעטן. עס פלעגט זיך אָנהייבן אַ פריילעכע סעודה — דער באָבּעס גרעסטע פאַרגעניגן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָך דעם ווי די „שיינע זאַך" האָט מיך געוואָלט אונטערקויפן, כּדי איך זאָל מער צו אים אין צימער ניט גיין, האָט די באָבע געמאַכט אַזאַ סעודה. אַ אומאויפ־הערליכער האַרבסט־רעגן האָט זיך געשאָטן און געכלאַפּעט, עס האָט געגאָגט דער ווינט, די בוימער האָבן גערוישט און געקראַצט מיט זייערע צווייגן די ווענט פון הויז. אין קיך איז געווען וואַרים, היימליך, אַלע זיינען געזעסן נאָהענט איינע צו די אַנדערע, אַלע זיינען געווען מאָדנע שטיל, און די באָבע האָט ניט גע־שפּאָרט צו דערציילן אירע געשיכטעס, איינע שענער פון די אַנ־דערע.

זי איז געזעסן אויפן ברעג אייוון, אָנגעשפּאַרט מיט די פיס אָן אייבערשטן אייוון־טרעפּ, גענייגט צום עולם, וואָס זיצט אונטן, באַלויכטן מיטן פייערל פון קליינעם בלעכענעם לעמפּל. תּמיד, אַז זי פלעגט זיין אויפגעלייגט, פלעגט זי זיך זעצן אויפ׳ן אייוון און דערקלערן:

— איך דאַרף ריידן פון דער הויך, פון דער הויך איז בעסער.

איך האָב זיך געזעצט ביי אירע פיס, אויפן ברייטן טרעפּ פון אייוון, כּמעט דער „שיינער זאַך" אויפן קאָפּ. די באָבע האָט דערציילט אַ שיינע געשיכטע וועגן איוואַן דעם איש־חיל און מיראָן דעם אַלטן נאַר. גלייכמעסיג האָבן גערונען אירע זאַפטיגע וואָגיגע רייד:

אַמאָל איז געווען אַ שלעכטער מלך גאָרדיאָן,
אַ פינסטערע נשמה, אַ שטיינערנעס געוויסן;
דעם אמת רודף געווען, מענטשן געפּייניגט,
געלעבט אין זינד, ווי דער סיטש אין זיין לאָך.
נאָר פיינטער פון אַלעמען האָט גאָרדיאָן געהאַט
דעם אַלטן מיראָנ׳ען דעם נזיר,
פון אמת דעם שטילן באַשיצער,
דעם בעל־טובה פון מענטשן דעם דרייסטן.
טוט רופן דער מלך זיין געטרייען קנעכט,

דעם העלדישן איש־חיל איוואנושקאַ:
גיי נאָר, איוואַנקאַ, און טויט מיר דעם אַלטן,
דעם אַלטן מיראָן, דעם בעל־גאוה,
האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ פון די אַקסלען,
כאַפּ אונטער דעם קאָפּ פאַרן סיוון באָרד,
ברענג צו מיר, כ׳גיב דאָס די הינט אַוועק.
גייט איוואַן אַוועק און טראַכט אַזוי ביטער:
„ניט איך גיי, עס פירט מיך די נויט,
אָט אַזאַ מזל האָב איך פון גאָט״.
באַהאַלטן אונטערן פּאָלע דעם שאַרפן שווערד,
קומט איוואַן און בוקט זיך צום הייליגן מאַן:
— וואָס מאַכסטו דאָ, אַלטיטשקער צדיק,
צי טוט מיט דיר, אַלטיטשקער, חסד דער בורא?
דער אַלטער זעהער שמייכלט אויף די רייד
און מיט זיין חכמה זאָגט ער צו אים:
— הער אויף, איוואַן, צו באַהאַלטן דעם אמת!
אַלץ ווייס דער אייביגער גאָט ברוך־הוא,
דאָס גוטע און בייזע איז ביי אים אין האַנט!
איך ווייס דאָך, נאָך וואָס דו ביסט געקומען צו מיר!
שעמט זיך איוואַנקאַ פאַרן אַלטיטשקן
און האָט אָבער מורא ניט פאָלגן דעם מלך.
ציט ער דעם שווערד פון דעם לעדערנעם שייד,
ווישט אָפּ דעם אייזן מיט דער ברייטער פּאָלע.
— איך האָב בדעה געהאַט, מיראָן, דיך צו טויטן,
אַזוי, אַז דו זאָלסט דעם שווערד ניט זעהן אַפילו.
איצט אָבער שטעל זיך בעטן צו גאָט,
שטעל זיך בעטן צו אים דעם לעצטן מאָל
פאַר זיך, פאַר מיר, פאַרן גאַנצן מענשליכן דור.
דערנאָך וועל איך דיר דיין קאָפּ אַראָפּהאַקן!
שטעלט זיך אויף די קני דער אַלטער צדיק מיראָן,
שטעלט זיך שטיל אונטער אַ דעמבל אַ יונגן,
בויגט זיך איין פאַר אים כורעים דער דעמב.

זאָגט דער אַלטיטשקער שמייכלענדיג:
— אַי, זעה נאָר, איוואַן, לאַנג וועסטו וואַרטן!
לאַנג איז די תּפלה פאַרן גאַנצן מענשליכן דור!
אפשר בעסער זאָלסט מיר גלייך הרגנ׳ען,
איידער דו זאָלסט זיך אַזוי לאַנג מאַטערן!...
רונצלט איוואַן דעם שטערן כּעס׳דיג
און זאָגט צו דעם אַלטן נאַרישדיג, גאוה׳דיג:
— ניין, אַז געזאָגט, איז געזאָגט, און — פאַרפאַלן!
דו טו דיינס, זאָג אָפּ תּפילה, איך בין גרייט אייביג צו וואַרטן!
דאַוונט דער הייליגער צדיק ביז אָוונט,
פון אָוונט דאַוונט ער ביזן פרימאָרגן,
פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט,
פון זומער דאַוונט ער ביזן פרילינג,
יאָר-איין, יאָר-אויס — מיראַן דאַוונט נאָך אַלץ,
דער יונגער דעמבל האַלט שוין ביי די וואָלקנס,
פון די ביס זיינע וואַקסט שוין אַ געדיכטער וואַלד,
און די הייליגע תּפילה איז נאָך אַלץ ניט געענדיגט!
אָט אַזוי האַלטן זיי זיך ביזן היינטיגן טאָג:
פאַר גאָט באַקלאָגט זיך אַלץ דער אַלטיטשקער,
בעט ביי אים פאַר אַלע מענטשן הילף,
פרייד בעט ער ביי דער גאָטס-מוטער,
און איוואַן דער איש-חיל שטייט דערביי,
לאַנג צעשאָטן האָט זיך שוין זיין שווערד,
דעם פאַנצער האָט ראָסט צעפרעסן,
זיינע טייערע קליידער צעפוילט געוואָרן,
ווינטער און זומער שטייט נאַקעט איוואַן,
די היץ טריקנט אים און טריקנט ניט אויס,
פליגן זויגן זיין בלוט און זויגן ניט אויס,
בערן און וועלף רירן אים ניט,
ווינטן און פרעסט אַרן אים ניט.
ער האָט קיין כּח ניט פון אָרט זיך אַ ריר צו טאָן,
ניט די האַנט הויבן, ניט אַ וואָרט זאָגן.

דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ שטראָף פאַר אים:
זאָל ער קיין בייזן געבעט ניט פאָלגן,
מיט אַ פרעמדן געוויסן זיך ניט פאַרשטעלן!
און דעם הייליגנס תפילה פאַר אונז, זינדיגע,
רינט נאָך ביז היינטיגער גוטער שעה צו גאָט ברוך־הוא,
ווי דער ליכטיגער טייך אין אוקינוס-ים!

שוין אין אָנהויב פון דער באָבעס געשיכטע האָב איך באַמערקט, אַז די „שיינע זאַך" איז פון עפּעס אומרוהיג געוואָרן: ער האָט מאָדנע קאָנוואולסיוו געמאַכט מיט די הענט, פלעגט אויסטאָן און אָנטאָן די ברילן· פלעגט זיי שאָקלען אין טאַקט צום נגון פון דער באָבעס רייד, פלעגט מאַכן מיטן קאָפּ, כאַפּן זיך פאַר די אויגן, פעסט דריקנדיג זיי מיט די פינגער און פלעגט כסדר, מיט האַסטיגע באַוועגונגען פון דער דלאָניע, ווישן דעם שטערן און די באַקן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זעהר פאַרשוויצט. אַז עמיצער פון די צוהערער פלעגט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט אָדער אַ הוסט טאָן אָדער אַ שאַר טאָן מיטן פוס, פלעגט ער שטרענג שיפּען:

— ששש...

און אַז די באָבע האָט געענדיגט, איז ער שטורמדיג אויפגעשפּרונגען, מאַכנדיג מיט די הענט, גענומען זיך אומנאַטירליך אומדרייען און האַסטיג ריידן:

— איר ווייסט, דאָס איז גאָר פּלאי-פּלאים, מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן, ניט־אַנדערש. דאָס איז שרעקליך ריכטיג, אָט דאָס-אָ איז אונזערס...

איצט האָט מען שוין דייטליך געזעהן, אַז ער וויינט—זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. געגאָסן האָבן זיך די טרערן פון אונטן און פון אויבן, די אויגן האָבן זיך געבאָדן אין זיי. דאָס איז געווען משונה און זעהר רחמנותדיג. ער איז אומגעלאָפן איבערן קיך, אונטערשפּרינגנדיג קאָמיש און אומגעלומפּערט, געמאַכט מיט די ברילן לעבן זיין אייגענעם נאָז—ער האָט געוואָלט זיי אָנטאָן און אַלץ ניט געקאָנט פאַרלייגן דעם דראָט הינטער די אויערן. דער פעטער פּיאָטר האָט געשמייכלט, אַלע האָבן פאַרשעמט געשוויגן און די באָבע האָט גיך גערעדט:

— פאַרשרייבט, פאַרוואָס ניט, ס'איז ניט קיין עולה. איך קען נאָך אַ סך אַזוינע.

— ניין, דוקא די. די איז — שרעקליך-רוסיש, — האָט ער אויפגערעגט געשריען און מיט אַמאָל פאַרשטאַרט געבליבן שטיין אינמיטן און אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו ריידן און שניידן די לופט מיט דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער האָבן ביי אים געציטערט די ברילן. גערעדט האָט ער לאַנג פייערדיג און פלעגט אָפט איבערחזרן איינע און די זעלביגע ווערטער:

— מען טאָר ניט לעבן מיט אַ פרעמדן געוויסן, מען טאָר ניט!

דערנאָך האָט זיך פלוצלונג ביי אים דער קול איבערגע-ריסן, ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען און שטילערהייט, ווי אַ שולדיגער, אַוועקגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגע-לאָזטן קאָפּ. אַלע האָבן געשמייכלט, מיט פאַרלעגנהייט געקוקט איינע אויף די אַנדערע. די באָבע האָט זיך אַרויפגערוקט טיף אויפ'ן אייוון, אין שאָטן אַריין, און שווער דאָרטן געזיפצט.

פעטראָוונאַ האָט, אָפווישנדיג מיט דער דלאָניע אירע רויטע גראָבע ליפּן, אַ פרעג געטאָן:

— ער איז, דוכט זיך, אין כעס געוואָרן!

— ניין, — האָט געענטפערט דער פעטער פיאָטר. — דאָס איז זיך סתם אַזוי.

די באָבע איז אַראָפּגעקראָכן פון אייוון און גענומען שווייגנ-דיג דערוואַרעמען דעם סאַמאָוואַר, און דער פעטער פיאָטר האָט זיך פאַמעליך גערעדט:

— די פריצים זיינען אַלע אַזוינע — קאַפּריזניקעס.

דער טאָטער וואַליי האָט כמורנע אַ זאָג געטאָן:

— אַלע בחורים מאַכן שטיק.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און דער פעטער פיאָטר האָט ווייטער גערעדט:

— ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. קענטיג: אַמאָליגע צייטן — געווען גלייך צו לייטן, און איצט — דער דלות בליצט...

עס איז געוואָרן אומעטיג. עפּעס אַ מאָדנער אומעט האָט

געגאָגט דאָס האַרץ. די „שיינע זאַך" האָט מיך זעהר געחידושט, עס איז מיר געווען אַ רחמנות אויף אים—אַזוי דייטליך האָב איך געזעהן פאַר זיך זיינע אין טרערן דערטרונקענע אויגן.

ער האָט ניט געגעכטיגט אינדערהיים. אויף מאָרגן איז ער געקומען נאָך מיטאָג אַ שטילער, אַ פאַראומערטער און אַ פאַרשעמטער.

— איך האָב דאָ נעכטן געליאַרמט—האָט ער געזאָגט צו דער באָבען, אַזוי געפאַלן, ווי אַ קליין יינגל.—איר זייט ניט אין כעס?

— פאַרוואָס?

— אָט, וואָס איך האָב זיך אַריינגעמישט, גערעדט.

— איר האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן...

איך האָב געפילט, אַז די באָבע האָט מורא פאַר אים, זי קוקט אים ניט גלייך אין פנים און רעדט ניט ווי געוויינטליך—צו שטיל.

ער איז צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט צו איר און געזאָגט מאָדנע איינפאַך:

— איר פאַרשטייט, איך בין שרעקליך אַליין, איך האָב קיינעם ניט, שווייגט מען און מען שווייגט — און מיט אַמאָל קאָכט דאָס אויף אין האַרצן, רייסט דאָס דורך... איז מען גרייט צו ריידן צום שטיין, צום בוים...

די באָבע האָט זיך אָפּגערוקט פון אים...

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט חתונה האָבן?

— ע! — האָט ער אויסגעשריען, פאַרקנייטשענדיג זיין געזיכט, און איז אַוועק אַ מאַך-טוענדיג מיט'ן האַנט.

די באָבע האָט זיך אָנגעכמורעט, נאָכקוקענדיג, ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אַ שמעק געטאָן טאַבאַק און מיר שטרייננג אָנגעזאָגט:

— געדיינק, זאָלסט זיך מיר ניט אומדרייען אַרום אים. ווער ווייס, ווער ער איז.

און מיך האָט ווידער געצויגן צו אים.

איך האָב געזעהן, ווי עס האָט זיך אומגעענדערט, איבער.

געקערט זיין געזיכט, בשעת ער האָט געזאָגט „שרעקליך אַליין"; אין אָט די ווערטער איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז מיר געווען זעהר פאַרשטענדליך, וואָס עס האָט מיך פאַרנומען פאַרן האַרצן, און איך בין אַוועק צו אים.

איך האָב אַריינגעקוקט פון הויף אין פענסטער פון זיין צימער — דאָס צימער איז געווען פּוסט און ענליך אויף אַ קאַמער, וואוהין מען האָט איילנדיג אָן אַנ'אָרדענונג אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע אומנוצליכע און משונה'דיגע חפצים, ווי זייער בעל־הבית אַליין. איך בין אַוועק אין סאָד און דערוויסט אים אין גרוב, וואָס איז געבליבן נאָך דער אָפּגע־ברענטער באָד; איינגעהויקערט, דער קאָפּ אין האַנט און מיט די איילע־בויגנס אויף די קני, איז ער אומבאַקוועם געזעסן אויפ'ן עק פון אַן אַרומגעברענטן באַלקן. איין עק פון באַלקן איז געווען פאַר־שאָטן מיט ערד און דער צווייטער, וואָס האָט שוואַרץ געגלאַנצט מיט זיינע קוילן, האָט געסטאַרטשט אין דער לופט איבער דעם צעטריקנטן פּיאָלון, קראָפּיווע און לאָפּוך. און אָט דאָס, וואָס אים איז געווען ניט באַקוועם צו זיצן, האָט מיר דעם דאָזיגן מענשן געמאַכט נאָך נעהענטער און ליבער.

אַ היבשע צייט האָט ער מיך ניט באַמערקט און געקוקט ערגיץ־וואוהין מים בלינדע אויגן, דערנאָך האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, ווי מיט אַ פאַרדרוס:

— ביסט געקומען מיך רופן!

— ניין.

— וואָס־זשע דען?

— אַזוי זיך.

ער האָט אויסגעטאָן די ברילן, אויסגעווישט זיי מיט אַ רויטן טיכל אין שוואַרצע פלעקן און געזאָגט:

— נו קריך אַרויף אַהער.

אַז איך האָב זיך געזעצט לעבן אים, האָט ער מיך פעסט אַרומגענומען אַרום פּלייצע.

— זיץ. לאָמיר זיצן און שווייגן. גוט? אָט דאָס איז דאָס טאַקע. ביסט אַנ'עקשן?

— יאָ.

— אַ שיינע זאַך!

געשוויגן האָבן מיר לאַנג. דער אָונט איז געווען אַ שטילער, אַ מילדער, איינער פֿון יענע פֿאַרטרויערטע סוף-זומער-אָוונטן, ווען אַלץ אַרום איז אַזוי פֿאַרביג און אַלץ קריכט אָפּ אַזוי באַמערקליך און ווערט בלייכער יעדע שעה; און די ערד האָט שוין אויסגעבראַכט אַלע אירע זעטיגע זומערדיגע ריחות און איצט שמעקט זי נאָר מיט אַ קאלטער פייכטקייט; די לופט איז מאָדנע דורכזיכטיג און אין רויטליכן הימל שמייען אום שוואַרצע האַלקעס און וועקן אומעטיגע מחשבות. אַלץ איז פֿאַרשטומט און שטיל; יעדער קלאַנג — אַ שאָרך פֿון אַ פֿויגל, אַ שאָרך פֿון אַן אַראָפּגעפֿאַלענעם בלאַט—קומט פֿאָר אַזוי הילכיג, עס טוט אין האַרצן אַ קלאַפּ און מען טוט אַ ציטער, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום בלייבט מען ווידער אומבאַוועגליך אין דער שטילקייט, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע ערד, און פילט אָן די ברוסט.

אין אַזוינע מינוטן ווערן מאָדנע ריינע, גרינגע געדאַנקען געבוירן, נאָר זיי זיינען דין און דורכזיכטיג, ווי שפּינוועבס, און מען קאָן זיי מיט ווערטער ניט אַרויסזאָגן. זיי צינדן זיך אויף און ווערן ניט, גלייך ווי פֿאַלנדיגע שטערן און סמאַליען אָפּ די נשמה מיט אַ טרויער וועגן עפּעס, וואָס מען ווייס ניט, גלעטן זי און וועקן, און אָט דאַן זידט זי און שמעלצט-זיך און באַקומט איר פֿאָרם שוין אויפ'ן גאַנצן לעבן — עס ווערט דאַן איר פנים געשאַפֿן.

איך טוליע זיך צו צום וואַרימען זייט פֿון אונזער קוואַרטיראַנט און קוק צוזאַמען מיט אים דורך די צווייגן פֿון די עפּלבוימער אין רויטן הימל אַריין, קוק נאָך, ווי עס פֿליהען אום די פֿאַרזאָרגטע „טשעטשאָטקעס“, איך זעה, ווי שטיגליצען טרייסלען די היטעלאַך פֿון די שטיינוואָרצלען און קריגן פֿון דאָרט אַרויס די ביטער-זויערע זוימען, ווי עס ציהען זיך פֿון פֿעלד געדיכטע בלוי-גרויע וואָלקנס מיט רויט-שוואַרצע ראַנדן און אונטער די וואָלקנס פֿליען שווער די קראָהען צו זייערע נעסטן אויפ'ן בית-עולם. אלץ איז געווען אַזוי גוט און אַזוי מאָדנע און גאָר ניט ווי געוואוינטליך איז געווען אַלץ פֿאַרשטענדליך און נאָהענט.

אמאָל פלעגט דער מענטש אַ פרעג טאָן, טיף אָפזיפצנדיג:

— ס'איז גוט, ברודער, האַ? אט דאָס איז דאָס טאַקע! דיר איז ניט קאַלט, ניט פייכט?

און אַז דער הימל איז געוואָרן טונקל און אַלץ אַרום איז אויפגעשוואָלן געוואָרן, אָנגיסנדיג זיך מיט אַ פייכטער טונקלקייט, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— נו, געגוג, לאָמיר גיין!

ביין טירל פון גאָרטן האָט ער זיך אָפגעשטעלט, זאָגנדיג אין דער שטיל:

— דיין באָבע איז אַ לייט!—אַ, ס'אַראַ ערד!..

האָט פאַרמאַכט די אויגן און דייטליך, נאָר ניט הויך, דורכ־געלייענט מיט אַ שמייכל:

אט דאס איז געווען אַ שטראָף אויף אים:
זאל ער קיין ביין געבאט ניט פאלגן,
מיט אַ פרעמדן געוויסן זיך ניט פאַרשטעלן...

— געדיינק דאס, ברודער, זעהר!...

און שטופנדיג מיך פאראויס, האט ער געפרעגט:

— שרייבן קענסטו?

— ניין.

— לערן זיך אויס. און אז דו וועסט זיך אויסלערנען — פאַרשרייב, וואס די באבע דערציילט. דאס איז, ברודער, זעהר נוצליך...

מיר האבן זיך באַפריינדעט. פון דעם טאג אָן פלעג איך קומען צו דער „שיינער זאַך" ווען איך פלעג ווילן, פלעג זיך אַוועקזעצן אויפ'ן קעסטל מיט פאַרשיידענע שמאַטעס און מעגן נאכקוקן, ווי ער צעשמעלצט צינק, ברענט אָן קופער און אָנבר‍ע־נענדיג, שמידט ער אויס אַייזערנע ברעטעלאַך אויף אַ קליינינטשקער קאָוואַדלע מיט אַ האַמערל, וואס האט אַ שיין הענטל; ווי ער אַרבעט מיט'ן ראַשפּיל, מיט'ן פייל, מיט'ן שמירגל און מיט אַ זעגעלע, דין ווי אַ פאדים, און וועגט אַלץ אויף אַ טשוטקער מעשענער וואג, גיסט צונויף פארשיידענע פליסיגקייטן אין ווייסע גראָבע טעצלאַך און קוקט, ווי זיי רויכערן און מאכן פול דעם צימער מיט אַ

בייסנדיגען ריח, פארקרימט זיך, קוקט אריין אין גראבן בוך און ברומט, בייסנדיג די רויטע ליפּן, אדער ער זינגט שטיל מיט א היי־זעריגער שטים:

אָ, די רויז פון שרון...

— וואס טוסטו דאס?

— א געוויסע זאך, ברודער...

— וואס פאר א זאך?

— פארשטייסטו מיך, איך ווייס ניט, ווי דיר דאס צו זאגן, אז דו זאלסט פארשטיין.

— דער זיידע זאגט, אז דו מאכסט גאר אפשר פאלשע אסיג־נאציעס.

— דער זיידע? מממ... נו, דאס רעדט ער נארישקייטן. געלט ברודער, איז בלאטע.

— מיט וואס.זשע צאלט מען פאר ברויט?

— יא, ברודער, פאר ברויט דארף מען צאלן, דאס איז אמת.

— אט זעהסטו! און פאר פלייש אויך.

— יא, און פאר פלייש אויך.

ער לאכט שטיל, מאדנע ליבליך, קיצלט מיך אונטערן אויער, ווי מען קיצלט א קעציל, און רעדט:

— איך קען בשום אופן מיט דיר זיך ניט מתוכח זיין—דו קומסט מיך תמיד ביי. לאמיר בעסער, ברודער, שווייגן.

אפטמאל פלעגט ער אויפהערן צו ארבעטן, זיך זעצן לעבן מיר, און מיר פלעגן לאנג קוקן אין פענסטער, און זעהן, ווי עס זיפט דער רעגן איבערן דאך, איבערן הויף, וואס איז פארוואקסן מיט גראז, ווי עס בלייכען זיך די עפּלבוימער, פארלירנדיג זייערע בלעטער. ריידן פלעגט די „שיינע זאך" זעהר קארג, נאר שטענדיג אזוינע אמת־נויטיגע ווערטער. און נאך עפּעטער, כדי צו ווענדן אויף עפּעס מיין אויפמערקזאמקייט, פלעגט ער מיך פּאוואליע אונ־טערשטויסן און ווינקנדיג מיטן אויג עפּעס ווייזן מיר.

איך זעה קיין שום באזונדערע זאך ניט אויפ'ן הויף, נאר פון דעם, וואס ער שטויסט מיך מיטן איילנבויגן, און פון זיינע קורצע רייד ווערט דאס, וואס איך זעה א סך באדייטנדיגער און בלייבט

טיפער אין זכרון. אט לויפט א קאץ איבערן הויף, ביי א ליכטיגער לוזשע שטעלט זי זיך אפ, דערזעהט איר פּנים אין וואסער, הויבט אויף איר ווייכע לאפּקע, גלייך ווי זי וואלט אים וועלן א קלאפּ טאָן; — און זאגט צו מיר שטיל, די „שיינע זאך":

— קעץ זיינען בעל-גאוה'ס און געטרויען קיינעם ניט.

דער גאלד-געלער האָן מאַמאַי איז ארויפגעפלויגן אויפן פלאנקען, האט זיך דארטן באפעסטיגט, אויפגעטרייסלט די פעדערן, איז שיר ניט אראפּגעפאלן, האט זיך באליידיגט און צעבייזערט זיך אויפ'ן קול, מיט אנ'אויסגעצויגענעם האלז.

— א חשובער גענעראַל, נאָר א נאַר.

עס גייט דער אומגעלומפּערטער וואַליי, שפּרייזט שווער איבער דער בלאָטע, ווי אַן אַלט פערד. זיין קנאָכנדיגער פּנים איז אויפגעבלאָזן, ער קוקט פאַרזשמורעט צום הימעל, און פון דאָרט גלייך צו אים אויפן ברוסט פאַלט א ווייסער האַרבסט-שטראַל; עס ברענט דאָס מעשענע קנעפּל אויף זיין קורטקע, ער שטעלט זיך אָפּ און טאַפּט זי מיט זיינע קרומע פינגער.

— פּונקט ווי מען וואָלט אים אַ מעדאַל געשאָנקען, קלייבט נחת.

שנעל און שטאַרק האָב איך זיך צוגעבונדן צו דער „שיי-נער זאַך", ער איז פאַר מיר געוואָרן אַ נויטיגער מענטש סיי אין די טעג פון ביטערע ליידן, סיי אין די שעה'ן פון פרייד. אַליין פלעגט ער תמיד שוויגן, נאָר מיר פלעגט ער ניט פאַרווערן ריידן וועגן אַלץ, וואָס קומט מיר אַרויף אויפן רעיון, ניט ווי דער זיידע, וואָס פלעגט מיך תמיד איבעררייסן מיט אַ כעס'דיגן געשריי:

— באָלבע ניט, שד'ישער מיל!

די באָבע איז אַזוי פול געווען מיט דעם, וואָס זי האָט אַליין פאַרמאָגט אַז זי פלעגט ניט הערן און ניט אויפנעמען קיין פרעמדס.

„די שיינע זאַך" פלעגט שטענדיג הערן מיט קאָפּ מיין באָל. בעריי און אָפּט פלעגט ער מיר זאָגן מיט אַ שמייכעל:

— נו, דאָס, ברודער, איז ניט אַזוי. דאָס האָסטו אַליין אויס-געטראַכט.

און שטענדיג פלעגן זיינע קורצע באַמערקונגען פאַלן צו דער

צייט און נויטיג זיין. ער האָט ווי דורך־און־דורך געזעהן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי מיר אין קאָפּ און אין האַרצן, געזעהן אַלע איבעריגע און ניט־ריכטיגע רייד, נאָך איידער איך פלעג זיי באַווייזן אַרויסצוזאָגן, און פלעגט זיי צו דער צייט אָפּהאַקן מיט צוויי ליבליכע קלעפּ:

— לייגסט, ברודער!

ניט זעלטן פלעג איך מיט אַ בכּיוון אויספּרובן זיין מכשפ׳שע פייאיגקייט: איך פלעג עפּעס אויסטראַכטן פון קאָפּ און קומען דערציילן אים, ווי אַ זאַך, וואָס איז געשעהן. ער פלעגט אַהער־טוענדיג אַ ביסל אַ מאַך טאָן מיטן קאָפּ:

— לייגסט, ברודער.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— וואָס אַרט דיר, ברודער, איך ווייס שוין.

גייענדיג צום היי־מאַרק נאָך וואַסער, פלעגט די באָבע אָפּט־מאָל מיך אויך מיטנעמען. אַמאָל האָבן מיר דאָרטן דערזעהן, ווי פינף שטאָט־לייט שלאָגן אַ פּויער. זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און געריסן, ווי הינט רייסן אַ הונט. די באָבע האָט אַראָפּגעוואָרפן די עמער פון דער קאַראַמיסלע און, פאָכנדיג מיט איר, געשטעלט זיך אַנטקעגן די שטאָט־לייט. צו מיר האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— אַנטלויף גיכער פונדאַנען!

נאָר איך האָב זיך ניט דערשראָקן און בין נאָכגעלאָפן נאָך איר און אָנגעהויבן וואַרפן אין די שטאָט־לייט מיט שטיינער. די באָבע האָט זיי דרייסט געשטויסן מיט דער קאַראַמיסלע, געשלאָגן איבער די פּלייצעס און איבער די קעפּ, עס האָבן זיך אַריינגע־מישט נאָך דורכגייער, די שטאָט־לייט זיינען אַנטלאָפן און די באָ־בע האָט גענומען וואַשן דעם געשלאָגענעם פּויער. זיין פּנים איז געווען צעטראָטן. איך זעה נאָך איצט פאַר זיך מיט עקל, ווי ער האָט אַלץ צוגעדריקט מיטן קויטיגן פינגער זיין אָפּגעריסענעם שטיק נאָז, געוואָיעט און געהוסט, און פון אונטערן פינגער האָט געשפּריצט בלוט דער באָבען אין פּנים און אויפן ברוסט. זי האָט אויך געשריען און געטרייסלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער.

אַז איך בין, קומענדיג אַהיים, אַריינגעלאָפן צום קוואַרטי־ראַנט און געגומען אים צו דערציילן די מעשה, האָט ער געוואָרפן זיין אַרבעט, זיך אויעקגעשטעלט אַנטקעגן מיר מיטן לאַנגן פייל, ווי מיט אַ שפיז, אין דער אויפגעהויבענער האַנט, געקוקט אויף מיר שאַרף און שטרייננ איבער די ברילן און דערנאָך מיך פלוצ־לונג איבערגעריסן און געזאָגט מיט אַ ניט־געוויינליכער זיכערקייט:

— אויסגעצייכנט, אָט אַזוי טאַקע איז דאָס געווען. זעהר גוט!

איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב ניט באַוויזן זיך צו פאַרוואונדערן אויף זיינע רייד און האָב ווייטער געוואָלט דערציילן די מעשה, נאָר ער האָט מיך אַרומגענומען און, גייענ־דיג איבערן שטוב און שטרויכלענדיג זיך כסדר, אַזוי געזאָגט:

— גענוג, מער דאַרף מען ניט. האָסט, ברודער, שוין אַלץ געזאָגט, וואָס מען דאַרף, — פאַרשטייסט, אַלץ!...

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, אַ באַליידיגטער, נאָר אַז איך האָב זיך באַדאַכט, האָב איך מיט אַ פאַרוואונדערונג, וואָס איך געדיינק ביז היינט, פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיך אָפּגעשטעלט צו דער רעכטער צייט: אמת, איך האָב שוין טאַקע אַלץ געזאָגט.

— דו, ברודער, שטעל זיך ניט אָפּ אויף אַזוינע זאַכן. דאָס דאַרף ניט בלייבן אין זכרון! — האָט ער געזאָגט.

אָפּט־אָל פלעגט ער מיר אומגעריכט זאָגן אַזוינע רייד וואָס זיינען געבליבן ביי מיר אויפן גאַנצן לעבן. איך דערצייל אים אַמאָל וועגן מיין שונא קלוישניקאָוו, אַ דיקן און אַ גרויסקעפּיגן אינגל פון דער נייער גאַס, וואָס ניט איך אים פלעג קאָנען בייקומען, ניט ער מיך. די „שיינע זאַך" האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ מיין עגמת נפש און געזאָגט:

— דאָס איז חוזק. אַזאַ כח איז קיין כח ניט. דער אמתער כח שטעקט אין דער פלינקקייט פון דער באַוועגונג. וואָס פלינקער, אַלץ שטאַרקער. פאַרשטאַנען?

דעם ערשטן זונטאָג נאָך דעם האָב איך געפּרובט אַרבייטן האַסטיגער מיט מיינע פויסטן און האָב לייכט בייגעקומען קלויש־

ניקאָוון, דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין צוהערן זיך צו די רייד פון אונזער קוואַרטיראַנט.

— יעדע זאַך דאַרף מען קאָנען נעמען. פאַרשטייסט? דאָס איז זעהר שווער — קאָנען נעמען.

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר ניט ווילנדיג אַריינגענומען אין זכרון די דאָזיגע און ענליכע רייד, טאַקע דערפאַר אַריינגענומען זיי אַזוי טיף, ווייל אין זייער איינפאַכקייט האָט געשטעקט עפּיס, פאַרדראָסיג-פאַרבאָרגנס: וואָרום מען דאַרף דאָך, דוכט זיך, קיין באַזונדער קענטשאַפט ניט צו נעמען אַ שטיין, אַ שטיקל ברויט, אַ טעצל, אַ האַמערל!

אין שטוב האָט מען די „שיינע זאַך" אַלץ מער און מער פיינט געקראָגן. אַפילו דער פריילינער שכנ׳טעס ליבליכע קאַץ פלעגט ניט קריכן צו אים אויף די קני, ווי זי פלעגט קריכן צו אַלעמען, און פלעגט ניט גיין צו אים, אַז ער פלעגט זי פריינדליך רופען. איך פלעג זי שלאָגן דערפאַר, רייסן פאַר די אויערן, און כמעט מיט טרערן איינריידן, זי זאָל ניט מורא האָבן פאַרן מענטשן.

— פון מיינע קליידער שמעקט זויערקייט, גייט דעריבער ניט צו מיר די קאַץ — פלעגט ער דערקלערן, נאָר איך האָב געוואוסט, אַז אַלע, אַפילו די באָבע, דערקלערען דאָס אַנדערש, ניט לטובת דעם קוואַרטיראַנט, ניט ריכטיג און פאַרדראָסיג.

— וואָס שטעקסטו דאָרטן ביי איהם? — פלעגט בייז פרעגן די באָבע — זעה נאָר, קיין גוטס וועט ער דיך ניט אויסלערנען.

און דער זיידע פלעגט מיך אַכזריותדיג שלאָגן פאַר מיין יעדן באַזוך, פון וועלכן ער, אָט דער געלער, פלעגט זיך דערוויסן. פאַרשטייט זיך, איך פלעג ניט דערציילן דער „שיינער זאַך", אַז מען פאַרבאָט מיר צו גיין צו אים, נאָר איך פלעג אים אָפן דערציילן, ווי מען פאַרהאַלט זיך צו אים אין שטוב.

— די באָבע האָט מורא פאַר דיר, זי זאָגט — דו ביסט אַן אַפּיקורס און אַ מכשף, און דער זיידע זאָגט אויך, אַז דו ביסט גאָטס אַ פיינד און געפערליך פאַר מענטשן...

ער פלעגט דרייען מיטן קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט אַוועקטרייבן פליגן פון זיך. אויף זיין קרייטענעם געזיכט פלעגט ראָזיג

אויפּפלאַמלען אַ שמייכל, פון וועלכן ביי מיר פלעגט פאַרקלעמען דאָס האַרץ און גרין ווערען אין די אויגן.

— איך זעה שוין, ברודער,—פלעגט ער̃זאָגן אין דער שטיל.— דאָס איז טרויעריג, ברודער, האַ?

— אַוודאי!

— טרויעריג, ברודער.

און סוף-כּל-סוף האָט מען אים אַרויסגעזעצט.

איינמאָל קום איך צו אים, נאָכן אינדערפריעדיגן טיי, און זעה, אַז ער זיצט אויף דער ערד און פּאַקט זיינע זאַכן אין די קעסטלאַך, זינגענדיג שטילערהייט וועגן דער רויז פון שרון.

— נו, זיי געזונט, ברודער, איך פאָר שוין אַוועק...

— צו וואָס?

ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אַפּנים, ווייסט ניט? מען דאַרף דעם צימער פאַר דיין מאַמען.

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— דער זיידע.

— ס'איז שקר!

די „שיינע זאַך" האָט מיך צוגעצויגן פאַרן האַנט צו זיך און אַז איך האָב זיך געזעצט אויפן דיל, האָט ער שטילערהייט אָנגעהויבן ריידן:

— זיי ניט אין כּעס! איך האָב, ברודער, געמיינט, אַז דו ווייסט און האָסט מיר ניט געזאָגט. איז דאָס ניט פיין. האָב איך געטראַכט.

עס איז געווען טרויעריג און פאַרדראָסיג אויף אים, איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס.

— הער נאָר, — האָט ער כּמעט שעפּטשענדיג געזאָגט און נעשמייכלט,—דו געדיינקסט, איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט: גיי צו מיר ניט?

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָסט זיך דעמאָלט באַליידיגט אויף מיר, יאָ?

— יאָ.

— אָבער איך, ברודער, האָב דיך גאָר ניט געוועלט באַ־ליידיגן. איך האָב, פאַרשטייסטו מיך, געוואוסט: אויב דו וועסט מיט מיר באַפריינדעט ווערן, וועלן דיינע היימישע שרייען אויף דיר. אמת? ס'איז טאַקע אַזוי געווען? האָסטו פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך האָב דאָס דעמאָלט געזאָגט?

ער האָט גערעדט ווי אַ קליינינקער, ווי ער וואָלט געווען מיט מיר אין איין עלטער, און איך האָב זיך מוראדיג דערפרייט אויף זיינע רייד. מיר האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז איך האב דאָס שוין לאַנג, נאָך דעמאלט פארשטאנען, און האָב אים אַזוי טאַקע געזאָגט:

— איך האָב דאָס שוין לאַנג פאַרשטאַנען.

— אָט-אָט-אָ! אָט אַזוי איז דאָס, ברודער! אָט טאַקע דאָס, ליבינקער.

מיר האָט אָנגעהויבן נאָגן דאָס האַרץ, ניט אויסצוהאַלטן.

— פאַר וואָס האָט דאָס דיך קיינער ניט ליב?

ער האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און האָט אָפּגעענטפערט צו-ווינקענדיג:

— אַ פרעמדער—פאַרשטייסט. אָט טאַקע דערפאַר... ניט אַזאַ...

איך האָב אים געריסן פאַרן אַרבל, ניט קענענדיג, ניט וויסנדיג, וואָס צו זאָגן.

— זיי ניט אין כעס, — האָט ער איבערגעחזרט, און שטיל, אין אויער אַריין, צוגעגעבן: — וויינען דאַרף מען אויך ניט.

און ביי אים אַליין רינען טרערען פון אונטער די מוטנע ברילן.

דערנאָך זיינען מיר ווי שטענדיג אַ לאַנגע צייט געזעסן און געשוויגן און נאָר זעלטן האָבן מיר געזאָגט איינער צום אַנדערן עטליכע קורצע ווערטער.

אין אָוונט איז ער אַוועקגעפאָרן און האָט זיך דערביי ליב־ליך געזעגנט מיט אַלעמען און מיך שטאַרק אַרומגענומען. איך בין אַרויס הינטערן טויער און האָב געזעהן, ווי ער האָט זיך גע־טרייסלט אויפן וואָגן, וואָס האָט מיט די רעדער געקנאָטן די פאַר־פרוירענע שטיקער בלאָטע. תיכף נאָך זיין אַרויספאָרן האָט זיך די

באָבע געגומען וואַשן און רייניגן דעם קייטיגן צימער און איך בין בכיוון אומגעגאַנגען פון ווינקל אין ווינקל און געשטערט

— גיי אַוועק!—האָט זי געשריען, זיך אָנשטויסנדיג אויף מיר

— פאַרוואָס האָט איר אים אַרויסגעטריבן?

— דו פרוב אַקאָרשט ריידן נאָך אַ ביסל!

— נאַראָנים זייט איר אַלע, — האָב איך געזאָגט.

זי האָט מיך אָנגעהויבן שמייסן מיט דעם נאַסן טוך, שרייענדיג:

— דו ביסט גאָר משוגע געוואָרן, מיידים!

— ניט דו, נאָר אַלע איבעריגע זייגען נאַראָנים, — האָב איך פאַרריכט, נאָר דאָס האָט זי ניט באַרואיגט.

ביין אָוונטברויט האָט דער זיידע גערעדט:

— נו, אַדאַנק גאָט, פטור געוואָרן, אַז איך פלעג אים דערזעהן, פלעגט מיר ווי אַ מעסער אין האַרצן אַ שטאָך טאָן: אָך, מען דאַרף אים אַרויסטרייבן. פון כעס האָב איך צעבראָכן די לעפל און בין ווידער באַשטראָפט געוואָרן.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין גוטע-פריינדשאַפט מיט דעם ערשטן פון דער אומענדליכער ריי מענטשן, וואָס זיינען פרעמד אין זייער אייגענעם לאַנד און זיינען די בעסטע מענטשן זיינע.

IX.

איך שטעל זיך אַליין פאָר אין מיין קינדהייט ווי אַ בינשטאָק, וואוהין פאַרשיידענע איינפאַכע גרויע מענטשן פלעגן טראָגן, ווי בינען, דעם האָניג פון זייער וויסן און דענקען וועגן לעבן און מיט אַ ברייטער האַנט רייך מאַכן מיין נשמה, ווער מיט וואָס ער האָט געקאָנט. אָפט איז דער האָניג געווען קייטיג און ביטער נאָר יעדעס וויסן איז דאָך האָניג.

נאָכדעם ווי די „שיינע זאַך“ איז אַרויסגעפאָרן, האָט זיך מיט מיר באַפריינדעט דער פורמאַן, דער פעטער פּיאָטר. ער איז געווען ענליך אויפן זיידן, אויך אַזאַ דאַרינקער אַ פּינקטליכער און

זויבערער, נאָר נידעריגער און דראָבנער. ער איז ענליך געווען אויף אַ קליינעם ייִנגל, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אויף צו פלייסן פאַר אַן אַלטן. זיין פּנים איז געווען אַ געפלאָכטענער, ווי אַ רעשעטע, דורכאויס אין דינע לעדערנע שנירלאַך, און צווישן זיי זייבען אומגעשפּרונגען, ווי טשיזשן אין שטייג, קאָמישע, פּיפּיגע אויגן מיט געלבליכע ווייסלען. זיינע סיווע האָר זיינען געווען געגרייזלט, דאָס בערדל אין רינגעלאַך; ער האָט געגרויכערט אַ ליולקע און דער רויך — פון איין פאַרב מיט זיינע האָר — האָט זיך אויך געוויקלט אין גרייזעלאַך און זיין שפּראַך איז אויך געווען אַ געגרייזלטע, פול מיט שפּריכווערטלאַך. ריידן פלעגט ער מיט אַ זשוזשענדיגן קול און כלומרשט ליבליך, נאָר מיר פלעגט זיך שטענדיג דוכטן, אַז ער מאַכט שפּאָט פון אַלעמען.

— בראשית — גאָר אין אָנהייב האָט מיר די פריצטע, די גרעפין טאַטיאַן לעקסייעווונאַ, זאָל געזונט זיין, געהייסן: „זיי אַ שמיד", און אין אַ קורצער צייט אַרום הייסט זי ווידער: „העלף דעם גערטנער". געפועלט. נאָר ווי דו זאָלסט דעם פויער ניט לייגן, וועט אַלץ ניט טויגן! גייט אַוועק נאָך אַ ביסל צייט, זאָגט זי אַזוי: „וואָלסט, פעטרושקאַ, בעסער פיש געכאַפּט". פיש איז פיש, — מיר איז אַלץ איינס. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך צוגעוויינט צו דער אַרבעט, איז ווידער אַמאָל אויס פיש, ס'איז דאָ אַ נייע מלאכה. זי האָט געהייסן פאָרן אין שטאָט און אָנקומען צו אַ פורמאַן. ווידער געפועלט: אַ פורמאַן — איז אַ פורמאַן. און וואָס נאָך? נאָך וואָס האָבן מיר שוין ניט באַוויזן אויסצוטראַכטן: ס'איז אַראָפּ די פאַנשטשינע און איך בין געבליבן באַ דער קליאַטשע. איצט איז זי באַ מיר אָנשטאָט דער גרעפין.

געווען איז דאָס אַן אַלטע קליאַטשע. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַמאָל איז זי געווען אַ ווייסע, נאָר אַ שיכורער מאָליער האָט זי אָנגעהויבן פאַרבן אין פאַרשיידענע קאָלירן — אָנגעהויבן און ניט געענדיגט. די פיס אירע זיינען געווען אויסגעלונקען, דער גאַנצער גוף—ווי אויפגעבנייט פון שמאַטעס, דער בייגערדיגער קאָפּ מיט מוטנע אויגן, טרויעריג אַראָפּגעלאָזן, איז שוואַך געווען צוגעשפּילעט צום קערפּער מיט אויפגעבלאָזענע אָדערן און מיט אַן

אַלטער אויסגעריבענער פעל. דער פעטער פּיאָטר פלעגט זיך פאַר־האַלטן צו איר מיט דרך־ארץ. פלעגט זי ניט שלאָגן און רופן „טאַנ'קע".

דער זיידע האָט אַמאָל צו אים געזאָגט:

— פאַרוואָס רופסטו דאָס אַ בהמה מיט אַ קריסטליכן נאָמען?

— ניין, וואַסיל וואַסיליעוויטש, ניין, מיין פריינד! ניטאָ קיין קריסטליכער נאָמען „טאַנקע", נאָר „טאַטיאַנאַ".

דער פעטער פּיאָטר האָט אויך געקענט לייענען און איז געווען באַהאַוונט אין די הייליגע ספרים. ער און דער זיידע פלעגן זיך שטענדיק וויכּוחן, ווער איז דער הייליגסטער פון אַלע הייליגע, זיי פלעגן שטרענג משפּטן, איינער שטרענגער פון דעם אַנדערן, די אַמאָליגע רשעים; דעם ערגסטן פּסק פלעגט כאַפּן אַבשלום. אַמאָל פלעגט זייער וויכּוח אַריבערגיין אויף דקדוק. דער זיידע פלעגט זאָגן „ס אָ ג ר י ע ש י כ אָ ם", „ב ע ז ז אַ ק אָ נ נ אָ ו אַ־כ אָ ם", און דער פעטער פּיאָטר פלעגט טענהן, אַז מען דאַרף זאָגן: „סאָגריעשישאַ", בעזזאַקאָנאָוואַשאַ".

— הער ווי באַ מיר קומט אויס און הער ווי באַ דיר, — פלעגט זיך היצן דער זיידע, ווערנדיק שוואַרץ־רויט, און איבערקרי־מען: — וואַש'אַ, ש י ש' אַ .

נאָר דער פעטער פּיאָטר פלעגט זיך באַדעקן מיטן רויך און כיטרע פרעגן:

— און מיט וואָס זיינען בעסער דיינע כאָם־כאָם־כאָם? פאַר גאָט זיינען זיי אַ האָר ניט בעסער! גאָט אפשר, הערנדיק דיין תּפילה, טראַכט זיך: וואָס טויג מיר דיין לשון, אַז דו ביסט ניט ווערט קיין גראָשן.

— גיי אַוועק, ליעקסיי! —פלעגט מיט אַ גוואַלדיגן כּעס אויס־שרייען דער זיידע צו מיר, בליצנדיג מיט זיינע גרינע אויגן.

פּיאָטר האָט ליב געהאַט זויבערקייט, אָרדענונג. גייענדיג

געזינדינקע, געטאָן עבירות.

„ש י ש" איז אויף רוסיש — אַ פייג.

איבערן הויף, פלעגט ער שטענדיק אָפּוואַרפן מיטן פוס אָן אַ זייט אַ שפּענדל, אַ שערבל, אַ ביין, אָפּוואַרפן און מוסרן:

— ביסט אַן אומנוצליכע זאַך און קריכסט וואוהין מען דאַרף ניט.

ער האָט ליב געהאַט צו ריידן און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ גוטער און אַ פריילעכער מענטש, נאָר אָפטמאָל פלעגן זיך די אויגן באַ אים אָנגיסן מיט טרערן, ווערן מוטנע און זיך אָפּשטעלן, ווי באַ אַ טויטן. עס פלעגט טרעפן, אַז ער זיצט ערגעץ-וואו אין אַ ווינקל, אין דער פינסטער, איינגעקאָרטשעט, בייז און שטום, ווי זיין פּלימעניק.

— וואָס איז מיט דיר, פּעטער פּיאָטר?

— גיי אַוועק! — פלעגט ער ענטפערן טעמפּ און שטרענג.

אין איינעם פון די הייזלאַך אויף אונזער גאַס האָט זיך אַריינגעקליבן עפּעס אַ פּריץ מיט אַ גוז אויפן שטערן און מיט אַ משונהדיגער געוויינהייט: אין יום-טובדיגע טעג פלעגט ער זיך אַוועקזעצן באַם פענסטער און שיסן פון אַ ביקס מיט שראָט אויף הינט, קעץ, הינער, קראָען און אַפילו אויף דורכגייער, וואָס פלעגן אים ניט געפעלן ווערן. אַמאָל האָט ער געטראָפן דער „שיינער זאַך" אין זייט. די שראָט האָט ניט דורכגעשלאָגן זיין לעדערנע קורטקע, נאָר עטליכע שרעטלאַך זיינען געבליבן אין קעשענע. איך געדענק, ווי ער האָט דורך זיינע ברילן באַטראַכט מיט קאָפּ אָט די גרוי-בלויע שרעטלאַך. דער זיידע האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אים אָנקלאָגן. נאָר די „שיינע זאַך" האָט געענטפערט, אַ וואָרף-טוענדיג די שראָט אין ווינקל פון קיך:

— מ'דאַרף ניט!

שפּעטער האָט דער שיסער מיט אַ פּאָר שראָט געטראָפן דעם זיידן אין פוס. דער זיידע איז אין כעס געוואָרן, האָט אָנגעגעבן אין סוד און אָנגעהויבן קלייבן עדות אין גאַס, נאָר דער פּריץ איז מיט אַמאָל ניט געוואָרן.

איז ווי נאָר דער פעטער פּיאָטר פלעגט דערהערן שיסנדיג, פלעגט ער האַסטיג אַנרוקן אויפן סיוון קאָפּ זיין יום-טובדיגן

אָפּגעקראָכענעם היטל מיטן גרויסן דאַשעק און זיך לאָזן לויפן פון טויער אַרויס. דאָרטן פלעגט ער פאַרלייגן די הענט אויף הינ־טער, אונטערן קאַפּטאַן, אויפהייבן אים פון הינטן, ווי אַן עק פון אַ האָן, אויסשטעלן דעם בויך און זיך לאָזן גיין סאָליד מיטן טר־טואַר פאַרביי דעם שיסער. מיר אַלע, גאַנץ שטוב, שטייען באַם טויער, פון פענסטער קוקט אַרויס דער בלאַסער פּנים פון אָפיציר און איבער אים — דער בלאָנדער קאָפּ פון זיין ווייב; פון בעטלינגס הויז פלעגט אויך אַרויסגיין אַן עולם און נאָר דאָס טויטע אָוסיאַנ־ניקאָווס הויז באַווייזט קיינעם ניט.

אַמאָל פלעגט דער פעטער פיאָטר אומשפּאַצירן אַזוי אָן קיין שום ערפאָלג, — דער יעגער, קענטיג, האַלט אים ניט פאַר אַזאַ חיה, וואָס איז ווערט, אַז מען זאָל אין איר שיסן, נאָר אָפטמאָל פלעגט די דופּלטאָוועקע אויסקנאַלן איינמאָל און דעם אַנדער מאָל:

— בוך־בוך!...

מיט די זעלביקע לאַנגזאַמע טריט ווי פריער, פלעגט דער פעטער פיאָטר צוריק צוגיין צו אונז, זעער צופרידן און זאָגן:

— אין פאָלע אַריינגעשאָסן.

אַ מאָל האָט אים די שראָט געטראָפן אין פּלייצע און אין האַלדז. די באָבע האָט אים מיט אַ נאָדל אַרויסגעפּאָרקעט די שראָט און געמוסרט:

— וואָס גיסטו אים נאָך, דעם ווילדן יונג? וואָס וועט זיין, אַז ער וועט דיר טרעפן אין אויג.

— ניין, בשום אופן ניט, אַקולינאַ איוואַנאָווגאַ, — פלעגט פיאָטר ענטפערן מיט פאַראַכטונג, — אויך מיר אַ שיסער...

— אָבער צו וואָס טוסטו אים אָן דעם פאַרגעניגן?

— אַפּנים פאַרגעניגן? דאָס רייץ איך זיך דאָך מיט אים!

און באַקוקנדיג אויף דער דלאָניע די אַרויסגענומענע שראָט, פלעגט ער זאָגן:

— אויך מיר אַ שיסער! אָט ביי דער פריצטע, בא דער גרעפין טאַטיאַן לעקסייעווגע, איז געווען אַ געוויסע צייט אַ מאַן — אירע מאַנען פלעגט זי בייטן ווי די לאַקייען — איז געווען בא איר מאַמאָנט אילאַיטש, אַ מיליטערישער מענטש, האָט ער באמת

געקענט שיסן. ער פלעגט, באָבע, מיט קוילן שיסן, ניט אַנדערש. פלעגט צוועקשטעלן איגנאַשקע דעם נאַרעלע ווייט פון זיך, אַוודאי אַ טריט פערציג, פלעגט אים צובינדן צום פּאַסעק אַ פלאַש, אַזוי אַז זי זאָל הענגען ביי אים צווישן די פיס. איגנאַשקע דער נאַרעלע פלעגט פונאַנדערשטעלן די פיס און לאַכן; מאַמאָנט איליטש פלעגט אָנשטעלן דעם פּיסטאָלעט — באַך! און די פלעשל צעשיט זיך. נאָר אַמאָל האָט געטראָפן — אַפליג האָט איגנאַשקען אַ ביס געטאָן אָדער וואָס, נאָר ער האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און די קויל האָט אים געטראָפן אין קני, פונקט אין שיסעלע אַריין. מען האָט גערופן אַ רופא, תיכף האָט ער אים דעם פוס אַראָפּגעהאַקט,—פאַרטיג. האָט מען זי מקבר געווען...

— און דער נאַרעלע?

— דער נאַרעלע—איז גאָר נישט. אַ נאַר דאַרף ניט—ניט קיין פיס און ניט קיין הענט, אַ נאַר איז זאַט פון זיין אייגענער נאַרישקייט. אַ נאַר האָבן אַלע ליב, אַ נאַר רירט קיינעם ניט אָן.

דער באָבען פלעגן די דאָזיגע מעשיות ניט פאַרוואונדערן, זי האָט אַליין אַ סך אַזוינע מעשיות געוואוסט, נאָר מיר פלעגט ווערן אַ ביסל ניט היימליך און איך פלעג פרעגן ביי פּיאָטרען:

— און אויף טויט דערהרגענען קאָן אַ פריץ?

— פאַרוואָס זאָל ער ניט קאָנען? ער קאָ-אָן. זיי הרגענען אפילו איינע די אַנדערע אויך. צו טאַטיאַן לעקסייעוונע איז אַמאָל געקומען אַ אולאַנער, האָבן זיי זיך צעווערטלט מיט מאַמאָנטן און תיכף, מיט די פּיסטאָלעטן אין די הענט, אַוועק אין פּאַרק און דאָרטן אויפן וועגעלע ביין סאַזשעלקע האָט דער אולאַן מאַמאָנטן— באַך, אין סאַמע לעבער אַריין. מאַמאָנטן — אויפן בית-עולם, דעם אולאַן—פאַרשיקט אויף קאַווקאַז און געעקט די מעשה. אָט אַזוי שיסן זיי זיך צווישן זיך. הייגט ווער רעדט שוין פון פּויערים וכדומה. איצט, מן הסתם, זשאַלעווען זיי גאָרניט קיין מענטשן, ווייל די מענטשן געהערן שוין ניט צו זיי, אַמאָל האָט מען נאָך אַביסל געזשאַלעוועט—דאָס איז דאָך געווען פונדעסטוועגן אייגענע האָבי-און-גוטס.

— דעמאָלט האָבן זיי אויך ניט זעער געזשאַלעוועט, — פלעגט באַמערקן די באָבע.

— ס'איז אויך אמת. אייגן גוטס, אָבער ביליגס.

מיט מיר פלעגט ער זיך אויפטראָגן ליבליך, ריידן מיט מיר גוטהאַרציגער ווי מיט אַ דערוואַקסענעם און ניט באַהאַלטן די אויגן פון מיר, נאָר עפּעס איז מיר אין אים ניט געפעלן געווען. אַז ער פלעגט מכבד זיין מיט זיין אַלעמען באַליבטע מאַלינע-סאָק, פלעגט ער מיין לוסטע אָנשמירן געדיכטער, פון שטאָט פלעגט ער מיר ברענגען לעקעכלאַך און מאָנעלאַך און פלעגט ריידן מיט מיר ערנסט, אין דער שטיל:

— ווי האָבן מיר בדעה צו לעבן, בחורל? דו וועסט זיין אַ סאָלדאַט אָדער אַ באַאַמטער?

— אַ סאָלדאַט!

— דאָס איז גוט! איצט איז דעם סאָלדאַט אויך ניט אַזוי שלעכט. ס'איז אויך גוט צו זיין אַ פּאָפּ, שטיי זיך און זינג „האָס-פּאָדי, פּאָמילוי“ און יוצא. אַ פּאָפּ צו זיין איז נאָך גרינגער ווי אַ סאָלדאַט, און נאָך גרינגער איז — אַ פישער. ער דאַרף קיין שום לימודים ניט, נאָר זיך צוגעוויינען און מער גאָרניט.

ער פלעגט זעער אינטערעסאַנט נאָכמאַכן, ווי די פיש גייען אום אַרום ווערימל, ווי עס צאַפּלען זיך אויפן קריוטשיק אָקוניעס, פּלאָטקעס, לעשטשן...

— דו ביסט בייז, אַז דער זיידע שמייסט דיך אָפּ — פלעגט ער מיך טרייסטן — נאָר אין כעס זיין, בחורל, דאַרפסטו ניט. דאָס שמייסט מען דיך פון דיין הדרכה וועגן און דאָס שמייסן איז אַ קינדישס. מיין פּריצטע טאַטיאַן לעקסיי-עוונאַ — נו, יענע פלעגט שמייסן גאָר פיין, זי האָט דערויף גאָר אַ באַזונדער מענטשן געהאַט, כריסטאָפאָר איז געווען זיין נאָמען, האָט ער אַזוי קונציג געקענט זיין מלאכה, אַז די שכנים פון די דערביי׳איגע הייפן פלעגן שיקן בעטן די פּריצטע: לאָזט אָפּ, גרע-פין טאַטיאַן אַלעקסייעוונאַ, כריסטאָפאָרן אויף אַ טאָג צו אונז, די הויף-פויערים שמייסן. און זי פלעגט אָפּלאָזן.

ער פלעגט גאַנץ גוטמוטיג און באריכות דערציילן, ווי די

פּריצטע פלעגט זיצן אויפן גאַניק מיט די קאָלאָנעס, אין אַ ווייסן מוסלין-קלייד און אין אַ לופטיגן טיכל פון הימל-קאָליר, אויף אַ רויטן שטולכעלע, און קוקן ווי כריסטאָפּאָר שמייסט פּאַר איר אין די אויגן ווייבער און מאַנסבילן פון די הויף-פּויערים.

— אָט דער כריסטאָפּאָר, בחורל, איז אַליין געווען אפילו אַ ריאַזאַנער, נאָר אַ מין ציגיינער אָדער אַ כאָכאָל, די וואָנסן ביז די אויערן און דער פּנים אַ בלויער—ער פלעגט דעם באָרד גאָלן. און אַליין איז ער אָדער באמת געווען אַ נאַרישעוואַטער, אָדער ער האָט זיך דאָס געמאַכט, כּדי מען זאָל אויף אים קיין כּעס אין האַרצן ניט טראָגן. ער זעצט זיך אין קיך, גיסט אָן אַ גלאָז וואַסער, כאַפּט אַ פליג אָדער אַ טאַראַקאַן, אָדער אַ זשוק אַוועלכן עס איז און מאַכט מיט אַ שטעקעלע, זיי זאָלן זיך טרינקען, אַזוי אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד. אָדער באַ זיך פון אונטערן קאָלנער פלעגט ער אַרויסקראַצן אַ גרוי באַשעפעניש̇ל און דערטרינקען...

די אַלע מעשיות, אַזוינע און ענליכע, האָב איך שוין גוט געקענט, איך האָב אַ סך אַזוינע מעשיות געהערט פון דער באָבען און פון זיידן, אַלע מיט אַ פאַרשיידענעם אינהאַלט, נאָר מאָדנע ענליך איינע אויף די אַנדערע: כּסדר מען פּייניגט מענטשן, מען איז זיך נוקם אָן זיי, מען יאָגט זיי. מיר האָבן די מעשיות דערעסן און הערן זיי האָט זיך ניט געוועלט און איך פלעג בעטן דעם פורמאַן:

— דערצייל מיר אַן אַנדערע...

ער פלעגט צענויפקלייבן די קנייטשן צום מויל, דערנאָך זיי אויפהויבן ביז די אויגן און נאָכגעבן:

— געפּועלט, בייגעריגער, — אַן אַנדער מעשה: איז באַ אונז געווען אַ קוכער...

— באַ וועמען?

— באַ דער גרעפין טאַטיאַן לעקסייעוונע.

— פאַרוואָס-זשע רופסטו זי אָן „טאַטיאַן”. אַפּנים איז זי געווען אַ מאַנסביל?

ער לאַכט מיט אַ דינינקן געלעכטער.

— געוויס איז זי אַ פרויענצימער, נאָר זי האָט געהאַט קליי-נינקע וואָנסן. שוואַרצינקע—זי האָט געשטאַמט פון שוואַרצע דייטשן,

דאָס איז אַזאַ אומה, ווי אַראַפּן. איז געווען באַ איר אַ קוכער... דאָס, איז, בחורל, גאָר אַ לעכערליכע געשיכטע...

די לעכערליכע געשיכטע איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער קוכער האָט קאַליע געמאַכט די קוליעביאַקע, האָט מען אים געווּיט, ער זאָל זי אויפעסן אינגאַנצן אויף איין מאָל. האָט ער אויפגעגעסן און איז קראַנק געוואָרן.

פלעג איך ווערן אין כּעס:

— דאָס איז גאָר ניט לעכערליך.

— וואָס זשע דען איז לעכערליך? נו, זאָג דו?

— איך ווייס ניט.

— טאָ שווייג, אַז דו ווייסט ניט.

און ער פלעגט ווידער אָנהויבן שפּינען זיין נודנע שפּינוועבס.

אַמאָל, אין יום-טוב-טעג, פלעגן קומען צו אונז מיינע שוועסטערקינדער—דער פאַראומערטער און פוילער סאַשאַ מיכאַאילס און סאַשאַ יאַקאָווס, אַ פּינקטליכער און אַן אַלווייסנדיקער. איינמאָל, אַז מיר האָבן זאַלבעדריט אומגעשפּאַצירט איבער די דעכער, האָבן מיר באַ בעטלינגן אין הויף דערזעהן אַ פריץ אין אַ פוטערנעם גרינעם סורדוט; ער האָט זיך געשפּילט מיט קליינע הינטלאַך, זיצנדיג אויף אַ קופּע האָלץ; זיין קליינער, פּלעכיגער געלער קאָפּ איז געווען ניט פאַרדעקט. איינער פון די שוועסטערקינדער האָט פאָרגעלייגט, מיר זאָלן צוגנבענען באַ אים אַ הינטל, און תיכּף איז באַ אונז פאַרטיג געוואָרן דער פּלאַן פון דער גנבה: די ברידער וועלן זיך אַראָפּלאָזן און צוגיין צו בעטלינגס טויער, איך וועל איבערשרעקן דעם פריץ און אַז ער וועט אַ דערשראָקענער אַנטלויפן, וועלן זיי זיך אַריינרייסן אין הויף און כאַפּן אַ הינטל.

— אָבער ווי דערשרעקט מען אים?

איינער פון די ברידער האָט פאָרגעלייגט:

— שפּיי אים אָן אויפן פּלעך!

איז דאָס אַפּנים אַ גרויסע עבירה אָנשפּייען אַ מענטשן אויפן קאָפּ? איך האָב פיל מאָל געהערט און אַליין געזעהן, אַז מען באַ־

א רוסיש געריכט, א מין פלאָדן מיט פארשיידענע געפילאַכץ.

גייט זיך מיט מענטשן נאָך ערגער, און איך האָב, פאַרשטייט זיך, ערליך אָפּגעטאָן די אַרבעט, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען.

עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל און אַ סקאַנדאַל, צו אונז אויפן הויף איז געקומען פון בעטלינגס הויז אַ גאַנצע מחנה פרויען און הערן מיט אַ יונגן און אַ שיינעם אָפיציר בראש; דער זיידע האָט מיך אָפּגעשמיסן און דערמיט צופרידנגעשטעלט אויפן בעסטן אופן אַלע אַיינוואוינער פון בעטלינגס הויז.

אַז איך בין געלעגן אַ צעשלאָגענער אין קיך אויפן אויוון, איז צו מיר אַרויפגעקראָכן דער פעטער פּיאָטר אַ פרייליכער, אין יום־טובדיגע קליידער.

— דאָס איז אַ פיינער אײַנפאַל, בחורל, — האָט ער געשעפּטשעט. — ס'איז רעכט אויף אים, אויפן אַלטן באָק, אָט אַזוי איז גוט — שפּיי אויף זיי, אָדער נאָך בעסער: מיט אַ שט"ין — אין צעפּוילטן קאָפּ!

פּאָר מיינע אויגן איז געשטאַנען דעם פּריצס קיילעכדיג, אָנהאָריג, קינדיש געזיכט, איך האָב געדענקט, ווי ער האָט, גלייך ווי אַ הינטל, שטיל און כּעסדיג אויפגעשריען, ווישנדיג דעם געלן פּלעך מיט זיינע קליינע הענטלאַך. איך בין געוועזן שרעקליך פאַרשעמט און האָב באַקומען אַ שנאה צו די שוועסטערקינדער, נאָר דאָס אַלץ האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי נאָר איך האָב דערזעהן ווי געהעריג דעם פּורמאַנס געפלאָכטענעם פּנים: זיין פּנים האָט געציטערט אַזוי שרעקעדיג־עקלהאַפט, ווי באַם זיידן, בשעת ער האָט מיך געשמיסן.

— גיי אַוועק! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, אַראָפּשטופּנדיג אים מיט די הענט און מיט די פיס.

ער האָט אַ לאַך געטאָן, גענומען פינטלען מיט די אויגן און איז אַראָפּגעקראָכן.

פון דאַן אָן האָב איך שוין מער קיין חשק ניט געהאַט צו שמועסן מיט אים, איך האָב אָנגעהויבן וויכן פון אים און אין דערזעלבער צייט מיט פאַרדעכטיגקייט נאָכשפּירן נאָך אים, און אומבאַשטימט זיך ריכטן אויף עפּעס.

אינגיכן נאָך דער מעשה מיטן פּריץ האָט פּאַסירט אַ צווייטע

געשיכטע. מיך האָט שוין לאַנג אינטערעסירט אָווסיאַניקאָווס הויז. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם גרויען הויז קומט פאָר גאָר אַ מאָדנע, אַסודותדיג לעבן ווי אין אויסגעטראַכטע מעשהלאַך.

אין בעטלינגס הויז האָט מען געלעבט רעשדיג און פריי־ליך, דאָרט איז געווען אַ סך שייגע פרויען, צו זיי פלעגן גיין אָפיצירן, סטודענטן, שטענדיג פלעגט מען דאָרטן לאַכן, שרייען און זינגען, מוזיק פלעגט שפּילן. און אַפילו דער פּנים פון הויז איז געווען אַ פרייליכער, די שויבן פון די פענסטער האָבן קלאָר געבלישצעט, דאָס גרינס פון די בלומען הינטער זיי איז געווען פאַרשיידנאַרטיג העל... דער זיידע האָט ניט ליב געהאַט דעם הויז.

— אַפיקורסים, אויסגעלאַסענע, — פלעגט ער ריידן וועגן די אײנוואוינער פון הויז און די פרויען פלעגט ער רופן מיט אַ מיאוסן וואָרט, וואָס זיין זין האָט מיר אַמאָל דער פעטער פּיאָטר דער־קלערט אויך עקלהאַפטיג און צו־להכעיסיג צופרידן.

נאָר פאַרן שטרענגן און שווייגעדיגן אָווסיאַניקאָווס הויז האָט דער זיידע געהאַט דרך־ארץ. אָט דאָס איינשטאָקיג, נאָר הויך הויז האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פון הויף, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז, ריין און ליידיג און האָט געהאַט אינמיטן אַ ברונען אונטער אַ דעכל אויף צוויי סלופּעס. דאָס הויז האָט זיך אַזוי ווי אָפּגערוקט פון גאַס, באַהאַלטן זיך פון איר. זיינע דריי שמאָלע פענסטער, האַלבקיילעכדיגע אין דעם אויבערשטן טייל, זיינען געווען הויך פון דער ערד; די שויבן זיינען געווען מוטנע און די זון פלעגט זיי באַפאַרבן מיט די קאָלירן פון אַ רעגנבויגן. פון דער אַנדער זייט טויער איז געשטאַנען אַ שפּייכ־לער, וואָס האָט פון פאָרנט אויסגעזעהען פונקט אַזוי, ווי דאָס הויז, און האָט אויך געהאַט דריי פענסטער, נאָר פאַלשע, בלינדע: אויף דער גרויער וואַנט זיינען געווען אַרויפגעשלאָגן די ראַמען פון די פענסטער און די פענסטער גופא זיינען געווען אויסגע־מאָלט מיט ווייסער פאַרב. די דאָזיגע בלינדע פענסטער זיינען געווען אומאָנגענעם און די גאַנצע געביידע פון שפּייכלער האָט אַזוי ווי מרמז געווען, אַז דאָס הויז וויל זיין באַהאַלטן און לעבן אומבאַמערקליך. עס איז געווען עפּעס שטילס און באַליידיגטס אָדער

שטילס און גאוהדיגס אין דעם גאַנצן הויף, אין די פּוסטע פערד־שטאַלן, אין די שייערס מיט די ברייטע טויערן, וואָס זיינען אויך געווען פּוסט.

אָפּטמאָל פלעגט אומגיין איבערן הויף, הינקענדיג, אַ הויכער זקן, אַ געגאָלטער, מיט ווייסע וואָנסן, די האָר פון די וואָנסן האָבן געשטעקט ווי נאָדלען. אָפּטמאָל פלעגט נאָך אַן אַלטער, מיט באַקנבאַרדן און מיט אַ קרומען נאָז, אַרויספירן פון שטאַל אַ גרויען פערד מיט אַ לאַנגן קאָפּ, מיט אַ שמאָלער ברוסט און דינע פיס; אַרויס־גייענדיג פון שטאַל, פלעגט זיך דער פערד בויגן צו אַלעמען אַרום, ווי אַ נכנעדיגע מאָנאַכיניע. דער הינקעדיגער אַלטער פלעגט אים הילכיג פּאַטשן מיט דער דלאָניע, סוויסטשען און הויך אויפן קול זיפצן און דערנאָך פלעגט מען ווידער באַהאַלטן דעם פערד אין פינסטערן שטאַל. און מיר פלעגט זיך דוכטן, אַז דער אַלטער וויל אַוועקפאָרן פון שטוב און קען ניט, ווייל ער איז פאַרכישופט.

כמעט אַלע טאָג, פון אינדערפרי ביז האַלבן טאָג, פלעגן זיך שפּילן אויפן הויף דריי יינגעלאַך, אַלע דריי אין איינערליי גרויע קורטקעס און הויזן, אין איינערליי היטעלאַך, מיט קיילעכדיגע פּנימלאַך, מיט גרויע אויגן און אַזוי ווייט ענליכע איינע אויף די אַנדערע, אַז איך פלעג זיי קאָנען אונטערשיידן נאָר נאָך זייער וואוקס נאָך.

איך פלעג זיי באָכקוקן דורך אַ שפּאַלט אין פּאַרקאַן, זיי פלעגן מיך ניט באַמערקן און מיר פלעגט זיך ווילן, זיי זאָלן מיך באַמערקן. מיר איז געווען געפעלן, ווי גוט, פריילעך און פריינדליך זיי שפּילן זיך אין אַזוינע שפּילן, וואָס איך קען ניט, געווען געפעלן זייערע קאָסטיומען, ווי זיי פלעגן גוט זאָרגן איינע פאַר די אַנדערע, דערהויפּט די עלטערע, פאַר דעם קלענערן ברודער—אַ לעכערליכן, אַ פּיפּיגן און אַ קורצן יינגל. אַז ער פלעגט פאַלן, פלעגן זיי לאַכן ווי מען לאַכט שטענדיג פון דעם, וואָס פאַלט, נאָר זיי פלעגן לאַכן אָן צולהכעיס, תיכּף העלפן אים אויפשטיין און אויב ער פלעגט אייבריכטן די הענט אָדער די קני, פלעגן זיי אים ווישן די פינגער און די הויזן, מיט בלעטער, מיט באָזטיכלאַך, און דער מיטלסטער יינגל פלעגט גוטמוטיג זאָגן:

— אָט איז אַן אומגעלומפּעלטעל...

זיי פלעגן זיך קיינמאָל ניט זידלען, ניט אָפּנאַרן איינע די אַנדערע און אַלע דריי זיינען געווען פלינק, שטאַרק און אומדערמידיגט.

אַמאָל בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן בוים און האָב צו זיי אַ פייף געטאָן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, יעדער אויף דעם אָרט, וואו מיין פייף האָט אים געטראָפן, דערנאָך זיינען זיי זיך ניט-איילנדיג צונויפגעקומען און, קוקנדיג אויף מיר, ווען עפּעס זיך שטילערהייט מישב געווען. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן אָנהייבן וואַרפן שטיינער אויף מיר, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, אָנגעלייגט שטיינער אין די קעשענעס און אין בוזים און בין ווידער אַרויפגעקראָכן אויפן בוים, נאָר זיי האָבן זיך שוין געשפילט ווייט פון מיר אין אַן אַנדער ווינקל פון הויף און האָבן שוין, קענטיג, אָן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן. דאָס איז געווען טרויעריג, נאָר מיר האָט זיך ניט געוועלט אָנהייבן דער ערשטער די מלחמה און אינגיכן האָט עמיץ צו זיי אַ געשריי געטאָן דורך דער פאָרטקע פון פענסטער:

— קינדער, מאַרש אין שטוב אַריין!

זיי זיינען אַוועק ניט געאיילט און נכנעדיג, ווי געגנז.

אַ סך מאָל בין איך געזעסן אויפן בוים איבערן פאַרקאַן און געוואַרט, אַז אָט וועלן זיי מיך רופן שפּילן מיט זיי, נאָר זיי האָבן ניט גערופן. אין מיינע מחשבות האָב איך זיך שוין געשפּילט מיט זיי און פלעג זיך אַמאָל אַזוי אַריינטאָן דערין, אַז איך פלעג אויסשרייען און זיך פונאַנדערלאַכן אין דער הויך. אַלע דריי פלעגן דעמאָלט קוקן אויף מיר, שטילערהייט ריידנדיג צווישן זיך וועגן עפּעס, און איך פלעג זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד אַ פאַרשעמטער.

איינמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן שפּילן אין באַהעלטעניש; זוכן האָט באַדאַרפט דער מיטעלער. ער האָט זיך געשטעלט אין ווינקל הינטערן שפייכלער און איז געשטאַנען, ערליך פאַרדעקט די אויגן מיטן האַנט, ניט קוקנדיג, און די ברידער זיינען אַוועקגעלאָפן זיך באַהאַלטן. דער עלטערער איז גיך און פלינק אַריינגעקראָכן אין ברייטן שליטן אונטערן פאָרדאַך בײַם שייער, נאָר דער קליינטשקער

האָט זיך פאַרלאָרן, איז קאָמיש אומגעלאָפן אַרום ברונען און ניט געוואוסט, וואו זיך צו באַהאַלטן.

— איינס, — האָט געשריען דער עלטערער — צוויי...

דער קלייניטשקער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן ברונעם, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שטריק, איז אַריינגעקראָכן אין פוסטן עמער און דער עמער איז, קלאַפּנדיג איבער די ווענטלאַך פון ברונען, פאַרשוואונדן.

איך בין צעטומלט געוואָרן, דערזעהענדיג, ווי האַסטיג און שטיל עס דרייט זיך די גוט־אָנגעשמירטע ראָד, נאָר איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיגן, און בין אַראָפּ־געשפּרונגען צו זיי אין הויף, שרייענדיג:

— ר'איז אַריינגעפאַלן אין ברונען.

דער מיטעלער יינגל איז צוגעלאָפן צום ברונען גלייך מיט מיר, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן שטריק, האָט עס אים אַ ריס געטאָן אַרויף און אָפּגעברענט די הענט, נאָר איך האָב שוין באַוויזן אי־בערצונעמען בײַ אים די שטריק און דאַ איז אונטערגעלאָפן דער עלטערער און האָט געהאָלפן מיר אַרויסציען דעם עמער.

מיר האָבן גיך אַרויסגעצויגן דעם קליינינקן. ער איז אויך געווען דערשראָקן, פון די פינגער אויף דער רעכטער האַנט האָט געקאַפּעט בלוט, די הויט פון באַק איז אויך געווען אָנגעריסן, נאַס איז ער געווען ביזן גאַרטל, דאָס געזיכט איז געווען בלוי, די אויגן ברייט געעפנט, נאָר ער האָט געשמייכלט, אויפציטערנדיג אַלע ווײַלע מיטן גאַנצן קערפּערל, געשמייכלט און גערעדט:

— ווי איך בין גע־פ־לוי־גן!...

— ביסט משוגע געוואָרן, אָט וואָס, — האָט געזאָגט דער מיטעלער, אים אַרומגענומען און אָנגעהויבן אָפּווישן די בלוט פון געזיכט, נאָר דער עלטערער האָט זיך פאַרכמורעט און געזאָגט:

— קום, מיר וועלן אַלץ איינס ניט קאָנען דאָס באַהאַלטן.

— מען וועט אײַך שלאָגן? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, דערנאָך האָט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געזאָגט:

— דו ביסט זעער געשווינט געקומען צו לויפן!

איך בין אַזוי געווען דערפרייט מיט זיינע רייד, אַז איך האָב ניט באַוויזן אָנצונעמען זיין האַנט; ער האָט שוין ווידער גערעדט מיטן מיטעלן ברודער:

— קום, ער קאָן זיך נאָך צוקילן. מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז געפאַלן, נאָר וועגן ברונען — דאַרף מען ניט.

— מען דאַרף ניט, — האָט מסכים געווען דער קליינינקער, אויפציטערנדיג. דאָס בין איך אין אַ לוזשע אַריינגעפאַלן, האַ?

און זיינען אַוועקגעאַנגען.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזוי האַסטיג, אַז בשעת איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן צווייג, פון וועלכן איך בין אַראָפּגעשפּרונגען, האָט ער זיך נאָך געשאָקלט און בלעטער זיינען פון אים געפאַלן.

לערך אַ וואָך זיינען די ברידער ניט אַרויס אויפן הויף, נאָר דערנאָך האָבן זיי זיך באַוויזן נאָך פרייליכערע ווי פריער, און אַז דער עלטערער האָט מיך דערזעהן אויפן בוים, האָט ער ליבליך צו מיר אַ געשריי געטאָן:

— קום צו אונז!

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אונטערן פאָרדאַך באַם שפּייכלער, אין אַלטן שליטן, און לאַנג געשמועסט, באַטראַכטנדיג איינע די אַנדערע.

— מען האָט אייך געשלאָגן? — האָב איך געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך, — האָט געענטפערט דער עלטערער.

עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אָט די יינגעלאַך שלאָגט מען אויך, אַזוי ווי מיך, און עס איז געווען פאַרדראָסיג פאַר זיי.

— פאַרוואָס כאַפּסטו פייגלאַך, — האָט געפרעגט דער יינגערער.

— זיי זינגען שיין.

— ניין, כאַפּ זיי ניט, זאָלן זיי בעסער אומפליען, וואוהין זיי ווילן.

— נו, גוט, איך וועל מער ניט כאַפּן.

— נאָר פריער כאַפּ איינע און שיינק זי מיר.

— אַוועלכע ווילסטו?

— אַ פריילעכע. און אין אַ שטייגל.
— הייסט דאָס — אַ טשיזש.
— די קאַץ וועט אויפפּלעסן, — האָט געזאָגט דער ייִנג־סטער, — און דעל פּאַפּאַ וועט ניט לאָזן.
דער עלטערער האָט צוגעשטימט:
— ער וועט ניט לאָזן.
— און אַ מאַמען האָט איר?
— ניין, — האָט געענטפערט דער עלטערער, נאָר דער מיטעלער האָט אים פאַרריכט:
— מיר האָבן, נאָר אַ צווייטע, ניט אונזערע; אונזערע איז ניטאָ, זי איז געשטאָרבן.
— אַ צווייטע רופט זיך: שטיפמוטער, האָב איך געזאָגט; דער עלטערער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— יאָ!
און אַלע דריי האָבן זיך פאַרטראַכט, זיך פאַרשאָטנט.
פון דער באָבעס מעשהלאַך האָב איך געוואוסט, וואָס דאָס איז אַ שטיפמוטער, און מיר איז פאַרשטענדליך געווען, פאַרוואָס זיי האָבן זיך פאַרטראַכט. זיי זיינען געזעסן צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, איינער ענליך אויף דעם אַנדערן, ווי הינעלאַך; און איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מכשפה, דער שטיפמוטער, וואָס האָט מיט פעלשונגען פאַרנומען דעם אָרט פון דער לייבליכער מוטער, און איך האָב זיי צוגעזאָגט:
— זייט זיכער, זי וועט נאָך קומען צוריק, די אמתע מאַמע!
דער עלטערער האָט געדריקט מיט די אַקסלען.
— נאָכן טויט? דאָס טרעפט ניט!
דאָס טרעפט ניט? נאָר, גאָט מיינער, וויפל מאָל זיינען טויטע, אַפילו צעשניטענע אויף שטיקער, לעבעדיג געוואָרן, ווי נאָר מען האָט זיי באַשפּריצט מיטן לעבעדיגן וואַסער, וויפל מאָל האָט געטראָפן, אַז דער טויט איז ניט קיין אמתער, ניט פון גאָט, נאָר פון מכשפים און מכשפות?
איך האָב אָנגעהויבן מיט התפעלות צו דערציילן זיי דער

באָבעס מעשיות. דער עלטערער האָט אין אָנהייב געשמייכלט און גערעדט שטיל:

— דאָס ווייסן מיר, דאָס איז — אויסגעטראַכטע מעשיות.

זיינע ברידער האָבן זיך צוגעהערט שווייגנדיק: דער קלייני־קער, — אָנגעבלאָזן, מיט פעסט פאַרמאַכטע ליפּן, און דער מי־טעלער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר, אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אָן קני און די צווייטע פאַרלייגט דעם ברודערל אויף די אַקסלען.

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין אָוונט און רויטע וואָלקנס זיינען געהאַנגען איבער די דעכער, בשעת לעבן אונז האָט זיך באַוויזן דער אַלטער מיט די ווייסע וואָנסן, אין ברוינע קליידער, לאַנגע, ווי ביי אַ פּאָפּ, אין אַ פוטערנעם האָריגן היטל.

— ווער איז דאָס אַזוינס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, אָנ־ווייזנדיק אויף מיר מיטן פינגער.

דער עלטערער ייִנגל איז אויפגעשטאַנען און אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צום זיידנס הויז:

— ער איז פון דאָרטן...

— ווער האָט אים גערופן?

די ייִנגעלאַך זיינען אַלע פאַר אַ מאָל, שווייגנדיק, אַרויסגע־קראָכן פון שליטן און אַוועק אַהיים, און זיי האָבן מיר ווידער אויסגעוויזן, ווי נכנעדיקע גענז.

און דער אַלטער האָט מיך שטאַרק גענומען פאַרן אַקסל און אַוועקגעפירט איבערן הויף צום טויער. עס האָט זיך מיר גע־וועלט וויינען פון שרעק פאַר אים, נאָר ער איז געגאַנגען מיט אַזוינע גרויסע טריט און אַזוי האַסטיק, אַז איידער איך האָב באַוויזן זיך פונאַנדערצעוויינען, בין איך שוין געווען אויפן גאַס און ער, שטיין בלייבנדיק אין פאָרטקע פון טויער, האָט מיר געסטראַשעט מיטן פינגער און געזאָגט:

— וואַג ניט מער צו גיין צו מיר!...

איך בין אין כעס געוואָרן.

— ניט צו דיר גיי איך, אַלטער טייוול!

מיט זיין לאַנגער האַנט האָט ער מיך ווידער אָנגעכאַפּט

און אַוועקגעפירט מיטן טראַקטאָר און, גלייך ווי ער וואָלט מיר מיט אַ האַמערל געשלאָגן איבערן קאָפּ, געפרעגט:

— דיין זיידע איז אין דער היים?

צו מיין אומגליק איז דער זיידע געווען אין דער היים. ער האָט זיך געשטעלט פאַרן שטרענגן פריץ, דעם קאָפּ פאַררייסן, אויסגעשטעלט דעם קליינעם בערדל, און געקוקט אים אין די אויסגעלאָשענע קיילעכדיגע אויגן אַריין:

— די מאַמע זיינע איז אין וועג לעת־עתּה, איך בין אַ פּאַרנומענער מענטש, איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן, טאָ נעמט זשע ניט פאַר אומגוט, פּאָלקאָווניק.

דער פּאָלקאָווניק האָט הילכיג אַ קריאַק געטאָן, האָט זיך אַ דריי געטאָן ווי אַ הילצערנער סלופּ און איז אַרויס, און אין אַ געוויסער צייט אַרום בין איך אויף אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אין הויף אַריין, צום פעטער פיאָטר אין וואָגן.

— האָסט זיך ווידער אָנגעריסן? — האָט געפרעגט דער פעטער פיאָטר, אויסשפּאַנענדיג דעם פערד. — פאַרוואָס האָט מען דיך געשלאָגן?

אַז איך האָב אים דערציילט, פאַרוואָס, האט ער זיך אָנגעצונדן און אָנגעהויבן שיפּען:

— און צו וואָס ביסטו געקראָכן צו זיי, גוטע פריינד געהאָרן? זיי זיינען שלאַנגען, די פריצימלאַך. אָט ס'איז אַ מפּלה דו האָסט געכאַפּט צוליב זיי. גיי איצט און ברעך זיי גוט אָן די ביינער דערפאַר. נישקשה, זיי האָבן דאָס פאַרדינט.

ער האָט נאָך לאַנג אַזוי גערעדט. בייז פון די קלעפּ, וואָס איך האָב געקראָגן, האָב איך אין אָנהייב מיט מיטגעפיל געהערט זיינע רייד, נאָר זיין געפלאָכטענער פנים האָט געציטערט אַלץ אומאָנגענעמער און האָט מיר דערמאָנט, אַז די יינגעלאַך וועט מען דאָך אויך שלאָגן און אַז זיי זיינען קעגן מיר גאָר ניט שולדיג.

— מען דאַרף זיי ניט שלאָגן, זיי זיינען גוטע יינגלאַך, און דו זאָגסט כסדר ליגן. — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און אומגעריכט אויסגעשריען:

— אַראָפּ פון וואָגן.

— ביסט אַ נאַר! האָב איך אַ געשריי געטאָן און בין אַראָפּ־גֿעשפּרונגען אויף דער ערד.

ער האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן זיך נאָך מיר איבערן הויף און ניט געקאָנט מיך אָנכאַפּן, געלאָפן און אומנאַטירליך געשריען:

— אַ נאַר בין איך? ליגן זאָג איך? וועל איך שוין דיר באַלד...

אויפן גאַניק פון קיך איז אַרויס די באָבע, איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און ער האָט אָנגעהויבן מסרן:

— ס׳איז ניט צו דערהאַלטן פון דעם יינגל. איך בין אַוודאי פינף מאָל אַזוי אַלט ווי ער און ער מיר—אין דער מאַמען אַריין און נאָך... און אַ ליגנער, זאָגט ער...

אַז מען פלעגט מיר אין די אויגן זאָגן ליגן, פלעג איך זיך פאַרלירן און נאַריש ווערן פון פאַרוואונדערונג. איך האָב זיך איצט אויך פאַרלאָרן, נאָר די באָבע האָט מיט זיכערקייט געזאָגט:

— נו, פּיאָטר, דאָס איז שוין טאַקי אַ ליגן: מיט די מיאוסע ווערטער האָט ער דיך ניט געזידלט.

דער זיידע וואָלט אים געוויס געגלויבט.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן באַ מיר מיט אים אַ שווייגנדיגע מלחמה. ער פלעגט אַלץ זוכן, ווי כלומרשט ניט ווילנדיג מיך אַ שטופּ טאָן, אַ שמיץ טאָן מיט די לייצעס, ער פלעגט אַרויסלאָזן מיינע פייגלאַך, איינמאָל האָט ער זיי אָפּגעגעבן דער קאַץ. באַ יעדער געלעגנהייט פלעגט ער לויפן מסרן אויף מיר דעם זיידן, און מיר פלעגט זיך אַלץ עפּעטער דוכטן, אַז ער איז פונקט אַזאַ קליין יינגל, ווי איך, נאָר ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן. איך פלעג פונאַנדערפלעכטן זיינע לאַפּציעס, פלעג אומבאַמערקליך פאַר אים אָנרייסן זייערע רימענדלאַך און זיי פלעגן זיך צערייסן, בשעת ער פלעגט זיי אָנטאָן. איינמאָל האָב איך אים אָנגעשאָטן פעפער אין היטל און ער האָט דערפון גענאָסן אַוודאי אַ שעה צייט נאָכאַנאַנד און בכלל האָב איך זיך געסטאַרעט, ווי מיין כח און שכל האָט געטראָגן, זיך אָפּרעכענען מיט אים איינס אויף איינס. אין יום־טובדיגע טעג פלעגט ער מיר פלייסיג נאָכ־שפּירן און ניט איינמאָל כאַפּן באַ דער עבירה — באַ מיין אויפ־

טראָגן זיך מיט די פריצישע קינדער — און לויפן מסרן אויף מיר דעם זיידן.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט די יינגעלאַך האָט ניט אויפגעהערט און איז מיר געווען אַלץ אָנגענעמער און אָנגענעמער. אין שמאָלן שטח צווישן דעם זיידנס הויז און אָווסיאַניקאָווס פּלאַנקען איז גע־וואַקסן אַ לינדנבוים, אַ וויאַז און אַ געדיכטער קוסט בוזינע. אונטער אָט דעם קוסט האָב איך אויסגעשניטן אין פּלאַנקען אַ האַלב־קיי־לעכדיגע לאָך. די ברידער פלעגן איינציקווייס אָדער זאַלבאַנאַנד צוגיין אַהער און מיר פלעגן שמועסן אין דער שטיל, שטייענדיק מיט איינגעבויגענע פּיס אָדער אויף די קני. איינער פון זיי פלעגט שטענדיק שטיין אויפן וואַך און היטן, אַז דער פּאָלקאָווניק זאָל אונז פלוצלונג ניט באַפאַלן.

זיי פלעגן מיר דערציילן וועגן זייער לאַנגווייליגן לעבן און מיך פלעגט דאָס מאַכן טרויעריק; זיי פלעגן דערציילן, ווי עס לעבן די פייגלאַך, וואָס איך האָב אָנגעכאַפּט פאַר זיי, אַ סך קינ־דישע זאַכן פלעגן זיי דערציילן, נאָר זיי האָבן קיינמאָל אַ וואָרט ניט געזאָגט וועגן זייער שטיפמוטער אָדער וועגן פאָטער — יעדנ־פאַלס, איך געדענק דאָס ניט. מערסטנטייל פלעגן זיי בעטן, איך זאָל זיי דערציילן מעשיות, און איך פלעג געוויסנהאַפטיג איבער־דערציילן דער באָבעס געשיכטעס, און אַז איך פלעג אינמיטן עפּעס פאַרגעסן, פלעג איך זיי בעטן וואַרטן, און זיך לאָזן לויפן צו דער באָבען איבערפרעגן דאָס פאַרגעסענע. דער באָבען פלעגט דאָס שטענדיק זיין זייער אָנגענעם.

אַ סך פלעג איך זיי דערציילן אויך וועגן דער באָבען. איינמאָל האָט דער עלטערער יינגל טיף אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— אַלע באָבעס זיינען, מן הסתם, זייער גוטע—אונזער באָבע איז אויך געווען אַ גוטע.

ער פלעגט אָפט און טרויעריק אַזוי ריידן: געווען, פלעגט זיין, אַמאָל איז געווען, — גלייך ווי ער וואָלט שוין הונדערט יאָר אָפּגעלעבט אויף דער וועלט און ניט עלף. איך געדענק, ער האָט געהאַט שמאָלע הענט, דינע פינגער און אינגאַנצן איז ער געווען אַ דינער, אַ צאַרטער און די אויגן זיינע — העלע, נאָר נכנעדיגע,

ווי די הייליגע פייערלאַך אין קלויסטער. זיינע ברידער זיינען אויך געווען ליבע, האָבן אויך געוועקט צו זיך אַ געפיל פון צוטרוי — עס פלעגט זיך שטענדיג וועלן פאַרשאַפן זיי עפּעס אַ פאַרגעניגן — נאָר דער עלטערער איז מיר שטאַרקער געפעלן געווען.

פאַרטאָן אין שמועס, פלעג איך אָפט ניט באַמערקן, ווי עס פלעגט זיך באַווייזן דער פעטער פיאָטר און צעטרייבן אונז מיט זיין לאַנגן אויסגעשריי:

— ווי — דער!...

איך האָב געזעהן, אַז עס פאַלט אויף אים אַלץ אָפטער אַרויף אַ מרה־שחורה, און האָב זיך אַפילו אויסגעלערנט פאָראויס צו דער־קענען, אין וואָס פאַר אַ שטימונג ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט. געוויינטליך פלעגט ער עפענען דעם טויער לאַנגזאַם, די זאַוויעסעס פלעגן ווייזשעזשען פויל און פאַוואָליע, נאָר אַז ער פלעגט קומען שלעכט אויפגעלייגט, פלעגן די זאַוויעסעס אַ סקריפּע טאָן קורץ ווי אַ קרעכץ טאָן פון ווייטאָג.

זיין שטומער פלימעניק איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אין דאָרף חתונה האָבן, און פיאָטר האָט איצט געוואוינט אייגער אַליין אין דער נידעריגער קאַנורקע, וואָס איבערן שטאַל. דאָס שטיבעלע האָט געהאַט איין קליין פענסטערל און איז פול געווען מיט אַ געדיכטן ריח פון צעפרייטע פעל, פון דזיעגאַכץ, שווייס און טאַבאַק — מחמת דעם ריח פלעג איך קיינמאָל צו אים אין זיין שטיבל ניט אַריינגיין. געשלאָפן האָט ער איצט באַ פייער און דאָס איז דעם זיידן זייער ניט געפעלן געווען.

— וועסט נאָך אָנמאַכן אַ שרפה!

— נישקשה, זיי רואיג, איך שטעל דעם פייער פאַרן שלאָף אין אַ שיסל מיט וואַסער, — פלעגט ער אָפּענטפערן, קוקנדיג אָן אַ זייט.

ער פלעגט איצט בכלל ניט קוקן קיינעם גלייך אין די אויגן און האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו באַזוכן דער באָבעס אָוועגטן, פלעגט קיינעם ניט מכבד זיין מיט קאָנפיטורן; זיין פּנים איז גע־וואָרן אויסגעטריקנט, די קנייטשן — טיפער און גיין פלעגט ער איצט וויגנדיג זיך, נאָכשלעפּנדיג די פיס, ווי אַ קראַנקער.

אַמאָל אָנדערוואָכן, אינדערפרי, האָב איך מיטן זיידן גע־ ראַמט פון הויף דעם שניי, וואָס איז באַנאַכט אָנגעפאַלן. מיט אַמאָל האָט ניט ווי געוויינטליך הילכיג אַ קלאַפּ געטאָן די קליאַמקע פון פאָרטקע און איפן הויף צו אונז איז אַריין אַ פּאָליציי־מאַן, האָט צוגעמאַכט די פאָרטקע מיטן פּלייצע און אַ רוף געטאָן דעם זיידן מיטן גראָבן פינגער. אַז דער זיידע איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט זיך דער פּאָליציי־מאַן צוגעבויגן צו אים מיט זיין נאָזיגן פּנים און גלייך ווי ער וואָלט אים געדלאָטעוועט דעם שטערן, אָנגעהויבן שטיל וועגן עפּעס צו ריידן. דער זיידע פלעגט האַסטיג אָפּענטפערן:

— דאָ! ווען? גאָט, העלף מיר זיך דערמאָנען!

און איז פּלוצלונג קאָמיש איופגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן:

— באַרימהאַרציגער גאָט, צי קאָן דאָס זיין?

— שטילער! — האָט שטרענג געזאָגט דער פּאָליציי־מאַן.

דער זיידע האָט זיך אַרומגעקוקט און מיך דערזעהן.

— נעם צונויף די לאָפּעטעס און גיי אַהיים!

איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און זיי זיינען אוועק אין קאַנורע צום פורמאַן. דער פּאָליציי־מאַן האָט אַראָפּגענומען פון דער רעכטער האַנט די הענטשקע און אָנגעהויבן פּאַטשן מיט איר איבער דער לינקער און געזאָגט:

— ער פאַרשטייט!... דעם פערד האָט ער געלאָזן און אַליין זיך באַהאַלטן.

איך בין אַוועקגעלאָפן אין קיך דערציילן דער באָבען אַלץ וואָס איך האָב געזעהן און געהערט. זי האָט געקנאָטן ברויט אין דייזשע, שאָקלענדיג מיטן ווייס פאַרשטויבטן קאָפּ. זי האָט מיך אויס־ געהערט און רואיג געזאָגט:

— ער האָט מסתמא עפּעס געגנבעט... גיי, שפּיל זיך. ס'אַ דאגה דיר!

אַז איך בין ידער אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, איז דער ויידע געשטאַנען באַ דער פאָרטקע אָן אַ היטל און זיך געצלמט, קוקנדיג אין הימל אַריין. זיין פּנים איז געווען בייז, זיין האָר שפּיציג אויפגעשטעלט און איין פוס האָט באַ אים געציטערט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט גיין אַהיים! — האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטאָן און אַ טופּ געטאָן מיטן פוס.

און איז אַליין אויך אַריין אין שטוב און קומענדיג אין קיך אַריין אַ רוף געטאָן:

— קום נאָר אַהער אַ ווײַלע.

די באָבע איז אַוועק מיט אים אין אַ צווייטן צימערל און זיי האָבן זיך דאָרטן לאַנג געסודעט און אַז זי איז צוריקגעקומען אין קיך, איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז עס האָט פּאַסירט עפּעס אַ שרעקליכע זאַך:

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?

— דו שווייג! — האָט זי שטיל צו מיר געזאָגט.

דעם גאַנצן טאָג איז ניט גוט געווען אין שטוב, ניט היימ-ליך. דער זיידע מיט דער באָבען פלעגן אַלע ווײַלע אומרואיג אַ קוק טאָן איינע אויף די אַנדערע, ריידן אין דער שטיל און ניט פאַר-שטענדליך, מיט איינצעלנע ווערטער, וואָס פלעגן נאָך שטאַרקער מאַכן די אומרואיגקייט.

— צינד אָן, מאַמאַ, אַלע לאַמפּאַדקעס, — האָט דער זיידע געהייסן, הוסטנדיג.

מיטאָג האָט מען געגעסן ניט ווילנדיג, נאָר אײַלנדיג זיך, גלייך ווי מען וואָלט וואַרטן אויף עמיצן. דער זיידע פלעגט פאַר-מאַטערט אָנבלאָזן די באַקן, קרעכצן און וואָרטשען:

— שטאַרק איז דער שטן אַנקעגן מענטשן. אָט דוכט זיך פרום און אין קלויסטער פלעגט ער גיין לייטיש און — אָט זעהסט דאָך...

די באָבע פלעגט זיפצן.

אײַנמידנדיג לאַנג האָט געגוססט אָט דער זילבערדיג-טונקע-לער ווינטער-טאָג און אין שטוב פלעגט אַלץ ווערן אומרואיגער און שווערער.

איידער עס איז אָוונט געוואָרן, איז ווידער געקומען אַ פּאָליצײַ-מאַן, אַ געלער און אַ דיקער. ער איז געזעסן אין קיך אויפן באַנק און געדרעמלט, סאָפּענדיג און בוקנדיג זיך. און אַז די באָבע פלעגט אים פרעגן:

— ווי האָט מען זיך דאָס דערוואוסט? — פלעגט ער אָפּענטפערן, אויסוואַרטנדיג אַ ווײַלע און מיט אַ געדיכטער שטים:

— מיר דערוויסן זיך אַלץ, זײַט רואיג!

איך געדענק, איך בין געזעסן בײַם פענסטער, געוואַרימט אין מויל אַ פּאַרצײַטיגן קופּערנעם גראָשן און געסטאַרעט זיך אָפּצודרוקן פון אים אויפן אײַז פון שויב דעם בילד פון דעם הײַליגן געאָרג, דעם זיגער, וואָס האָט געטויט דעם דראַקאָן.

האָט פּלוצלונג עפּעס שווער אַ רויש-געטאָן אין קיך, די טיר האָט זיך ברייט אויפגעעפנט און פּעטראָוונאַ האָט פון שוועל הילכיג אויסגעשריען:

— זעהט, וואָס ס'טוט זיך בײַ אײַך אין גאָרטן!

דערזעהענדיג דעם גאָראָדאָוואָי, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק אין פּאָרהויז, נאָר יענער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד און אויך מיט שרעק געשריען:

— וואַרט! ווער ביסטו אַזוינע? וואָס זאָלן מיר זעהן?!..

זי האָט זיך געשטרויכלט אָן שוועל, געפאַלן אויף די קני און פאַרכליניעט זיך מיט רייד און טרערן:

— איך גיי מעלקן די קי, זעה איך: וואָס שטעקט דאָס בײַ קאַשירינען אין סאָד אַ שטיוול?...

נאָר דער זיידע האָט אָנגעהויבן אויפגערעגט צו שרייען און טופּענדיג מיט די פיס:

— זאָגסט ליגן, בהמה איינע! דו האָסט קיין זאַך אין סאָד ניט געקאָנט זעהן, דער פּאַרקאַן איז אַ הויכער, קיין שפּאַלטן איז ניטאָ, זאָגסט ליגן! דו האָסט קיין זאַך בײַ אונז ניט געזעהן!

— ליבינקער! — האָט געוואָיעט פּעטראָוונאַ, איין האַנט אויסגעשטרעקט צום זיידן און מיט דער אַנדערער האַלטנדיג זיך פאַרן קאָפּ. — אמת, ליבינקער, איך זאָג ליגן. איך גיי אַזוי, ערשט צו אײַער פּאַרקאַן דערזעה איך טריט אויפן שניי און דער שניי איז אין איין אָרט אײַנגעטראָטן. גיב איך אַ קוק איבערן פּאַרקאַן און זעה: ער ליגט...

— ווע-ער?

אָט דער אויסגעשריי האָט געדויערט שרעקליך לאַנג און

מען האָט קיין זאַך פון אָט דעם געשריי ניט געקאָנט פאַרשטיין. נאָר מיט אַ מאָל זיינען אַלע אַזוי ווי פון זינען אַראָפּ, און שטופּנ־דיג איינע די אַנדערע, זיך אַ לאָז געטאָן פון קיך אַרויס און גע־לאָפן אין סאָד. דאָרטן אין אַ גרוב, ווייך אויסגעבעט מיט שניי, איז געלעגן דער פעטער פיאָטר, אַנגעשפּאַרט מיטן פּלייצע צום אָפּגעבערענטן באַלקן, מיט אַ נידעריג אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפן ברוסט. אונטערן רעכטן אויער איז בײַ אים געווען טיף אויפגע־שפּאָלטן, רויט, ווי אַ מויל, און, ווי ציינער, האָבן געשטעקט פון דאָרטן בלויליכע שטיקער פלייש. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן פאַר שרעק און דורך די וויעס האָב איך בײַ אים אויף די קני גע־זעהן דעם באַקאַנטן שוסטערשן מעסער זיינעם און לעבן מעסער די שוואַרצע צונויפגעדרייטע פינגער פון זיין רעכטער האַנט. די לאַנגע האַנט איז געווען פאַרלייגט אָן אַ זייט און פאַרטיפט אין שניי. דער שניי אונטערן פורמאַן איז צעגאַנגען, זיין קליין קער־פּערל האָט זיך טיף אַראָפּגעלאָזן אין ווייכן ווייסן פּוך און האָט אויסגעזעהן נאָך קינדערשער. בײַ דער רעכטער האַנט אויפן שניי האָט זיך געררויטלט אַ מאָדנע צייכענונג, ענליך אויף אַ פייגל, פון דער לינקער זייט איז דער שניי געווען ניט באַרירט, ווייך און פאַרבלענדליך-ליכטיג. זיין נכנעדיג געבויגענער קאָפּ האָט זיך מיטן גענבל איינגעשפּאַרט אין ברוסט און איינגעדריקט זיין געדיכט געגרייזלט בערדל. אויף דער הוילער ברוסט, אין די רויטע רינעס פאַרגליווערט בלוט, איז געלעגן אַ גרויסער מעשענער צלם. פון דעם קולות-גערויש האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. אָן אַן אויפהער האָט פּעטראָוונאַ געשריען, געשריען האָט דער גאָראָדאָ־וואָי און געשיקט ערגעץ וואַלייען, און דער זיידע האָט געשריען:

— פאַרטרעט ניט די שפּורן!

נאָר מיט אַ מאָל האָט ער זיך פאַרכמורעט און, קוקנדיג זיך אונטער די פיס, הויך און באַפעלנדיג געזאָגט צום גאָראָ־דאָוואָי:

— דו שרייסט דאָ גאָר אומזיסט. דאָ איז גאָטס אַן ענין, גאָטס משפט, און דו קריכסט דאָ מיט דיינע נאַרישקייטן... עך, אי-איר!..

און אַלע זײַנען מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן, געקוקט אויפֿן מת, געזיפֿצט און געצלמט זיך.

פֿון הויף אין גאָרטן אַרײַן זײַנען געלאָפֿן אומבאַקאַנטע מענטשן, געקראָכן איבער פּעטראָוונאַס פּלאַנקן און פֿלעגן פֿאַלן און ברומען, נאָר פֿונדעסטוועגן איז געווען שטיל, ביז דער זיידע האָט זיך אַרומקוקנדיג ניט אַ געשריי געטאָן אויסער זיך:

— שכנים, וואָס טרעט איר די מאַלינעס, גאָט איז מיט אײַך!..

די באָבע האָט מיך גענומען פֿאַרן האַנט און כליפּנדיג אָפּגעפֿירט אין שטוב אַרײַן.

— וואָס האָט ער דאָס געטאָן?—האָב איך געפֿרעגט; און זי האָט אָפּגעענטפֿערט:

— זעהסט ניט, אַפּנים...

דעם גאַנצן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט איז אין קיך און אין דערבײַיאיגן צימער פֿול געווען מיט פֿרעמדע מענטשן. אַלע האָבן געשריען, פּאָליצײַ האָט געקאָמאַנדעוועט, אײַבער, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ דיאַקאָן, האָט עפּעס געשריבן און אויסגעפֿרעגט, קריאַקנדיג ווי אַן ענטל:

— קאַ? קאַק?*)

אין קיך האָט די באָבע אַלעמען מכבד געווען מיט טיי, באַם טיש איז געזעסן אַ קיילעכדיגער מענטש, מיט אַ געשפּרענקלטן פּנים, מיט גרויסע וואָנסן און האָט מיט אַ סקריפּעדיגער שטים דערציילט:

— זײַן אמתן נאָמען ווייס מען ניט, דערווײַל ווייס מען נאָר, אַז ער איז פֿון יעלאַטמאַ. און דער שטומער איז גאָר קיין שטומער ניט און האָט זיך שוין מודה געווען. און דער דריטער האָט זיך אויך מודה געווען—ס'איז דאָ אַ דריטער אויך. קלויסטערס פֿלעגן זיי שוין פֿון לאַנג באַגנבענען, דאָס איז זייער הויפּט-אַרבעט...

---

*) ווי? ווי?

— אַך, גאָט! — האָט געזיפצט פעטראָוונאַ, אַ רויטע און אַ נאַסע.

איך בין געלעגן אויף די פּאָלאַטיעס און האָב געקוקט אַראָפּ אויף אַלע מענטשן האָבן מיר אויסגעזעהן צו זיין קורצינקע, גראָבע און שרעקליכע.

X.

איינמאָל שבת גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו פעטראָוונען אין גאָרטן כאַפּן סניגירן. איך בין לאַנג געזעסן, נאָר די רויט־בריסטיגע, סאָלידע פויגלען זיינען ניט געגאַנגען אין פאַסטקע. גלייך ווי זיי וואָלטן זיך רייצן מיט מיר מיט זייער שיינקייט, שפּאַצירן זיי אום איבערן באַזילבערטן האַרטן שניי, פליען אַרויף אויף די צווייגן פון די בוימלאַך, וואַרים אָנגעטאָן אין געפּריר און וויגן זיך אויף די צווייגן, ווי לעבעדיגע בלומען, אַראָפּשיטנדיג בלויליכע פונקען שניי. דאָס איז אַזוי שיין, אַז מיר פאַרדריסט ניט, וואָס מיין געיעג גליקט מיר ניט. אַ יעגער בין איך געווען ניט קיין פאַרביסענער, פון פּראָצעס אַליין פלעג איך שטענדיג מער פאַרגעניגן האָבן, ווי פון די רעזולטאַטן: איך האָב ליב גע־האַט נאָכצוקוקן ווי עס לעבן די קליינע פייגעלאַך, און טראַכטן וועגן זיי.

אַז עס איז מיר גוט קאַלט געוואָרן און איך האָב דערפילט, אַז איך האָב אָפּגעפראָרן די אויערן, האָב איך צונויפגענומען ד, פאַסטקעס און די שטייגלאַך, בין אַריבערגעקראָכן איבערן פאַרקאַן אין זיידנס סאָד אַריין און אַוועק אַ היים. איך בין אַריין אין הויף,— ערשט דער טויער צום גאַס איז אָפן, אַ הויך־געוויקסיגער פויער פירט פון הויף אַרויס אַ דריי־שפּאַן אין אַ גרויסן שליטן מיט אַ בויד, די פערד רויכערן מיט אַ פּאַרע, דער פויער פייפט־אונטער פריילעך... איז מיר אין האַרצן איינגעפאַלן.

— וועמען האָסטו געבראַכט?

ער האָט זיך אָפּגעקערט, אַ קוק געטאָן אויף מיר פון אויבן

אַראָפּ, אַרויפגעשפּרונגען אויפן ראַנד פון שליטן און אָפּגעענטפערט;

— אַ פּאָפּ!

נו, האָט דאָס צו מיר ניט. אויב אַ פּאָפּ, איז דאָס זיכער צו די שכנים.

— עך, הינדעלאַך!.. האָט אויסגעשריען דער פויער, און אויסגעפּייטשט און אַ צי געטאָן די פערד פאַר די לייצעס און פול געמאַכט די שטילקייט מיט פריילעכקייט. די פערד האָבן אַלע מיט אַמאָל אַ נעם געטאָן און זיך געלאָזן אין פעלד אַריין, איך האָב זיי נאָכגעקוקט אַ קורצע ווײַלע און צוגעמאַכט דעם טויער, נאָר אַז איך בין אַריין אין קיך, וואו קיינער איז ניט געווען, האָב איך פּלוצלונג דערהערט פון צווייטן צימער די שטאַרקע שטים פון מיין מאַמען און אירע דייטליכע רייד:

— נו איז וואָס איז איצט? דאַרף מען מיך קעפּן?

ניט אויסגעטאָן זיך, געוואָרפן די שטייגלאַך, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן פון קיך אַרויס אין פירהויז און זיך דאָ אָנגעשטויסן אויפן זיידן. ער האָט טיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל, אַריינגעקוקט מיר אין פּנים מיט אַ ווילדן אויסדרוק אין די אויגן און קוים אַראָפּשלינגענדיג עפּעס, הייזעריג געזאָגט צו מיר:

— די מאַמע איז געקומען, גיי! וואַרט... — און האָט מיך אַזוי אַ טרייסל געטאָן, אַז איך בין קוים געבליבן שטיין אויף די פיס, און האָב מיר אַ שטופּ געטאָן צום טיר פון צימער. — גיי, גיי!..

ער האָט מיך אַרויפגעשטויסן אויף דער טיר, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט וואָילאָק און צעראַטע, נאָר איך האָב לאַנג ניט געקאָנט געפינען די קליאַמקע, און געטאַפּט מיט די הענט, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט און אויפרעגונג; ענדליך האָב איך שטיל אויפגעעפענט די טיר און בין געבליבן שטיין אויפן שוועל אַ פאַרבלענדעטער.

— אָט איז ער! — האָט געזאָגט די מאַמע. — גאָט מיינער, ס'אַרא גידול! וואָס, דו דערקענסט מיך ניט? ווי מיאוס איר קליידט אים, אַך... זעהט נאָר, די אויערן זיינען ביי אים ווייס! מאַמאַשע, גיט גיכער אַ שטיקל גענזענעם שמאַלץ.

זי איז געשטאַנען אין מיטן צימער, אײַנגעבויגן איבער מיר, האָט מיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן, אומדרייענדיג ווי אַ פּילקע. איר גרויסער קערפּער איז אַרומגעוויקלט מיט אַ וואַרימען, ווייכן רויטן קלייד, אַ ברייטן, ווי אַ פויערשער טשאַפּאַן. פאַרשפּילעט איז דאָס קלייד געווען מיט גרויסע שוואַרצע קנעפּ פון די אַקסלען אויף פאָרענט ביזן אונטערשטן זוים. איך האָב קיינמאָל אַזאַ קלייד ניט געזעהן.

איר געזיכט האָט מיר אויסגעוויזן קלענער, ווי עס איז געוועזן פריער, קלענער און ווייסער, די אויגן זײַנען אויסגעוואַקסן געוואָרן טיפער, און די האָר גאָלדיגער. מײַנע זאַכן, וואָס זי פלעגט אויסטאָן, פלעגט זי וואַרפן צום שוועל, אירע ליפּן פון מאַלינעס-פאַרב פלעגן זיך קרימען דערבײַ פון עקל און עס האָט כסדר געשאַלט איר באַפעלנדיגע שטים:

— וואָס שווייגסטו? ביזט צופרידן? פּע, ס׳אַראַ שמוציגע העמד...

דערנאָך האָט זי מיר געריבן די אויערן מיט געגזונעם שמאַלץ. עס האָט ווי געטאָן, נאָר פון איר האָט געשמעקט מיט אַן אָפּפרישנדיגן, געשמאַקן ריח און דאָס האָט קלענער געמאַכט דעם ווייטאָג. איך האָב זיך געטוליעט צו איר, געקוקט איר אין די אויגן אַריין, שטום פון איבערעגונג, און צוזאַמען מיט אירע רייד האָב איך געהערט דעם ניט-הויכן און ניט-פרייליכן קול פון דער באָבן:

— ער איז זעער צעלאָזן, הויבט ניט אָן צו פאָלגן, ער האָט אַפילו פאַרן זיידן קיין מורא ניט... עך, וואַריאַ, וואַריאַ...

— נעמט זיך ניט צום האַרצן, מאַמאַשע, נישקשה!

אין פאַרגלייך מיט דער מאַמע, האָט אַלץ אַרום אויסגעזעהן קליין, רחמנותדיג און אַלט. איך אַליין האָב זיך אויך געפילט אַלט ווי דער זיידע. זי האָט מיך צונויפגעדריקט מיט אירע שטאַרקע קני, געגלעט די האָר מיט איר שווערער, וואַרימער האַנט און גערעדט:

— מען דאַרף אָפּשערן. און שוין צייט אין שול אָנהייבן גיין. ווילסט זיך לערנען?

— איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט.

— מען דאַרף נאָך אַ ביסל. זעהט נאָר, ס'אַראַ געזונטער ער איז, האַ?

און געלאַכט מיט אַ געדיכטן, וואַרימען געלעכטער און געשפּילט מיט מיר.

עס איז אַריין דער זיידע, אַ גרויער, מיט אויפגעשטעלטע האָר, מיט רויטע אויגן. די מאַמע האָט מיך אָפּגעשטופּט פון זיך און הויך געפרעגט:

— נו, פּאַפּאַשע, ווי זאָל זיין? אַוועקפאָרן?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער, געראַצט מיטן נאָגל דעם אייז אויפן שויב, האָט לאַנג געשוויגן, אַלץ אַרום איז אָנגעשטרענגט געוואָרן, עס איז געוואָרן ניט היימליך און, ווי שטענדיג אין די מינוטן פון אַזאַ געשפּאַנטקייט, זיינען ביי מיר אויסגעוואַקסן אויפן גאַנצן קערפּער אויגן און אויערן, עס איז מאָדנע ברייט געוואָרן די ברוסט, און עס האָט זיך געוועלט שרייען.

— לעקסיי, גיי אַרויס! — האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול געזאָגט דער זיידע.

— צו וואָס? — האָט די מאַמע געפרעגט און האָט מיך ווידער צוגעצויגן צו זיך.

— וועסט אין ערגיץ ניט פאָרן! איך פאַרבאָט!..

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען, האָט איבערגעשוועבט איבערן צימער ווי אַ גערויטעלטער אָוונט-וואָלקן און זיך אָפּגעשטעלט הינטער דעם זיידנס רוקן.

— הערט נאָר, פּאַפּאַשע!

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר און אויסגעשריען מיט אַ קוויטש:

— שווייג!

— נו, שרייען אויף מיר וועל איך אייך ניט לאָזן, — האָט שטיל געזאָגט די מאַמע.

די באָבע האָט זיך אויפגעהויבן פון דיוואַן, סטראַשנדיג מיטן פינגער.

— וואַרוואַראַ!

און דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט און געמורמעלט:

— וואַרט אָקאָרשט! ווער בין איך? האַ? ווי הייסט דאָס?

און האָט פּלוצלונג משונה׳דיג אויסגעשריען, ווי ניט מיט זיין קול:

— דו האָסט מיך מיט חרפּה באַדעקט, וואַרקאַ—אַ!..

— גיי אַרויס:—האָט מיר געהייסן די באָבע. איך בין אַוועק אין קיך מיט אַ שווערן געמיט, בין אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און האָב זיך לאַנג צוגעהערט, ווי הינטער דעם פּאַראַוואַן פּלעגן אַ ווײַלע ריידן אַלע מיט אַמאָל, איבערשרייענדיג איינע די אַנדערע, מיט אַמאָל אַנטשוויגן ווערן, גלייך ווי זיי וואָלטן פּלוצלונג אײַנשלאָפן, און ווידער אָנהויבן שרייען אַלע מיט אַ מאָל. די רייד איז געווען וועגן אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געהאַט און עמיצן אָפּגעגעבן, נאָר מען האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס איז אין כּעס דער זיידע: צי פאַר דאָס, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אַ קינד אָן זיין דערלויבניש, אָדער דערפאַר, וואָס זי האָט אים דאָס קינד אַהער ניט געבראַכט.

דערנאָך איז ער אריין אין קיך, אַ צעשויבערטער, אַ שוואַרץ־ויטער און אַ פאַרמאטערטער, נאָך אים איז אַריין די באָבע, ווישנדיג די טרערן אויף די באַקן מיט דער פּאָלע פון יאַק. דער זיידע האָט זיך געזעצט אויפן באַנק. זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר מיט די הענט, אײַנגעהויקערט, פּלעגט אַלע ווײַלע אויפציטערן און בייסן די ליפּן; די באָבע האָט זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני און שטיל, נאָר הייס געבעטן:

— טאַטע, זיי איר מוחל, אין קריסטוסעס נאָמען זיי איר מוחל! ניט נאָר אַזעלכע שליטנס ברעכן זיך אײַן: אַ פּנים אין פּריצישע און סוחרישע הייזער טרעפט דאָס ניט? זי איז אַ פרוי, זעהסט דאָך, וואָס דאָס איז פאַר אַ פרוי... נו, זיי זשע איר מוחל, עס איז דאָך ניטאָ קיין צדיקים...

דער זיידע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, געקוקט איר אין די אויגן אַריין און מיט אַ קרומען שמייכל געברומט, כּלי־פּענדיג.

— נו, פאַרשטייט זיך! ווי זשע דען? ווצמען וועסטו ניט מוחל זיין, דו ביסט אַלעמען מוחל, נו, יאָ... עך, אי־איר!..

און האָט זיך צוגעבויגן צו איר, אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל, אָנגעהויבן טרייסלען און האַסטיג שעפּטשען:

— אָבער גאָט, זעהסטו, איז קיין זאַך ניט מוחל. ביים סאַמע קבר כאַפּט ער דיך און באַשטראָפט, דאָס זיינען דאָך אונזערע לעצטע טעג און־ניטאָ ניט קיין מנוחה און ניט קיין נחת, ניטאָ און עס וועט ניט זיין. און געדענק מיין וואָרט, אין פרעמדע תכריכים וועלן מיר שטאַרבן, בעטלער.

די באָבע האָט אָנגענומען זיינע הענט, זיך געזעצט לעבן אים און שטיל און לייכט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אָט איז אַ דאגה! פאַר וואָס דו האָסט זיך דערשראָקן! בעטלער! נו איז בעטלער! דו זיץ זיך אין שטוב, איבער די הייזער וועל איך גיין. האָב קיין מורא ניט, מיר וועט מען געבן מיר וועלן זיין זאַט. הער אויף, פאָלג מיר!

ער האָט פּלוצלונג אַ שמייכל געטאָן, אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, ווי אַ באָק, און אָנגעכאַפּט די באָבען פאַרן האַלז, זיך צוגעטוליעט צו איר, אַ קליינינקער, אַן איינגעקאָרטשעטער, און געכליפּעט:

— עך, נאַרעלע, לעצטער מענטש מיינער! קיין זאַך, נאַרעלע, זשאַלעווסטו ניט, קיין זאַך פאַרשטייסטו ניט. נו, דערמאָן זיך, האָבן מיר דען ביידע ניט געהאָרעוועט, האָב איך דען ניט געזינדיגט פאַר זיי... וואָלט איך כאָטש איצט... כאָטש אַ ביסעלע...

לענגער האָב איך ניט געקאָנט אויסהאַלטען. די טרערן האָבן ביי מיר אויפגעקאָכט, איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון אויוון און זיך געלאָזן צו זיי, יאָמערנדיג פון פרייד, פון דעם, וואָס זיי ריידן צווישן זיך אַזוי ניט-געוויינטליך גוט, פון ווייטאָג פאַר זיי און פון דעם, וואָס די מאַמע איז געקומען, און פון דעם, וואָס זיי האָבן מיך ווי גלייכן אַריינגענומען אין זייער וויינען, נעמען מיך אַרום, דריקן מיך, באַשפּריצן מיט טרערן, און דער זיידע שעפּטשעט מיר אין אויער, אין די אויגן:

— אָך דו, חיה׳לע, דו ביסט אויך דאָ! אָט איז דיין מאַמע געקומען, איצט וועסטו שוין זיין מיט איר, דעם זיידן, דעם אַלטן טייוול — אָן אַזייט, האַ? די באָבען, די נאָכגעבערקע, — אָן אַ זייט? עך, אי-איר...

ער האָט אויפגעפּנט די אָרעמס, האָט אונז אָפּגעשטופּט און געזאָגט הויך און מיט כּעס:

— אַלע גייען אַוועק, אַלע ווילן אָן אַ זייט... עס צעקריכט אַלץ... נו, רוף זי שוין אַהער, אַז דו רופּסט! רוף שוין גיכער!

די באָבע איז אַרויס פון קיך און ער האָט זיך געווענדט צום ווינקל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ:

— באַרמהאַרציגסטער גאָט, נו אָט, זעהסטו, אָט...

און האָט זיך שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין ברוסט.

מיר איז דאָס ניט געפעלן געווען, מיר פלעגט בכלל ניט זיין געפעלן, ווי ער רעדט מיט גאָט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלן תמיד אויספּיינען פאַר אים.

עס איז געקומען די מאַמע. פון איר רויטן קלייד איז אין קיך ליכטיגער געוואָרן, זי איז געזעסן אויפן באַנק ביין טיש, דער זיידע מיט דער באָבן לעבן איר פוןביידע זייטן, די ברייטע אַרבעל פון איר קלייד זיינען ביי זיי אויף די פּלייצעס געלעגן, זי האָט זיי עפּעס שטיל און ערנסט דערציילט און זיי האָבן זיך צוגעהערט שווייגענדיג, ניט איבעררייסנדיג. איצט האָבן זיי ביידע אויסגעזעהן קליין און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז זייער מאַמע.

מיד פון די אַלע אויפרעגונגען, בין איך איינגעשלאָפן אויף די פּאַלאַטיעס.

אין אָוונט האָבן זיך די אַלטע יום-טובדיג אָנגעטאָן און זיינען אַוועק אין קלויסטער. די באָבע האָט פריילעך אַ וואונק געטאָן אויפן זיידן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין מונדיר פון אַ צעך-סטאַרשינאַ, אין אַ שאָפּנפּעלץ, די הויזן איבער די שטיוול, — אַ וואונק געטאָן און געזאָגט צו דער מאַמען:

— דו קוק נאָר אָן דעם טאַטן, — אַ ריין בעקעלע.

די מאַמע האָט זיך פריילאַך צעלאַכט.

אַז איך בין געבליבן מיט איר אַליין אין צימער, האָט זי זיך געזעצט אויפן דיוואַן, די פיס אונטער זיך, אַ פּאַטש געטאָן מיט דער דלאָניע לעבן זיך און געזאָגט:

— קום אַהער! נו, ווי לעבסטו דאָ — שלעכט? האַ? ווי האָב איך געלעבט?

— איך ווייס ניט.

— דער זיידע שלאָגט דיך?

— איצט — ניט זייער.

— אַזוי? דו דערצייל מיר עפּעס, דערצייל, וואָס דו ווייסט. נו?

דערציילן וועגן זיידן האָט זיך ניט געוועלט, האָב איך אָנגעהויבן דערציילן, ווי אָט אין דעם צימער האָט געוואוינט זייער אַ ליבער מענטש, נאָר קיינער האָט אים ניט ליב געהאַט און דער זיידע האָט אים געהייסן אַרויסוואַרפן. עס איז קענטיק געווען, אַז די געשיכטע איז דער מאַמען ניט געפעלן געוואָרן; זי האָט געזאָגט:

— נו, און וואָס נאָך?

האָב איך איר דערציילט וועגן די דריי ייִנגלאַך, ווי אַזוי דער פּאָלקאָווניק האָט מיך אַרויסגעטריבן, — זי האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען.

— ס'אַראַ פּאַסקודניק...

און איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט זיך פאַרקוקט אויפן דיל, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, און נעשאָקלט מיטן קאָפּ.

—פאַרוואָס איז דער זיידע געווען אין כעס אויף דיר? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— איך בין שולדיג קעגן אים.

— וואָלסט בעסער אים אָפּגעגעבן דעם קינד...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַנט, פאַרכמורעט זיך, פאַרביסן די ליפּן — און זיך פונאַנדערגעלאַכט, פאַרדריקנדיג מיך אין אירע אָרעמס.

— אַך דו, שד איינער! זאָלסט וועגן דעם ניט ריידן, שווייג און טראַכט אַפילו ניט וועגן דעם.

און האָט לאַנג גערעדט צו מיר גאָר שטיל, נאָר שטרענג און ניט־פֿאַרשטענדליך, דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און אָנגע־הויבן אומגיין איבערן צימער, געקלאַפּט מיט די פינגער אין געמבל און געמאַכט מיט די געדיכטע ברעמען.

אויפן טיש האָט געברענט און געשמאָלצן זיך אַ חלבנע ליכט, אָפּגעשפּיגלט אין דער פּוסטקייט פון שפּיגל, איבער דער ערד זיינען אומגעקראָכן קייטיגע שאָטנס, אין ווינקל, פאַר די היי־ליגע בילדער, האָט געצאַנקט די קליינע לאַמפּאַדע, דער לבנה־שיין האָט באַזילבערט די פאַרפרוירענע פענסטער... די מאַמע האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, גלייך ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אויף די הוילע הענט, אויף דער סטעליע.

— ווען גייסטו שלאָפן?

— אַ ביסל שפּעטער.

— אמת, דו האָסט דאָך היינט געשלאָפן בייטאָג, — האָט זי זיך דערמאָנט און אָפּגעזיפצט. איך האָב אַ פּ״עג געטאָן:

— דו ווילסט אַוועקגיין?

— וואוהין? האָט זי פאַרוואונדערט אָפּגעענטפערט. זי האָט מיר אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַרויף און לאַנג געקוקט מיר אין גע־זיכט, אַזוי לאַנג, אַז מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— וואָס איז דאָס דיר?

— דער נאַקן טוט וויי.

עס האָט דאָס האַרץ אויך וויי געטאָן, איך האָב גלייך דער־פילט, אַז זי וועט ניט בלייבן באַ אונז אין שטוב, זי וועט אַוועק־גיין פון אונז.

— דו וועסט זיין ענליך אויפן טאַטן, — האָט זי געזאָגט, אָפּוואַרפנדיג מיט די פיס די דיל־טיכער. — די באָבע האָט דיר דערציילט וועגן אים?

— יאָ.

— זי האָט זייער ליב געהאַט מאַקסימען, זייער! און ער זי אויך...

— איך ווייס.

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויפן ליכט, האָט זיך אַ קרים נעטאָן און פאַרלאָשן.

אַזוי איז בעסער! — האָט זי געזאָגט.

יאָ, אַזוי איז פרישער און ריינער געוואָרן. די טונקעלע־קייטיגע שאָטנס האָבן אויפגעהערט אומצוקריכן, אויפן דיל האָבן זיך אויסגעשפּרייט העל־בלויע פלעקן, אויף די שויבן האָבן זיך אָנגעצונדן גאָלדענע פונקען.

— וואו ביסטו געווען?

אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערמאָנען וואָס עס איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, האָט זי מיר אָנגערופן עטליכע שטעט און גע־דרייט זיך כסדר איבערן צימער, שטיל, ווי אַ רויב־פויגל.

— און וואו האָסטו גענומען דאָס קלייד!

— אַליין אויפגענייט. איך טו אַלץ אַליין.

עס איז געווען אָנגענעם, וואָס זי איז אויף קיינעם ניט ענליך נאָר טרויעריג, וואָס זי רעדט אַזוי ווייניג און וואָלט גאָר אינגאַנצן געשוויגן, ווען איך זאָל קיין פראַגעס ניט שטעלן.

דערנאָך האָט זי זיך ווידער געזעצט לעבן מיר אויפן דיוואַן און מיר זיינען געזעסן שווייגענדיג, צוגעטוליעט איינע צו די אַנ־דערע, ביז וואַנען די אַלטע זיינען ניט געקומען פון קלויסטער דורכגענומענע מיטן ריח פון וואַקס און וויירויך, יום־טובדיגע שטילינקע און ליבליכע.

איינגיכן האָט מיך די מאַמע אָנגעהויבן פלייסיג לערנען דעם וועלטליכן אַלפאַבעט. זי האָט מיר געקויפט עטליכע ביכער און פון איינעם פון זיי — פון דער כרעסטאָמאַטיע „ראָדנאָיע סלאָוואָ“ — האָב איך באַגריפן די גאַנצע חכמה פון נייעם אַלף־בית, נאָר די מאַמע האָט מיר תיכף אויפגעגעבן אויסצולערנען שירים אויף אויסג־ווענדיג און דערפון האָט זיך אָנגעהויבן אונזער ביידנס צער.

איין שיר איז געשטאַנען:

Большая дорога, прямая дорога,
Простора не мало берешь ты у Бога.
Тебя не ровняли топор и лопата,
Мягка ты копыту и пылью богата.

און איך פלעג זאָגן «Простора» אָנשטאָט «Простаго» אָנשטאָט «ровняли» פלעג איך זאָגן «рубли».

— נו באַטראַכט אַליין — פלעגט טענהן די מאַמע, — וואָס האָט דאָס פאַר אַ זין „פראָסטאַהאָ“. שד איינער! מען דאַרף זאָגן „פראָ־סטאָ־ראַ“ פאַרשטייסט?

איך פלעג פאַרשטיין און פונדעסטוועגן זאָגן „פראָסטאַהאָ“ און וואונדערן זיך אויף זיך אַליין.

די מאַמע פלעגט זאָגן מיט כעס, אַז איך האָב אַ טעמפּ־קאָפּ און בין אַן עקשן. מיר פלעגט דאָס ביטערליך פאַרדריסן איך פלעג זיך געוויסנהאַפטיג פלייסן אײַנחזרן ווי געהעריג דעם פאַרשאָלטענעם שיר. אין זיך פלעג איך אים זאָגן אָן פעלערן נאָר אַז ס׳פלעגט קומען צו זאָגן אין דער הייך, פלעג איך זיך שטענדיג פאַרפלאָנטערן. איך האָב פיינט באַקומען אָט די קור־צינקע שורהלאַך, וואָס לאָזן זיך ניט אָננעמען, און האָב אָנגע הויבן איבערדרייען זיי מיט אַ בכיוון, אויף צו־להכעיס פאַרבייטן די אמתע ווערטער מיט אַנדערע אויסגעטראַכטע, וואָס האָבן ענליכע קלאַנגען. און איך פלעג הנאה האָבן, ווען די פאַרכשופטע פערזן פלעגן פאַרלירן יעטווידן זינען.

פאַר דעם דאָזיגן שפּיל האָב איך געהאַט אַ מיאוסן פּסקן איינמאָל, נאָך אַ געלונגענער לעקציע, אַז די מאַמע האָט מיר גע־פרעגט, צי האָב איך שוין ענדליך אויסגעלערנט דעם שיר, האָב איך גאָר ניט ווילנדיג אָנגעהויבן מורמלען:

Дорога, двурога, творогт недорога
Копыта, по-пыто, корыто...

געכאַפּט האָב איך זיך צו שפּעט. די מאַמע האָט זיך אויפ־געהויבן, אָנשפּאַרנדיג זיך מיט די הענט אָן טיש און אַרויסריידנ־דיג דייטליך יעדן וואָרט באַזונדער אַ פרעג געטאָן:

— — וואָס־איז־דאָס־אַזונס?

— איך ווייס ניט! — האָב איך געענטפערט, אָפּחלשנדיג.

— אָבער דאָך, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט דאָס גאָרנישט.

— ס'איז קאָמיש.
— גיי אין ווינקל!
— צו וואָס?
זי האָט שטיל, נאָר ענערגיש איבערגעחזרט:
— אין ווינקל אַריין!
— אין וואָסער ווינקל?
זי האָט ניט געענטפערט און אַזוי געקוקט מיר אין פּנים אַריין, אַז איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, ניט באַגרייפנדיג, וואָס זי וויל פון מיר. אין ווינקל אונטער די הייליגע בילדער אין געשטאַנען אַ קיילכעכדיגער טישל, אויף אים אַ וואַזע מיט טרוקענע שמעקנדיגע גראָזן און בלומען, אין צווייטן פאָדערשטן ווינקל איז געשטאַנען אַ קאַסטן, באַדעקט מיט טעפּיך, דער הינטערשטער ווינקל איז געווען פאַרנומען מיט אַ בעט און קיין פערטער ווינקל איז בכלל ניט געווען, דער קאָסיאַק פון טיר איז געווען באַן סאַמע אַנט.
— איך ווייס ניט, וואָס דו ווילסט פון מיר, — האָב איך צו איר געזאָגט, אָנווערנדיג די האָפענונג צו פאַרשטיין, וואָס זי מיינט.
זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, געשוויגן אַ ווײַלע, רײַבנדיג דעם שטערן און די באַק, און דערנאָך געפרעגט:
דער זיידע האָט דיך געשטעלט אין ווינקל?
— ווען?
— בכלל, ווען עס איז, — האָט זי אויסגעשריען און צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן טיש.
— ניין. איך געדיינק ניט.
— דו ווייסט, אַז שטיין אין ווינקל איז אַ שטראָף?
ניין. פאַרוואָס — אַ שטראָף?
זי האָט אָפּגעזיפצט.
איך בין צוגעגאַנגען און האָב זי געפרעגט:
— פאַרוואָס שרייסטו אויף מיר?
— טאָ פאַרוואָס פאַרדרייסטו דעם שיר מיט אַ כּיוון?

איך האָב איר דערקלערט, ווי איך בין אין שטאַנד געווען, אַז אָט, אַז איך פאַרמאַך די אויגן, געדיינק איך דעם שיר, אַזוי ווי ער איז אָפּגעדרוקט, נאָר אַז איך הויב אָן צו לייענען אין דער הייך, קריכן-אונטער גאָר אַנדערע ווערטער.

— דו מאַכסט זיך ניט?

איך האָב געזאָגט, אַז ניין, נאָר תּיכּף אַ טראַכט געטאָן: „אפשר מאַך איך זיך דאָס טאַקע". און מיט אַמאָל אָפּגעזאָגט פּאַוואָליע דעם גאַנצן שיר אָן קיין שום פעלער. דאָס האָט מיך פאַרוואונדערט און איבערראַשט.

איך האָב דערפילט, ווי מיין געזיכט איז ווי אויפגעשוואָלן געוואָרן, די אויערן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און זיינען גע־וואָרן שווער, אין קאָפּ האָט איבעלדיק געברויזט און איך בין גע־שטאַנען פאַר דער מאַמען און געפּלאָמט פון בזיון און דורך טרערן אין די אויגן געזעהן, ווי פאַרטרויערט-טונקל עס איז געוואָרן דער מאַמעס געזיכט, די ליפּן צונויפגעפּרעסט, די ברעמען צונויפגערוקט.

— טאָ ווי איז דאָס — האָט זי געפרעגט ווי מיט אַ פרעמדן קול. — הייסט דאָס, אַז דו האָסט זיך געמאַכט?

— איך ווייס ניט. איך האָב ניט געוועלט.

— עס איז זעער שווער מיט דיר — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, — גיי!..

זי האָט אָנגעהויבן פאַרלאַנגען, איך זאָל אויסלערנען אויף אויסוויינדיג אַלץ מער און מער פּערזן, און מיין זכּרון פלעגט אַלץ ערגער און ערגער תּופס זיין אָט די קורצינקע שורהלאַך און עס איז אַלץ געוואַקסן און געוואָרן נאָך בייזער דער ווילן צו ענדערן און פאַרדרייען די פּערזן און אַריינשטעלן אין זיי אַנדערע ווער־טער; דאָס פלעגט מיר אָנקומען גאַנץ גרינג — די ווערטער פלעגן אָנפליהען מחנות ווייז און פלעגן פלינק פאַרפּלאָנטערן דעם גע־דרוקטן טעקסט פון שיר. אָפט פלעגט טרעפן, אַז אַ גאַנצע שורה פלעגט ווערן פאַרשטעלט פון מיר און ווי ערליך איך פלעג זיך ניט פלייסן, זי אייַנצוחזרן, פלעגט דאָס אויג פון מיין זכּרון זי בשום אופן ניט אַריינעמען. אַ סך צער האָט מיר פאַרשאַפט דאָס טרויעריג ליד פון פירסט וויאַזעמסקי, דוכט זיך:

И вечерный, и ранней порою
Много старцевъ и вдовъ, н сиротъ
. . . .
Христа-радн *на* помощь зоветъ.

אין די דריטע שורה:

Подъ окошками ходятъ съ сумою

פלעג איך מאָל־אין־מאָל דורכלאָזן. די מאַמע פלעגט מיט כּעס דערציילן דעם זיידן פון מײַנע קונצן.

— ער מאַכט זיך דאָס — פלעגט זאָגן דער זיידע. — אַ זכרון האָט ער! די תּפלות קען ער בעסער פאַר מיר. ס'איז אַ ליגן, דער זכרון איז בּאַ אים אַן אײַזערנער, ווערט עפּיס אויס געהאַקט אין אים, בלײַבט דאָס שוין. דו שמײַס אים אָפּ.

און די באָבע איז אויך געווען קעגן מיר:

— מעשׂיות געדיינקט ער, געזאַנג־לידער — אויך, און די פערזן זײַנען אַ פּנים ניט די זעלביגע לידער?

דאָס איז אַלץ געווען אמת. איך האָב זיך געפילט שולדיג, נאָר ווי נור איך פלעג אָנהויבן לערנען אַ שיר אויף אויסווייניג, פלעגן פון זיך אַליין ווער ווייס פון וואַנען אַרויסקריכן, ווי טאַראַקאַנעס, גאָר אַנדערע ווערטער און זיך אויך אויסשטעלן אין קורצע שורות.

— דו ביסט צעלאָזן און פאַרשאַפסט צער דער מאַמען. עס טויג אַזוי ניט. איר איז אָן דיר אויך ניט זייער גוט, — פלעגט מיך די באָבע מוסרן ליבליך און פאַרטראַכט.

— פאַר וואָס איז איר ניט גוט?

— שווייג, דו קאָנסט דאָס ניט פאַרשטיין.

— איך ווייס, דאָס האָט זי דער זיידע...

— שווייג, זאָג איך דיר.

מיר איז געווען שלעכט, דאָס האַרץ כּסדר פאַרקלעמט, נאָר איך ווייס ניט פאַר וואָס, עס פלעגט זיך דאָס וועלן באַהאַלטן; איך פלעג זיך מאַכן, אַז מיר איז זייער פרייליך און פלעג קערן די וועלט. די לעקציעס, וואָס די מאַמע פלעגט מיר געבן, ווערן אַלץ גרעסער און נאָך מער ניט־פאַרשטענדליך, איך בין לײַכט

גובר אַריפמעטיק, נאָר איך האָב זעער פײנט צו שרײבן און פאַרשטײ אַ וואָרט ניט אין גראַמאַטיק. נאָר דאָס שווערסטע, וואָס דריקט מיך, איז דאָס, וואָס איך זעה און פיל, ווי שווער עס איז דער מאַמען צו זײן אין זײדנס שטוב. זי כמורעט זיך איצט אַלץ מער און מער, קוקט אויף אַלעמען מיט פרעמדע אויגן, קאָן שעהן־לאַנג אָפּזיצן שווײגענדיג בײַן פענסטער, וואָס צום סאָד. זי איז אין גאַנצן ווי אָפּגעקראָכן געוואָרן. די ערשטע טעג נאָך איר קו־מען איז זי געוועזן פלינק, פריש; איצט איז באַ איר אונטער די אויגן בלוי, גאַנצע טעג גײט זי אום ניט קײן פאַרקעמטע, אין אַ צוקנײטשטען קלײד, מיט ניט קײן פאַרשפּילעטן יאַקל, — דאָס מאַכט זי מיאוס און פאַרשאַפט מיר פאַרדרוס: זי דאַרף שטענדיג זײן שײן, שטרײנג, רײן געקלײדעט — זי דאַרף זײן שענער פון אַלעמען.

בעת די לעקציעס קוקט זי מיט פאַרטיפטע אויגן, איבער מיר, אויפן וואַנט, און פענסטער, פרעגט מיך מיט אַ מידער שטים פאַרגעסט, וואָס איך ענטפער איר און בײזערט זיך אַלץ עפטער אויף מיר און שרײט — און דאָס איז אויך זעער פאַרדראָסיג. אַ מאַמע דאַרף זײן תּמיד גערעכט, מער ווי אַלע אַנדערע, אַזוי ווי אין די מעשיות קומט פאָר.

אַמאָל פלעג איך זי פרעגן.

— דיר איז שלעכט מיט אונז;

נאָר זי פלעגט זיך בײז אָפּרופן:

— טו דײן אַרבעט.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז דער זײדע גרײט עפּיס צו אַזוינס, וואָס שרעקט די באָבן און די מאַמען. ער פלעגט זיך אָפּט פאַרשפּאַרט מיט איר אין צימער און קרעכצן דאָרטן און ווײזשזען, ווי דעם הינקעדיגן פּאַסטוך ניקאַנאָרס הילצערנעס פײפל, וואָס איך האָב זעער פײנד געהאַט. אײנמאָל, בעת אַזאַ שמועס, האָט די מאַמע אַ געשרײ געטאָן אַזוי, אַז עס האָט זיך געהערט אין גאַנצן הויז;

— נײן, דאָס וועט ניט זײן!

די טיר האָט זיך פאַרהאַקט, און דער זיידע האָט אָנגע־הויבן צו וואָיען.

געווען איז דאָס אָוונט צייט. די באָבע איז געזעסן ביין טיש אין קיך. געגייט פאַרן זיידן אַן אויבערהעמד און גערעדט עפּיס צו זיך אַליין. אַז די טיר האָט אַ האַק געטאָן, האָט זי גע־זאָגט, זיך צוהערנדיג:

— צו די שכנים איז זי אַוועק, אַך, גאָט!..

פּלוצלונג איז אַראָפּגעשפּרונגען אין קיך דער זיידע, צוגע־לאָפן צו דער באָבן, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ.

— באָלבע ניט, וואָס מען דאַרף ניט, מכשפה!

— ביסט אַן אַלטער נאַר, — האָט רוהיג געזאָגט די באָבע און פאַרריכט דעם הייבל אויפן קאָפּ. — איך וועל טאַקי שווייגן, ווי זשע דען? שטענדיג אין אַלץ, וואָס איך וועל זיך דערוויסן פון דיינע איינפאַלן, וועל איך איר דערציילן...

ער האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף איר און אָנגעהויבן האַס־טיג שלאָגן מיט די קולאַקעס איבער דער באָבעס גרויסער קאָפּ. זי האָט זיך ניט געווערט, ניט אָפּגעשטופּט אים און גערעדט:

— נו, שלאָג, שלאָג, נאַרעלע! נו, נאַ, שלאָג!

איך האָב אָנגעהויבן פון די פּאַלאַטיעס צו וואַרפן אויף זיי קישנס, ליילעכער, שטיוול, נאָר דער זיידע איז געווען אַזוי צע־קאָכט, אַז ער האָט דאָס ניט באַמערקט; די באָבע איז אַראָפּגע־פאַלן אויף דער ערד, ער האָט איר געשלאָגן מיט די פיס איבערן קאָפּ, איז לסוף געשטרויכלט געוואָרן און געפאַלן און אויסגעקערט אַן עמער מיט וואַסער. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעהויבן שפּייען און פירסקען, האָט זיך ווילד אַרומגעקוקט און איז אַנט־לאָפן צו זיך אויפן בוידים. די באָבע האָט זיך אויפגעהויבן קרעכצנ־דיג, זיך געזעצט אויפן באַנק און אָנגעהויבן אויספלאָנטערן די האָר. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון די פּאָלאַטיעס און זי האָט צו מיר געזאָגט מיט כעס:

— קלייב אויף די קישנס און די איבעריגע זאכן און לייג אַוועק אויף אַן אָרט. האָט געפונען אַ מלאכה — זיך וואַרפן מיט

קישנס. וואָס האָט דאָס צו דיר? און יענער, דער אַלטער טייוול, איז אויך משוגע געוואָרן...

מיט אַ מאָל האָט זי אַ קרעכץ געטאָן, האָט זיך פאַרקרימט, און צוגערופן מיך, איינבויגנדיג דעם קאָפּ:

— זעה, גיב אַ קוק, וואָס טוט דאָ מיר אַזוי וויי?

איך האָב פונאַנדערגענומען אירע שווערע האָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טיף אונטערן הויט האָט זיך בא איר פאַררוקט אַ שפּילקע. איך האָב זי אַרויסגעשלעפּט, האָב נאָך איינע געפונען, זיינען ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן די פינגער.

— איך וועל בעסער רופן די מאַמען. איך האָב מורא! זי האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט.

— וואָס אַזוינס? איך וועל דיר ווייזן, ווי צו רופן! אַ דאַנק גאָט, וואָס זי האָט ניט געהערט און ניט געזעהען, און דו ווילסט זי רופן. גיי אַוועק!

און זי האָט אָנגעהויבן אַליין מיט אירע בויגיגע פינגער פון אַ האַפּטערין גראָבן זיך אין דער געדיכטער שוואַרצער גריווע. אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך איר געהאָלפן אַרויסציען פון אונטערן הויט נאָך צוויי גראָבע צעבויגענע שפּילקעס.

— עס טוט דיר וויי?

— נישקשה, איך וועל מאָרגן הייצן די באָד, וועל איך זיך אויסוואַשן און עס וועט איבערגיין.

און האָט מיך אָנגעהויבן בעטן ליבליך:

— דו, האַרצעניו, דערצייל־זשע ניט דער מאַמען, אַז ער האָט מיך געשלאָגן. זיי זיינען אַזוי אויך איינע אויף די אַנדערע אין כעס. וועסט דערציילן?

— ניין.

— נו, טאָ געדענק זשע! לאָמיר דאָ אויפראַמען! דער פּנים איז ביי מיר ניט צעביילט? נו, איז גוט! איז דאָס אַ היימישע זאַך און קיינער וועט ניט וויסן.

זי האָט אָנגעהויבן אויסווישן די דילן און איך האָב צו איר געזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן:

— דו ביסט, ווי אַ הייליגע: מען פייניגט דיך און מען פייניגט און דיר אַרט דאָס ניט.

— וואָס באַלבעסטו נאַרישקייטן! געפונען אַ הייליגע...

זי האָט נאָך לאַנג געבורטשעט, אומקריכנדיג אויף אַלע פיר, און איך בין געזעסן אויפן אויבערשטן טרעפּ פון אויוון און געטראַכט, ווי אַזוי צו נעמען פאַר איר נקמה—פון זיידען.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער פאַר מיר אין די אויגן אַזוי מיאוס און אַזוי שרעקליך געשלאָגן די באָבען. אין דער טונקעלקייט האָט נאָך איצט אויך פאַר מייגע אויגן געפלאַמט זיין רויטער פּנים, זיינען געפלויגן זיינע געלע האָר; אַ כּעס האָט געברענט ביי מיר אין האַרצען, און עס איז געווען פאַרדראָסיג, וואָס איך קאָן ניט געפינען פאַר אים די אמתע נקמה.

נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז איך בין אַרויף נאָך עפּעס צו אים אויפן בוידים, האָב איך דערזעהן, אַז ער זיצט אויף דער ערד פאַר אַן אָפענעם קעסטל און קלייבט איבער פּאַפּירן און אויפן שטול לעבן אים ליגט זיין באַליבטער לוח. דער דאָזיגער לוח איז באַשטאַנען פון צוועלף בויגנס דיקע גרויע פּאַפּיר, יעדער בויגן איינגעטיילט אין קעסטעלעך. לויט דער צאָל טעג פון חודש, און אין יעדען קעסטעלע זיינען געווען אויסגעמאָלט די הייליגע פון דעם טאָג. דער זיידע האָט זעער טייער געהאַלטן דעם לוח און מיר פלעגט ער דערלויבן אַריינצוקוקן אין אים נאָר אין יענע זעלטענע פאַלן, ווען ער פלעגט זיין צוליב וואָס=עס=איז זעער צופרידן מיט מיר. איך פלעג קוקן מיט אַ מאָדנעם געפיל אויף די דאָזיגע ענג=צונויפגעשטעלטע קליינינקע און ליבינקע מענטשעלעך. איך האָב געוואוסט די לעבנס=באשרייבונגען פון איייניגע פון זיי—פון קיריק'ען, אוליטע'ן, פון וואַרוואַראַ דער געפייניגטער, פון פּאַנטעליימאָנ'ען און פון נאָך פילע; דערהויפּט איז מיר געפעלן געווען די לעבנס=באַשרייבונג פון אַלעקסייען גאָטס=מענטשן, און די פּראַכטיגע לידער וועגן אים, וואָס די באָבע פלעגט אָפּט לייענען פאַר מיר, מיין האַרץ רירנדיג. איך פלעג קוקן אויף אָט די הונדערטער מענטשן און זיך שטיל טרייסטן דערמיט, וואָס אין אַלע

צייטן פון תמיד־אָן זיינען געווען אַזוינע, וואָס מען פלעגט זיי פייניגן.
נאָר איצט האָב איך באַשלאָסן צערייסן דעם לוח און אַז דער זיידע איז אָפּגעגאַנגען צום פענסטער, לייענענדיג עפּעס אַ בויגען פּאַפּיר מיט אָדלערס, האָב איך אַ כאַפּ־געטאָן עטליכע בויגענס, בין האַסטיג געלאָפן אַראָפּ, האָב גיך געפונען אין באָבעס טיש אַ שער, בין אַרויפגעקראָכן אויף די פּאַלאַטיעס און גענומען אַראָפּשערן די קעפּ ביי די הייליגע. אַ גאַנצן ראָנד הייליגע האָב איך געקעפּט—און חרטה געהאַט; דאַן האָב איך גענומען שערן אין דער לייַנג פון די ליניעס, וואָס גרעניצן אַרום די קעסטעלעך, נאָר איידער איך האָב באַוויזן צו צעבראָקן דעם צווייטן ראָנד, איז אָנגעקומען דער זיידע, געשטעלט זיך אויפן טרעפּ פון אויוון און געפרעגט:
— ווער האָט דיר געלאָזן נעמען דעם לוח?
דערזעהענדיג די צעשאָטענע פּאַפּירעלעך, האָט ער זיי אָנגעהויבן כאַפּן און טראָגן צו די אויגן, אַוועקוואַרפן און ווידער כאַפּן, זיין מויל האָט זיך געקרימט, דאָס בערדל געשפּרונגען און ער האָט אַזוי שטאַרק געאָטעמט, אַז די פּאַפּירלעך פלעגן אַראָפּפליען אויף דער ערד.
— וואָס האָסטו דאָס געטאָן?—האָט ער ענדליך אַ געשריי געטאָן און האָט מיר אַ ריס געטאָן פאַרן פוס צו זיך. איך האָב זיך איבערגעדרייט אין דער לופטן, נאָר די באָבע האָט מיך אויפגעכאַפּט מיט די הענט און דער זיידע האָט גענומען שלאָגן זי און מיך און געקוויטשעט:
— כ׳וועל ממית׳ן!
עס איז אָנגעקומען די מאַמע, און—איך, איך בין שוין אין ווינקל ביין אויוון, די מאַמע פאַרשטעלט מיך, כאַפּט און שטויסט אָפּ דעם זיידנס הענט, וואָס פאָכן אַרום איר געזיכט, און רעדט:
— ס׳איז דאָך בזיונות! באַטראַכט זיך!...
דער זיידע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן באַנק, וואָס ביין פענסטער, און געקלאָגט:
— געהרג׳עט! אַלע, אַלע זיינען קעגן מיר, א—א!..

— ווי שעמט איר זיך דאָס ניט? — האָט פאַרשטיקט גע־קלאָגט דער מאַמעס קול — וואָס פאַרשטעלט איר זיך כסדר?

דער זיידע האָט געשריען, זיין בערדל האָט קאָמיש גע־שטעקט צום באַלקן אַרויף און די אויגן זיינען געווען פעסט פאַר־מאַכט. מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער שעמט זיך פאַר דער מאַמען, אַז ער פאַרשטעלט זיך טאַקע און דעריבער קאָן ער די אויגן ניט ווייזן.

— איך וועל דאָס אייך אַרויפקלעפּן אויפן קאַלענדאַר, וועט זיך נאָך בעסער האַלטן ווי פריהער — האָט געזאָגט די מאַמע, באַטראַכטנדיג די צעשניטענע שטיקלעך. — אָט זעהט איהר, ס׳איז צעקנייטשט, צעקראָכן און עס האַלט זיך ביין צעשיטן.

זי האָט גערעדט מיט אים ווי מיט מיר, אַז איך פלעג בעת דער לעקציע ניט קענען עפּעס באַגרייפן. פּלוצלינג איז דער זיידע אויפגעשטאַנען, בעל-הבתיש פאַררוכט אויף זיך די אויבער־העמד און דעם זשילעט, האָט זיך אָפּגעהוסט און געזאָגט:

— קלעפּ דאָס נאָך היינט ארויף! איך וועל דיר די איבע־ריגע בלעטער אויך ברענגען.

און אַ ז אוועק צום טיר, נאָר ביין שוועל האָט ער זיך אָפּ־געקערט און אַ טייטל געטאָן אויף מיר מיטן קרומען פינגער:

— און אים דארף מען אָפּשמייסן!

— עס קומט—האָט מסכים געווען די מאמע און זיך צוגע־בויגן צו מיר. — פאר וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— בכיוון! זאָל ער ניט שלאָגן די באָבען, אז ניט, וועל איך אים נאָך דעם באָרד אָפּשערן.

די באָבע האָט אין דער צייט געהאלטן אין אויסטאָן דעם יאַק, וואָס דער זיידע האָט צעריסן, האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ פאַר־וואורף, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ:

— טאקי אויסגעהאלטן דעם סוד!

און אַ שפּיי געטאָן אויפן דיל.

— זאָל דיר די צונג אָפּנעמען, ניט אַ ריר טאָן און ניט אַ קער טאָן זאָלסטו אים קאָנען.

די מאַמע האָט אַקוק געטאָן אויף איר, איז זיך דורכגעגאַנ־גען איבערן קיך און איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר.

— ווען האָט ער זי געשלאָגן?

— און דו, ווי שעמסטו זיך ניט דאָס אויסצופרעגן, וואָס האָט דאָס צו דיר! — האָט מיט כּעס געזאָגט די באָבע.

די מאַמע האָט זי אַרומגענומען.

— אַך, מאַמאַשע, ליבינקע מיינע!

— גיי אַוועק!

זיי האָבן אַ קוק געטאָן איינע אויף די אַנדערע, אַנטשוויגן געוואָרן און פונאַנדערגעגאַנגען זיך, דערהערנדיק דעם זיידנס טריט אין פאָרהויז.

פון די ערשטע טעג אָן נאָך איר קומען, האָט זיך די מאַ־מע באַפריינדעט מיט דעם אָפיצירס פריילִיכן ווייבל און פלעגט כּמעט אַלע אָוונט אַוועקגיין צו זיי, אין דער פאָדערשטער העלפט פון אונזער הויז, אין גאַסט. אַהין פלעגן אויך קומען יונגע לייט פון בעטלינג׳ס הויז—שיינע פריילנס, אָפיצירן. דעם זיידן איז דאָס ניט געפעלן געווען און ניט איינמאָל, זיצנדיק אין קיך ביים אָוונט־ברויט, פלעגט ער סטראַשען מיטן לעפל און בורטשען:

— זיי האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן, די פאַרשאָלטענע! איצט וועט מען שוין ביזן פרימאָרגן ניט קאָנען איינשלאָפן.

אינגיכן האָט ער זיי אַנטזאָגט די דירה און אַז זיי זיינען אַרויסגעפאָרן, האָט ער פון ערגיץ געבראַכט צוויי וועגן מעבל, אויסגעשטעלט אין די צימערן און פאַרשלאָסן אויף אַ גרויסן הענג־שלאָס.

— איך דאַרף ניט קיין שכנים, איך וועל אַליין אויפנע־מען געסט.

און עס האָבן געסט אָנגעהויבן גיין צו אונז אין יום־טוב־טעג. עס פלעגט קומען דער באָבעס שוועסטער, מאַטריאָנאַ איוואַ־נאָוונאַ, אַ וועשערין, מיט אַ גרויסן נאָז, מיט אַ הויכן קול, אין אַ זיידענעם געשטרייפטן קלייד און אַ גאָלדפאַרביגן הייבל. מיט איר פלעגן קומען אירע זין: וואַסילי, מיט לאַנגע האָר, אַ גוטמוטיגער און אַ פריילִיכער, אין גרויע קליידער; וויקטאָר אַ פאַרשיידנפאַר־

ביגער, מיט אַ פערדישן קאָפּ און מיט אַ שמאָלן געזיכט, באַשפּריצט מיט זומערשפּרינקלעך. שוין אין פאָרהויז, אַראָפּנעמענדיק די קאַלאָשן, פלעגט ער מיט אַ פּישטשענדיקן קול אונטערזאָגן:

— אַנדריי—פּאַפּ׳אַ, אַנדריי—פּאַפּ׳אַ.

און דאָס פלעגט מיך וואונדערן און שרעקן.

עס פלעגט קומען צו פאָרן דער פעטער יאַקאָוו מיט דער גיטאַרע און ברענגען מיט זיך אַ שטילינקן זייגערמייסטער, אַ בלינדן אויף איין אויג מיט אַ קאַלן קאָפּ, אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורדוט, ענליך אויף אַ מאָנאַך. ער פלעגט זיך שטענדיק אַוועקזעצן אין ווינקל, איינבויגען דעם קאָפּ אָן אַ זייט, אונטערשפּאַרן אים מיטן פינגער און שמייכלען. געווען איז ער אינגאַנצן אַ טונקעלער, זיין איינציק אויג פלעגט קוקן אויף אַלעמען זעער אויפמערקזאַם; ריידן פלעגט ער ווייניג און אָפט איבערחזרן איינע און די זעלביגע ווערטער.

— באַמיט זיך ניט... ס׳איז אַלץ איינס.

אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט, ווי אַמאָל, נאָך דעמאָלט ווען מיר האָבן געוואוינט אויף דער נייער גאַס, האָבן פּויקן הילכיג און ליאַרעמדיג געקלאַפּט, און איבערן גאַס, פון אָסטראָג צום מאַרק, האָט זיך געשלעפּט אַ שוואַרצער אַ הויכער וואָגען, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן און אַן עולם מענטשן, און אויפן וואָגען, אויף אַ באַנק איז געזעסן ניט קיין הויכער מענטש אין אַ קיילעכדיגן געוואַנטענעם היטל, אין קייטן; אויפן ברוסט ביי אים איז געהאַנגען אַ שוואַרץ ברעטל מיט אַן אויפשריפט, געשריבן מיט גרויסע שוואַרצע אותיות; דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַראָפּגעהאַנגען, גלייך ווי ער וואָלט לייענען די אויפשריפט; ער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער געשאָקלט. קלינגענדיג מיט די קייטן. און אַז די מאַמע האָט געזאָגט צום זייגערמייסטער:

— אָט דאָס איז מיין זון,—האָב איך זיך דערשראָקן אָפּגערוקט פון אים און באַהאַלטן די הענט.

— באַמיט זיך ניט,—האָט ער אָפּגעענטפערט, פאַרקערנדיג משונה דעם גאַנצן מויל צום רעכטן אויער, האָט מיך אָנגעכאַפּט

פאַרן גאַרטל, צוגעצויגן צו זיך, פלינק און גרינג אַ דריי געטאָן אַרום און אַרום און מיך אָפּגעלאָזן מיט אַ שבח:

— נישקשה, אַ קרעפּטיג יינגל.

איך האָב זיך פאַרקליבן אין ווינקל, אין אַ לעדערנעם פאָ־טעל, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקאָנט ליגן אין אים — דער זיידע פלעגט זיך שטענדיג באַרימען, אַז דער פאָטעל האָט געהערט דעם פּירשט גרוזינסקי — און געקוקט ווי לאַנגווייליג עס מאַכן זיך פרייליך די דערוואַקסענע, ווי מאָדנע עס ענדערט זיך דער פנים ביים זייגערמייסטער. זיין פנים איז געווען פעט און פליסיג. פלעגט זיך שמעלצן און אומשווימען. אַז ער פלעגט שמייכ־לען, פלעגן זיינע גראָבע ליפּן אַרויפפאָרן אויף דער רעכטער באַק און זיין קליינער נעזל פלעגט אויך אומפאָרן, ווי אַ קרעפּל אויף אַ טעלער. משונה׳דיג פלעגן זיך באַוועגן זיינע גרויסע, אָפּגעשטאַ־נענע אויערן; זיי פלעגן זיך הייבן צוזאַמען מיטן ברעם פון זעהעדיגן אויג אָדער זיך אַזוי אָנרוקן אויפן באַק־ביין, אַז עס פלעגט זיך דוכטן, ער קאָן פאַרדעקן מיט זיי דעם נאָז ווי מיט דלאַניעס. אַמאָל פלעגט ער אָפּזיפצן און אַרויסשטעלן דערביי אַ טונקעלן צונג, אַ קיילעכדיגן, ווי אַ קלאָטשיק פון אַ שטויסל, און פלינק אויסדרייען מיט אים אַן עיגול, באַלעקנדיג די גראָבע פעטע ליפּן. דאָס אַלץ איז גאָר ניט לעכערליך געווען און עס האָט באַר געוואונדערט און גענויט צו קוקן אויף אים אָן אויפהער.

מען פלעגט טרינקען טיי מיט ראָם, — ער האָט געשמעקט מיט געבּרענטע שאָלעכטס פון ציבעלע, — דער באָבעס ציגאַרן, געלע, ווי גאָלד, טונקעלע, ווי דזיעגאַכץ, און גרינע; געגעסן איינגעמאַכטס, האָניג־קיכעלעך מיט מאָן אויף פּוטער און אייער, — געשוויצט און געלויבט די באָבען. און אַז מען פלעגט זאַט ווערן, פלעגט מען זיך אַרטיג אויסזעצן, רויטע און אויפגעשוואָלענע, אויף די שטולן און פויל איינריידן דעם פעטער יאַקאָוו, ער זאָל שפּילן.

ער פלעגט זיך איבערבויגן איבער דער גיטאַרע, אָנהייבן רימפּלען און פלעגט דערביי אונטערזינגען אומאַנגענעם און דערעסנדיג:

— Эх, пожили, как умѣли
На весь город нашумѣли, —
Ба-арынѣ из Казани
Все подробно разсказали...

מיר האָט זיך געדוכט. אַז דאָס איז זעער אַ טרויעריג. נאָר די באָבע פלעגט בעטן:

— שפיל עפּיס, יאַשאַ, אַן אַנדער זאַך, אַן אמתע זאַך, האַ? געדענקסט, שוועסטער, ס׳אַראַ לידער מען פלעגט אַמאָל זינגען?

די וועשערין פלעגט פאַרריכטן איר רוישנדיגן קלייד און פלעגט אָפּענטפערן סאָליד:

— היינט, מיין טייערע, איז אַן אַנדער מאָדע.

דער פעטער פלעגט קוקן אויף דער באָבען מיט פאַרזשמורעטע אויגן, גלייך ווי זי וואָלט זיצן זעער ווייט פון אים, און פלעגט ניט אויפהערן צו זיפּען זיינע פאַראומערטע קלאַנגען און קלעפּיגע ווערטער.

דער זיידע פלעגט סודות׳דיג שמועסן מיטן זייגערמייסטער און ווייזן אים עפּעס אויף די פינגער: יענער פלעגט אויפהייבן די ברעם, קוקן אין דער זייט, וואו די מאַמע זיצט, שאָקלען מיטן קאָפּ און זיין שיטערער פּנים פלעגט זיך דערביי אומבאַמערקליך אומגיסן.

די מאַמע פלעגט שטענדיג זיצן צווישן אירע שוועסטערקינדער און פלעגט שטיל און ערנסט שמועסן מיט וואַסיליען. ער פלעגט זיפּצן און זאָגן:

— יאָ, מען דאַרף וועגן דעם אַ טראַכט טאָן.

און וויקטאָר פלעגט זאַט צושמייכלען, שאַרן מיטן פוס אין אומגעריכט פישטשענדיג אויסזינגען:

— אַנדריי-פּאַפּ׳אַ, אַנדריי-פּאַפּ׳אַ!...

אַלע פלעגן פאַרוואונדערט אַנטשוויגן ווערן און קוקן אויף אים, נאָר די וועשערין פלעגט מיט גדלות דערקלערן:

— דאָס האָט ער פון קיאַטער געבראַכט, דאָרטן זינגט מען דאָס.

אַזוינע אָוונטן זיינען געווען צוויי אָדער דריי, און איך גע-

דענק זיי גוט צוליב זייער שטיקנדיגער לאַנגווייליגקייט. דערנאָך איז דער זייגערמייסטער אַראָפּגעקומען בייטאָג, זונטאָג, גלייך נאָך דער אינדערפריעדיגער תּפילה. איך בין געזעסן ביי דער מאַמען אין צימער און געהאָלפן איר אַראָפּנעמען גלאָז-פּערל פון עפּעס אַ צעריסענער אויסגעשטיקטער אַרבעט, מיט אַ מאָל האָט זיך די טיר האַסטיג אויפגעעפנט, די באָבע האָט באַוויזן איר צעשראָקע-נעם געזיכט און תּיכּף, פאַרשווינדנדיג, הויך אויסגעשעפּטשעט:

— וואַריאַ, ער איז געקומען!

די מאַמע האָט זיך ניט גערירט, האָט קיין ציטער ניט געטאָן, נאָר תּיכּף האָט זיך די טיר ווידער געעפנט, אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן דער זיידע און געזאָגט יום-טוב׳דיג:

— טו זיך אָן, וואַרוואַרע, קום!

זי איז ניט אויפגעשטאַנען, האָט אויף אים קיין קוק ניט געטאָן און געפרעגט:

— וואוהין?

— קום, זאָל זיין מיט גליק! פאָלג! אַ מענטש איז ער אַ געזונטער, אין זיין מלאכה איז ער אַ בריה און פאַר לעקסייען וועט ער זיין אַ גוטער טאַטע...

דער זיידע האָט גערעדט אומגעוויינטליך ערנסט און געגלעט כּסדר די זייטן מיט די דלאָניעס; די איילנבויגנס האָבן ביי אים גע-ציטערט און פלעגן זיך אַלץ פאַרבויגן אויף הינטער צום רוקן, גלייך ווי די הענט זיינע וואָלטן זיך וועלן אויסציען פאָראויס און ער וואָלט זיי ניט לאָזן.

די מאַמע האָט רואיג איבערגעריסן:

— איך זאָג אייך, אַז עס קען בשום אופן ניט זיין.

דער זיידע האָט אַ טראָט געטאָן נעהענטער צו איר, אויס-געשטעלט די הענט, ווי אַ בלינדער, און איינגעבויגן מיט אויפגע-שטעלטע האָר, הייזעריג אויסגעשריען:

— קום! אַז ניט—וועל איך דיך מיט געוואַלד פירן! פאַר די צעפּ...

— מיט געוואַלד פירן? — האָט געפרעגט די מאַמע און איז אויפגעשטאַנען. איר געזיכט איז געוואָרן בלייך, די אויגן—מאָדנע

שמאָל, און זי האָט אָנגעהויבן האַסטיק אַראָפּצורייסן פון זיך דעם יאַקל, דאָס קלייד, איז געבליבן אין איין העמד און איז צוגעגאַנ־גען צום זיידן—איצט פירט מיך!..

ער האָט פאַרשטשירעט די ציין און געסטראַשעט איר מיט די פויסטן:

— וואַרוואַראַ, טו זיך אָן!

די מאַמע האָט אים אָפּגעשטופּט מיטן האַנט און זיך געני־מען פאַרן קליאַמקע.

— נו, קומט!

— איך וועל דיך פאַרשעלטן, — האָט שעפּטשענדיק געזאָגט דער זיידע.

— איך האָב קיין מורא ניט! נו?

זי האָט אויפגעעפנט די טיר, נאָר דער זיידע האָט זי אָנ־געכאַפּט פאַרן עק פון העמד, איז געפאַלן אויף די קני און געשעפּטשעט:

— וואַרוואַראַ, מחבל, וועסט אומקומען! טו מיר ניט אָן קיין חרפה...

און שטיל, קלאָגנדיק זיך, אָנגעהויבן קרעכצן:

— מאַ—מע, מאַ—מע!...

די באָבע האָט שוין פאַרשטעלט דער מאַמען דעם וועג, גע־מאַכט אויף איר מיט די הענט, ווי אויף אַ הון, זי געטריבן פון טיר און געבורטשעט צווישן די ציינער:

— וואַרקאַ, בהמה, וואָס איז דאָס אַזוינס! אַוועק דו אומ־פאַרשעמטע.

אַריינגעשטופּט זי אין צימער, פאַררוקט די טיר און זיך איינגעבויגן צום זיידן, מיט איין האַנט הייבנדיק אים פון דער ערד און מיט דער צווייטער סטראַשענדיק:

— אי—אי, אַלטער טייוול, אָן שכל אין קאָפּ!

האָט אים אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן און ער האָט זיך אָפּגעלאָזן און געפאַלן ווי אַ ליאַלקע פון שמאַטעס, געעפנט דעם מויל און אָנגעהויבן טרייסלען מיטן קאָפּ. די באָבע האָט אַ גע־שריי געטאָן צו דער מאַמען:

— טו זיך אָן, דו!..

אויפגעהויבן דאָס קלייד פון דער ערד, האָט די מאַמע געזאָגט:

— איך וועל צו אים ניט גיין! איר הערט צי ניט?

די באָבע האָט מיך אַראָפּגעשלעפּט פון דיוואַן:

— ברענג אַ קענדל וואַסער! גיכער!

גערעדט האָט זי שטיל, כּמעט שעפּטשענדיק, רוהיג און באַפעלעריש. איך בין אַרויסגעלאָפן אין פירהויז און דערהערט, ווי אין דער פאָדערשטער העלפט הויז איז עמיץ גלייכמאָסיג אומגעגאַנגען מיט שווערע טריט, און אין קיך האָט אויסגעשאַלט דער מאַמעס שטים:

— מאָרגן פאָר איך אַוועק!

איך בין אַריין אין קיך און געזעצט זיך ביים פענסטער, ווי אין אַ חלום.

עס האָט געקרעכצעט דער זיידע און געכליפּעט, די באָבע האָט געבורטשעט, דערנאָך האָט די טיר אַ קלאַפּ געטאָן, און עס איז געוואָרן שטיל און ניט־היימליך. איך האָב זיך דערמאָנט, נאָך וואָס מען האָט מיך געשיקט, האָב איך אָנגעשעפּט וואַסער מיטן קופּערנעם קענדל און בין אַרויס אין פירהויז; אין דער זעלבער צייט איז פון דער פאָדערשטער העלפט אַרויס דער זייגערמייסטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גלעטנדיק מיטן האַנט זיין פוטערנעם היטל און אָפּהוסטנדיק זיך. די באָבע, צוגעדריקט די הענט צום בויך, האָט זיך געבוקט צו זיין פלייצע און גערעדט שטיל.

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין, מיט גוואַלד קאָן מען ניט...

ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן שוועל און איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן הויף; די באָבע האָט זיך איבערגעצלמט, האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און האָט זיך שווייגנדיק, איך ווייס ניט, צעוויינט אָדער צעלאַכט.

— וואָס איז דיר? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, צולויפנדיק.

זי האָט ביי מיר אַרויסגעריסן דאָס קענדל, האָט מיר אָפּגעגאָסן די פיס, און אַ געשריי געטאָן:

— וואוהין ביסטו דאָס געגאַנגען נאָך וואַסער? פאַררוקטיר די

און איז אַוועק צו דער מאַמען אין צימער, און איך בין ווידער אַריין אין קיך און זיך איינגעהערט, ווי זיי אָכצען, קרעכ־צען און בורטשען, גלייך ווי זיי וואָלטן פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן איבערגערוקן גוואַלדיגע משאות.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיגער. דורך די פאַרפרוירענע שויבן פון די פענסטער פאַלן קרומע שטראַלן פון דער זון: אויפן טיש, געגרייט צו מיטאָג, בלישטשען מאַט די צינענע געפעס, אַ קאַראַפקע מיט ברוינעם קוואַס און נאָך איינע מיט דעם זיידנס טונקל־גרינעם בראַנפן. דורך די אָפּגעגאַנגענע שויבן זעהט מען, ווי עס שימערט בלענדנדיג דער שניי אויף די דעכער, ווי עס פינקלען די זילבערנע הייבעלעך אויף די סלופּעס פון פּלאַנקען און אויפן הייזל פון שטאָר. אויף די אוס אָקעס פון די פענסטער, אין די שטייגעלעך, וואָס זיינען איצט דורכגענומען מיט די שטראַלן פון זון, שפּילן זיך מיינע פויגלעך; עס צווּיטשערן די פריילּיכע, צום האַנט צוגעוויינטע טשיזשן, עס סקריפּען די סניעגירעס, עס פאַרכלינעט זיך דער שטשיגאָל. נאָר דער מונטערער, זילבערנער און קלינגענדיגער טאָג פרייט ניט דאָס האַרץ, מען דאַרף אים ניט און מען דאַרף קיין זאַך ניט. מיר האָט זיך פאַרוועלט אַרויס־לאָזן אַלע פויגלעך און האָב שוין אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די שטייגלעך, נאָר עס איז אַריינגעלאָפן די באָבע. זי האָט זיך גע־קלאַפּט מיט די הענט אין די זייטן און אַ וואָרף געטאָן זיך צום אויוון שעלטנדיג:

— אַך, פאַרשאָלטענע, געשוואָלן זאָלט איר ווערן! אַך די אַלטע נאַר, אקולינאַ...

זי האָט אַרויסגענומען פון אויוון דעם פּיראָג, האָט אָנגע־קלאַפּט מיטן פינגער אין דער קאָרקע און מיט כעס אויסגעשפּייט.

— פאַרברענט געוואָרן! אַך, טייוואָלים זאָלן אייך אויף שטיקער צערייסן... און דו, וואָס האָסטו אויסגעשטעלט די אויגן ווי אַ סיטש. איך וואָלט אייך איצט אַלעמען צעשמעטערט ווי טעפּלעך.

און האָט זיך צעוויינט און אָנגעבלאָזן זיך, דרייענדיג דעם פּיראָג פון אַלע זייטן און קלאַפּנדיג מיט די פינגער איבער זיין

האַרטער קאָרקע, און פון אויבן זיינען שווער געפאַלן אויף אים גרויסע טרערן.

אין קיך איז אריין דער זיידע מיט דער מאַמען. די באָבע האָט אַזוי אַ וואָרף געטאָן דעם פּיראָג אויפן טיש, אַז די געפּעס איז אונטערגעשפּרונגען.

— אָט זעהט, וואָס איז געוואָרן צוליב אייך, געשעדיגט זאָלט איר ווערן!

די מאַמע איז שוין געווען רוהיג און פריילעך, האָט זי אַרומגענומען און איינגערעדט, זיך ניט נעמען עס צום האַרצן. דער זיידע, צעקראָכן און מיד, האָט זיך געזעצט צום טיש און, אָנבינדנדיג דאָס סערוועטל אַרום האַלז, האָט ער געבורטשעט און געזשמורעט פון זון זיינע אויפגעשוואָלענע אויגן:

— נישקשה, ס'איז גאָרנישט. מיר האָבן געגעסן גוטע פּי־ראָגעס אויך. גאָט איז אַ ביסל קאַרג, פאַר יאָרן צאָלט ער מיט מינוטן... פון פּראָצענט וויל ער ניט וויסן... זעץ זיך, וואַריאַ... נישקשה.

ער איז געווען ווי חסר-דעה, פאַר דער גאַנצער צייט פון מיטאָג האָט ער גערעדט וועגן גאָט, וועגן דעם זינדיגן קעני'ג אַ חאָב, וועגן צער גידול בנים. די באָבע פלעגט אים מיט כעס אָפּ־שטעלן:

— עס און שווייג!

די מאַמע האָט זיך געוויצלט, בליצנדיג מיט אירע העלע אויגן:

— דו האָסט זיך פריהער דערשראָקן? — האָט זי מיך אַ שטופּ געטאָן און געפרעגט.

— ניין, דערשראָקן האָב איך זיך ניט, נאָר מיר איז געווען ניט גוט, ניט פאַרשטענדליך.

זיי האָבן, ווי תמיד אין יום-טוב־טעג, געגעסן משונה לאַנג און זעער פיל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיינען ניט די זעלביגע מענטשן, וואָס האָבן מיט אַ האַלבער שעה צוריק געשריען איינע אויף די אַנדערע, געווען גרייט זיך צו שלאָגן און געקאָכט זיך אין טרערן און געוויין. עס איז שוין שווער געווען צו גלויבן, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ געטאָן מיט אַן אמת און אַז זיי איז שווער

צו וויינען. זייערע טרערן און זייערע געשרייען און דער פיין, וואָס זיי האָבן איינע די אַנדערע געפייניגט, פלעגן זיך אויפציינדן אַלע ווײַלע און האַסטיג זיך אויסלעשן; איך האָב זיך צוגעוויינט צו דעם, עס פלעגט מיך אַלץ ווייניגער אויפרעגן און אַלץ שווערער רירן מיין האַרץ.

אַ סך שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז רוסישע לייט, צו־ליב דער קנאַפּקייט און אָרעמקייט פון זייער לעבן, האָבן בכלל ליב צו שפּילן זיך מיט זייער פיין, זיי שפּילן זיך מיט אים ווי קינדער און זעלטן ווען זיי שעמען זיך אַרויסצווייזן, אַז זיי זיינען אומגליקליך.

אין די אומענדליכע וואָכעדיגע טעג איז אַן אומגליק — אויך אַ יום־טוב און אַ שׂרפה — אַ פאַרגעניגן; אויף אַ פּוסטן פּנים איז אַ ראַץ — אַ צירונג.

IX

נאָך אָט דער מעשׂה איז די מאַמע ווי קרעפטיגער געוואָרן, האָט זיך שטייף אויסגעגלייכט, און געוואָרן די בעל־הבית־טע אין שטוב; דער זיידע איז געוואָרן אומבאַמערקליך, פאַרטראַכט, שטיל, ניט ענליך אויף זיך.

ער האט כמעט אויפגעהערט אַרויסצוגיין פון שטוב, פלע׳ט זיצן איינער אַליין אויפן בוידעם און לייענען דעם סודות־פולן בוך „רשימות פון מיין פאָטער“. דעם דאָזיגן בוך פלעגט ער האלטן אין זיין קעסטל פארשלאסן, און מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו זעהען, אַז ער וואשט די הענט, איידער ער נעמט אים אַרויס. דאס בוך איז געווען קורץ, דיק, אין אַברוינעם לעדערנעם איינבונד, אויפן בלויליכן פאַפיר פון ערשטן זייטל, פאַרן פאדערבלאַט, איז געשטאַנען אגעקרייזעלטע אויפשריפט מיט אפגעבלייכטע טינט:

„דעם געערטן וואַסילי קאשירין מוט דאַנקבאַרקייט צו הארצי־ליכער אַנדענקונג“.

אונטער דער אויפשריפט איז געווען געחתמעט אמאָדנע פאַמיליע און אין דריידעל פון לעצטן אות איז געווען אויסגעמאָלט אפליהענדיג פייגעלע. פארזיכטיג אויפעפענענדיג דעם שווערן טאָוול, פלעגט דער זיידע אָנטאָן די זילבערנע ברילן און, קוקענ־דיג אויף דער אויפשריפט, אהיבשע צייט דרייען מיטן קאָפּ, צו־פאַסענדיג די ברילן אויפן נאָז. איך האָב אים ניט איינמאל גע־פרעגט, וואָס דאס איז פאר אַ בוך, נאר ער פלעגט מיר זעער ערנסט אפענטפערן:

— דו דאַרפסט דאס ניט וויסן. וואַרט, אַז איך וועל שטאַרבן, וועל איך דיר דאס לאזן בירושה, און דעם שאָפּן־פעלץ וועל איך אויך דיר איבערלאזן.

מיט דער מאַמען האט ער אָנגעהויבן ריידן ווייכער און ווייניגער; וואָס זי פלעגט זאגן, פלעגט ער אויסהערן מיט קאפּ, בליאסקענדיג מיט די אויגן, ווי דער פעטער פיאטר, און ברומען, אפווערנדיג זיך מיטן האַנט:

— פון מיינטוועגן ... טו, ווי ווילסט ...

אין זיינע קאסטנס זיינען געלעגן אַ סך וואונדערליכע בגדים: דאַמאַסטענע פרויען־קליידער, אטלאסענע ווארימע יאקן, זיידענע סאראפאנעס אויסגעניינט מיט זילבער, קאַקאָשניקעס און קיקעס. געשטיקט מיט פערל, העלפארביגע הייבלאך און העלע טיכער, פערל־שניר און האַלזבענדער פון פארביגע שטיינער. בערעמעס־וויז פלעגט ער דאס טראגן צו דער מאמען אין די צימערן, פונאנדערלייגן אויף די שטולן און טישן. די מאמע פלעגט דאס באקוקן מיט התפעלות און ער פלעגט זאגן:

— אין אונזערע יארן זיינען די בגדים אַ סך שענער און רייכער געווען, ווי די איצטיגע! די בגדים רייכער און דאס לעבען פראכטער, בעסער. די צייט איז אריבער און וועט זיך שוין ניט אומקערן! נו, מעסט אן, פוץ זיך אויס.

איינמאל איז די מאמע אויף א ווײַלע ארויס אין צווייטן צימער און געקומען צוריק פון דארטן אין אבלאהען סאראפאן, געשטיקט מיט גאלד, און אין אפערלדיגער קיקע; האט זיך פארנויגט פארן זיידן און געפרעגט:

— ס׳איז שיין, הער פאטער?...

דער זיידע האט אקריאַק־געטאן, זיין גאנץ געזיכט האט אויפגעבליצט, ער איז דורכגעגאנגען ארום און ארום דער מאמען, געעפנט די ארעמס, ווי פון פארוואונדערונג, מאכנדיג מיט די פינגער, און געזאגט ניט דייטליך, ווי פון שלאף:

— עך, ווארוואר׳א, רייך באדארפסטו זיין און פיינע לייט האבן ארום דיר געדארפט זיין...

איצט האט די מאמע געוואוינט אין צוויי צימערן פון דער פאדערשטער העלפט הויז און צו איר פלעגן אפט אריינקומען געסט, עפטער פון אנדערע — די ברידער מאַקסימאוו, פיאטר, אן אפיציר א גבור, א פארשוין, מיט בלאהע אויגן, מיט אגרויסן העלן בארד — דער זעלביגער, וואס פאר אים אין די אויגן האט מיך דער זיידע געשמיסן דערפאר, וואס איך האב אנגעשפייט דעם אלטן פריץ אויפן קאפ; יעווגעני, אויך אהויכער, מיט דינע פיס, מיט

קאַקאָשניקעס, קיקעס — אווינע ווייבערשע קאפ־פארפוצונגען.

אבלייכן געזיכט און אשפּיציגן שוואַרצן בערדל. זיינע גרויסע אויגן זיינען געווען ענליך אויף פלוימן, טראָגן פלעגט ער שטענדיג אַריינגליכן מונדיר מיט גאָלדערנע קנעפּ און אַגאָלדענעם וועגזל אויף די עפּאָלעטן, וואָס אויף די שמאָלע אַקסלען. זיינע לאַנגע און ווייכע האָר פלעגן אים אָפּט אַראָפּפאַלן אויפן הויכן און גלאַטן שטערן, און ער פלעגט זיי צוריק פאַרוואָרפן מיט אַפלינקן מאַך מיטן קאָפּ. ער פלעגט שמייכלען, טוענדיג אייך אַטובה און תמיד עפּעס דערציילן מיט אַביסל אַפאַרשטיקטן קול און אנהויבן אַזוי גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן אונטערהנפענען:

— פאַרשטייט איר מיר, איך מיין ...

די מאַמע פלעגט אים הערן מיט אַביסל פאַרזשמורעטע אויגן, שמייכלענדיג און פלעגט אים אָפּט איבעררייסן:

ענטשולדיגט — איר זייט נאָך אַקינד, יעווגעני וואַסיליעוויטש.

דער אָפיציר פלעגט זיך פּאַטשן מיט דער ברייטער דלאָניע איבערן קני און שרייען:

— טאַקי אמת אַקינד.

פריילעך און רויִשיג זיינען אַריבער די סוויאַטקי, כמעט יעדן אָווענט פלעגן קומען צו דער מאַמען מאַסקירטע, זי אַליין פלעקט זיך אויך מאַסקירן — שטענדיג בעסער פון אַלעמען — און פלעגט אָוועקפאָרן מיט די געסט.

יעדן מאָל, אַז זי פלעגט אַרויסגיין פון טויער מיט דעם גאַנצן עולם געסט, פלעגט אונזער הויז זיך אַזוי ווי צו דער ערד אַראָפּלאָזן, אין אַלע ווינקעלאַך פלעגט ווערן שטיל און אומרוהיג. לאַנגווייליג. ווי אַן אַלטע גאַנז פלעגט אומקריכן איבערן שטוב די באַבע און ברייגגען אַלץ אין אָרדנונג, דער זיידע פלעגט שטיין מיטן רוקן צו די וואַרמע קאַכל פון אויוון און ריידן צו זיך אַליין:

נו, גוט, גאַנץ פיין.. לאָמיר קוקן אין דער הויך און זעהן, וואָס איז דאָס פאַר אַרויך ...

נאָך די סוויאַטקי האָט די מאַמע מיך אָפּגעגעבן אין שול, מיך און מיין שוועסטערקינד סאַשע, דעם פעטער מיכאַאילס זון.

סוויאַטקי — די וואָך פון דעם קריסטליכן ווייַנאַכט־יום־טוב.

זיין טאטע האט חתונה געהאט און די שטיף־מאמע האט פון ערשטן טאג אן פיינט באקומען דעם שטיף־זון, אים אנגעהויבן שלאגן און דער זיידע האט נאכגעגעבן דער באבן און גענומען סאשקען צו זיך. אין שול זיינען מיר געגאנגען לערך אחדש צייט, פון אלץ, וואס מען האט דארטן געלערנט, איז מיר נור געבליבן אין זכרון, אז בעת מען פרעגט:

— ווי איז דיין פאמיליע־נאמען?, — טאר מען ניט ענט־פערן פשוט:

— פיעשקאוו, — נאר מען דארף ענטפערן:

— מיין פאמיליע־נאמען איז פיעשקאוו.

און אויך, אז מען טאָר ניט זאָגן צום לערער:

— דו, ברודער, שריי־ניט, איך האָב פאר דיר קיין מורא ניט.

מיר איז די שול תיכף ניט געפעלן געוואָרן, נאָר מיין שוועסטער־קינד איז די ערשטע טעג געווען זעער צופרידן, האָט זיך דאָרט לייכט געפונען חברים, נאר איינמאל איז ער איינגע־שלאפן בעת דער לעקציע און האט פלוצלונג שרעקליך אויסגעשריען פון שלאף:

— כוועל דאס מער ניט טאָ—אָן!..

און אז מען האט אים אויפגעוועקט, האט ער זיך געבעטן ארויסגיין, און מען האָט אים שטאַרק אויסגעלאכט. אויף מארגן אז מיר האבן זיך גייענדיג אין שול, אראפגעלאזן אין טאל, וואס באַן היי־מאַרק, האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט:

— דו גיי, איך — ניט. איך וועל בעסער גיין שפילן — ער האט זיך צוגעזעצט, ווי געהעריג פאַרגראבן דעם פעקל ביכער אין שניי און איז אוועק. געווען איז אַליכטיגער וויגטערדיגער טאג, די זיל־בערנע זון האט געשיינט, איך האב זעער מקנא געווען דעם שוועסטערקינד, נאָר פונדעסטוועגן, אָן חשק, אַוועק אין שול: איך האב ניט געוואָלט מצער זיין די מאַמען. די ביכער סאשעס זיינען נאַטירליך, פאַרפאַלן געוואָרן. אויף מאָרגן האט ער שוין געהאָט אַגעזעצליכן מאָטיוו צו בלייבן אין דער היים, נאָר אויף איבער־מאָרגן האָט זיך דער זיידע דערוואוסט פון זיינע מעשים.

האָט מען אונז גענומען צום געריכט. אין קיך ביין טיש איז

נעזעסן דער זיידע, די באָבע און די מאַמע און אונז חוקר ודורש געווען, איך געדיינק, ווי קאָמיש סאַשע האָט געענטפערט אויף דעם זיידעס פראַגן:

— ווי אַזוי פּאַסירט דאָס, אַז דו קאָנסט ניט טרעפן אין שול?

— כ׳האָב פאַרגעסן וואו זי איז.

— פאַרגעסן?

— יאָ, געזוכט און געזוכט...

— פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנג עך נאָך אַלעקסייען? ער געריינקט דאָך.

— איך האָב אים פאַרלאָרען?

— וועמען! אַלעקסייען?

— יאָ!

— ווי איז דאָס?

סאַשע האָט אַטראַכט געטאָן און געענטפערט אָפּזיפּצנדיג

— סאיז געווען אַזאַויערוכע, מען האָט קיין זאַך ניט געזעהן. אַלע האָבן זיך צולאַכט — דער וועטער איז גראָד געווען אַשטילער, אַזונענדיגער. סאַשע האָט אויך פּאָרזיכטיג אַשמייכל געטאָן און דער זיידע האָט שטעכעדיג געפּרעגט, פאַרשטשירעט די ציין:

— פאַרוואָס האָסטו אים ניט געהאַלטן פאַרן האַנט, פאַרן גאַרטל?

— איך האָב געהאַלטן, נאָר דער ווינט האָט מיך אָפּגעריסן— האָט דערקלערט סאַשע.

גערעדט האָט ער פויל, אָן האָפענונג, אַז מען וועט אים גלויבן, און מיר איז אונאַנגענעם געווען צו הערן זיינע אומזיסטע אומגעלומפּערטע ליגנס, און עס האָט מיך זעער געוואונדערט זיין עקשנות.

מען האָט אונז אָפּגעשמיסן און געדונגען פאַר אונז אַבאַגלייטער, אַגעוועזענעם פייער־לעשער, אַנ׳אַלטיטשקן מיט אַצעבראָכענער האַנט: ער האָט דאָס באַדאַרפט אָבּהיטן, אַז סאַשע זאָל ניט אַראָפּ פון וועג, וואָס פירט צו דער וויסנשאַפט. נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. שוין אויף מאָרגן, אַז מיר זיינען געקומען צו דעם זעלביגן טאָל, האָט זיך סאַשע פּלוצלונג איינגעבויגן, אַראָפּ-

גענומען פון פוס איין וואליק און אוואַרף געטאַן אַן אַזייט, אַראָפּגענומען דעם צווייטן און אוואַרף געטאַן אין אַן־אַנדער ריכטונג, און אַליין, אין איינע זאָקן, געלאָזן זיך לויפן איבערן מאַרק. דער אַלטיטשקער האָט, קרעכצנדיג, צונויפגעקליבן די וואַליקעס און, אַדערשראָקענער צוריק אוועק מיט מיר אַהיים.

אגאנצן טאָג איז דער זיידע, די באָבע און מיין מאַמע אומגעפאַרן איבער שטאָט זוכן דעם אַנטלאָפענעם, ביז מען האָט אים אין אָוונט געפונען ביין מאַנאַסטיר, אין טשירקאָוס שיינק, וואו ער האָט געטאַנצט און משמח געווען דעם עולם. מען האָט אים געבראַכט אַהיים. נאָר ער האָט אַזוי עקשנותדיג געשוויגן, אַז מען האָט ביי זיך ניט געקאָנט פועלן צו שלאָגן אים פאַר די מעשה; דערנאָך זיינען מיר ביידע געלעגן אויף די פּאַלאַטיעס און ער האָט שטיל גערעדט צו מיר, שאַרענדיג מיט די פּאַריסענע פיס איבערן באַלקן:

— די שטיף־מאַמע האָט מיך ניט ליב, דער טאַטע האָט מיך אויך ניט ליב און דער זיידע האָט מיך ניט ליב, — טאָ צו וואָס זאָל איך דאָ זיין מיט איין? אָט איך וועל אויספרעגן בא דער באָבען, וואו די גזלנים זיצן און וועל אַנטלויפן צו זיי, — דעמאָלט וועט איר אַלע זעהן... לאָמיר צוזאַמען לויפן!

איך האָב ניט געקאָנט לויפן מיט אים: אין יענע טעג האָב איך געהאַט פאַר זיך אַן־אַנדער אויפגאַבע — איך האָב באַשלאָסן צו זיין אַן־אָפיציר מיט אַלאַנגן העלן באָרד און דערצו מוז מען זיך לערנען. אַז איך האָב דערציילט דעם שוועסטער־קינד מיין פּלאַן, האָט ער מסכים געווען מיט מיר:

—דאָס איז אויך ניט שלעכט. ווען דו וועסט זיין אַן־אָפיציר, וועל איך שוין זיין דער אַטאַמאַן פון די גזלנים און דו וועסט מיך דאַרפן כאַפּן און עמיצער וועט עמיצן דאַרפן טויטן אָדער נעמען געפאַנגען, איך וועל דיר בשום אופן ניט טויטן.

— און איך דיר אויך ניט.

ביי דעם זיינען מיר געבליבן.

עס איז צוגעגאַנגען די באָבע. האָט זיך געזעצט לעבן אונז אויפן אויוון און אָנגעהויבן ריידן:

— נו, וואס טוט איר דא, מייזעלאך ? ע—עך, יתומימלאך, שערבעלאך !.

מיט א רחמנות אויף אונז, האט זי אנגעהויבן זידלען סאשעס שטיף־מאמען, די גראבע מומע נאדיעזשדא, דעם שיינקערס טאכ־טער, און דערנאך בכלל אלע שטיף־מאמעס און אלע שטיף־סאטעס, און האט אונז דערציילט אמעשה, ווי אזוי דער קלוגער צדיק יונה האט זיך אין זיינע קינדישע יארן געשטעלט מיט זיין שטיף־מוטער צו גאטס משפט. זיין פאטער,

אנ׳אוגליטשער פישער אויף דער וויסער אזיערע —
האט זיין יונגע ווייב אומגעבראכט :
אנגעטרונקען אים מיטן שטארקען וויין
איינגעגעבן אים אשלאף־טרונק אויך,
א זעקגעלייגט אים אשלאפעדיגן
אין אשיפל ווי אין אטרוגע אריין,
און געדודערט אליין מיט דער אייגענער האנט
אויפן מיטן אזיערע ארויסגעשיפט.
אויף די פינסטערע קעסעל־גריבער, אפגרונטן —
צו איר העסליכער זאך, דער טייוועלשער.
דארט זיך איינגעבויגן און אוויג געטאן
און דעם גרינגרן שיפעלע אקער געטאן,
איז דער מאן אראפ ווי אשטיין צום גרונט
און זי — פלינק צום ברעג אוועקגעשיפט.
צום ברעג צוגעשוואומען און צו דער ערד געקניט
און אנגעהויבן יאמערען און קלאגן ווייבעריש
און איר פאלשן פיין ארויסצעווייזן.
גוטע מענטשן האבן איר געגלויבט
ביטערליך געקלאגט, געוויינט מיט איר :
אי, די יונגע פרוי, אלמנה ביטערע,
אי, ס׳איז גרויס. ס׳איז גרוים אנ׳אלמנה׳ס פרויען־פיין !
נאר דאס לעבן איז דאך אזאך פון גאט
און דער טויט ווערט אויך נאר פון אים געשיקט...
ניט געגלויבט האט נאר דער שטיף־זון יאנושקא

און די טרערן פון זיין שטיף-מוטער.
האָט איר צוגעלייגט זיין האַנט צום ברוסט,
און ער זאָגט צו איר מיט אַשטילער שטים
– אי, דו שטיף-מוטער, דו ביסט מיר באַשערט,
אי, דו רויבערישער נאַכט-פויגל, לוסטיגער,
אין די טרערן דיינע גלויב איך ניט,
זעה ווי פריילּיכדיג ס׳קלאַפּט דיין האַרץ אין ברוסט.
לאָמיר פּרובן נאר און אַפּרעג טאָן גאָט,
אַלע הייליגע כּחות הימלישע:
נון, זאָל נעמען עמיצער אַשטאָל-מעסער
און אַוואָרף טאָן אים צום הימעל-בלוי,
ביסטו גערעכט – טויט דער מעסער מיך,
בין איך גערעכט – פאַלט ער דיר אין קאָפּ,
האָט אַקוק געטאָן אויף אים די שטיף-מוטער,
אין די אויגן אַבייז-פייערל – אַבליצגעטאָן.
אויף די פיס זיך פעסט אַוועקגעשטעלט,
און אַזוי גערעדט אַקעגן אים:
אַך, דו נאַרישע באַשעפעניש,
בן-פקועה׳לע, דו, מפיל-קינד.
וואָס אַזוינס האָסטו דאָ אויסגעקלערט?
און ווי אַזוי צו זאָגן דאָס האָסטו געוואָלט?
קוקען אַלע אויף זיי און הערן זיך צו.
זעהט מען דאָך – ס׳איז ניט קיין קלאָרע זאַך;
ווערט מען טרויעריג, מען פאַרטראַכט זיך טיף
און מען ישוב׳ט זיך, וואָס מען האָט צו טאָן,
גייט אַפישער אַרויס אַנ׳אַלטיטשקער
און זאָגט זיין שפּרוך דעם באַשלאָסענעם:
– און איר, גיט מיר נאָר, איר גוטע לייט,
אין מיין רעכטע האַנט אַשטאָל-מעסער,
כ׳וועל אים טאָן אַוואָרף ביזן הימל-בלוי
וועמענס שולד דאָ איז, וועט ער וויזן אונז!
גיט מען דעם אַלטן אין האַנט אַשטאָל-מעסער.

האָט ער אים אַוואָרף געטאָן איבערן גרויען קאָפּ,
איז דער מעסער פויגלדיג צום הימל אַוועקגעפלויגן...
וואַרט מען וואַרטנדיג נאָ־ ער פאַלט אַלץ ניט
קוקן מענטשן אריין אין קריסטאלענער הייך,
די היטלען אויסגעטאָן, שטייען האַנט-באַ-האַנט
אלע שווייגנדיג און די נאכט שווייגט אויך, —
נאָר דער מעסער פון דער הייך פאלט נאָך אלץ ניט אראָפּ,
האָט אפלאם נעטאָן אויף דער אָזיערע די מאָרגן-רויט
און די שטיפ-מוטער פאררויטערט זיך און שמייכלט צו —
פליט אראָפּ דאָס מעסער, ווי אלאסטאָטשקע,
און גלייך אין הארץ אריין טרעפט עס איר.
צו דער ערד קניהען אלע גוטע לייט
זאָגען תפלה צום גאָט ברוך-הוא
— פאר דיין אמת, גאָט, געלויבט ביסטו!
און דער אלטער פישער נעמט יאנושקא'ן
פירט אים אָפּ אין מאנאסטיר אריין,
וואָס אויף דעם ליכטיגן טייך קערזשעניעץ,
באַ דער שטאָט קיטיעזש, וואָס מען זעהט זי ניט *)

אויף מאָרגן האַב איך זיך אויפגעכאַפּט אין רויטע פלעקן — איך בין קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן. מען האָט מיך אַוועגעלייגט אין צימערל, וואָס אויפן בוידים, און איך בין דאָרט לאַנג געלעגן אַבלינדער, טטייף אַרומגעבונדן די הענט און די פיס מיט ברייטע בינטן און איבערגעלעבט מאוים'דיגע קאָשמאַרן פון איינעם פון זיי בין איך שיר ניט אומגעקומען. צו מיר פלעגט קומען נור די באָבע און קאָרמענען מיך מיט אַשעפעל, ווי אַ קינד, און פלעגט דערציילן אַסך מעשיות און תמיד אַלץ נייע און נייע. איינמאָל אין אָוונט, אַז איך האָב שוין געהאַלטן געזונט-ווערן און בין שוין

* אין דארף נאליופאנאווקע, טאמבאווער גוב. באריסאגליעסקער או-יעזד, האב איך געהערט אנאנדער נוסח פון דער דאזיגער לעגענדע: דאס מעסער טויט אוועק דעם שטיפ-זון, וואס האט אויסגעטראכט אבלבול אויף דער שטיפ-מאמען.

געלעגן ניט פאַרבונדן – פאַרוויקלט זיינען נאר געווען די פינגער, איך זאָל ניט קאָנען קראַצן דעם געזיכט – איז די גאָבע ניט געקומען אין דער געווייגטליכער צייט, בין איך געוואָרן אומרוהיג דערפון און מיט אַמאָל דערזעהן, ווי ער ליגט הינטערן טיר, אויפן שטויביגן דיל, מיטן פנים אַראָפּ, די הענט צעוואָרפן, דער האַלז איז ביז העלפט אויפגעשניטן, ווי ביין פעטער פיאָטר, און פון ווינקעל, פון דער שטויביגער טונקלקייט, רוקט זיך צו איר אַגרויסע קאַץ מיט זשעדנע אויסגעשטעלטע גרינע אויגן.

איך בין אויפגעשפרונגען פון בעט, האָב אויסגעזעצט מיט די פיס און מיט די אַקסלעןביידע ראַמען פון פענסטער און איך האָב זיך אַרויסגעוואָרפן אין הויף אַריין, אין די קופּעס שניי. ביי דער מאַמען זיינען אין יענעם אָוונט געווען געסט, קיינער האָט ניט געהערט ווי איך האָב געזעצט די שויבן און געבראָכן די ראַמען; איז מיר אויסגעקומען גענוג לאַנג צוליגן אין שניי. קיין ביין האָב איך ניט געבראָכן און נאר אויסגעלונקען אַ האַנט און צעשניטן זיך מיט גלאָז, נאָר ביי מיר האָט אַגענומען די פיס און איך בין אַחדשים דריי אָפּגעלעגן און ניט געקאָנט זיי אַריר טאָן פון אָרט; איך בין געלעגן און זיך צוגעהערט, ווי עס לעבט אַלץ רוישיגער דאָס הויז, ווי אָפט עס קלאַפּן דאָרטן אונטן די טירן, ס'אַרא סך מענטשן עס קומען...

איבערן דאַך האָבן זאַווירוכעס געשאַרט, הינטערן טיר האָט דורכן בוידים דער ווינט געהודזיגט, פון קוימען זיך אַלויה-געזאַנג געהערט, ביי טאָג פלעגן קאַרקען די ראָבן, אין שטילע נעכט פלעגט זיך פון די פעלדער הערן ווי ווערלף וואָיען – באַ אָט דער מוזיק איז מיין האַרץ געוואַקסן. דערנאָך האָט אין פענסטער ניט דרייסט און שטיל, נאָר וואָס אַ טאָג אַלץ ליפּליכער אָנגעהויבן אַריינקוקן דער שעמעדיגער פרילינג מימן שטראַליגן אויג פון דער מערץ-זון, אויפן דאַך און בוידים האָבן די קעץ אָנגעהויבן צו זינגען און שרייען, דער שאָרך פון פרילינג האָט כסדר דורכגעדרונגען דורך די ווענט, די קריסטאַלענע אייז-ליכטלאַך פלעגן זיך ברעכן, פון דאַך פלעגט זיך אַראָפּלאָזן דער שניי, און דער גלאָקען-קלאַנג איז געוואָרן געדיכטער ווי אין ווינטער.

עס פלעגט קומען די באָבע. פון אירע רייד פלעגט וואָס ווייטער, אַלץ מער און שטאַרקער שמעקן מיט בראַנפן: דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו ברייגען מיט זיך אַגרויסן ווייסן טשייניק, באַהאַלטן אים ביי מיר אונטערן בעט און צו מיר צוּווינקען און זאָגן:

— דו זאָלסט נאר, האַרצעניו. דעם זיידן, דעם דאַמאָוואָי, ניט זאָגן.

— צו-וואָס טרינקסטו בראַנפן?

— שטילער! אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו זיך דערוויסן.

זי פלעגט אַזויג טאָן דעם שנויץ פון טשייניק, אָפּווישן די ליפּן מיטן אַרבל און, זיס שמייכלענדיג, פרעגן בא מיר:

— נו, איז וואו האַלט איך? וועגען וואָס האָב איך דיר נעכטן דערציילט?

— וועגן טאַטן!

— אָבער בא וואָס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט?

איך פלעג איר דערמאָנען, און אירע גלאַטע רייד פלעגן אָנהויבן רינען, ווי אַטייכל.

זי אַליין האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן טאַטן. איינמאָל איז זי געקומען אַניכטערע, אַטרויעריגע און אַפאַרמאַטערטע און געזאָגט:

— איך האָב דיין טאַטן געזעהן אין חלום, ער גייט אַזוי אין פעלד מיט אַשטעקל פון אַנוססבוים אין האַנט, גייט און פייפט, און נאָך אים לויפט נאָך אַשוואַרצער הונט און וואַרפט מיטן צונג, — עפּיס צו אָפט קומט מיר מאַקסים סאָוואַטייאיטש צו חלום, — ס'איז, קענטיג, ניט רוהיג זיין פאַרוואָגעלט נשמהלע.

עטליכע אוונטן נאָך-אַנאַנד האָט זי מיר דערציילט די געשיכטע פון מיין פאָטער, וואָס איז אַזוי אינטערעסאַנט געווען, ווי אַלע אירע געשיכטעס. זי האָט דערציילט, אַז מיין טאַטע איז געווען אַזון פון אַפראָסטן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אויסגעדינט פאַר אַנ'אָפיציר און מען האָט אים פאַרשיקט אין סיביר פאַר אַכזריות צו זיינע אונטערגעבענע. אז דאָרטן, אין סיביר ערגיץ, איז

געבֿאָרן געוואָרן מיין פֿאָטער. שוין אין די ערשטע קינדער־יאָרן איז אים געווען ניט גוט און ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן פֿון דער היים. אַמאָל האָט אים זיין טאַטע געזוכט אין וואַלד מיט הינט, ווי אַ האָז, אַצווייטן מאל אז ער האָט אים געכאַפּט האָט ער אים אַזוי געשלאָגן, אַז די שכנים האָבן געמוזט אַפּנעמען דאָס קינד און באַהאַלטן.

— קליינענקע שלאָגט מען שטענדיג? — פֿרעג איך די באָבען און זי ענטפֿערט רוהיג:

— שטענדיג.

דעם פֿאָטערס מוטער איז פֿרי אָפּגעשטאָרבן און אַז ער איז אַלט געוואָרן ניין יאָר, איז געשטאָרבן דער פֿאָטער אויך. האָט אים גענומען צו זיך זיין שטיף־פֿאָטער, אַסטאָלער, האָט אים צוגעשריבן צו אַ צעך אין שטאָט פּערם און אים אָנגעהויבן לערנען זיין מלאכה, נאָר דער פֿאָטער איז אַנטלאָפֿן פֿון אים, געפֿירט בלינדע איבער די יריד'ען. זעכצן יאָר אַלט, איז ער געקומען קיין ניזשני, זיך געשטעלט אַרבעטן בא צפּאַדריאַדטשיק — אַסטאָלער אויף קאָלטשינ'ס דאַמפּערס. צו צוואַנציג יאָר איז ער שוין געווען אַגוטער מעבל־מאַכער, אַטאַפּעצירער און אַדעקאַראַטאָר. דער וואַרשטאַט, וואו ער האָט געאַרבעט, איז געווען אין שכנות מיט דעם זיידנס אַמאָליגע הייזער אויף דער קאָוואַליכע.

— די פּלאַנקענער זיינען נידעריגע און די מענטשן זיינען פֿיפֿיגע, — פֿלעגט דערציילן די באָבע לאַכנדיג, — קלייב איך מיט וואַריען מאַלינעס אין סאָד. מיט אַמאָל גיט ער זיך אַלאָז איבערן פּלאַנקען דער טאַטע דיינער; לכתחילה האָב איך זיך דערשראָקן: עס לאָזט זיך צו אונז, צווישן די עפּעל־ביימער, אַזאַ גידול, אין אַווייסן העמד, אין פּלוסענע הויזן, און באָרוועס, אָן אַהיטל, די לאַנגע האָר אַרומגענומען מיט אַרימענדל, דאָס איז ער אַראָפּגעקומען זיך שדכנען. איך פֿלעג אים פֿריער אויך זעהען אַמאָל, ער פֿלעגט אָפּט גיין פֿאַרביי אונזער פֿענסטער, פֿלעג איך אים זעהן און טראַכטן — „ס'אַרא וואוילער בחור"! אז ער איז צוגעגאַנגען צו אונז, פֿרעג איך אים: וואָס גייסטו ניט, בחור, מיטן גלייכן וועג?" און ער פֿאַלט אויף די קני. „אַקולינאַ איוואַנאַוונא, זאָגט ער, אָט בין איך פֿאַר דיר מיטן פֿולן האַרצן און אָט איז וואַריע—

העלף אונז, מיר ווילן חתונה האָבן". האָב איך אָפּגעחלשט, דער לשון איז ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן. איך גיב אַקוק, ערשט די מאַמע דיינע, די כל־בו־ניצע, האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַנעפּלבוים, איז רויט געוואָרן, ווי די מאַלינעס, ווינקט צו אים און מאַכט מיטן האַנט, און די אויגן זיינען ביי איר פול מיט טרערן. זוך איך אַזוינע און אַזוינע, געשעדיגט זאָלט איר ווערן. וואָס האָט איר דאָס אויסגעטראַכט? צו ביזטו ביין זינען וואַרוואַרא? און דו, בחור, זאָג איך, גיב אַטראַכט: צו איז פאַר דיין כח די בעריאזע, וואָס דו ווילסט איינברעכן? ווארום דער זיידע איז אין יענער צייט אַן עושר געווען, די קינדער האָבן זיך נאָך ניט אויסגעטיילט, פיר הייזער האָט ער אייגענע און געלט און כבוד האָט ער — אַקאַרשט פאַר דעם האָט ער באַקומען אַמונדיר און אהוט מיט פּאַזומענטען, דערפאַר וואָס ער איז צען יאר נאַכאַנאַנד אַסטאַרשינע געווען ביי זיך אין צעך — איז ער דעמאלט גוואַלדיג שטאָלץ געווען ביי זיך, רייד איך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, גאָר אַליין ציטער איך פון שרעק און עס איז מיר אַרחמנות אויף זיי. זיי זיינען ביידע פינסטער געוואָרן, ענטפערט מיר דיין טאַטע: איך ווייס גוט, אַז וואַסילי וואַסילעוויטש וועט ניט אָפּגעבן וואַריען מיר פאַר א כלה, וועל איך זי אַרויסגנב'ענען, נאר דו העלף אונז... איך זאל אים העלפן?.. איך האָב זיך אַפילו פאַרמאַסטן אויף אים, נאר ער קערט זיך ניט אָפּ: אַפילו כאַטש מיט אַשטיין זאגט ער, שלאָג מיך, נאר העלף, איך וועל סיי ווי סיי ניט אָפּטרעטן. און דא איז וואַריל צוגעגאַנגען צו אים, די האַנט אים אויפן אַקסל אַוועקגעלייגט און זאגט: מיר, זאגט זי, זיינען שוין לאַנג מאַן און ווייב, נאך אין מאי מאנאַט, איצט דאַרפן מיר נאר שטיין אונטער דער חופה... בין איך שיר צו דער ערד ניט געפאַלן פון אַזוינע רייד — גאַ־אַט מיינער!..

די באַבע האָט אָנגעהויבן לאַכן, טרייסלענדיג זיך מיטן גאַנצן קערפּער, דערנאָך האָט זי אַשמעק געטאָן טאַבאַק, אויסגעווישט די טרערן, גרינג אָפּגעזיפצט און ווייטער דערציילט:

דו קאָנסט נאָך דאָס ניט פאַרשטיין, וואָס הייסט — זיין מאַן ווייב און וואָס איז — אונטער דער חופה שטיין, נאר דאָס איז

אַ שרעקליכע אומגליק, אַז אַ מיידעל וואס איז ניט געשטאַנען אונטער דער חופה, האט אַ קינד. דו נעם זיך דאס אַריין אין זכרון אַז דו וועסט אויסוואַקסן, זאלסטו צו אַזוינע זאַכן מיידלאַך ניט צוליידן, דו וועסט פאַרדינען אַגרויסע עבירה און דאס מיידל וועט זיין אומגליקליך און דאס קינד אויך וועט זיין אומגעזעצליך, — געדיינק-זשע דאס. דו לעב מיט רחמנות אויף ווייבער, האב זיי און ניט צוליב שטיפעריי, — דאס ווייז איך דיר דעם אמתן וועג.

זי האט זיך פאַרטראַכט אַווײלע, וויגענדיג זיך אויפן שטול דערנאך האט זי ווידער אנגעהויבן:

נו, טא וואס טוט מען? דערלאַנג מיך מאַקסימען אין שטערן ווארווארען — פארן צאפ, נאר ער רעדט צו מיר שולדיג: מיט געשלעג וועסטו די זאַך ניט פאררינכטן. און זי זאגט אויך: פריהער זאגט זי, באטראכט, וואס צוטאן און שלאגן זיך וועט איר דערנאך באווייזען. פרעג איך אים: געלט האסטו? איך האב געהאט, זאגט ער נאר איך האב פארן געלט ווארינען ארינגעלע געקויפט. איז וואס הייסט דאס — דו האסט געהאט א דרייער? ניין, זאגט ער, ארום הונדערט רובל. און אין יענע צייטן איז געלט געווען טייער און חפצים — ביליג. קוק איך אויף זיי, אויף דיין מאמען מיטן טאטן — אי ס'ארא קליינע קינדער, טראכט איך, ס'ארא נאראנים! און דיין מאמע זאגט; איך האב דעם רינגעלע אונטערן דיל באַהאלטן, אז איר זאלט ניט דערזעהן. קאן מען אים פארקויפן... נו נאך קליינע קינדער! נאר אזוי אדער אנדערש — מיר האבן זיך צונויפגערעט און אפגעמאכט, אז די חתונה וועלן מיר מאכן איבערמאָרגן אָן מיטן פאפ, ער זאָל חופה שטעלן אָן דעם זיידנס וויסן, האָב איך גענומען אויף זיך דורכצוקומען. רייד איך מיט זיי און אליין יאָמער איך, די הארץ ציטערט און פלאטערט איך האָב מורא פאַרן זיידן און ווארינען איז אויך ניט היימליך. נאָר, הייסט דאָס, אָפגעמאַכט!

— איז אָבער געווען בא דעם טאַטן דיינעם אַ שונא, איינער אַ בעל-מלאכה, אַשלעכטער מענטש און ער האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך בא אינז און האָט אָנגעהויבן אונז נאָכצושפירן. איז געקומען די צייט, איך האָב אויפגעריכט מיין

טאָכטער מיין איין-איינציגע, און די בעסטע קליידער, וואָס זי האָט
געהאַט, אָנגעטאָן, אַרויסגעפירט הינטערן טויער, דאָרטן שטייט
הינטערן ווינקל אַדריי-שפּאַן און וואַרט, האָט זי זיך געזעצט, מאַק-
סים האָט אַפּייף געטאָן — אַוועקגעפאָרן. גיי איך אַהיים און באַגיס
זיך מיט טרערן, פּלוצלונג באַגעגנט מיר אָט דער מענטש און זאָגט
צו מיר, דער אויסוואָרף: איך בין, זאָגט ער, אַגוטער, אין דעם,
וואָס איז בעשערט וועל איך זיך ניט מישן, נאָר דו, אַקולינע אי-
וואַנאָוונאַ, גיב מיר דערפאַר אַהאַלבע קאָפּ! און איך האָב קיין
געלט ניט געהאַט, איך האָב ניט ליב געהאַט קיין געלט און ניט
געקליבן, נעם איך און באַנאַר זיך און זאָג:ניט איך האָב קיין
געלט ניט, איך וועל דיר געבן. האָסטו ניט זאָגט ער, טאָ זאָג צו.
וואָס הייסט — צוזאָגן, און וואו וועל איך זיי שפּעטער נעמען? נו,
זאָגט ער, אַפּנים איז שווער ביי אַרייכן מאַן צו גנבֿענען? האָב
איך דאָך באַדאַרפט אייגנטלעך פאַרהאַלטן אים וואָס לענגער, רייזן
מיט אים, נאָר איך, דער נאַר, נעם און גיב אים אַשפּיי אין פּנים
אַריין און לאָז זיך גיין ווייטער. האָט ער אָבער מיך איבערגע-
יאָגט געקומען צו אונז אויפן הויף און — געמאַכט אַבונט...

זי פאַרמאַכט די אויגן און רעדט שמייכלענדיק;

— עס איז נאָך אַפילו איצט אַן אימה זיך צו דערמאָנען אָט
די גוואַלדיגע זאַכן! דער זיידע איז געוואָרן, אַן אויפגעקאָכטער
ווי אַווילדע חיה, — אַ קלייניגקייט דאָס איז וואָס עס האָט פּאַ-
סירט. ער פלעגט קוקן אויף וואַרוואַרען און באַרימען זיך: פאַר
אַן אַדלמאַן וועל איך זי אויסגעבן פאַר אַ פּריץ. און אָט האָסטו
דיר אַן אַדלמאַן, אָט האָסטו אַ פּריץ! די הייליגע גאָטס-מוטער ווייס
בעסער ווי מיר, וועמען מיט וועמען צונויפצופירן. דער זיידע
פליט אום איבערן הויף, גלייך ווי פייער וואָלט אים געשרפעט,
האָט אַרויסגערופן יאַקאָוון מיט מיכאַאילן, דעם בעל-מלאכה דעם
מוסר אַריינגענומען אין קאָמפּאַניע, קלימוען דעם קוטשער, זעה
איך: דער זיידע האָט גענומען אַן אייזן אין האַנט, מיכיילא — אַפילו
אַביקס אויפן פּלייצע... די פערד אונזערע זיינען געווען אויס-
געצייכנטע, קאָכיגע, דאָס וועגעלע אַגרינגס — נו, טראַכט איך עס
איז שלעכט, זיי וועלן דעריאָגן. האָט מיך וואַרוואַרעס מלאך אויפן

שכל אַרויפגעפירט — איך האָב געכאַפּט אַמעסער און אונטערגע־שניטן די קנופּ פון די רימענס ביי די אַהלאָבלעס — אפשר וועלן זיי זיך צורייסן אין וועג! און אַזוי איז דאַס טאַקי געווען: אין וועג איז די האַלאָבלע אַרויסגעשפּרונגען, האָט שיר ניט דער־הרגעט דעם זיידן מיט מיכאיילאַן מיטן קוטשער, האָבן זיי זיך דערוייל פאַרהאַלטן און אַז זיי האָבן פאַרריכט אַלץ און זיינען געקומען צו פליהען צום קלויסטער, איז שוין מאַקסים מיט וואַריען אויפן גאַניעק געשטאַנען — שוין נאָך דער חופה, אַדאַנק דיר, ליבער גאָט.

— לכתחילה האבן זיי זיך אַלאַז געטאַן שלאַגן זיך מיט מאַק־סימען, נאר ער איז אַשטאַרקער געווען, א כח האט ער געהאַט אַזעלטענעם, האט ער מיכאאילן פון די טרעפּ אויפגעשליידערט און די הענט געשעדיגט, קוים האט אויך געכאַפּט אחלק און דער זיידע מיט יאַקאוון און מיט דעם בעל־מלאכה דעם מוסר האָב שוין מורא געהאט אנצוהויבן זיך מיט אים.

— אין גרעסטן כעס פלעגט ער דעם שכל ניט אָנווערן; זאָגט ער צום זיידן: וואַרף אוועק דעם אייזן, פאַרמעסט זיך ניט אויף מיר. איך בין אבאשיידענער מענטש, און דאָס וואָס איך האָב גענומען, האָט מיר גאָט געגעבן און קיינער קאָן דאָס ביי מיר ניט אָפּנעמען. זיינען זיי אָפּגעטראָטן פון אים. דער זיידע האָט זיך אין וועגל אריינגעזעצט און שרייט: איך געזעגן זיך מיט דיר, וואַר־וואַרע, ביזט מיר קיין טאָכטער ניט מער און איך וויל דיך מער ניט זעהען, מעגסט לעבן, מעגסט שטאַרבן פון הונגער. איז ער געקומען א היים און האָט מיר גענומען שלאָגן, זידלן, און איך אָכצע, נאָר און שווייג; עס וועט אלץ אריבערגיין, נאָר דאָס וואָס איז באשערט וועט בלייבן. דערנאָך זאָגט ער צו מיר אזוי: נו, אקווינע, געדיינק זשע: האסט ניט מער קיין טאָכטער אין ערגיץ ניט, גע־דיינק דאס! און איך טראַכט זיך: רייד, געלער, וויפיל דו ווילסט. דער כעס איז ווי אייז, ער צעגייט, אז עס ווערט הייס."

איך הער [זיך צו מיט קאָפּ און שלינג אירע רייד. געוויסע פּרטים וואונדערן מיך אין איר דערציילונג. דער זיידע האט מיר אנדערש געמאלט דער מאמעס מתונה: געווען איז ער געגן דעם

שידוך, נאָך דער חופּה האָט ער זי ניט אריינגעלאָזן אין שטוב. נאָר די חופּה איז געווען, ווי ער דערציילט, ניט קיין שטילע, און ער איז געווען אין קלויסטער. עס ווילט זיך מיר עס ניט פרעגן די באָבן, ווער פון זיי דערציילט ריכטיגער, ווייל ווי די באָבע דערציילט איז שענער און אזוי געפעלט מיר מער. בעת זי דערציילט, וויגט זי זיך, גלייך ווי זי וואָלט אויף אַשיפל געשוואומען, אַז עס קומט צו עפּיס, וואָס איז טרויעריג אָדער שרעקליך, וויגט זי זיך האַסטיגער, די הענט פאַראויס אויסגעשטרעקט, גלייך ווי זי וואָלט וועלן עפּיס איינהאַלטן אין דער לופטן. אָפּט פאַרמאַכט זי די אויגן, און די קנייטשן פון איר באַקן פאַרבאָרגט זיך אַבלינדער, גוטער שמייכל, די געדיכטע ברעמן ציטערן קוים. פון איר בלינדער אַלץ פאַרגעבנדיגער גוטסקייט, ווערט אַמאָל מיין האַרץ געריירט, און אַמאָל, פאַרקערט. ווילט זיך זעער. אַז די באָבע זאָל זאָל זאָגן עפּיס אַ האַרב וואָרט, זאָל אַ געשריי טאָן.

— די ערשטע צייט, אַ וואָך צוויי, האָב איך אפילו ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען, וואַריע מיט מאַקסימען, נאָר דערנאָך איז געקומען פון איר משליח, אַ פּיפּיג ייִנגעלע, און געזאָגט, וואו זיי וואוינען. האָב איך אָפּגעוואַרט ביז שבת און אין אָוונט לאָז איך זיך כלומרשט אין קלייסטער און גיי אַוועק צו זיי. געוואוינט האָבן זיי דעמאָלט ווייט, ביי דעם סוועטינסקי אַראָפּפאַר אין אַקליינעם שטיבעלע, אויף אַ הויף, וואָס איז געווען פול מיט בעל-מלאכה׳ס. אויפן הויף איז מיסטיג, קייטיג, רוישיג, נאָר זיי אַרט דאָס ניט, ווי קעצלאַך, זיינען זיי ביידע פריילעכע מורליטשען און שפּילן זיך. האָב איך זיי געבראַכט, וואָס מען האָט געקאָנט ברענגען: טיי צוקער, גרויפּענס פאַרשיידענע, קאָנפיטורן, מעל, געטריקנטע שוואָמען, אַביסל געלט, וואָס איך האָב אָנגעשלעפּט שטילערהייד ביין זיידן, — וואָרום מען מעג דאָך אפילו גנבען, אַז מען גנבעט ניט פאַר זיך. אָבער דיין טאַטע ו'יל קיין זאַך ניט נעמען, ער באַליידיגט זיך. צי זיינען מיר, זאָגט ער, בעטלער אפנים! און וואַרוואַרע זאָגט אים נאָך: אָך, צו וואָס דאַרפסט איר דאָס, מאַמעטע? האָב איך זיי אָנגעהויבן שטראָפן: נאַרעלע, זאָג איך, וואָס בין איך דיינע? דיינע בין איך אַמאַמע, וואָס גאָט האָט דיר גע-

געבן און דיר, נאַריש=קאָפּ—אַן אייגענע! שוין זשע, זאָג איך, מעג מען מיך באַליידיגן? אַ מאַמען אַז מען באַליידיגט אויף דער ערד, באַגיסט זיך אויפן הימל די „הייליגע מוטער גאָטס“ מיט ביטערע טרערן! נו, דאָ טוט מיך מאַקסים אַ כאַפּ אויף די הענט און נעמט עס מיך טראָגן איבערן צימער און נאָך צוטאַנצן דערצו— שטאַרק געווען, אַ בער! און וואַרקע, גייט זיך אום אַ מויד—אַ פּאַווע, קוועלט פון מאַן, ווי פון אַ ליאַלקע אַ נייער, און גלאָצט מיט די אויגן און רעדט אַלץ און דערציילט פון דער בעלי=בתּישקייט מיט אַזאַ ערנסטקייט, אָט פּונקט ווי אַ ריכטיגע בעל=הביתטע — אַ חוזק אָנצוקוקן! און קיכעלעך צום טיש דערלאַנגט, וואָלט אַ וואָלף אויף זיי די ציין צעבראָכן, און צוואָרעכץ—ווי זשוויר צעשאָטן זיך!

— אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ לאַנגע צייט; שוין באַלד האָסטו געדאַרפט געבאָרן ווערן, און דער זיידע שווייגט אַלץ — אַן עקשן, אַ ניט=גוטער! איך גיי זיך שטילערהייט צו זיי, און ער ווייס עס, אָבער מאַכט זיך ניט וויסנדיג. אין שטוב איז אַלעמען פאַרווערט וואַריעס נאָמען צו דערמאָנען: שווייגן אַלע, און איך שווייג אויך; כ'ווייס אָבער מיינס—אַ טאַטנס האַרץ קען ניט אייביג שטומען. און אָט איז אַזוי איינמאָל געקומען די באַשערטע שעה—נאַכט, דער שטורים פייפט, אין פענכטער—פּונקט ווי בערן וואָלטן געקראָכן, אין די קוימענס זינגט, אַלע שדים זיך פון די קייטן אָפּגעריסן, ליגן מיר מיטן זיידן—ס'שלאָפט זיך ניט; זאָג איך: שלעכט אַן אָרימאַן אין אָט אַזאַ נאַכט, און נאָך ערגער דעם, ביי וועמען ס'האַרץ איז ניט רוהיג! דערלאַנגט פּלוצלונג דער זיידע אַ פרעג:— ווי לעבן זיי?— נישקשה, זאָג איך, זיי לעבן גוט!—ס'הייסט וועגן וועמען פרעג איך דאָס, ווייסטו?—וועגן דער טאָכטער, וואַרוואַרען, און דעם איידים, מאַקסים.—פונוואַנען 'סטו פאַרשטאַנען, אַז וועגן זיי?—גענוג שוין, זאָג איך, פאָטער, זיך נאַריש מאַכן, וואָלסט שוין אָוועקגעוואָרפן די קונצן, נו. — ווער האָט נחת פון דעם? זיפצט ער: אַך, זאָגט ער, טייוואָלים איר, גרויע טייוואָלים, וואָס איר זייט! נאָכהער-פרעגט ער: וואָס, משמעות, אַ שוטה אַ גרויסער איז ער— דאָס מיינט ער דעם טאַטן דיינעם—אַ גרויסער שוטה

אַוודאי?—אַ נאַר, זאָג איך, איז דער, וואָס וויל ניט אַרבעטן, זיצט אויפן פרעמדן קאַרק; זאָלסט בעסער, אָט, אויף יאַקאָוון מיט מיכאַילען אַ קוק טאָן — ניט זיי לעבן, ווי נאַראָנים, וואָס? ווער איז אין שטוב דער האָרעפּאַשניק, ווער איז דער איינברענגער? דו! און זיי העלפן דיר אַ סך עפּעס?—אַז ער נעמט עס מיך ניט זידלען, אַ בהמה בין איך און אַ חצופה און אַ פאַקטאָרקע און כ'ווייס שוין אַליין ניט וואָס. שווייג איך. — ווי, זאָגט ער, האָט עס געקענט ביי דיר אויסנעמען אַ מענטש, ניט מען ווייס, פון וואַנען, ניט ווער ער איז? שווייג איך אַלץ. און אַז ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן, זאָג איך: וואָלסט אַ גיי טאָן, זעהן ווי זיי לעבן, אַ גוט לעבן ביי זיי! „אַ צו גרויסער כבוד פאַר זיי, זאָלן זיי אַליין קומען"... דאָ האָבן זיך מיר אַזש טרערן געשטעלט פאַר שמחה, און ער, לאָזט מיר די האָר פונאַנדער, ליב געהאַט מיט מיינע האָר צו שפּילן זיך, און מורמלט: וויין, ניט, נאַר איינע, שוין זשע, זאָגט ער, האָב איך גאָר קיין נשמה ניט? ער איז דאָך פריער אַ דימענט-גוטער מענטש געווען, דער זיידע אונזערער, און נאָר זינט ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ס'איז קיין קליגערער פון אים ניטאָ, פון יענער צייט איז ער בייז און נאַרישער געוואָרן.

— נו, זיינען זיי געקומען, די מאַמע מיטן טאַטן דיינעם, אין אַ הייליגן טאָג, אין „פאַרגעבונגס-זונטאָג", אַזוינע גרויסע ביידע, גלאַטע, ריינע; שטעלט זיך מאַקסים אַקעגן זיידן גלייך—און דער זיידע דערגרייכט אים ביזל אַקסל נאָר—שטעלט ער זיך און זאָגט: ניט מיין, למען השם, וואַסילי וואַסיליעוויטש, אַז איך בין צו דיר נאָך נדן געקומען: ניין, כ'בין געקומען מיין ווייבס טאַטן, ווי ס'פּאַסט פאַר אים, זיין כבוד אָפּגעבן! געפעלט עס דעם זיידן, שמייכלט ער: אַך דו, זאָגט ער, גנב איינער! נו, זאָגט ער, גענוג שוין קונצן צו מאַכן, לעבט מיט מיר! מאַכט מאַקסים אַ קרום פּנים: דאָס, הייסט עס, איז שוין, ווי וואַריאַ וויל, מיר איז אַלץ איינס! האָט זיך עס גלייך ביי זיי אָנגעהויבן, אַ צאָן אויף אַ צאָן—קענען בשום אופן ניט דורכקומען. וויפיל איך פינטל צו דעם טאַטן דיינעם מיט די אויגן ניט, מיטן פוס אונטערן טיש אַ דריק געטאָן—ניין, ער האַלט זיך ביי זיינס! שיינע אויגן געווען ביי

אים: לוסטיגע, ריינע, און ברעמען — טונקעלע, פלעגט ער זיי אַמאָל צונויפציען, די אויגן פאַרבאַהאַלטן זיך, דער פנים ווערט פאַרשטיינערט, פאַרעקשנט, און קיינעם פאָלגט ער שוין דאַמאָלסט ניט, נאָר מיר; איך האָב אים ליב געהאַט אַ סך מערער ווי די אייגענע קינדער. האָט ער עס געוואוסט און מיך אויך ליב געהאַט! דריקט ער זיך צו אַמאָל צו מיר, נעמט מיך אַרום, אָדער כאַפּט מיך גאָר אויף די הענט און שלעפּט אום איבערן צימער און זאָגט: דו, זאָגט ער, ביסט מיין אמתע מאַמע, אָט ווי די ערד, און דיך האָב איך אַפילו מער ווי וואַרוואַרען ליב! און דיין מאַמע, געוועזן דאַן אַ פרייליכע, אַ לוסטיגע שטיפערקע, דערלאַנגט זיך עס אַ וואָרף צו אים און שרייט: דו, ווי קענסטו אַזוינס אויף דיינע ליפּן אַרויסברענגען, דו פערמער יונג, געזאַלצענע אויווערן? דרייען מיר זיך, שטיפן, שפּילן זאַלבעדריט; גוט געלעבט האָבן מיר, האַרצעלע, טייבעלע! און געטאַנצט האָט ער אויך — אַ זעלטנהייט, און לידער געקענט גוטע אַ זוינע — ביי די בלינדע איבערגענומען, און די בלינדע — קיין בעסערע זינגער אויף דער וועלט ניטאָ.

— האָט ער זיך באַזעצט מיט דיין מאַמען אין שטיבל, אין גאָרטן; דאָרטן ביסטו דאָס געבאָרן געוואָרן, פונקט אין האַלבן טאָג — דיין טאַטע גייט מיטאָג עסן און דו מיט אַ ברוך־הבא אַנטקעגן. האָט ער זיך דאָס געפרייט, געהוליעט אַביסל און די מאַמען — פאַרמאַטערט פשוט, פונקט ווי ס׳וואָלט אין דער אמתן אַזאַ גרויסע זאַך געוועזן — אַ קינד האָבן! מיך האָט ער צו זיך אויפן אַקסל אוועקגעזעצט, דורכן גאַנצן הויף צום זיידן אַוועקגעטראָגן, מעלדן אים, אַז נאָך אַן אייניקל האָט זיך באַוויזן — דער זיידע האָט אַפילו לאַכן גענומען: אָט, זאָגט ער, ס׳אַראַ ווילדער דו ביסט, מאַקסים.

פעטערס דיינע האָבן אים ניט ליב געהאַט, — קיין וויין האָט ער ניט געטרונקען, אַ שאַרפע צונג געהאַט און אַ מאדים אויף שפּיצלעך אַלערליי — ביטער אָפּגעשלוקערצט האָבן זיי זיך אים! טרעפט איינמאָל, אין דער צייט פון „גרויסן תענית״ האָט זיך דער ווינט פונאַנדערגעשפּילט. און פלוצלונג האָט עס איבערן

גאַנצן שטוב אָנגעהויבן צו זינגען און קלינגען — אַלע זײַנען ווי אָפּגענומען געוואָרן, אַן אָנשיקעניש, צי וואָס? דער זיידע האָט זיך גאָר איבערגעשראָקן, געהייסן אומעטום די לעמפּלעך פאַר די איקאָנעס אָנצינדן, לויפט אום, שרייט: אַ תפילה מוז מען אָפּריכטן! און פּלוצלונג האָט אַלץ אויפגעהערט—זייגען אַלע נאָך מער פאַרציטערט געוואָרן. איז דער פעטער יאַקאָוו אויפן שכל געפאַלן:— „ניט אַנדערש, זאָגט ער, דאָס איז מאַקסימס אַרבעט". שפּעטער האָט ער אַליין אויסגעזאָגט, אַז ער האָט עס אין פירהויז־פּענסטער אַלערליי פלעשלעך און גלעזלעך אָנגעשטעלט — פייפט דער ווינט אין די העלזלעך זייערע, רוישן זיי, יעדע אויף איר לשון. דער זיידע האָט אים אַ סטראַשע געטאָן: זעה, אַזוינע חכמות זאָלן דיך צוריק קיין סיביר אַריין ניט ברענגען, מאַקסים!

איין יאָר זיינען שטאַרקע פרעסט געשטאַנען, האָבן וועלף אָנגעהויבן פון פעלד אין שטאָט זיך אַרייַנכאַפּן, דאָ אַ הונט צעריסן, דאָ אַ פערד איבערגעשראָקן, אַ שיכּורן וועכטער אויפגעפרעסן, אַ גרויסע בהלה צוליב זיי געווען. נעמט דער טאַטע דיינער אַ ביקס, טוט אָן אַ פּאָר שליט־שיך, לאָזט זיך ביינאַכט אין פעלד אַריין און, זעה נאָר, ברענגט אַ וואָלף צעשלעפּן אָדער גאָר צוויי מיטאַמאָל, שינדט ער אָפּ די פעל, די קעפּ אויסגעלושטשעט און שטעלט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן אַריין—ס'איז גוט אַרויסגעקומען! גייט עפּעס דער פעטער מיכאַילאָ אין פירהויז אַרויס, פּלוצלונג—ער לויפט צוריק, די האָר קאַפּויער, די אויגן אויסגעקערט, אין האַלז פאַרכאַפּט—קען אַ וואָרט גיט אויסריידן. די הויזן זיינען אים אַראָפּגעפאַלן, פאַרפּלאָנטערט ער זיך אין זיי, פאַלט, און שעפּטשעט - אַ וואָלף. האָבן אַלע געכאַפּט, ווער וואָס אונטערן האַנט, זיך אַ לאָז געטאָן מיט פייער אין פירהויז – מען זעהט, אין דער אמתן פון הינטערן טאָפּטשאַן שטעקט אַ וואָלף דעם קאָפּ אַרויס. האָט מען זיך עס אַ נעם געטאָן, ווער שלאָגן, ווער שיסן און ער —ס'זאָל אים כאָטש ארן! קוקט מען זיך צו—אַ הוילע פעל, און אַ קאָפּ אַ ליידיגע און די פאָדערשטע פיס מיט טשוועקעס צום טאַפּטשאַן צוגעשלאָגן. איז דער זיידע דאַן גרייליך שטאַרק אויף מאַקסימען אין כעס געוואָרן. און דאָ האָט נאָך יאַקאָוו אויך אָנ־

געהויבן די שטיק איבערנעמען: קלעפּט אויף מאקסים פון טאקטור אַ קאָפּ כלומרשט — מאכט אַ נאָז, אַ מויל, אויגן, קלעפּט צו פּאקעלעס אָנשטאָט האָר און דאַן גייען ביידע, ער מיט יאַקאָוון, איבערן גאס און רוקן אומעטום אין די פענסטער די פּאַרזעהענישן אַריין—מענטשן, פאַרשטייט זיך, שרעקן זיך איבער, שרייען. אָדער ביידערנאַכט, לאָזן זיך אַרויס שפּאַצירן אין ליילעכער, שרעקן איבער דעם פּאָפּ, טוט ער זיך אַ וואָרף צו דער וועכטער־ביידל און דער וועכטער, זיך אויך דערשראָקן, נעמט גאָר אויפן קול צו הילף רופן! אַ צייט האָבן זיי אַזוי אָנגעגעבן און מ'האָט זיי גאָר ניט געקענט איינגעמען. וויפיל איך האָב צו זיי ניט געטענעט — וואַרפט אַוועק, און וואַריא אויך—ניין, קענען זיך ניט איינהאַלטן, ער לאַכט גאָר, מאקסים: גריילעך, זאָגט ער, פריילעך צו קוקן, ווי פון אַ קלייניקייט נעמען מענטשן אין איין טויט־שרעק, ווי אָן אַ קאָפּ, אַרומלויפן! היינט, גיי רייד מיט אים!...

און אויסגעלאָזט האָט זיך עס אַזוי, אַז ער'ט שיר מיטן לעבן פאַרפאַסט: דער פּעטער מיכאַילאָ האָט זיך אינגאַנצן אין זיידן איינגעגעבן—נאָר עפּעס, גלייך באַליידיגט זיך, און קען קיינמאָל אַ שנאה ניט פאַרגעסן גאָר. האָט ער פאַרקלערט אים פון דער וועלט אויסברענגען, דעם טאַטן דיינעם. גייען זיי איינמאָל אַזוי, אָנהייב ווינטער פון געסט, זאַלבעפערט: מאַקסים, ביידע פּעטערס און אַ גלחל איינער — מ'האָט אים שפּעטער געפּסלט, ער האָט אַ פאָרמאַן צום טויט דערהרגעט. פון יאַמסקער גאַס זיינען זיי געגאַנגען; האָבן זיי פאַרשלעפּט מאַקסימען אויף דעם דיוקאָוו־טייך, כלומרשט זיך אַ גליטש טאָן איבערן אייז, מיט די פיס, ווי קינדער גליטשן זיך, פאַרשלעפּט אים און אין אַ לאָך אין אייז אַריינגעשטופּט—כ'האָב עס דאָך דיר דערציילט.

— פאַרוואָס זיינען די פּעטערס שלעכטע?

— ניט קיין שלעכטע זיינען זיי—ענטפערט רוהיג די באָבע, נעמענדיג אַ שמעק טאַבאַק — קיין שכל האָבן זיי ניט. אָט מישקע—אַ כיטרער, אָבער אַ נאַר, נו און יאַקאָוו, אַזוי זיך גלאַט אַ תמעוואַטער... נו, האָבן זיי אים אַריינגעשטופּט אין וואַסער אַריין, שווימט ער אָבער אַרויס, כאַפּט זיך אָן מיט די הענט פאַרן אייז,

נעמען זיי אים שלאָגן איבער די הענט, אַלע פינגער אים מיט די קנאַפּל צוקוועטשט. זיין גליק—ער איז ניכטער געווען, און זיי— שכור, האָט ער זיך ווי עס איז, מיט גאָטס הילף, אונטערן אייז אויסגעצויגן, ליגט מיטן פנים אַרויף צו דער לאָך צו, אָטעמט, און זיי קענען צו אים ניט צוקומען; האָבן זיי אַ קורצע צייט אים אין קאָפּ אייז=שטיקלעך געוואָרפן און אַוועק — ער'ט אליין, הייסט עס, דערטרונקען ווערן. ער, אָבער, איז אַרויסגעקראָכן און וואָס גיכער — אין פּאָליציי אַריין. די פּאָליציי איז, ווייסט דאָך, דערביי, אויפן פּלאַץ. דער קוואַרטאַלנער האָט געקענט אים און אונזער גאַנצע משפּחה, פרעגט ער: ווי האָט עס געטראָפן?

די באָבע צלמט זיך איבער און זאָגט בנעימותדיג:

אַ ליכטיקן גן=עדן זאָל ער האָבן, מאקסים סאַוואַטעאיטש, מיט אלע צדיקים אויף יענער וועלט, ער האָט דאָס כשר פאַרדינט! ער האָט דאָך פון דער פּאָליציי די גאַנצע מעשה פאַרבאָרגן; דאָס, זאָגט ער, בין איך אליין שכורערהייט פארקראָכן אויפן טייך און זיך אין לאָך אַריינגעדרייט. — „אַ ליגן, זאָגט דער קוואַרטאַלנער, דו טרינקסט דאָך גאָר ניט! אַ קצור, מ'האָט אים אין פּאָליציי מיט ווייַן איינגעריבן, אָנגעטאָן אין טרוקענע וועש, איינגעוויקלט אין אַ פּעלצל און געבראַכט אַהיים. און געקומען מיט אים איז דער קוואַרטאַלנער אַליין און נאָך צוויי. און יאַשקע מיט מישקען זיינען נאָך אין דערהיים ניט געווען, שלעפּן זיך איבער די שענקען, מאַכן אין דער מאַמען אַריין. קוקן מיר, איך מיט דער מאַמען דיינער, אויף מאַקסימען, גאָר ניט דער זעלביגער, ברוין און בלוי געוואָרן, די פינגער צעשלאָגן, בלוט רינט פון זיי און די שלייפן, ווי מיט שניי באַדעקט, אָבער ער צעגייט עפּעס ניט— געוואָרן גרוי די שלייפן ביי אים!

— וואַרוואַרע—מאַכט קולות: וואָס ט'מען געמאַכט פון דיר? דער קוואַרטאַלנער וויל עפּעס אויסשמעקן, הערט זיך צו, פרעגט אויס, און מיין האַרץ פילט — אָך, ס'איז ניט גלאַט עפּעס! האָב איך וואַריען אויפן קוואַרטאַלנעם אָנגעשיקט, און אַליין פרעג אים אויס שטילערהייט: מאַקסימושקאַ, וואָס האָט געטראָפן? „גייט, שעפּטשעט ער, וואַרט אָפּ יאַקאָוון מיט מיכאַאילען, לערנט זיי אויס,

וואָס צו ריידן; — „זאָלן זיי זאָגן, זיי זיינען זיך מיט מיר אויף דער יאַמסקער פונאַנדערגעגאַנגען, זיי זיינען אַוועק אויף פּאָקראָוועקע און איך, הייסט עס, האָב זיך אויף די פּריאַדילנע געסל אַוועקגעלאָזן. נאָר ניט צעטומלט זיך. אויב ניט, וועט פון דער פּאָליציי קיין גוטס ניט אַרויסקומען“. איך גלייך — צום זיידן:

— „גיי, פאַרשמועס דעם קוואַרטאַלנעם דאָרט, און איכ׳ל די זין ביים טויער אָפּוואַרטן, און דערצייל אים, ס׳אַראַ מאוסע מעשה דאָס איז געווען. טוט ער זיך אָן, טרייסלט זיך, מורמלט: כ׳האָב דאָס אַפריהער געוואוסט, אַפריהער געריכט זיך! — אַ ליגן אַלץ, קיין זאַך ט׳ער ניט געוואוסט. נו, די קינדערלעך האָב איך גלייך מיט אַ ברוך־הבא אין פּנים אַריין באַגעגנט — מישקע האָט זיך פון שרעק אויסגעניכטערט גלייך, און יאַשינקע, דער טייערינקער, קען קיין צוויי ניט ציילן און לייקנט זיך פונדעסטוועגן: כ׳ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, ס׳איז אַלץ מיכאַילאָ נאָר, ער איז דער עלטערער! דעם קוואַרטאַלנעם האָבן מיר באַרוהיגט ווי ס׳איז — אַ וואוילער מענטש געווען! — אָך, זאָגט ער, זעהט, טאָמער טרעפט זין עפּעס בייז ביי אייך, וועל איך שוין וויסן, ווער עס שטעקט דערין! דערמיט איז ער אַוועק פון אונז. און דער זיידע גייט־צו צו מאַקסימען און זאָגט: — נו, אַ דאַנק דיר, קיינער וואָלט אַזוינס אויף דיין אָרט ניט געטאָן, דאָס פאַרשטיי איך! און דיר, טאָכטער, אויך אַ דאַנק, וואָס האָסט אַ וואוילן מענטשן אין טאַטנס שטוב אַריינגעבראַכט! וואָרום ער, דער זיידע, אַז ער׳ט געוואָלט, האָט ער פיין גערעדט; דאָס האָט ער נאָר שפּעטער, פון נאַרישקייט וועגן, אָנגעהויבן דאָס האַרץ אונטער שלעסער האַלטן. געבליבן זאַלבעדריט, האָט ער זיך פונאַנדערגעווייגט, מאַקסים סאַוואַטעאיטש, און ווי געכומען פון היץ ריידן: וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיר, וואָס האָב איך זיי בייז געטאָן? מאַמינקע, פאַרוואָס? — מיך פלעגט ער ניט מאַמאַשע רופן, נאָר מאַמע, ווי אַ קליינינקער, און ער איז דאָך טאַקע געווען ווי אַ קינד, לויט זיין כאַראַקטער נאָך. — פאַרוואָס? פרעגט ער. נו, איך וויין זיך פונאַנדער, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אייגענע קינדער דאָך — אַ רחמנות אויף זיי! די מאַמע דיינע — אַלע קנעפּלעך פון קליידל אויסגעפּליקט, זיצט אַ צעשויבערטע,

ווי נאָך אַ געשלעג, ברומט ווי אַ חיה—לאָמיר אַוועקפאָרן, מאַקסים! דם־שונאים זיינען די ברידער אונז, כ׳האָב מורא פאַר זיי, לאָמיר אַוועקפאָרן! האָב איך זיך אויף איר אָנגעבייזערט: ניט וואַרף קיין מיסט אין אויוון, שוין אַזוי אויך אַ טשאַד אין שטוב. און דאָ האָט נאָך דער זיידע די גולמס אַריינגעשיקט מחילה בעטן, איז זי צו מישקען צוגעשפרונגען, אין באַק אַריינגעפאָרן—נאַ דיר מוחל זיין! און דער טאַטע דיינער קלאָגט זיך: ס׳טייטש, ברידער, ווי ט׳איר געקענט אַזוינס? כ׳בין דאָך שיר איבער אייך ניט קיין קאַליקער פאַרבליבן, וואָס פאַר אַן אַרבעטער וואָלט איך אָן הענט געווען?—נו, מ׳איז ווי ס׳איז גוט געוואָרן. איז ער קראַנק געווען, דער טאַטע דיינער, זיבן וואָכן ניט מיט אַלעמען געווען און נאָר ווען ניט ווען רייסט זיך אַרויס ביי אים:—עך, מאַמינקע, לאָמיר פאָרן מיט אייך אין אַן אַנדער שטאָט—אומעטיג דאָ! אינגיכן איז אים אויסגעקומען אין אַסטראַכאַן צו פאָרן; מ׳האָט זיך דאָרטן אויפן צאַר אויף זומער געריכט, האָט מען דעם טאַטן דיינעם באַשטעלט די טריאומף־טויערן צו בויען. מיטן ערשטן דאַמפער זיינען זיי אָפּגעשוואומען; ווי מיט דער נשמה האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי, ער איז אויך אומעטיג געווען און מיך אַלץ איינגערעדט — כ׳זאָל אין אַסטראַכאַן מיטפאָרן. און וואַרוואַרע — אויסער זיך פון שמחה געווען, זיך אַפילו ניט פאַרשטעלט, קיין חרפה און בושה ניט געהאַט... אַזוי זיינען זיי אַוועקגעפאָרן. אין שוין, דאָס איז גאָר...

זי האָט גענומען אַ זופּ בראַנפן, אַ שמעק טאַבאַק און געזאָגט, קוקנדיג פאַרטראַכט דורכן פענסטער אין בלויען הימל אַריין:

— יאָ, אַ פרעמד בלוט בין איך מיט דיין טאַטן געווען, נאָר איין נשמה...

אין דער צייט פון שמועס פלעגט ווען ניט ווען דער זיידע אַריינגיין, זיין פנים, צו אַ טכוירל ענליך, אינדערהייך אויפגעהויבן, ציט מיטן שפּיציגן נאָז די לופט אין זיך, באַטראַכט אַווײלע מיט חשד די באָבען, הערט זיך צו אַביסל און מורמלט:

— דערצייל ליגנס, דערצייל...

פלוצלונג פרעגט ער:

— לעקסיי, ווין האָט זי געטרונקען דאָ?

— ניין.

— אַ ליגן, כ׳זעה, נאָך די אויגן דיינע.

און גייט אַוועק מיט ניט זיכערע טריט. די באָבע פינטלט אים נאָך מיט די אויגן און זאָגט עפּעס אַ ווערטל:

— „טרעט אָפּ פון די פערד, אַוודיי, סט׳ניט דערשרעקן זיי"..

איינמאָל האָט ער שטייענדיג אינמיטן צימער מיטן בליק צו דר׳ערד, שטיל אַ פרעג געטאָן:

— מוטער?

— האַ?

— זעהסט, וואָס עס טוט זיך?

— כ׳זעה.

וואָס זשע קלערסטו?

— מול, פּאָטער! געדענקסט, האָסט אַלץ וועגן אַן אדלמאַן געטענעט?

— המ... יע.

— נו, אָט האָסטו אים.

— אַ שלעפּער.

— נו, דאָס איז שוין איר זאַך.

דער זיידע איז אַוועק. כ׳האָב דערפילט עפּעס בייז און גע־פרעגט ביי דער באָבען:

— וועגן וואָס ט׳איר דאָס גערעדט?

— אַלץ דאַרפסטו וויסן — האָט זי זיך וואָרטשענדיג אָפּ־גערופן, איינרייבנדיג מיינע פיס.—וועסט יונגערהייט אַלץ וויסן—וועט אויף דער עלטער גאָר ניט בלייבן צו פרעגן... און לאַכט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ.

— אַך, זיידינקע, זיידינקע, אַ קליין שטויבעלע אין גאָטס אויג ביסטו! דו נאַר האַלט מויל, לענקאַ! בדלות איז ער דאָך גע־וואָרן, דער זיידינקע, בדיל־הדל געוואָרן! אַ פּריץ איינעם די פּעטע־טויזנטער געגעבן און יענער נעמט און זעצט גאָר אָנ׳עט...

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, פאַרטראַכט זי זיך. זיצט לאַנג

שווייגעדיגערהייט. און דער גרויסער פנים אירער ווערט מיט קנייטשן באַדעקט, ווערט אַלץ אומעטיקער און טונקעלער.

— וואָס קלערסטו?

אָט, איך קלער, וואָס אַווינס צו דערציילן דיר, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן. — נו, די מעשה מיט יעווסטיגנייען — גוט נו אָט: *)

האָט געלעבט אַמאָל אַ פּאָפּל מיטן נאָמען יעווסטיגניי,
האָט געמיינט, אַז שכל האָט ער ניט פאַר איינעם, נאָר פאַך צוויי.
אַז פון אים איז קיינער קליגער, סיי פון אָרים, סיי פון ריי
פריצים גרעסטע, כלבים עלטסטע, קען דען ווער צו אים זיין גלייך?
בלאָזט ער אָן זיך ווי אַן ענדיק און פאַררייסט זיין „קלוגן קאָפּ,
פּרובט נאָר, הייסט עס, וואו געפינען נאָך אַזאַ מין קלוגן פּאָפּ!
און ס'געפינט אין אַלץ חסרונות אונזער חכם יעווסטיגניי,
וואָס ער זעהט ניט, וואָס ער הערט ניט, אַלץ איז עפּעס ניט אַזוי!
זעהט דעם קלויסטער — איז צו נידריג, האַלט די גאַס צו שמאָל פאַר זיך,
זעהט אַן עפּל—נאָך ניט צייטיג, גייט די זון אויף—איז צו גיך!
ווייזט מען עפּעס יעווסטיגנייען, זאָגט ער...

דאָ בלאָזט די באָבע אָן די באַקן, גלאָצט אויס די אויגן איר גוטער פּנים ווערט נאַרישעוואַט און לעכערליך און מיט אַ פוי לער מינע רעדט זי ווייטער:

..שוטים, וואָס איר זייט,

*) מיר גיבן דאָ אויך דעם רוסישן טעקסט, ווייל די איבערזעצונג איז אפּרייע.

(דער איבערזעצער)

איך וואָלט עס געמאַכט פיל בעסער, נאָר איך האָב דערצו קיין
צייט!"

נאָך אַ קורצן שווייגן דערציילט זי ווייטער שטיל, מיט אַ שמייכל

— קומט צו אים ביינאַכט אַ צענדליק איינמאָל שדים, קליין אַ
גרויס:

—„עס געפעלט דיר דאָ ניט, ברודער? קום, ביי אונז איז גוט און
הייס!"

און מע כאַפּט עס אויף מיין חכם תיכּף, ווי ער גייט און שטייט,
און אים גלייך אין גיהנום־פלאַקער וואַרפט מען לעבעדיגערהייט
און מע מאַכט פון אים נאָך חוזק: —„נו, געפעלט עס דיר אין טאָפּ
איז געשמאַק זיך דאָ צו בראָטן, חכם־עתיק, שאַרפע קאָפּ!"
בראָט ער זיך און קוקט זיך אום אַלץ, אין די באָקעס מיט די הענט
און די ליפּן אָנגעבלאָזן, אָט אָ ווערט ער באַלד פאַרברענט...
פלוצלונג טוט אַ שטעל פון פלאַקער ער זיך גאַווהדיק און גלייך,
—„פע, זאָגט ער, עס איז אין גיהנום דאָ אַ גרויסער טשאַד ביי
אייך!"

— Жил-был дьяк Евстигнѣй,
Думал он—нѣт его умнѣй,
Ни в попах, ни в боярах,
Ни во псах, самых старых!
Ходит он кичливо, как пырин,
А считает себя птицей Сирин,
Учит сосѣдей, сосѣдок,
Все ему не так. да не эдак.
Взглянет на церковь—низка!
Покосится на улицу—узка!
Яблоко ему—не румяно!
Солнышко взошло—рано!
На что не укажут Евстигнѣю,
А он:—
—„Я-ста сам эдак-то умѣю.
Я-ста сдѣлал-бы и лучше вещь эту,
Да все время у меня нѣту.“

— И пришли ко дьяку в ночу бѣси:
„Тебѣ, дьяк, не угодно здѣся?
Так пойдем-ко ты с нами во ад,—
Хорошо там уголья горят!"
Не поспѣл умный дьяк надѣть шапки,
Подхватили его бѣси в свои лапки
Тащат, щекотят, воют,
На плечи сѣли ему двое,
Сунули его в адское пламя;
„Ладно-ли, Евстигнѣюшка, с нами?"
Жарится дьяк, озирается,
Руками в бока подпирается,
Губы у него спѣсиво надуты,
„А—угарно, говорит, у вас в аду-то!"

פאַרענדיקט דעם משל מיט אַפוילער, פעטער שטים, בייט זי איבער דעם אויסדרוק פון געזיכט, לאַכט שטילינקערהייט און דערקלערט מיר!

— זיך ניט אונטערגעגעבן, דער יעווסטיגניי, אָט! שטייף זיך ביי זיינס געהאַלטן, אַן עקשן, אָט ווי דער זיידינקע אונזערער! נו-קאַ, גענוג, שלאָף, שוין צייט...

די מאַמע פלעגט צו מיר אויפן בוידים אַרויפגיין זעלטן-ווען, לאַנג ניט פאַרבלייבן ביי מיר, גערעדט אין איילעניש. זי איז געוואָרן אַלץ שענער, אַלץ בעסער זיך געקליידט, נאָר אויך אין איר, ווי אין דער באָבען, האָב איך געפילט עפּעס אַ נייס, אַ פאַרבאָרגענס, געפילט און אָנגעשטויסן זיך.

אַלץ ווייניגער פלעגן פאַרכאַפן מיין אויפמערקזאַמקייט דער באָבעס מעשיות און אַפילו דאָס, וואָס זי האָט וועגן טאַטן דערציילט, האָט ניט געקענט איינשטילן די ניט קלאָרע אומרוהיגקייט, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט אין מיין האַרץ און איז געוואַקסן וואָס פון טאָג.

— פאַרוואָס איז דעם טאַטנס נשמה אומרוהיג? — פלעג איך דער באָבען פרעגן.

— ווער קען וויסן אַזוינס—פלעגט זי ענטפערן, פאַרמאַכנ-

דיג די אויגן — אַ גאַנץ זאַך איז עס, אַ הימל־זאַך, פאַרבאָרגן פון אונז...

אין שלאָפלאָזע נעכט האָב איך געקוקט דורך דעם בלוי־ליכן פענסטער־גלאָז, ווי ס'שווימען פּאַמעליך די שטערן אויפן הימל, און צוגעטראַכט עפּעס אַזוינע טרויעריגע געשיכטן — דער הויפּט־העלד איז אין זיי תּמיד מיין טאַטע געווען; ער פלעגט גיין ערגעץ, אַליין, מיט אַ שטעקן אין האַנט און הינטער אים אַ האָריגער הונט...

XII.

איינמאָל פאַרנאַכט בין איך איינגעשלאָפן. אויפגעכאַפּט זיך, פיל איך, מיינע פיס האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט; כ'לאָז זיי אַראָפּ פון בעט — ווערן זיי ווידער אָפּגענומען. בין איך שוין אָבער זיכער געווען, אַז די פיס זיינען גאַנץ און כ'וועל קענען גיין. דאָס איז געווען אַזאַ ליכטיגע פרייד, אַז כ'האָב אַזש אַ געשריי געטאָן פון שמחה, צוגעדריקט מיטן גאַנצן קערפּער די פיס צום דיל, אומגעפאַלן, אָבער גלייך גענומען קריכן צו דער טיר, איבערן טרעפּ, און זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט, ווי אַלע וועלן אונטן נשתּומם ווערן, דערזעהענדיק מיך.

כ'געדענק ניט, ווי אַזוי כ'בין ביי דער מאַמען אין צימער אַריין, צו דער באָבען אויף די קני אַרויף; דערביי זיינען עפּעס פרעמדע מענטשן געשטאַנען, און אַ טרוקענע, גרינע זקנה האָט שטרענג גערעדט, פאַרהילכנדיג אַלע שטימען:

— מאַלינעס זאָל ער אויסטרינקען, ביז איבערן קאָפּ מוז מען אים איינדעקן... זי איז אינגאַנצן אַגרינע געווען, סיי די קלייד, סיי די הוט, סיי דער פּנים מיט דער בראָדעווקע אונטערן אויג, אַפילו דאָס בינטל הערלעך אויף דער בראָדעווקע האָט אויך אויס־געזעהן, ווי גראָז. די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזן, האָט זי די איי־בערשטע אויפגעהויבן און געקוקט מיט אירע גרינע ציין, פאַר־שטעלנדיג די אויגן מיט דער האַנט אין אַ שוואַרצער אויסגעהאַפּ־טער הענטשקע אָן פינגער.

— ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט מיט פחד. דער זיידע ט'מיר געענטפערט מיט אַן אומאָנגענעמער שטים:

— דאָס איז נאָך אַ באָבע דיר!..

די מאַמע האָט שמייכלענדיג צו מיר צוגערוקט יעווגעני מאַקסימאָוון.

— און אָט איז אַ טאַטע...

זי האָט גענומען גיך און אומפאַרשטענדליך ריידן. מאַקסימאָוו האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך איינגעבויגן איבער מיר און געזאָגט:

— איך וועל דיר פאַרב־קרייטלעך אַ מתנה געבן.

אין צימער איז געווען זייער ליכטיג; אין פאָדערשטן ווינקל אויפן טיש האָבן זילבערנע מנורות געברענט צו פינף ליכט אין יעדערער, צווישן זיי איז געשטאַנען דעם זיידנס באַליבטע איקאָנע: „ניט קלאָג אויף מיר מוטער". ס'האָבן געפינקלט און פלעגן אין פייער צעגאַנגען ווערן די פערל פון דער ריזע *). שטראַלנדיג האָבן געברענט די רויט־קאָלירטע עדלשטיינער אויפן גאָלד פון די קרוינען.

צום טונקעלן פענסטער־גלאָז האָבן זיך פון דרויסן שטי־לערהייט צוגעטוליעט, ווי בלינעס, מוטנע, קיילעכדיגע פרצופים, צוגעקלעפט זיך פלאַציגע נעזער. אַלץ אַרום איז געשוואומען אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג און די גרינע זקנה האָט מיט אירע קאַלטע פינגער אַרומגעטאַפּט מיך ערגעץ אונטער אויער און גערעדט:

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט...

— פאַרחלשט — זאָגט די באָבע און טראָגט מיך צו דער טיר.

אָבער איך בין ניט פאַרחלשט געוואָרן; כ'האָב פשוט פאַר־מאַכט די אויגן און בשעת זי ט'מיך געטראָגן אַרויף איבערן טרעפּ, האָב איך זי געפרעגט:

— וואָס זשע האָסטו מיר גאָר וועגן דעם ניט געזאָגט?...

---

*) ריזע — די באַפּוצונג פונם הייליגן אויף דער איקאָנע.

— גוט, גוט,—שווייג!

— ליגנערס זייט איר...

אַוועקגעלייגט מיך אויפן בעט, האָט זי דעם קאָפּ אין קישן פאַרשטעקט, און מיט אַ שוידער זיך פונאַנדערגעוויינט. די אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט ביי איר אַרויף און אַראָפּ און פאַרכליפּענ־דיג זיך, האָט זי געמורמלט:

— דו וויין אויך... וויין זיך אויס...

מיר האָט זיך וויינען ניט געוואָלט. אויפן בוידים איז געווען חושך, אומעטיג און קאַלט; ס'האָט מיך געשווינדערט, דאָס בעט האָט זיך געטרייסלט און געסקריפּעט. פאַר די אויגן איז מיר די גרינע זקנה געשטאַנען. כ'האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיג, איז די באָבע אַוועק.

ווי אַ דינער וואַסער שטראָם האָבן זיך מאָנאָטאָן דורכגע־צויגן עטליכע ליידיגע טעג. די מאַמע איז נאָך תנאים ערגעץ וואו אָפּגעפאָרן, אין שטוב האָט געהערשט אַ דריקנדיגע שטילקייט.

עפּעס איינמאָל אויפן פרימאָרגן איז געקומען דער זיידע מיט אַן אָל אין האַנט, צוגעגאַנגען צום פענסטער און גענומען אַראָפּקראַצן די קיט פון דער ווינטער־ראַם. געקומען די באָבע מיט אַ שיסל וואַסער און טיכער; פרעגט איר דער זיידע שטיל:

— נו, אַלטע?

— וואָס?

— צופרידן, וואָס?

האָט זי געענטפערט, פונקט ווי מיר אויפן טרעפּ:

— גוט, גוט, שווייג!

איינפאַכע ווערטער האָבן איצט גאָר אַ באַזונדער זין גע־האַט; אין זיי איז פאַרבאָרגן געווען עפּעס אַ וויכטיגס, אַ טרויע־ריגס, וואָס מען טאָר ניט אויסזאָגן, אָבער וואָס אַלע ווייסן עס.

פאָרזיכטיג אַראָפּגענומען די ראַם, האָט זי דער זיידע אַרויס־געטראָגן; די באָבע האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט דעם פענסטער, אין סאָד האָט געשריען אַ שטאַר, ס'האָבן געטשיריקעט ווערובלעס; דער שכורער ריח פון דער אָפּגעגאַנגענער ערד האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין צימער, די בלויליכע קאַכל־שטיינער פון אויוון זיינען,

ווי פאַרשעמט, בלאַס געוואָרן, קאַלט געוועזן צו קוקן אויף זיי. כ׳בין פון בעט אויפן דיל אַראָפּגעקראָכן.

— גיי ניט אַ באָרוועסער — זאָגט די באָבע.

— כ׳וועל גיין אין סאָד.

— נאָך ניט טרוקן דאָרטן, וואָלסט נאָך אָפּגעוואַרט!

ס׳האָט זיך ניט געוואָלט אויסהערן איר, אַפילו זעהן די גרויסע איז געווען ניט אָנגענעם.

אין סאָד האָבן זיך שוין דורכגעריסן פון דר׳ערד, ווי העלגרינע נאָדלען, פרישע גרעזעלעך: אויף די עפּל־בוימער האָבן זיך אָנגעפילט און געפּלאַצט די קנאָספּן, ס׳איז גרין געוואָרן דער מאָך אויפן דאַך פון פּעטראָוונעס הייזל, אומעטום איז פול פון פייגלען געווען; דער פריידיגער רעש, די פרישע, שמעקעדיגע לופט האָבן אָנגענעם דעם קאָפּ פאַרדרייט. אין גרוב, וואו ס׳האָט זיך דערקוילעט דער פעטער פיאָטר, זיינען געלעגן צונויפגעמישט פאַרגעלבטע דערנער, צעבראָכענע פון שניי — עפּעס ניט היימליך צו קוקן אויף די גרוב, קיין סימן פון פרילינג ניטאָ אין איר, שוואַרצע האַלאַוועשקעס גלאַנצן טרויעריג ארויס און די גאַנצע גרוב איז צום ניט גוט ווערן איבעריג. מיר האָט זיך געגלוסט פאַר כעס אַרויסרייסן, ארויסברעכן די דערנער, אַרויסשלעפּן די שטיקער ציגל, די האַלאַוועשקעס, אַרויסוואַרפן אַלץ, וואָס איז שמוציג און איבעריג און איינאָרדענענדיק זיך אין גרוב אַ זויבערע וואוינונג, אָפּלעבן אין איר דעם זומער איינער אַליין, אָן די גרויסע. כ׳האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, און תיכף האָט עס מיך אינגאַנצן אויף לאַנג אָפּגעריסן פון אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין שטוב; און הגם די מעשה האָט נאָך מיר זעער געקרענקט, נאָר מיט יעדן טאָג האָט זיך פאַרקלענערט מיין אינטערעס דערצו.

— וואָס ביסטו אַזוי אָנגעבלאָזן — פלעגן מיך פרעגן אַמאָל די באָבע, אַמאָל די מאַמע — ס׳איז מיר ניט געפעלן, וואָס זיי פרעגן אַזוי, כ׳בין דאָך ניט ברוגז געווען אויף זיי, פּשוט, אין שטוב איז מיר אַלץ פרעמד געוואָרן. צו מיטאָג, טיי און אוונטברויט איז אָפט געזעסן ביי אונז די גרינע זקנה, ווי אַ צע־

כּוילטער דראַנג אין אַן אַלטן פּאַרקאַן. עפּעס זיינען געווען בּיי איר די אויגן, ווי צוגענייט צום פּנים מיט ניט=געזעהענע פּעדימלעך, פֿלעגן זיך גרינג אַרויסקייקלען פֿון די בּייניגע לעכער און פֿלינק אַרומלויפֿן, אַלץ זעהענדיג, אַלץ בּאַמערקנדיק, הייבּן זיך צום בּאַלקן, בּשעת זי פֿלעגט גאָטס נאָמען דערמאָנען, אַראָפּלאָזן זיך צו די בּאַקן, בּשעת ס׳איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן שטוביגע זאַכן. די בּרעמען זיינען בּיי איר, ווי פֿון פּאַלאַווינעס געווען און עפּעס ווי צוגעקלעפּטע. אירע הוילע, בּרייטע ציין פֿלעגן אָן שום גערויש צוקייען אַלץ, וואָס זי ט׳נאָר אין מויל אַרייַנגערוקט, מאָדנע לעכערליך אויסבּייגנדיג די האַנט דערבּיי און אויסציענדיג דעם קליינעם פֿינגער; בּיי די אויערן האָבּן זיך בּיי איר אַרומגעקייקלט בּייניגע קייקעלעך, די אויערן פֿלעגן בּאַוועגן זיך און די גרינגע הערלעך פֿון דער בּראָדעווקע פֿלעגן זיך אויך נעמען רירן, קריכנדיג איבּער דער געלער, צעקנייטשטער און עקלדיג=זויבּערער הויט. זי איז אינגאַנצן פּונקט אַזאַ זויבּערע, ווי איר זון געוועזן — איז עפּעס ניט בּאַקוועם, ניט אָנגענעם געווען זיך צו זיי צו צורירן. די ערשטע טעג האָט זי אַפֿילו געפּרוּווט איר טויטע האַנט מיר צו די ליפּן צורוקן, — פֿון דער האַנט האָט געטראָגן דער ריח פֿון גרינגע, קאַזאַנער זייף און ווייִרויך — האָבּ איך זיך אָפּגעקערט און אַנטלאָפֿן.

זי פֿלעגט אָפֿט זאָגן צום זון:

— דאָס יינגל וועט מען מוזן דורכאויס ערציען גוט, — פֿאַרשטייסט, זשעניאַ?

בּויגט ער איין געהאָרזאַם דעם קאָפּ, ציט צונויף די בּרעמען און שווייגט. און אויף אַלעמען פֿלעגט זי אַ מרה=שחורה אַרויפֿוואַרפֿן, אָט די זקנה, די גרינגע.

די אַלטע — און אויך דעם זון אירן — האָבּ איך פֿיינט געהאַט תּכלית=שׂנאה. אַ סך קלעפּ האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דער דאָזיגער שווערער געפֿיל. איינמאָל בּיי מיטאָג, האָט זי געזאָגט, מוראַדיג אויסגלאָצנדיג די אויגן:

— אַך, אַלעשענקע, פֿאַרוואָס עסטו אַזוי בּחפּזונדיג און

שלינגסט אַזוינע גרויסע ביסנס? וועסט זיך דערוועגן, מיין לי־בינקער!

נעם איך אַרויס דעם ביסן פון מויל, שטעך אים ווידער אָן אויפן גאָפּל און דערלאַנג איר:

— נאַט אייך, אויב איר זשאַלעוועט...

די מאַמע האָט מיך פון טיש אַרויסגעשלעפּט, מיט חרפּה אויפן בוידים פאַרטריבן,—איז געקומען די באָבע און גרייליך גע־לאַכט, פאַרשטיקנדיק דעם געלעכטער מיט דער האַנט:

— טאַטינקע־פאָטער, ס׳אַרא כל־בוניק דו ביזט, גאָט איז מיט דיר...

מיר איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זי פאַרשטיקט זיך די מויל, בין איך אַנטלאָפן פון איר, פאַרקראָכן אויפן דאַך פון הויז און לאַנג דאָרט געזעסן הינטערן קוימען. יאָ, ס׳האָט זיך מיר זע־ער געוועלט שטיפן, זאָגן אַלעמען העזהדיגע רייד. און ס׳איז זעער שווער געווען צו באקעמפן דעם דאָזיגן פארלאנג, האָב איך אָבער געמוזט אים באקעמפן: איינמאָל האָב איך באַשמירט די שטולן פון מיין קומענדיגן שטיף־טאַטן און דער נייער באָבען מיט קארשן־קליי, האָבן זייביידע זיך צוגעקלעפּט. דאָס איז געווען זעער לע־כערליך, נאָר נאָכדעם, ווי דער זיידע האָט מיך אָפּגעשמיסן, איז צו מיר אויפן בוידים געקומען די מאמע, מיך צוגעצויגן צו זיך, שטארק צונויפגעדריקט צווישן די קני און געזאָגט:

— הער, — פארוואָס ביסטו פארביטערט אזוי? וואָלסט גע־וואוסט, וויפל עגמת־נפש כ׳האָב דערפון! אירע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט ליכטיגע טרערן, זי האָט מיין קאָפּ צו איר באַק צוגעדריקט — דאָס איז אזוי פיינליך געווען, בעסער וואָלט זי מיר א קלאפּ געגעבן. האָב איך געזאָגט, אז כ׳וועל קיינמאָל מער ניט פארטשעפּען זיי, קיין איין מאָל ניט—זאָל זי נאָר ניט וויינען.

— יאָ, יאָ—האָט זי שטיל געזאָגט—מען דארף ניט שטיפן! אָט וועלן מיר באלד חתונה האָבן, פאָרן קיין מאָסקווע און נאָכ־דעם זיך אומקערן צוריק, וועסטו מיט מיר צוזאמען לעבן. יעווגע־ני וואסיליעוויטש איז זייער א גוטער און א קלוגער, דיר וועט גוט זיין מיט אים. וועסט זיך לערנען אין גימנאזיע, שפּעטער וועסטו

ווערן אַ סטודענט — אָט אַזאַ, ווי ער איז איצט, און נאָך שפּע-טער — אַ דאָקטאָר. וואָס דו ווערסט אַליין ווערן — אַ געלערנטער קען זיין אַלץ, וואָס ער וויל אַליין נאָר. נו און איצט גיי, שפּאַציר זיך דורך...

אָט די דאָזיגע „שפּעטער׳ס", וועלכע זי האָט אַזוי צונויפגע-לייגט איינעם אויפן צווייטן, האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי אַ לייטער, ערגעץ ווייט און טיף אונטן, ווייט פון איר אין אַ פינס-טערניש, אין אַן איינזאַמקייט — ווייניק נחת האָב איך פון אַזאַ לייטער געהאַט. און ס׳האָט זיך זעער געוואָלט זאָגן דער מאַמען:

— האָב ניט חתונה, כ׳בעט דיך, כ׳וועל דיך אַליין מפרנס זיין!

האָב איך דאָס אָבער ניט אַרויסגעזאָגט. די מאַמע פלעגט תמיד דערוועקן אין מיר צאַרטע געדאַנקען וועגן איר, אָבער אַרויס-זאָגן די געדאַנקען האָב איך קיינמאָל ניט געפועלט ביי זיך.

אין סאָד האָט מיר מיין אַרבעט גוט אָפּגעגאָלטן: כ׳האָב אויסגעריסן און אויסגעהאַקט מיט אַ קאָסע די דערנער, האָב ביי די זייטן פון דער גרוב, וואו די ערד האָט זיך אַרומגעשאָטן, מיט שטיקלעך ציגל אויסגעלייגט און אויסגעבויט פון זיי אַ ברייטן געזעס — מ׳האָט אויף אים אַפילו ליגן געקענט. צונויפגעקליבן אַ סך פאַרביקע גלעזלעך און שטיקלעך געפּעס, אַריינגעקלעפּט זיי מיט ליים אין די שפּאַלטן צווישן די ציגל און בשעת די זון פלעגט אין גרוב אַריינלייכטן, פלעגט זיך אַלץ פילפאַרביג צעפלאַקערן, ווי אין קלויסטער.

— אַ שיין שטיקל אַרבעט — האָט איינמאָל דער זיידע געזאָגט, באַטראַכטנדיק מיין מלאכה. — אָבער די דערנער וועלן דיך פאַרמאַטערן, האָסט דאָך די וואָרצלען געלאָזן! ווייז, לאָמיך גאָר איבערגראָבן די ערד מיטן רידל, גיי, ברענג!

כ׳האָב געבראַכט דעם אייזערנעם רידל, ער האָט אַ שפּיי גע-טאָן אין די הענט און גענומען טיף אַריינשטאָפּן דעם רידל, אין די פעטע ערד.

— וואַרף אַרויס די וואָרצלען, שפּעטער וועל איך דיר דאָ פאַרזעצן מאַלווע און זונבלומען, ס׳וועט גוט זיין! גוט...

און פלוצלונג, זיך פאַרבויגנדיג צום רידל, איז ער אַנט־שוויגן געוואָרן, ווי אָפּגענומען. קוק איך זיך צו צו אים—זעה איך, פון זיינע קליינע, ווי ביי אַ הונט קלוגע אויגן גיסן זיך און פאַלן אויף דר׳ערד קליינינקע טרערן.

— וואָס ווײנסטו?

טוט ער זיך אַ כאַפּ, ווישט אויס מיטן האַנט דעם פּנים און קוקט עפּעס מוטנע אויף מיך.

— פאַרשוויצט געוואָרן! זעה נאָר, וויפיל ווערים!

נאָכהער ווידער גענו׳מען גראָבן די ערד און פלוצלונג גע־זאָגט:

— אומזיסט-אומנישט עס אָנגעבויט אַלץ! אומזיסט, ברודערי די שטוב—אָט פאַרקויף איך דאָך אינגיכן. סוף זומער, משמעות; כ׳דאַרף געלט קריגן, פאַר דער מאַמען אויף נדן. אָט וואָס. זאָל זי כאָטש אַ גוט לעבן האָבן, גאָט זאָל זיך מרחם זיין...

ער טוט אַ וואָרף דעם רידל, אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק הינטערן באָד, אין עק גאָרטן, וואו ס׳זיינען ביי אים די ספּעקטעס געוועזן. איך האָב זיך גענומען גראָבן די ערד, אָבער גלייך זיך מיטן רידל אַ פינגער אויפן פוס צעקאַליעטשעט.

דאָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן, די מאַמען צו דער חופּה פירן. כ׳האָב נאָר געקענט אַרויסגיין אין טויער און האָב געזעהן, ווי זי איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געגאַנגען געאַרימט מיט מאַק־סימאָוון און פאָרזיכטיג געשטעלט אַ טריט נאָך אַ טריט איבערן ציגלנעם טראָטואַר און איבער די גרינע גרעזלעך, וואָס האָבן זיך אַ דורכגעשלאָגן פון זיינע שפּאַלטן, פונקט ווי זי וואָלט געטראָטן אויף שפּיציגע, שאַרפע נעגל. די חתונה איז געווען אַ שטילע. געקומען פון קלויסטער, האָט מען אומעטיג טיי געטרונקען; די מאַמע האָט זיך גלייך איבערגעטאָן און אַוועק צו זיך אין שלאָף. צימער אויפפּאַקן די זאַכן; דער שטיף־טאַטע האָט זיך געזעצט לעבן מיר און געזאָגט:

— כ׳האָב דיר צוגעזאָגט אַ מתּנה פאַרב־קרייטלעך געבן, זיינען אָבער דאָ אין שטאָט קיין גוטע ניטאָ, און מיינע אייגע־

נע קען איך דיר ניט אַוועקגעבן, וועל איך דיר שוין בעסער פון מאָסקווע צושיקן...

— און וואָס וועל איך טאָן מיט זיי?

— האָסט ניט ליב צו צייכענען?

— כ'קען ניט.

— נו, וועל איך דיר עפּעס אַן אַנדער זאַך צושיקן.

ס'איז צוגעגאַנגען די מאַמע.

— אָט גאָר אײַנגיכן וועלן מיר דאָך צוריקקומען. דער פאָטער וועט נאָר דעם עקזאַמען אָפּגעבן, וועט |פאַרענדיקן צו לערנען זיך, קומען מיר גלײַך צוריק...

ס'איז מיר אָנגענעם געווען, וואָס זיי ריידן מיט מיר, ווי מיט אַ גרויסן, נאָר ס'איז עפּעס מאָדנע געווען צו הערן, אַז אַ מענטש מיט אַ באָרד זאָל זיך נאָך לערנען. פרעג איך:

— וואָס לערנסטו?

— לאַנד מעסטן.

כ'האָב זיך געפוילט צו פרעגן, וואָס פאַר אַן ארבעט אַזוי־נע איז דאָס. דאָס הויז איז עפּעס פול געוואָרן מיט אַן אומעטי־גער שטילקייט, מיט עפּעס אַ שטילן גערויש, ווי פון וואָלנס; און ס'האָט זיך געוועלט, ס'זאָל וואָס גיכער די נאַכט קומען. דער זיידע איז געשטאַנען מיט די אַקסלען צום אויוון צוגעדריקט און געקוקט דורכן פענסטער מיט פאַרזשמורעטע אויגן. די גרינע זקנה האָט געהאָלפן דער מאַמען זיך אײַנפּאַקן, געבורטשעט, געקרעכצט; און דער באָבען, פון האלבן טאָג אָן אַ שכורע, האָט מען פאַר הרפה אויפן בוידים אַוועקגעפירט און פאַרשלאָסן דאָרטן.

די מאַמע איז אָפּגעפאָרן דעם צווייטן טאָג אויפן פרימאָרגן. זי האָט מיך אַרומגענומען צום געזעגענען זיך, לייכט אויפגעהויבן פון דר'ערד, אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן מיט עפּעס אַ פרעמדן בליק, אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— נו, זיי געזונט...

— זאָג אים, ער זאָל מיר פאָלגן — האָט בײַז אַרויסגע־מורמלט דער זיידע, קוקנדיק אויפן נאָך ראָזן הימל.

— פאָלג דעם זיידן—זאָגט די מאַמע און צלמט מיך איבער.

כ׳האָב געוואַרט, אַז זי וועט עפּעס אַנדערש־וואָס זאָגן און בין אין כעס געוואָרן אויפן זיידן — ער האָט איר געשטערט, האָט זיך מיר געדוכט.

אָט זעצן זיי זיך אַריין אין דראָנזשקע. די מאַמע טשע־פּעט אָפּ אַ מגעדולדיג און אָנגעברוגזט דעם ברעג פון קלייד, וועלכער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן וואָס.

— העלף, זעהסט דען ניט? — זאָגט דער זיידע. —

כ׳האָב אָבער ניט געפאָלגט, פאַרזונקען אין טיפער עצבות.

מאַקסימאָוו האָט געדולדיג איינגעשטעלט אין דראָנזשקע זיי־נע לאַנגע פיס אין די ענגע בלויע הויזן, די באָבע האָט אים גע־שטופּט אין די הענט אַריין פאַרשיידענע פּעקלעך, ער האָט זיי צונויפגעלייגט אויף די קני, אונטערגעהאַלטן מיטן גאָמבע, גע־קנייטשט ציטערנדיג זיין בלייכע געזיכט און געצויגן פון צווישן די ליפּן:

— גע—נו—ו—ג...

אין די צווייטע דראָנזשקע האָט זיך אַריינגעזעצט די גרינע זקנה מיט איר עלטערן זון אַן אָפיציר; זי איז געזעסן, ווי אַן אויסגעמאָלטע, און ער האָט זיך געקאַמט די באָרד מיטן הענטל פון זיין שווערד און געגענעצט.

— הייסט עס — איר גייט אויף מלחמה? — פרעגט דער זיידע.

— זיכער!

— אַ וואוילע זאַך. דער טערק איז ווערט מ׳זאָל אים שלאָגן...

אַוועקגעפאָרן. די מאַמע האָט זיך עטליכע מאָל אומגעקערט, געפאָכט מיטן נאָזטיכל. די באָבע, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אָן דער וואַנט פון הויז, האָט אויך געטרייסלט מיט דער האַנט אין דער לופטן, זיך באַוואַשנדיג מיט טרערן; דער זיידע האָט אַרויס־געדריקט מיט די פינגער טרערן פון די אויגן און געבורטשעט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— ס׳וועט דאָ קיין גוטס... ניט ארויס... ס׳וועט ניט אַרויס...

איך בין געזעסן אויף דער טומבע און געקוקט, ווי די דראָנזשקעס שפּרינגען אונטער איבערן ברוק — אָט האָבן זיי זיך

פאַרקערעוועט איבערן ראָג, און אין האַרצן האָט זיך עפּעס שטייף פאַרמאַכט, פאַרהאַקט.

ס׳איז נאָך פּרי. די פענסטער פון די הייזער זיינען נאָך פאַרמאַכט מיט די לאָדנס, די גאַס איז פאַרזונקען אין אַן איינזאַמקייט — כ׳האָב זי קיינמאָל אַזוי טויט־שטיל ניט געזעהן. פון ווייטן דערטראָגט זיך אַ פאַרעקשנטער פייפן פון אַ פאַסטוך.

— קום טיי טרינקען — זאָגט דער זיידע און נעמט מיך אַרום פאַר די אַקסלען. — ווייזט אויס — דיין מזל איז שוין אַזאַ, צו לעבן ביי מיר. וועסט זיך טאַקע רייבן אַזוי אָן מיר, ווי אַ שוועבעלע אָן אַ ציגל.

פון פרימאָרגן ביז שפּעט פלעגן מיר זיך מיט אים שווייגנדיג אַרומדרייען אין סאָד. ער גראָבט פונאַנדער די בייטן, בינדט אונטער די מאַלינע־צווייגן, נעמט אַראָפּ פון די עפּל־ביימער די פלעכטן, ראַמט אַרויס די רויפן און איך האַלט אין איין בויען און באַפּוצן מיין וואוינונג. דער זיידע האָט אָפּגעהאַקט דעם שפּיץ פון אַן אָפּגעשרפּעטער קלעצל, אַריינגעשטעקט אין דר׳ערד פלעקלעך, און איך האָב אויף זיי פונאַנדערגעהאַנגען שטייגלעך מיט פייגלען, האָב צונויפגעפלאָכטן פון טרוקענע דערנער אַ געדיכטע צוים, געמאַכט איבערן געזעס אַן אויבערדעכל קעגן דער זון און דעם טוי — און ס׳איז ביי מיר גאָר וואויל געוואָרן.

זאָגט דער זיידע:

— זייער גוט, וואָס דו געוואוינסט זיך צו אַליין זיך ווי וויית מעגליך בעסער איינצוואָרדענען.

פון זיינע ווערטער האָב איך גריילִיך געהאַלטן. ס׳פלעגט טרעפן, ער לייגט זיך אויפן געזעס, וועלכן כ׳האָב באַדעקט מיט ווייכער גראָז, און נעמט זיך פאַמעליך, קוים וואָס ער רעדט די ווערטער אַרויס, מיך לערנען, ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

— איצט ביסטו פון דער מאַמען אַן אָפּגעשניטענער אבר, אַנדערע קינדער וועט זי האָבן, וועלן זיי איר נעהענטער זיין, ווי דו. אָט די באָבע האָט שוין שכורן גענומען.

ער ווערט אַנטשוויגן אויף לאַנג, פּונקט ווי ער וואָלט זיך

צו וואָס צוגעהערט, און הייבט אָן ווידער, ווי ניט ווילנדיג, וואַרפן האַרטע ווערטער:

— שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי זי פאַרשכורט זיך — ווען מיכאַילען איז אויסגעקומען פאַר אַ סאָלדאַט אַוועקצוגיין — האָט זי זיך אויך אין שכרות אַריינגעלאָזן. איינגערעדט מיך, די אַלטע בהמה, אַ רעקרוטן-בילעט אים צו קויפן. אפשר וואָלט ער, אַ סאָל-דאַט זייענדיג, אַן אַנדערער געוואָרן. עך, איר... און איך וועל שטאַרבן באַלד. וועסטו בלייבן אַליין, הייסט עס, איינער-אַליין, פאַרזיך, אַליין מוזן אַ לעבן מאַכן — פאַרשטייסט? נו, אַט, הער: לערן זיך אַליין פאַר זיך דיין ברויט צו פאַרהאָרעוען, און קיי-נעם זאָלסטו זיך ניט אונטערגעבן! רואיג לעב, שטיל, אָבער בויג זיך ניט! הער אויס אַלעמען, אָבער טו, ווי דיר געפעלט...

אַ גאַנץ זומער, אויסער, נאַטירליך, ביי שלעכטע וועטערן, האָב איך אין סאָד דורכגעלעבט, אין וואַרימע נעכט אפילו גע-שלאָפן דאָרטן אויף אַ קאָלדרע, אַ מתנה פון דער באָבען. אָפטמאָל פלעגט אויך די באָבע אַליין נעכטיגן אין סאָד. געבראַכט אַ קופּע היי, פונאַנדערגעוואָרפן אַרום מיין געלעגער, לייגט זי זיך און נעמט לאַנג, לאַנג דערציילן וועגן עפּעס, איבעררייסנדיג די מעשה מיט אומדערוואַרטע באַמערקונגען:

— זעה, אַ שטערן אַראָפּגעפאַלן! אַ נשמהלע אַ ריינע האָט זיך עס נאָך דער ערד פאַרבענקט, זיך אָן דער מוטער-ערד דער-מאָנט! אַ סימן — ערגעץ-וואו אין דער רגע אַ גוטער מענטש געבאָרן געוואָרן.

אָדער פלעגט מיר ווייזן:

— אַ נייער שטערן אויפגעגאַנגען, זעה נאָר! ס'אַרא שיינענ-דיגער! אָך דו הימל-הימעלע, גאָטס מלכות-קיטל ליכטיגער!...

דער זיידע פלעגט בורטשענען:

— איר וועט זיך צו קילן, נאַראָנים, וואָס איר זייט, קראַנק ווערן, אָדער גאָר עפּעס אַ ניט גוטער וועט אייך צוכאַפּן. גנבים וועלן קומען, דערשטיקן אייך...

טרעפט — ס'גייט-אויף די זון, צעגיסן זיך איבערן הימל פייערדיגע טייכן, ברענען אויס און ס'פאַלט און צעשפּרייט זיך

איבערן סאמעט-ווייכן גראָז פון סאָד א גאָלדן-רויטער אש; דערנאָך ווערט ארום אלץ טונקעלער און טונקעלער, דער חושך צעשפרייט זיך געדיכטער ארום און אלץ ווערט באגאָסן מיט א וואַרימער פינסטערניש; אָנגעזעטיגט מיט זונען ליכט, לאָזן זיך בלעטער אראָפּ, גראָזן בויגן זיך צו דר'ערד-צו איין, אלץ ווערט ווייך און פרעכטיג, שטיל צעגיסן זיך טויזנטער ריחות, צאַרטע, ווי מוזיק — און די מוזיק שווימט פון ווייטן, פון פעלד; דוכט זיך, מען שפּילט „זאָרעס" אין לאגערן. נאכט גייט און ס'גיסט זיך אריין מיט איר צוזאמען אין ברוסט עפּעס אזוינס, וואָס איז שטארק און זאפטיג, ווי א מאמעס ליבע צערטליכקייט; צאַרט גלעט די שטילקייט דאָס הארץ מיט איר ווארימער, ווייכער האנט און ס'ווערט אָפּגעמעקט פון זכרון אלץ, וואָס דארף פארגעסן ווערן — דער גאנצער ביטערער און קליינליכער שטויב פונם טאָג.

ס'ארא מחיה ס'איז צו ליגן אזוי מיטן פּנים ארויף און נאָכשפּירן, ווי ס'צינדן זיך אָן די שטערן, אומענדליך פארטיפנדיג דעם הימל! אָט די טיפעניש פארשפּרייט זיך אלץ ווייטער, דעקט-אויף אלץ נייע און נייע שטערנדלעך, הייבט דיך אויף פון דר'ערד און — מאָדנע עפּעס — אזוי ווי די ערד וואָלט זיך ביז צו דיר צו פארמינערט אָדער, פארקערט, האָסט אליין זיך וואונדערליך פונאנדערגעוואקסן, פונאנדערגעשפּרייט און ווערסט צעשמאָלצן, צעגויפגעגאָסן מיט אלץ, וואָס ארום. ס'ווערט טונקעלער, שטילער, נאָר אומעטום זיינען, ניט צום זעהן, אָנגעצויגן סטרונעס, און יעדער קלאנג — מעג עס א פויגל אין שלאָף א זינג טאָן, מעג עס א שטעכלער ערגעץ דורכלויפן אָדער שטיל א מענטשליך קול זיך אדורכטראָגן — אלץ קלינגט אָפּ עפּעס אומגעוויינליך, גאָר אנדערש ווי ביי טאָג, מיט ליבע פארשטארקט פון דער וואכזאמער שטילקייט.

אַ האַרמאָניקע האָט אַ שפּיל געטאָן, אַדורכגעפלויגן אַ פרויען-געלעכטער, אַ שווערד האָט אַ קלונג געטאָן איבערן ציגל פון טראָטואַר, אַ הונט האָט אַ ביל געטאָן — ס'איז איבעריג אַלץ; ס'פאַלן די לעצטע שטראַלן פון אָפּבליהענדיגן טאָג.

[illegible] ביינאַכט, דערטראָגט זיך פון פעלד, פון גאַס אַ

שכורער געשריי, עמיץ לויפט מיט שווערע טריט—איז מען דערצו געוואוינט געווען און ס׳האָט קיינעם ניט געאַרט.

די באָבע קען לאַנג ניט אַנשלאָפן ווערן, ליגט, די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ, דערציילט וואָס אין שטילער אויפרעגונג און קימערט זיך גאָרניט, ווייזט אויס, צי כ׳הער, צי כ׳הער ניט. און תּמיד פלעגט זיך איר איינגעבן אויסקלייבן אַזא מעשה, וועלכע האָט געמאכט די נאַכט נאָך באַדייטנדספולער, נאָך פאַרביגער.

אונטער אירע מאָנאָטאָנע רייד שלאָף איך אומבאַמערקט איין און כ׳שטיי אויף ערשט מיט די פייגעלעך. גלייך אין פּנים אַריין קוקט מיר די זון, דערוואַרימענדיג זיך שטראָמט שטיל די פרימאָרגן-לופט, די בלעטער פון די עפּלבוימער טרייסלען אָפּ דעם טוי פון זיך, די נאַסע, גרינע גראָז שיינט אַלץ העלער, באַקומט אַ קריסטאָל-ריינע דורכזיכטיקייט און אַדינע פאַרע הייבט זיך אויף פון איר. אויפן בלויליכן הימל וואַקסט אַ פעכער פון זונענשטראַלן, דער הימל ווערט נאָך בלויער. הויך, ניט צו דערזעהן, טרילערט אַ זינגפויגל, און אַלע פאַרבן און קלאַנגען דרינגען, ווי טוי, אַריין אין האַרצן, רופן אַרויס אַ שטילע פרייד, דערוועקן אַ חשק וואָס גיכער אויפצושטיין, טאָן עפּעס און לעבן אין שלום און פריינדשאַפט מיט אַלץ, וואָס לעבט אַרום.

דאָס איז געווען די סאַמע שטילע אַיינדריקספולע צייט אין מיין גאַנצן לעבן; אָט אין דעם זומער טאַקע איז ביי מיר געבאָרן און פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געפיל פון זיכערן גלויבן אין מיינע כּוחות. כ׳בין פאַרגרעבט, פאַרפרעמדט פון מענטשן געוואָרן: געהערט די קולות פון אָווסיאַניקאָווס קינדער, ס׳האָט מיך אָבער ניט צוגעצויגן צו זיי; און אַז די שוועסטערקינדער פלעגן קומען, האָט עס מיך לחלוטן ניט געפרייט און נאָר דערוועקט אַ מורא, טאָמער צעשטערן זיי מיינע בנינים אין סאָד—מיין ערשטע זעלבשטענדיגע אַרבעט.

ס׳האָבן מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן אויך דעם זיידנס רייד, וועלכע זיינען אַלץ טרוקענער געוואָרן, זיפצעדיגער און קרעכצעדיגער. ער האָט זיך גענומען אָפט מיט דער באָבען קריגן, פון שטוב איר געטריבן, פלעגט זי אַוועקגיין אַמאָל צום פעטער

יאַקאָוו, אַמאָל צו מיכאַאילן. פלעגט טרעפן, זי קערט זיך ניט אום אַהיים עטליכע טעג כסדר, נעמט דער זיידע אַליין קאָכן, בריט זיך אָפּ, זידלט זיך, שילט מיט טויטע קללות, ברעכט די געפעס און ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער זשעדנע.

אמאָל, קומענדיג צו מיר אין מיין בנין, זעצט ער זיך באַקוועם אַוועק אויפן גראָז, קוקט מיך אָן לאַנג, שווייגעדיגערהייט און פרעגט פלוצלונג:

— וואָס שווייגסטו?

— אַזוי, וואָסי?

הייבט ער אָן מיט זיין מוסר:

— מיר — זיינען ניט קיין פריצים. מיר האָבן ניט, ווער ס'זאָל אונז לערנען. מיר דארפן אלץ אליין פארשטיין. אָט פאַר אנדערע, דאָרטן, זיינען ביכער אָנגעשריבן, שולן געבויט און פאר אונז האָט גאָרניט געקלעקט. אלץ נעם אליין...

און פארקלערט זיך, ווערט פארגליווערט אומבאוועגליך, שטום, כמעט שוידערליך.

אין הארבסט האָט ער די שטוב פארקויפט. קורץ פאר דעם, האָט ער איינמאָל, ביים פרישטיק, אנטשלאָסן און בייז געמעלדעט דער באָבען:

— נו, מאטושקא, כ'האָב דיך מפרנס געווען, מפרנס געווען —גענוג! פארדין זיך אליין דיין ברויט.

די באָבע האָט זיך באצויגן דערצו גאנץ רואיג, ווי זי וואָלט שוין פון לאנג געוואוסט, אז דאָס מוז אמאָל קומען, און געריכט זיך אויף דעם. זי האָט אָן איילעניש ארויסגענומען די טאבאק-פושקע, אָנגעלאָדן איר שוואָמיגע נאָז און געזאָגט:

— נו, מילא! אויב אזוי—איז אזוי!

דער זיידע האָט געדונגען צוויי פינסטערע צימערלעך אין א קעלער פון אן אלטן הויז אין טאָל אונטערן בארג. פארן אריבערפאָרן פון דירה, האָט די באָבע גענומען אן אלטע לאַפּטשע אויף א לאנגן שניר, פארוואָרפן זי אין קאטוך אונטערן אויוון און זיך אראָפּבויגנדיג ביז דר'ערד אויף די שפיץ פינגער גענומען ארויסרופן דעם „דאָמאָוואָי" (דעם גייסט פון הויז):

— שר פון הויז, גייסט פון דורות — נא דיר א שליטן, פאָר מיט אונז צום נייעם אָרט, צום נייעם גליק...

דערזעהט עס דער זיידע דורכן פענסטער פון הויף אין שרייט:

— איכ'ל דיך שוין פירן אפיקורס'טע! [illegible] מיר בזיונות מאכן...

— אָי, פאָטער, זעה, ס'וועט שלעכטס ארויס — האָט זי ערנסט מתרה געווען; אָבער דער זיידע איז ווילד=בייז געוואָרן און האָט פאַרווערט איר דעם „דאָמאָוואָי" אריבערצופירן.

די מעבל און פארשיידענע זאכן האָט ער דריי טעג אויס=געפארקויפט טאָטערס, אלטווארג-—הענדלער, אָן א סוף ווילד גע=דונגען און געזידלט זיך, און די באָבע האָט געקוקט דורכן פענס-טער און דאָ געוויינט, דאָ געלאכט, פון צייט צו צייט מיט א ניט הויכער שטים א געשריי=טוענדיג:

— שלעפ, ברעך...

מיר זיינען אויך געשטאנען טרערן אין די אויגן, כ'האָב געזשאלעוועט מיין גאָרטן, מיין בנין.

איבערגעפאָרן איז מען אויף צוויי פורן. [illegible] אויף וועל=כער איך בין צווישן אלערליי כלי=בית געזעסן, האָט שרעקליך געטרייסלט, אזוי ווי עמיץ וואָלט געוואָלט מיך אראָפשליידערן פון איר.

און מיט אזא געפיל פון אומאויפהערליכער, ווארפנדיגער טרייסלעניש האָב איך דורכגעלעבט צוויי יאָר, ביז סאמע מיין מאמעס טויט.

די מאַמע האָט זיך צוריקגעקערט באַלד נאָכדעם, ווי דער זיידע האָט זיך באַזעצט אין קעלער, א בלייכע, אַן אויסגעדאַרטע, מיט גוואַלדיג=גרויסע אויגן און מיט אַ ברענענדיגן, פאַרוואונדערטן אָפשיין אין זיי. זי פלעגט זיך צו אַלץ עפעס מאָדנע צוקוקן, ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נאָך ניט געזעהן דעם פאָטער, די מוטער און מיך, צוקוקן זיך און שווייגן; און דער שטיף=טאַטע איז אומ=אויפהערליך אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, שטיל פייפנדיג, צו=הוסטנדיג, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, שפילנדיג מיט די פינגער·

— גאָט אין הימל. ווי שרעקליך דו וואַקסט גיך — האָט מיר געזאָגט די מוטער און צונויפגעדריקט מיט אירע הייסע הענט די באַקן מיינע. אָנגעטאָן איז זי זייער ניט שיין געווען — אין אַ ברייטע, געלע קלייד, אויפגעבלאָזן אויפן בויך.

דער שטיף־פאָטער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— וואָס מאַכסטו, ברודער! ווי גייט עס דיר?

אַ שמעק געטאָן די לופט און געזאָגט:

— איר ווייסט—פייכט דאָ ביי אייך!

ביידע האָבן זיי אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטן לאַנג געלאָפן, פאַרמאַטערט זיך, אַלץ איז אויף זיי צעקנייטשט, אויסגעריבן און קיין זאַך דאַרפן זיי ניט, מערניט זיך צוליינגן און אויסרוען זיך.

אומעטיג טיי געטרונקען, דער זיידע האָט געפרעגט, קוקנ־דיג, ווי דער רעגן פאַרוואַשט דעם פענסטער־גלאָז:

— הייסט עס—אַלץ פאַרברענט געוואָרן?

— אַלץ—האָט פאַרזיכערט מיין שטיף־טאַטע—קוים אַ־בצול געוואָרן... — יאָ אַ פייער איז ניט קיין קלייניקייט.

די מאַמע האָט זיך צוגעדריקט צו דער באָבעס אַקסל און איר עפּעס איינגערוימט אין אויער אַריין—די באָבע האָט פאַר זשמורעט די אויגן, ווי פאַר פייער. ס׳איז געוואָרן אַלץ אומעטיגער

פלוצלונג טוט דער זיידע רוהיג, נאָר מיט גאַל, אַ זאָג:

— און איך האָב געהערט, יעווגעני וואַסיליעוו, הער גנע־דיגער, אַז ס׳איז גאָר קיין שרפה ניט געווען, האָסט פשוט אַלץ אין קאָרטן פאַרשפּילט...

איז געוואָרן שטיל, ווי אין אַ קעלער, נאָר דער סאַמאָוואַר האָט גערוישט און דער רעגן האָט געקלאַפּט איבערן פענסטער־ גלאָז. ענדליך, האָט זיך די מאַמע אָפּגערופן:

— פּאַפּאַשע...

— וואָס? פּאַפּאַשע—ע? — האָט הילכיג אַ געשריי געטאָן דער זיידע — וואָס נאָך? כ׳האָב דיר ניט געזאָגט: צוואַנציג קען פאַר דרייסיג קיין פּאָר ניט זיין? נאַ דיר, אָט האָסטו אים— אָן איידעלער! אַ פריצ׳טע, אַ? וואָס, טאָכטערקע?

האָבן אַלע פיר גענומען שרייען, העכער פון אַלעמען דער

שטיף=טאַטע. איך בין אַרויס אין פּירהויז, זיך געזעצט דאָרט אויף די האָלץ און פאַרגליווערט געוואָרן פון ערשטוינונג: די מאַמע איז פּונקט, ווי מ׳וואָלט זי איבערגעביטן, גאָר ניט די זעלביגע, די פריהערדיגע. אין צימער איז עס ווייניג קאָנטיג געווען, נאָר דאָ, אין דער פינסטערניש, האָט זיך מיר קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי זי איז פריהער געווען.

שפּעטער, כ׳געדענק ניט ווי אַזוי, האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז איך בין שוין אין כאָרמאָוו, אין אַ שטוב, וואו אַלץ איז ניי, ווענט אָן אַבּיכשעס, מיט פּאַקעלעס אין די שפּאַלטן צווישן די קלעצער און אַ סך וואַנצן אין די פּאַקעלעס. די מאַמע מיטן שטיף=טאַטן האָבן געוואוינט אין צוויי צימערן מיט פענסטער צו דער גאַס, און איך מיט דער באָבען — אין קיך מיט איין פענסטער צום דאַך צו. פון הינטער די דעכער האָבן ווי שוואַרצע פייגן געשטעקט אין הימל אַריין די קוימענס פון דער פאַבריק און האָבן אַרויסגעלאָזן אַ געדיכטן, געקרייזלטן רויך; דער ווינטערדיגער ווינט פלעגט צעטראָגן דעם רויך איבערן גאַנצן דאָרף און תמיד איז ביי אונז אין די קאַלטע צימערן געווען דער געדיכטער גערוך פון סמאַלינעס. פרי פאַרטאָג האָט שוין ווי אַ וואָלף געוואויעט דאָס פייפל פון פאַבריק:

כוואָאו, אָאו, אָאו,—או...

ס׳איז זיך גענוג געווען צו שטעלן אויפן באַנק, כדי צו דערזעהן דורך דעם אייבערשטן פענסטער פון איבער די דעכער די טויערן פון פאַבריק, באַלויכטענע מיט לאַמטערנען, פונאַנדערגעפּנטע, ווי אַ שוואַרצע מויל אָן ציינער פון אַן אַלטן שלעפּער— און אין איר קריכט אַ געדיכטער המון קליינע מענטשעלעך. אין האַלבן טאָג לאָזט זיך ווידער הערן דאָס פייפל; שטויסן זיך אָפּ איינער פון דער אַנדערער די שוואַרצע טויערן=ליפּן, עפענען אַ טיפע לאָך, די פאַבריק קערט אויף צוריק מיט איבערגעקייטע מענטשן, ווי אַ שוואַרצער שטראָם ווערן זיי אויפן גאַס אַרויסגעגאָסן, אַ ווייסער, ווייכער ווינט טראָגט זיך אום איבערן גאַס און צעטראָגט און וואַרפט פונאַנדער די מענטשן איבער די הייזער. דער הימל פלעגט זיך זעלטן ווען איבערן דאָרף אַרויסזעהן: פון

טאָג צו טאָג איז איבער די דעכער פֿון די הייזער, איבער די קופּעס שניי, פֿאַרזאַלצן מיט רויך, געהאַנגען אַן אַנדער דאַך, אַ גרויער, אַ פּלאַטשיגער, וואָס האָט דערדריקט דעם כּוח־הדמיון און געבלענדט די אויגן מיט זיין פּיינליכער איינפֿאַרביקייט.

אָוונט־צייט איז, וואַקלענדיק זיך, געהאַנגען איבערן פּאַבּריק אַ מוטנע־רויטער פֿלאַקער, וואָס האָט באַלויכטן די שפּיצן פֿון די קוימענס. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די קוימענס האָבן זיך עס־ביט פֿון דר׳ערד צום הימל גייִהויבן, נאָר זיך צו דר׳ערד פֿון דעם רויכיגן וואָלקן אַראָפּגעלאָזן; אַראָפּגעלאָזן זיך, אָטעמען מיט פֿייער און וואָיען, פּייפֿן. קוקן אויף דאָס אַלץ איז געווען אומגע־הייער איבלדיק, אַ בייזער אומעט האָט גענאָגט דאָס האַרץ. די באָבע האָט אַלע אַרבעטן פֿון אַ דינסט געטאָן — עסן געקאָכט, די דילן געוואַשן, האָלץ געהאַקט, וואַסער געטראָגן, געהאָרעוועט פֿון פֿרי ביז שפּעט און געלייגט זיך שלאָפֿן אַ פֿאַרמאַטערטע, זיפֿצנדיק און קרעכצנדיק. פֿלעגט טרעפֿן, זי פֿאַרטיקט זיך אָפּ מיט אַלץ, טוט אָן דעם קורצן, וואַטענעם יאַק, פֿאַרקאַשערט הויך די קלייד און לאָזט זיך אין שטאָט אַריין:

— אַ קוק־טאָן, ווי דער אַלטער לעבט...

— נעם מיך אויך!

— וועסט דערפֿראָרן ווערן, זעה אַ זאַווערוכע!

און גייט אַוועק פֿאַר זיבן וויאָרסט. איבער אַ פֿאַרוואָרפֿענעם וועג צווישן פֿאַרשנייטע פֿעלדער.

די מאַמע, געל און גרין געוואָרן, איז טראָגעדיק געווען. זי פֿלעגט זיך תּמיד איינדרייען פֿאַר קעלט אין אַ גרויער, צעריסענער שאַל מיט פֿרענז. אַ גרויסע שנאה פֿלעגט דערוועקן אין מיר די דאָזיקע שאַל, וואָס פֿלעגט פֿאַרמיאוסן, פֿאַרדאַרבן, צעקריִמען דעם גרויסן, שלאַנקן קערפּער, כ׳האָב זי פֿיינט געהאַט און אַרומגעריסן די עקלעך פֿון די פֿרענז, פֿיינט געהאַט דאָס הויז, די פֿאַבריק, דעם דאָרף. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין אויסגעטראָטענע וואַלאַקעס, געהוסט, איר העסליך־גרויסער בויך פֿלעגט זיך טרייסלען, אירע גרוי־בלויע אויגן האָבן טרוקן און בייז געגלאַנצט און זיך אָפּט אומבאַוועגליך אָפּגעשטעלט אויף די הוילע

ווענט, ווי צוגעשמידט. אמאָל פלעגט זי שעה'ענווייז אָפּקוקן דורכן פענסטער אויפן גאס; די גאס איז געווען ענליך אויף אן אַסליע, א טייל ציין איז שוין פון אלטקייט שווארץ געוואָרן, אויסגעקרימט זיך, א טייל איז שוין ארויסגעפאלן און ס'זייגען אויף זייער אָרט אומגעלומפּערט אריינגעשטעלט אַנדערע, ניט לויטן ערך גרעסערע.

— נאָך וואָס לעבן מיר דאָ—פלעג איך פרעגן. ענטפערט זי:

— אך, שווייג...

זי האָט מיט מיר ווייניג וואָס גערעדט און אלץ נאָר געהייסן וואָס:

— גיי, דערלאַנג, ברענג...

אויפן גאס האָט מען מיך זעלטן ארויסגעלאָזן, יעדעס מאָל פלעג איך צוריקקומען אהיים א צעמזיקטער פון די ייִנגלעך—שלאָגן זיך איז געווען מיין ליבסטער און איינציגסטער פארגעניגן און כ'פלעג זיך אין אים אריינלאָזן ליידנשאפטליך. די מאמע האָט מיך געשמיסן, אָבער די שטראָף האָט נאָך מיך מער אויפגערייצט, צום צווייטן מאָל פלעג איך זיך שלאָגן מיט די ייִנגלעך נאָך מיט א גרעסערן אימפּעט—און די מאמע פלעגט מיך נאָך שטארקער באשטראָפן. האָב איך איינמאָל איר מתרה געווען, אז אויב זי וועט מיך ניט אויפהערן צו שלאָגן, וועל איך איר צובייסן די האנט, אנטלויפן אין פעלד און דאָרט פארפאָרן ווערן—האָט זי מיך פארוואונדערט אָפּגעשטויסן, דורכגעלאָזן איבערן צימער און געזאָגט, קוים אָפּציענדיג דעם אָטעם פון מידקייט:

— חיה!

דער לעבעדיגער, ציטעריגער קראַנץ פון געפילן, וואָס מ'רופט אים ליבע, האָט אַלץ מער אָפּגעבליט אין מיין נשמה; אַלץ אָפּטער האָבן אויפגעפלאַקערט אין מיר רויִיגע, בלויע פייערלעך פון שנאה צו אַלץ און אַלעמען און אין האַרצן האָט געצאנקט דער געפיל פון שווערער אומצופרידנהייט, פון באַוואוסטזיניגער איינזאַמקייט אין אָט דעם גרויען, פאַרגליווערטן תוהו-ובוהו.

דער שטיף-טאַטע איז געווען שטרענג צו מיר, שווייגעדיג דער מאַמען; ער האָט כסדר געפייפט, געהוסט און נאָך מיטאָג פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן פאַרן שפיגל און לאַנג, זאָרג-

פעלטיג געקאַלופּעט מיט אַ קינעלע אין די קרומע ציין. ער האָט אַלץ אָפּטער גענומען קריגן זיך מיט דער מאַמען און פון כּעס געאירצט איר—דאָס דאָזיגע אירצן פלעגט מיך שרעקליך אויפ־ברענגען. בעת זיי פלעגן זיך קריגן, פלעגט ער תּמיד שטייף פאַר־מאַכן די טיר פון צימער אין קיך: ניט געוואָלט, ווייזט אויס, איך זאָל הערן זיינע דבורים, נאָר איך פלעג זיך פאָרט צוהערן צו זיין פאַרשטיקטער באַס־שטים.

איינמאָל האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס און אַ געשריי געטאָן:

— צוליב אייער נאַרישן בויך קען איך קיינעם אין געסט ניט רופן; קו איינע!

כ'בין נשתּומם געוואָרן. אַ געפּיל פון אַ ווילדער עוולה האָט מיך אַזוי אַ הויב געטאָן פון די נאַרעס, אַז כ'האָב זיך אָפּגעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן באַלקן און זיך שטאַרק ביז בלוט די צונג איינגעביסן.

אַלע שבת פלעגן צום שטיף־טאַטן קומען צענדליגער אַר־בעטער פאַרקויפן זייערע צעטלעך אויף לעבנסמיטל, וואָס זיי האָבן געזאָלט אָפּנעמען אין דער פאַבריק־קראָם. מיט אָט די צעטלעך האָבן זיי זיך אויסגעצאָלט פון די חובות, אָנשטאָט געלט, און דער שטיף־טאַטע פלעגט זיי אָפּהאַנדלען פאַר אַ העלפט־מקח. ער פלעגט אויפנעמען די אַרבעטער אין קיך, זיצנדיג ביים טיש, גרויס ביי זיך, אָנגעבלאָזן. נעמט ער אַ צעטל און זאָגט:

— אָנדערהאַלבן רובל.

— יעווגעני וואַסיל'יעוו, גאָט איז מיט דיר...

— אָנדערהאַלבן רובל.

דער דאָזיגער אומגעלומפּערטער, פאַרהוישכטער לעבן האָט געדויערט ניט לאַנג. איידער די מאַמע האָט זיך געלייגט אין קימפּעט, האָט מען מיך אָפּגעפירט צום זיידן. ער האָט געוואוינט שוין אין קונאַווין אין אַן ענגן צימער מיט אַרוסישן אויוון און צוויי פענסטער צום הויף, אין אַ צוויי־גאָרנדיגן הויז אויף דער פעסטשאַנער גאַס באַרג אַראָפּ צום צוים פון בית־עולם, וואָס ביי דעם נאַפּאָלנער קלויסטער.

— וואָ...אָס—האָט ער געזאָגט, דערזעהענדיג מיך און זיך

מיט אַ קוויטש פונאַנדערגעלאַכט. — די וועלט זאָגט: ניטאָ קיין פריינד קיין בעסערער, ווי אַ מאַמינקע אַן אייגענע, און איצט קומט אויס, משמעות, ניט קיין מאַמינקע קיין אייגענע, נאָר דער זיידע—דער אַלטער שד! עך... איר...

כ'האָב זיך נאָך ניט געהאַט צוגעקוקט צום נייעם אָרט, ווי ס'זיינען געקומען די באָבע און די מאַמע מיטן קינד; דעם שטיפטאַטן האָט מען אַרויסגעטריבן פון פאַבריק דערפאַר, וואָס ער האָט באַריסן די אַרבעטער, איז ער אָבער אונטערגעפאָרן ערגעץ וואו און געקראָגן אַ שטעלע פאַר אַ קאַסירער אויפן וואָקזאַל ביים פאַרקויפן די בילעטן.

זיינען אַריבער נאָך אַ סך איינהאַלטסלאָזע טעג און מ'האָט מיך ווידער אַריבערגעפירט צו דער מאַמען אין קעלער־שטוב פון גרויסן מויער. די מאַמע האָט מיך תיכף אָפּגעגעבן אין שול.—פון ערשטן טאָג אָן האָט די שול אַרויסגערופן אין מיר האַס און עקל.

כ'בין געקומען אַהין אין דער מאַמעס שיך, אין אַ מאַנטל איבערגענייט פון דער באָבעס יאַק, אין אַ געלער בלוזע און לאַנגע הויזן. מ'האָט גלייך גענומען מאַכן חוזק פון מיר און פאַר דער געלער בלוזע האָט מען מיר אַ צונעמעניש געגעבן: „טויזשערל". מיט די יינגלעך בין איך, אמת, באַלד דורכגעקומען, נאָר דער לערער מיטן פּאָפּ האָבן מיך זעהר פיינט געקראָגן. דער לערער איז געווען אַ געלער. אַ פליכעוואַטער. תמיד איז ביי אים פון נאָז בלוט געגאַנגען; קומט ער אין קלאַס. די נאָזלעכער מיט וואַטע פאַרשטעקט, זעצט זיך צום טישל. רעדט אונטערן נאָז, פרעגט אויס די למודים, ווערט פלוצלונג אַנטשוויגן אויפן האַלבן וואָרט, שלעפּט אַרויס די וואַטע פון די נאָזלעכער און באַטראַכט איר, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ. דער פּנים זיינער איז געווען אַ פּלאַטשיגער, אַ קופּערנער, אַ זויערער. אין די קנייטשן איז עפּעס אַ גרינקייט געלעגן און דערהויפּט פאַרמיאוסט זיין פּנים די בלייערנע אויגן. אינגאַנצן איבעריגע. וועלכע פלעגן אַזוי עקלדיג זיך אָנקלעפּן צו מיין געזיכט, אַז ס'פלעגט זיך תמיד וועלן אָפּווישן די באַק מיטן האַנט.

עטליכע טעג בין איך געזעסן אין דער ערשטער אָפּטיילונג,

אויף דער פאָדערשטער באַנק, כמעט האַרט ביים טיש פון לערער, — דאָס איז געווען ניט אויסצודערהאלטן; ס׳האָט זיך געדוכט, קיינעם, אויסער מיר, זעהט ער ניט און די גאַנצע צייט פלעגט ער כסדר אונטערן גאָז טענען:

— פיעסקאָ—אָוו, זאָלסט אָנטאָן אַן אַנדער בלוזע—ע! פיעסקאָ—אָוו, מאַך ניט מיט די פיס! פיעסקאָוו, ווידער ביי דיר פון די שיך אַ לוזשע אָנגערונע ען.

איך פלעג אים דערפאַר צאָלן מיט ווילדע שטיק: איינמאָל האָב איך געקראָגן אַ האַלבן, פאַרפראָרענעם קאַוואָן, אויסגעקאַלופּעט אים און צוגעבונדן אויף אַ שטריקל צום בלאָק פון טיר אין טונקעלן קאָרידאָר. אַז די טיר האָט זיך געעפנט, האָט זיך דער קאַוואָן אַרויפגעהויבן און בשעת דער לערער האָט איר פאַרמאַכט האָט זיך דער קאַוואָן, ווי אַ היטל, אַראָפּגעלאָזן צו אים פונקט אויפן פליך. דער שול-דינער האָט מיך מיט אַ צעטל פון לערער אָפּגעפירט אַהיים און כ׳האָב געכאַפּט פאַר דער מעשה גוטע קלעפּ.

אַ צווייטן מאָל האָב איך אָנגעשאָטן אין זיין טישקעסטל שמעקטאַבאַק — האָט ער זיך אַזוי פונאַנדערגענאָסן, אַז ער האָט געמוזט אַוועקגיין פון קלאַס. אָנשטאָט זיך ט׳ער געשיקט זיין איידים, אַן אָפיציר, וועלכער האָט געצוואונגען צו זינגען „באָזשע צאַריאַ כראַני“ *) און „אַך דו פרייהייט, ליבע פרייהייט“. טאָמער האָט ווער פאלש געזונגען, האָט ער אים געשנעלט מיט דער ליניקע איבערן קאָפּ, און יעדער שנעל איז געווען גאָר באַזונדער קלינגעדיג און קאָמיש, אָבער ס׳האָט גאָרניט וויי געטאָן.

דער לערער פון רעליגיע, אַ שיינער, יונגער, גוט-באַוואַקסענער פּאָפּ, האָט מיך פיינט געקראָגן דערפאַר, וואָס כ׳האָב ניט געהאַט דאָס בוך: „די הייליגע געשיכטע פון אַלטן און נייעם

---

*) „באָזשע צאַריא כראַני“ — גאָט באַהיט דעם קייזער, געוועזענער רוסישער נאַציאָנאַלער הימן.

טעסטאַמענט" און דערפאַר, וואָס כ׳פלעג איבערמישן זיין אופן פון ריידן.

אַריינקומענדיג אין קלאַס, פלעגט ער מיך פריהער פון אַלץ אַ פרעג טאָן:

— פיעשקאָוו, געבראַכט דאָס בוך, צי ניין? יאָ, דאָס בוך? ענטפער איך:

— ניין, ניט געבראַכט. יאָ.

— וואָס־יאָ?

— ניין.

— נו, טאָ גיי אַהיים! יאָ. אַהיים. וואָרים, כ׳קלער באַר מיט דיר ניט צו לערנען. יאָ. כ׳קלער ניט.

קיין גרויס עגמת־נפש האָב איך דערפון ניט געהאַט. איך פלעג אַוועקגיין און ביזן סוף פון די לימודים זיך אַרומשלעפן אי־בער די שמוציגע גאַסן פון פאָרשטאָט, צוקוקנדיג זיך צו איר רוי־שיגן לעבן.

דער פאָפ האָט געהאַט אַ בנעימותדיגן קריסטוס־פנים, פריינד־ליכע אויגן, ווי ביי אַ פרוי, און קליינע הענט, אויך אַזוינע צערט־ליכע צו אַלץ, וואָס פלעגט אין זיי אַריינפאַלן. יעדע זאַך — אַ בוך, אַ ליניייקע, אַ פעדערהעטל — פלעגט ער נעמען מאָדנע גוט, פונקט ווי די זאַך וואָלט געווען אַ לעבעדיגע, אַן איידעלע, פונקט ווי ער וואָלט זי זייער ליב געהאַט און געהיט זיך מיט אַ גראָבער באַרירונג איר קיין בייז ניט צו פאַרשאַפן. צו די קינדער איז ער ניט אַזוי פריינדליך געווען, פונדעסטוועגן האָבן זיי אים ליב געהאַט.

הגם כ׳האָב זיך געלערנט נישקשה, פונדעסטוועגן האָט מען מיר אינגיכן מתרה געווען, אַז מ׳וועט מיך אויסשליסן פון דער שול פאַר מיין שלעכטער אויפפירונג. איז מיר געוואָרן אומעטיג אויפן האַרצן—ס׳האָט געקענט פאַר מיר זיך שלעכט אויסלאָזן; שוין אַזוי אויך איז די מאַמע אַלץ מער פאַרביטערט געוואָרן און אַלץ אָפטער מיך מכבד געווען מיט קלעפּ.

אָבער כ׳בין געהאָלפן געוואָרן,—צו אונז אין שול איז פלוצ־

לונג אַראָפּגעפּאָרן דער יעפּיסקאָפּ כריסאַנף *), לויט ווי, כ׳געדענק, אַ האָרבעוואַטער.

בשעת ער, אַ קליינינקער, אין ברייטע שוואַרצע קליידער, האָט זיך געזעצט ביים טישל, אַרויסגענומען די הענט פון די אַרבל און געזאָגט:

— נו, לאָמיר שמועסן, קינדערלעך מיינע! — איז אין קלאַס גלייך געוואָרן וואַרים, פריילעך, און ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן מיט עפּעס אַזוינס אומבאַקאַנטס און אָנגענעמס.

בשעת ער האָט, נאָך אַ סך אַנדערע, אויסגערופן מיך צום טישל, האָט ער מיך געפרעגט ערנסט:

— ווי אַלט ביסטו, אַ? מער ניט? ס׳אַראַ לאַנגער דו ביסט, בראַטקע, אַ? אָפט אונטער די רעגנס געשטאַנען, מן־הסתם? **)

איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויפן טיש, אַ דאַרינקע מיט לאַנגע שאַרפע נעגל. אין די פינגער פון דער צווייטער האָט ער אַריינגענומען זיין קליין־בערדל, האָט אַריינגעקוקט מיר אין פּנים אַריין מיט זיינע גוטע אויגן און פאָרגעלייגט:

— א, נו, דערצייל מיר עפּעס פון דער הייליגער געשיכטע וואָס עס געפעלט דיר.

אַז איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב קיין בוך ניט און איך לערן ניט קיין הייליגע געשיכטע, האָט ער פאַרריכט זיין קלאָבוק און געפרעגט:

— ס׳טייטש, ווי זשע? מען דאַרף דאָך דאָס לערנען! אפשר

---

*) דער מחבר פון באוואוסטן דריי־באנדיגן ווערק — „די רעליגיעס פון אלטערטום“ און פון דעם ארטיקל — „דער מיצרישער מעטאמפסיכאָז“ און אויך פון דעם פובליציסטישן ארטיקל — „וועגן חתונה און פרויען“. אַט דער ארטיקל, בשעת כ׳האָב אים געלייענט אין מיינע יוגנט־יאָרן, האָט אויף מיך געמאכט א שטארקן רושם. כ׳האָב, דוכט, ניט ריכטיג אָנגערופן דעם נאָמען. געדרוקט געווען ערגעץ אין א טעאָלאָגישן זשורנאל אין די זיבעציגער יארן.

**) מחמת ס׳איז פארלארן געגאנגען א טייל פון ווייטערס איבערזעצונג, איז פון זייט 231 ביז 267 איבערזעצט דורך ז. בערעזאָווסקי (דודיל).

ווייסטו פאָרט עפּעס, אפשר נעהערט? תּהלים קענסטו? דאָס איז גוט! און דאַוונען אויך? נו, זעהסטו! קענסט נאָך אַפילו די לעבנ־באַשרייבונגען פון די הייליגע? און לידער? ביסטו דאָך גאָר ביי מיר א ידען.

עס איז געקומען אונזער פּאָפּ, אַ רויטער, אַ פּאַרסאָפּעטער, דער יעפּיסקאָפּ האָט אים געבענטשט, נאָר אַז דער פּאָפּ האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיר, האט ער אויפגעהויבן די האַנט און געזאָגט:

— וואַרט אַ ווײַלינקע... אַ, נו, דערצייל מיר וועגן אַלעקסייען, גאָטס מענטשן!

— אויסגעצייכנטע לידער, בראַטקע, הא?-האָט ער געזאָגט, אַז איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווייל איך האָב פאַרגעסן איינעם פון די פּערזן.—נו, און נאָך עפּעס? וועגן דוד המלך? גוט, איך וויל זעהר הערן.

איך האָב געזעהען, אַז ער הערט זיך ווירקליך איין און אַז די לידער געפעלן אים. ער האָט מיך לאַנג אויסגעפרעגט, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבען נאָכפרעגן האַסטיג:

— אין שטוב האָט מען דיך געלערענט? ווער האָט געלערענט? אַ גוטהאַרציגער זיידע? אַ שלעכטער? קען דאָס זיין? נו, און דו שטיפסט זעהר שטאַרק?

איך בין אַ ווײַלע געווען אין פאַרלעגנהייט, נאָר איך האָב זיך מודה געווען, אז איך שטיף זעהר פיל. דער לערער מיטן פּאָפּ האָבען דאָס אין אַלע פּרטים באַשטעטיגט. ער האָט זיך איינגעהערט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און דערנאָך האָט ער געזאָגט, אָפּזיפצנדיג:

— אָט וואָס מען דערציילט וועגן דיר, — האָסט געהערט? א, נו, קום צו נעהענטער.

ער האָט מיר אויפן קאָפּ אַרויפגעלייגט זיין האַנט, וואָס פון איר האָט געשמעקט מיט אַ ריח פון קיפּאַריסען־האָלץ, און האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע שטיפסטו אַזוי פיל?

— עס איז לאַנגווייליג זיך צו לערנען.

— לאַנגווייליג? דאָס איז, בראַטקע, ניט אמת. וואָלט דיר געווען לאַנגווייליג זיך צו לערנען, וואָלסטו זיך געלערנט שלעכט, אָבער די לערער זאָגן עדות, אַז דו לערנסט זיך גוט. הייסט דאָס, ס׳איז עפּעס אַן אַנדער זאַך...

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ קליין ביכעל און פאַרשריבען:

— פּיעשקאָוו אַלעקסיי! אַזוי! און פונדעסטוועגן האַלט זיך איין, בראַטקע, שטיף ניט אַזוי פיל. אַביסל מעג מען, אָבער אַ סך פאַרשאַפט מענטשן פאַרדרוס. איך זאָג ריכטיג, קינדער?

אַ סך קולות האָבן זיך פריילעך אָפּגערופן:

— ריכטיג!

— איר אַליין שטיפט דאָך אויך ניט קיין סך?

— ניין, אויך אַ סך! זעהר פיל!...

דער עפּיסקאָפּ האָט זיך אָפּגעבויגן אויף הינטער, האָט מיך צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג, אַזוי אַז אַלע, אַפילו דער לערער מיטן פּאָפּ, האָבן זיך צעלאַכט:

— ס׳אַראַ מאָדנע מעשה, ברידערלעך מיינע, איך בין דאָך אויך אין אייערע יאָרן אַ גרויסער שטיפער געווען? וואָס קאָן דאָס זיין אַזוינס?

די קינדער האָבן געלאַכט, ער האָט אָנגעהויבן אַלעמען צו פאַרהערן און פלאַך פאַרפּלאָנטערן דערביי, אַריינברענגען די קינדער אין וכּוחים צווישן זיך און אַלץ טיפער מאַכן די פריילעכקייט. ענדליך איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— ס׳איז מיר וואויל מיט אייך, שטיפער, נאָר איך דאַרף שוין פאָרן!

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, אָפּגעוואָרפן דעם אַרבל צום פּלייצע און צלמנדיג אַלעמען מיט ברייטע באַוועגונגען, געבענטשט:

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליגן גייסט בענטש איך אייך צו מעשים טובים! זייט געזונט!

אַלע האָבן אויסגעשריען:

— פאָרט געזונט! קומט נאָך אַ מאָל צו אונז!
שאָקלענדיק מיטן קלאָבוק, האָט ער געענטפערט:
— איך וועל קומען, כ׳וועל קומען! איך וועל אייך ביכלעך ברענגען!

און האָט געזאָגט צום לערער, אַרויסשווימענדיק פון קלאַס:
— לאָזט זיי אָפּ אַהיים!

ער האָט מיך פאַרן האַנט אַרויסגעפירט אין פאָרהויז און דאָרטן שטיל געזאָגט, זיך צובויגענדיק צו מיר:
— ווײסט זיך איינהאַלטען, יאָ? איך פאַרשטיי דאָך, פאַר וואָס דו שטיפסט! נו, זיי געזונט, בראַטקע!

איך בין געווען זעהר אויפגערודערט, עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט געזאָטן אין האַרצן, און אַפילו דעם לערער — אַז ער האָט אַלעמען אָפּגעלאָזן אַהיים און מיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײלע און אָנגעהויבן ריידן, אַז איצט דאַרף איך זיך אויפפירן ווי געהעריג און זיין שטיל ווי אַ טויב — האָב איך אויסגעהערט גאַנץ גערן און אויפמערקזאַם.

דער פּאָפּ, אָנטועענדיק דעם פּעלץ, האָט ליבליך געברוישט:
— פון היינט אָן און ווייטער באַדאַרפסטו זיין אויף מיינע לעקציעס! יאָ, דו דאַרפסט, נאָר זיץ אָנשטענדיק! יאָ, אָנשטענדיק!

האָבען זיך פאַרבעסערט מיינע געשעפטן אין שול—האָט אין שטוב פּאַסירט אַ מיאוסע מעשה: איך האָב געגנבעט ביי דער מאַמען אַ רובל. איינמאָל אין אָוונט איז די מאַמע אַוועק ערגעץ־וואוהין און האָט מיך איבערגעלאָזן אין שטוב מיטן קליינעם קינד. פון לאַנגווייליגקייט האָב איך גענומען בלעטערן דעם שטיף־טאַטנס אַ בוך און האָב געפונען דאָרטן צוויי צעהן ־ רובלדיגע און אַ רובל. אין בוך האָב איך גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, האָב איך אים פאַרמאַכט, נאָר מיט אַ מאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז פאַר אַ רובל קאָן מען קויפן ניט נאָר די „הייליגע געשיכטע״, נאָר, מן הסתם, אפילו דעם בוך וועגן ראָבינזאָנען. אַז אַזאַ בוך איז דאָ במציאות, האָב איך זיך ניט לאַנג פאַר דעם דערוואוסט אין שול. אין אַ פראָסטיגען טאָג, בעת דער הפסקה, האָב איך דערציילט

מיינע חברים אַ מעשה; פּלוצלונג האָט איינער פון זיי מיט פאַר־אַכטונג באַמערקט:

— מעשיות איז נאַרישקייטען. אָט, — ראָבינזאָן, דאָס איז ווירקליך אַ געשיכטע.

און עס האָבן זיך נאָך עטליכע ייִנגלעך געפונען, וואָס האָבן געלייענט ראָבינזאָנען, אַלע האָבן דעם בוך געלויבט. איך בין געווען באַליידיגט, וואָס דער באָבעס מעשה איז ניט געפעלן געוואָרן און איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן דורכצולייענען ראָבינזאָנען, איך זאָל אויך קאָנען זאָגן וועגן אים, אַז דאָס איז נאַרישקייטן.

אויף מאָרגן האָב איך געבראַכט אין שול די „הייליגע געשיכטע", צוויי צעשויבערטע ביכלעך פון אַנדערסענס מעשהלעך, דריי פונט ווייס־ברויט און אַ פונט וואורשט. אין דעם טונקעלן קליינינקן קרעמל ביי דעם וולאַדימירער קלויסטער איז געווען אויך אַ ראָבינזאָן—אַ מאָגער ביכל אין אַ געלער הילע און אויפן ערשטן זייטל איז געווען אויסגעמאָלט אַ מענטש מיט אַ באָרד אין אַ פוטערנעם היטל און מיט אַ חיהשער פעל אויף די אַקסלען — דאָס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, אָבער די מעשהלעך האָבן אַפילו פון דרויסן אויסגעזעהען ליב, הגם זיי זיינען געווען צע־שויבערט.

בעת דער גרויסער הפסקה האָב איך זיך צעטיילט מיט די ייִנגלעך דאָס ברויט און וואורשט און מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען די וואונדערליכע מעשהלע „דער סאָלאָוויי", — פון די ערשטע ווערטער אָן האָט זי אַלעמען פאַרכאַפּט פאַרן האַרצן.

„אין כינע זיינען אַלע איינוואוינער — כינעזער און דער קעניג אַליין—אויך אַ כינעזער", — איך געדענק, ווי אָנגענעם עס האָט מיך פאַרוואונדערט אָט דער זאַץ מיט זיין איינפאַכער, פריילעך־שמייכלענדיקער מוזיקע און מיט נאָך עפּעס, וואָס איז וואונדערליך גוט.

איך האָב אין שול ניט באַוויזן דורכצולייענען די מעשהלע ביזן סוף — עס איז קיין צייט ניט געווען; און אַז איך בין גע־קומען אַהיים, איז די מאַמע געשטאַנען ביים אייווען מיט אַ סקאַ־

וואַראָדניק אין האַנט און געבאַקט אַ פֿיינקוכען און האָט מיר אַ פרעג געטאָן מיט אַ מאָדנער, פאַרלאָשענער שטים:

— דו האָסט גענומען דעם רובל?

— איך; אָט זיינען די ביכער..״

האָט זי מיך זעהר פלייסיג אָנגעשלאָגן מיטן סקאַוואַראָד־ניק, אַנדערסענס ביכער צוגענומען און באַהאַלטן — דאָס לעצטע איז געווען אַ סך ערגער ווי די קלעפּ.

עטליכע טעג בין איך ניט געגאַנגען אין שול. פאַר דער צייט האָט דער שטיף־טאַטע דערציילט, מן הסתם, מיין העלדנ־טאַט זיינע קאָלעגן, יענע האָבען איבערדערציילט זייערע קינדער, איינער פון זיי האָט געבראַכט די בייס אין שול און אַז איך בין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען לערנען, האָט מען מיך באַגעגנט מיט אַ נייעם צונעמעניש — גנב! קורץ און שאַרף, אָבער ניט ריכ־טיג: איך האָב דאָך ניט באַהאַלטן, אַז איך האָב גענומען דעם רובל. האָב איך דאָס געפּרובט דערקלערן, נאָר מען האָט מיר ניט געגלויבט, בין איך אַוועק אַהיים און געזאָגט דער מאַמען, אַז מער אין שול וועל איך ניט גיין.

זי איז געזעסן ביים פענסטער, ווידער אַ מעוברתטע, מיט משוגענע, צעפּייניגטע אויגן, געזויגט דעם ברודערל סאַשאַ און געקוקט אויף מיר מיט אַן אָפענעם מויל, ווי אַ פיש.

— דו זאָגסט ליגן, — האָט זי שטיל געזאָגט — קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז דו האָסט געקאָנט נעמען דעם רובל.

— גיי, פרעג!

— דו האָסט דאָס אַליין אויסגעבאָלבעט. נו זאָג — אַליין? געדענק, איך וועל זיך מאָרגן דערוויסן, ווער עס האָט דאָס דער־ציילט אין שול.

איך האָב אָנגערופען דעם ייִנגל. איר פּנים האָט זיך רחמנותדיג צונויפגעקנייטשט און אָנגעהויבען זיך שמעלצן מיט טרערן.

איך בין אַוועק אין קיך, זיך געלייגט אויף מיין געלעגער, הינטערן אויוון אויף קאַסטנס, בין געלעגן און געהערט, ווי עס וואָיעט די מאַמע אין צימער שטילערהייט:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער...

איך האָב מער קיין געדולד ניט געהאַט צו ליגן דאָ אין עקלהאַפטיגן ריח פון די אָנגעוואָרימטע, אין פעטס פאַרשמיר־טע שמאַטעס, בין איך אויפגעשטאַנען און געוועלט ארויסגיין אויפן הויף, נאָר די מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואוהין? וואוהין גייסטו? קום אַהער!

דערנאָך זיינען מיר געזעסן אויף דער ערד, טאַטע איז געלעגן אויף דער מאַמעס שויס, געכאַפּט די קנעפּלעך פון איר קלייד, בוקנדיג זיך, און גערעדט:

— פעפּעלע, — דאָס פלעגט הייסן: קנעפּעלע.

איך בין געזעסן צוגעטוליעט צו דער מאַמעס זייט, זי האָט מיך אַרומגענומען און געטענהט:

— מיר זיינען אָרים, ביי אונז איז יעדע קאָפּיקע, יעדע קאָפּיקע...

און פלעגט ניט דעררעדן עפּיס און צודריקן מיך צו זיך מיט איר הייסער האַנט.

— ס'אַרא פאַסקודניק... אַ פאַסקודניק — האָט זי פלוצלונג אַרויסגעזאָגט די ווערטער, וואָס איך האָב שוין אַמאָל פון איר געהערט.

סאַשאַ האָט איבערגעחזרט:

— אוניק!

אַ מאָדנע קינד איז דאָס געווען. אַן אומגעלומפּערטער, מיט אַ גרויסן קאָפּ, האָט ער געקוקט אויף אַלץ אַרום מיט פּראַכטי־גע בלויע אויגן, מיט אַ שטילן שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט וואַרטן אויף עפּיס. ריידן האָט ער אָנגעהויבן ניט־געוויינליך פרי, האָט קיינמאָל ניט געוויינט און געלעבט כסדר אין אַ צושטאַנד פון רוהיגער פרייד. ער איז געווען שוואַך, האָט קוים געפּויזעט און פלעגט זיך זעהר פרייען, אַז ער פלעגט מיך דערזעהן, זיך בעטן צו מיר אויף די הענט און האָט ליב געהאַט צו רייבן מיינע אויערן מיט זיינע קליינינקע ווייכע פינגער, וואָס פון זיי האָט, איך ווייס ניט פאַרוואָס, געשמעקט מיט פיאַלקעס. ער איז גע־שטאָרבן אומגעריכט, ניט קראַנק געווען פריהער, נאָך אין דער

פריה איז ער געווען פרייליך, ווי שטענדיג, און אין אָוונט, אַז מען האָט געקלונגען צו דער אָוונט=תּפילה, איז ער שוין געלעגן אויפן טיש. פּאַסירט האָט דאָס אינגיכן נאָך דעם, אַז די מאַמע האָט געהאַט דעם צווייטן קינד ניקאָלאַיען.

די מאַמע האָט געטאָן ווי זי האָט צוגעזאָגט; אין שול האָב איך זיך אויפסניי גוט איינגעאָרדענט, נאָר עס האָט מיך ווידער אַוואָרף=געטאָן צום זיידן.

איינמאָל אין אָוונט, בעתן טיי=טרינקען, אַז איך בין אַריין פון דרויסן אין קיך, האָב איך דערהערט, ווי די מאַמע שרייט מיט פּיין:

— יעווגעני, איך בעט דיך, איך בעט דיך...

— נאַרישקייטן! — האָט געענטפערט דער שטיף=טאַטע

— אָבער איך ווייס דאָך — דו גייסט צו איר!

— נו?

אַ פּאָר סעקונדן האָבן זיי ביידע געשוויגן. די מאַמע האָט זיך פאַרהוסט און געזאָגט:

— ס'אַראַ פּאַסקודניק דו ביסט, ס'אַראַ רשע...

איך האָב דערהערט, ווי ער האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן, בין איך אַריינגעשפּרונגען אין צימער און האָב דערזעהן, ווי די מאַמע ליגט געפאַלן אויף די קני, אָנגעשפּאַרט מיטן פּלייצע און מיט די איילנבויגנס אין שטול, די ברוסט אויסגעבויגן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, זי כריפּעט און בליצט שרעקליך מיט די אויגן, און ער, ריין געקליידט, אין אַ נייעם מונדיר, שלאָגט זי אין ברוסט אַריין מיט זיין לאַנגער פוס. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן פון טיש דעם מעסער מיטן באַזילבערטן ביינענעם הענטל — מיט אים פלעגט מען שניידן ברויט און דאָס איז געווען דאָס איינציגע, וואָס איז ביי דער מאַמען איבערגעבליבן פון מיין פאָטער — געכאַפּט דעם מעסער און מיטן גאַנצן כּוח אַ שלאָג געטאָן דעם שטיף=טאַטן אין זייט.

צום גליק האָט די מאַמע באַוויזן אָפּצושטופּן מאַקסימאָוון, דער מעסער איז דורכגעגאַנגען פאַרביין קערפּער: האָט ברייט צע=שניטן דעם מונדיר און האָט נאָר אַ ראַץ געטאָן די הויט. דער

שטיף־טאַטע האָט אַ געשריי געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פון צי־מער, האַלטנדיג זיך פאַרן זייט. און די מאַמע האָט מיך אָנגע־כאַפּט, האָט מיך אויפגעהויבען און מיט אַ ווילדן געשריי אַ וואָרף געטאָן אָן דער ערד. אָפּגענומען פון איר האָט מיך דער שטיף־טאַטע, אַז ער איז אַריין צוריק אין צימער.

שפּעט אין אָוונט, אַז ער איז פאָרט אַוועק פון שטוב, איז די מאַמע געקומען צו מיר הינטערן איוון, פאַרזיכטיג אַרומגע־נומען, געקושט און געוויינט.

— זיי מיר מוחל, איך בין שולדיג קעגן דיר! אַך, ליבער, ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט? מיט אַ מעסער?...

איך האָב איר, גאַנץ אויפריכטיג און גוט פאַרשטייענדיג, וואָס איך רייד, געזאָגט, אַז איך וועל קוילען דעם שטיף־טאַטן און וועל זיך אַליין אויך קוילען. איך מיין, אַז איך וואָלט דאָס געטאָן, יעדנפאַלס, וואָלט איך דאָס געפּרובט טאָן. איך זעה נאָך איצט אויך פאַר זיך אָט די פּאָדלע לאַנגע פוס מיטן הוילן קאַנט אין דער לייַנג פון הייז, איך זעה, ווי זי וויגט זיך פונאַנ־דער אין דער לופטן און שלאָגט מיטן שפּיץ פון שטיוול אַ פרוי אין ברוסט אַריין.

אַז איך דערמאָן זיך איצט אָן די בלייערנע עקלהאַפטיגע נבלות פון ווילדן רוסישן לעבן, פרעג איך זיך אַליין אָפּט־מאָל, צי לוינט בכלל צו ריידן וועגן דעם. און מיט אַ באַניי־טער זיכערקייט ענטפער איך זיך: עס לוינט; ווייל אָט די פּאָד־לע ווירקליכקייט איז נאָך ניט געפּגרט עד היום. דאָס איז די ווירקליכקייט, ווען מען דאַרף וויסן ביז די וואָרצלען, כדי מען זאָל זי מיט די וואָרצלען אַרויסרייסן פון זכרון, פון דעם מענטשנס נשמה, פון דעם גאַנצן שווערן און שענדיגן לעבען אונזערן.

און עס איז דאָ נאָך אַ סיבה, אַ מער פּאָזיטיווע, וואָס באַ־וועגט מיך צו מאָלן אָט די עקלהאַפטיגע נבלות. אמת, זיי זייַנען העסליך, זיי לייגען זיך ווי אַ לאַסט אויף אונז, זיי צעדריקען אויף טויט אַ סך פּראַכטיגע נשמות, נאָר די נשמה פון רוסישען מענטשן

איז נאָך אַזוי געזונט און יונג, אַז זי איז דאָס גובר אַלץ און וועט דאָס גובר זיין.

און ניט נאָר דערמיט איז וואונדערליך אונזער לעבן, וואָס עס ליגט אין אים אַזאַ גראָבער און פעטער פלאַסט פון אַלער־ליי מיסט, נאָר דערמיט, וואָס דורך דעם פלאַסט וואַקסט דאָך אַרויס דאָס געזונטע, דאָס שאַפענדיגע, דאָס ליכטיגע און דער־וועקט די האָפענונג אויף, אַז מיר וועלן אויפלעבן צו אַ ליכטיגן מענטשליכן לעבן.

XIII.

איך בין ווידער ביין זיידן.

— וואָס, רוצח? — האָט ער מיך באַגעגענט, קלאַפנדיג מיטן האַנט אָן טיש, — איצט וועל איך שוין דיר מער ניט געבן עסן. זאָל דיך אויסהאַלטן די באָבע.

— וועל איך אים אויסהאַלטן — האָט אָפּגעענטפערט די באָבע. — ס'אַראַ גרויסער קונץ דאָס איז.

— געזונטערהייט! — האָט אַ געשריי געטאָן דער זיידע. נאָר ער האָט זיך תּיכּף באַרוהיגט און מיר ערקלערט:

— מיר האָבן זיך אינגאַנצן צעטיילט מיט איר, יעדער פון אונז לעבט פאַר זיך.

די באָבע זיצט ביים פענסטער און פלעכט פלינק די שפּיצן, עס קלאַפּן פריילעך די האָפּט־שטעקעלעך, ווי אַ גאָלדענער יאָזשיק גלאַנצט אויפן זון פון פריילינג די קישעלע, געדיכט אָנ־געשטעקט מיט מעשענע שפּילקעס. און די באָבע אַליין איז אויך ווי פון מעש אויסגעגאָסן — זי ענדערט זיך ניט! דער זיידע אָבער איז נאָך מער פאַרטריקנט געוואָרען, מער אויפגעקנייטשט, זיינע גע־לע האָר זיינען אַש־גרוי געוואָרן, ער גייט שוין ניט מיט דער פריערדיגער רוהיגער גרויסקייט, איצט איז ער היציג, צעטומעלט און זיינע גרינע אויגען קוקען מיט חשד. די באָבע האָט מיר לאַכנדיג דערציילט, ווי זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך דעם

אייגנס. איר האָט ער אָפּגעגעבן די טעפּלעך, די לעמפּלעך, גאָר די געפּעס און געזאָגט:

— דאָס געהערט צו דיר און מער זאָלסטו ביי מיר ניט מאָנען.

דערנאָך האָט ער אָפּגענומען ביי איר די אַלטע קליידער און חפצים, דעם פּיקסענעם פּוטער, האָט דאָס אַלץ פּאַרקויפט פאַר זיבען־הונדערט רובל און דאָס געלט אָפּגעגעבן אויף פּראָצענט זיינעם אַ טויף־זון, אַ יידן, וואָס האַנדעלט מיט אייבס. זיין קאַרגקייט איז שוין לחלוטין געוואָרן אַ קראַנקהייט, ער האָט פאַרלאָרן די בושה: ער האָט אָנגעהויבן גיין צו די, וואָס האָבן אַמאָל געדינט מיט אים צוזאַמען אין אופּראַווע פון די בעל־מלאכה׳ס, און צו רייכע סוחרים, זיך קלאָגן, אַז די קינדער האָבן אים בדלות געשטעלט, און בעטן אים אויסהעלפן. מען האָט פאַר אים נאָך געהאַט דרך־ארץ פון אַמאָל, פלעגט מען אויסהעלפן גאַנץ ברייט, מיט גרויסע אַסיגנאַציעס און ער פלעגט מיט די אַסיגנאַציעס פאָכן דער באָבען פאַרן נאָז און זיך באַרימען און רייצן זיך מיט איר, ווי אַ קינד!

— זעהסט, נאַר אייגע? דיר וואָלט מען אַ הונדערטן טייל דערפון ניט געגעבן!

דאָס צונויפגעקליבענע געלט האָט ער אָפּגעגעבן אויף פּראָצענט זיינעם אַ נייעם גוטן־פריינד, אַ הויכן און אַ קאַלקעפּיגן רימער, וואָס מען האָט דאָ, אין פאָרשטאָט, גערופן כ ל י ס ט, און זיין שוועסטער, אַ קרעמערקע, אַ באַלייבטע פרוי מיט רויטע באַקן, קאַרע אויגן, אַ פאַרשמאַכטע און אַ זיסע, ווי פּאַטעקע.

אַלץ אין שטוב איז שטרענג געווען צעטיילט: איין טאָג מאַכט די באָבע מיטאָג פון דער פּראָוויזיע, וואָס זי קויפט פאַר איר געלט, אַ צווייטן טאָג קויפט די פּראָוויזיע און דעם ברויט דער זיידע און תמיד פלעגט דער מיטאָג אין זיין טאָג זיין ערגער: די באָבע פלעגט קויפן גוטע פלייש און ער — מאָגנס, לעבער, צונגען. טיי און צוקער האָט אויך יעדערער געהאַט פאַר זיך, נאָר טיי פלעגט מען פאַרקאָכן אין איין טשייניק און דער זיידע פלעגט אומרוהיג ריידן:

— וואַרט נאָר אַ ווײַלע—וויפל פּאַרשיטסטו?

ער פלעגט זיך אָנשיטן אויף דער דלאָניע עטליכע טײַ־קערנדלעך, פלעגט זיי פּינקטליך אויסציילן און זאָגן:

— פון דײַן טײ זײַנען די קערנער קלענערע, הייסט דאָס, איך דאַרף ווייניגער פּאַרשיטן, מײַנער איז גרעסער, ער ציט אָן שטאַרקער.

ער האָט זעהר שטאַרק נאָכגעקוקט, זי זאָל אָנגיסן טײ אים און איר פון דער זעלבער שטאַרקער און זאָל אויסטרינקען די זעלבע צאָל גלעזער, וואָס ער.

— די לעצטע גלאָז, האַ? — פלעגט ער פרעגן בײַן אויס־גיסן די לעצטע טײ פון טשײַניק.

אפילו בוימאייל פאַר דער לאַמפּאַדקע פלעגט יעדערער קויפן פאַר זיך באַזונדער—און אַזוי איז דאָס געווען נאָך פופציג יאָר פון צוזאַמענדיגער אַרבעט!

מיר איז געווען לעכערליך און עקלדיג נאָכצוקוקן אָט די אַלע פּאָקוסן פון זיידן, די באָבען אָבער—נאָר לעכערליך.

— הער אויף—פלעגט זי מיך באַרוהיגן—נו, וואָס איז דאָס אַזוינס. ער איז אַלט דער אַלטיטשקער, מאַכט ער זיך נאַריש. ער איז דאָך שוין אַ בן-שמונים — אַ, נו, פּרוב שפּרייז דורך אַזאַ וועג! זאָל ער זיך נאַריש מאַכן — וועמען טוט ער בייז דער־מיט? און איך וועל פאַר זיך און פאַר דיר פאַרדינען, נישקשה!

איך האָב אויך אָנגעהויבן צו פאַרדינען געלט:

אין יום־טוב־טעג גאַנץ פריה פלעג איך נעמען אַ זאַק און לאָזן זיך גיין איבער די הויפן, איבער די גאַסן קלייבן ביינער, שמאַטעס, פּאַפּיר, טשוועקעס. די הענדלער פון אַלטוואַרג פלעגן צאָלן צוואַנציג קאָפּיקעס פאַר אַ פוד שמאַטעס און פּאַפּיר אָדער שטיקלעך אייזן, און צעהן אָדער אַכט קאָפּיקעס פאַר אַ פוד ביינער. איך פלעג זיך דערמיט באַשעפטיגן אויך אין־דער־וואָכן, נאָכן קו־מען פון שול און פלעג אַלע שבת אויסלייזן פאַר מײַנע סחורה אַ קאָפּיקעס דרייסיג, אַ האַלבן רובל, און אַז עס פלעגט אָפּגלקן— נאָך מער. די באָבע פלעגט נעמען בײַ מיר דאָס געלט, פלעגט

עס האַסטיג אַריינלייגן אין קעשענע פון קלייד און פלעגט מיך לויבן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— נו, אַ דאַנק דיר, האַרצעניו! מיר וועלן שוין פאַרדינען אויף חיונה. מיר? אַ גרויסער קונץ דאָס איז!

אמאָל האָב איך דערזעהן, ווי זי האלט אויף דער דלאָניע מיינע צעהנערס, קוקט אויף זיי און וויינט שטילערהייט; אַ מוטנע טרער איז געהאנגען ביי איר אויפן שוואומיגן נאָז.

אַ סך מער הכנסה ווי פון אַלטוואַרג האָט מען געקאָנט האָבן פון גנבענען האָלץ און ברעטער פון די האָלץ־לאַגערס אויפן ברעג פון אָקאַ און פון די זאַמדן, דאָס הייסט, פון דער וויספּע, וואו מען האַנדלט בעת דעם יאָרמאַרק מיט אייזן אין גיך־אויפגעשטעלטע באַלאַגאַנעס. נאָכן יאָרמאַרק נעמט מען זיי פונאַנדער, די ברעטער און די שטאַנגען לייגט מען אויף אין שטאַבלעס און זיי ליגן דאָרטן אויף דער וויספּע כמעט ביזן געוויסער פון פרילינג. פאַר אַ רעכטע ברעט פלעגט מען צאָלן צעהן קאָפּיקעס און פאַר אַ טאָג קאָן מען אַרויסשלעפן צוויי־דריי ברעטער. נאָר כדי עס זאָל אָפּגל׳קן די מלאכה, דאַרף זיין אַ שלעכטער וועטער, אַ שניי־ווינט אָדער אַ רעגן דאַרף פריער צעטרייבן די וועכטער, וואָס היטן די שטאַבלעס, און נויטן זיי זיך צו באַהאַלטן אין זייערע בודקעס.

עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעכטע קאָמפּאַניע: אַ צעהן־יאָריגער זון פון אַ בעטלערקע אַ מ אָ ר ד ו וי נ ע ר י ן סאַנקאַ וויאַכיר, אַ ליבער יינגל, אַן איידעלער און תמיד אַ רוהיג־פריילעכער; ק אָ ס ט ר אָ מ אַ, אַ יינגל אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, אַ דאַרער, מיט געדיכטע האַרטע האָר אויפן קאָפּ און גרויסע שוואַרצע אויגן — שפּעטער, צו דרייצעהן יאָר, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אין אַ קאָלאָניע פאַר מינדעריעריגע פאַרברעכער, וואוהין מען האָט אים פאַרשיקט פאַר דאָס, וואָס ער האָט געגנבעט אַ פּאָר טויבן; אַ טאָטערל ח אַ ב י, אַ צוועלפיאָריגער אַטלעט, אַ פּראָסטהאַרציגער און אַ גוטער; י אַ ז, דער זון פון קברות־מאַן, אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט, אַ שווייגעדיגער ווי אַ פיש, אַ חולה־נופלים; דער עלטסטער צווישן אונז איז געווען גרישקאַ טשורקאַ, אַ זון פון אַ שניידערקע אן

אַלמנה, אַ געזעצטער און אַ בעל־יושר. אַלע זיינען מיר געווען פון איין גאַס.

גנבה האָט מען אין פאָרשטאָט ניט געהאַלטן פאַר קיין עבירה, גנבענען איז געווען — אַ מנהג און כמעט דער איינציגער לעבנס־מיטל פאַר די האַלב־הונגעריגע שטאָט־לייט. פון די אָנדערהאַלבן חדשים יאַרמאַרק האָט מען ניט געקאָנט האָבן חיונה אויף אַ גאַנצן יאָר און אַ סך אָנשטענדיגע בעלי־בתים פלעגן „צו־פאַרדינען אויפן טייך" — כאַפּן האָלץ און קלעצער, וואָס דער געוויסער פלעגט אַוועקלאָזן, אריבערפירן ניט קיין גרויסע משאות אויף פליטן און איבערהויפּט פלעגן זיי זיך באַשעפטיגן מיט גנבות פון באַרזשעס און בכלל „אַרבעטן" אויף דער וואָלגע און אָקאַ — אַראָפּשלעפּן אַלץ, וואָס עס ליגט שלעכט. אין יום־טוב־טעג פלעגן זיך די דערוואַקסענע באַרימען מיט זייערע גליקן און די קליינע פלעגן זיך צוהערן און זיך לערנען.

און אין פרילינג, אין דער הייסער צייט פאַרן יאָרמאַרק, אַז די גאַסן אין אָוונט פלעגן זיין פאַרזייט מיט שכורע בעל־מלאכהס, פורמאַנעס און בכלל אַרבעטס־לייט, פלעגן די יינגלעך פון פאָר־שטאָט תמיד אויסטאַפּן ביי זיי די קעשענעס; דאָס איז געווען אַ גאַנץ־געזעצליכע פּרנסה און טאָן פלעגן זיי דאָס אָן קיין שום מורא, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

מען פלעגט גנבענען דעם אינסטרומענט ביי אַ טשעסלער, שרויבן־שליסלען ביי דראָזשקאַרעס, שוואָרנס און נאָך אַזוינע זאַכן—ביי קארעניקעס. נאָר אונזער קאָמפּאַניע האָט זיך מיט אַזוינע גנבות ניט באַשעפטיגט. טשורקא האָט אַמאָל אַנטשיידן ערקלערט:

— איך וועל ניט גנבענען, די מאַמע הייסט ניט.

— און איך האָב מורא! האָט געזאָגט חאַבי.

קאָסטראָמאַ האָט געהאַט אַ געפיל פון אָפּשיי צו גנבים, דעם וואָרט גנב פלעגט ער אויסריידן מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג און אַז ער פלעגט זעהן, ווי יינגלעך באַגנבענען שכורע, פלעגט ער זיי צוטרייבן און—אַז עס פלעגט זיך אים איינגעבן צו כאַפּן איינעם פון זיי, — שלאָגן אַכזריותדיג. אָט דער פאַראומערטער יינגל מיט גרויסע אויגן האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם,

פלעגט גיין מיט אַ מאָדנעם הילוך, וואַקלענדיג זיך, ווי אַ פאַקנטרעגער, פלעגט זיך סטאַרען ריידן מיט אַ געדיכטער און גראָבער שטים און איז אינגאַנצן געווען אַזאַ שטייפער, אַן אויסגערעכנטער און אַן אַלטער. וויאַכיר איז זיכער געווען, אַז גנבענען איז אַן עבירה.

נאָר שלעפן שטאַנגען און ברעטער פון די זאַמדען האָט מען פאַר אַן עבירה ניט געהאַלטן, קיינער פון אונז האָט דערפאַר ניט מורא געהאַט און מיר האָבן צוגעטראַכט אַ גאַנצע ריי מיטלען, וואָס האָבן באַדייטנדיג פאַרגרינגערט אונזער אַרבעט. אין אָוונט, אַז עס פלעגט טונקל ווערן, אָדער אין אַ שלעכטן וועטער פלעגט וויאַכיר און יאַז זיך לאָזן גיין צו דער וויספּע, דורך דער בוכטע, וואו די דאַמפערס שטייען, איבערן נאַס געוואָרענעם אויפגעשוואָלענעם אייז, גיין אַהין אָפן און זיך סטאַרען, אַז די וועכטער זאָלן זיי באַמערקן; מיר זאַלבע-פערט פלעגן זיך אַריבערגנבענען אומבאַמערקט, אייגציגווייז. די וועכטער דערזעהען וויאַכירן מיט יאַזיען און ווערן אומרוהיג, הייבן אָן זיי נאָכצוקוקן און היטן און מיר קומען זיך צונויף ביי יענעם שטאַבל, וואָס מיר האָבן פריהער אָפּגעמאַכט, מיר קלייבן אויס יעדערער וואָס אים געפעלט, און אין דער צייט, וואָס אונזערע גרינג-פיסיגע חברים רייצן זיך מיט די וועכטער און יענע יאָגן זיי נאָך, לאָזן מיר זיך צוריק אין שטאָט אַריין. יעדער פון אונז האָט אַ שטריק מיט אַ פאַרבויגענעם נאָגל אויפן עק שטריק, פאַרטשעפען מיר מיט אים אַ שטאַנג אָדער אַ ברעט און שלעפן איבערן שניי און אייז. די וועכטער פלעגן אונז כמעט קיינמאָל ניט באַמערקן און באַמערקנדיג אַמאָל—ניט קענען דעריאָגן. מיר פלעגן פאַרקויפן אונזער רויב און די פרנסה צוטיילן אויף זעקס טייל — פלעגט אויסקומען צו פינף, אַמאָל צו זיבן קאָפּיקעס אויף אַ חלק.

מיט אַזוינע געלט האָט מען געקאָנט זעהר זאַט דורכלעבן אַ טאָג. נאָר וויאַכירן פלעגט די מאַמע שלאָגן, אויב ער פלעגט איר ניט ברענגען אַ שקאַליק בראַנפן; קאָסטראָמאַ האָט געטרוימט צו קויפן טויבן און געקליבן געלט דערויף; טשורקעס מאַמע איז געווען קראַנק, פלעגט ער זיך סטאַרען צו פאַרדינען

וואָס מער; האַבּי האָט אויך געקליבן געלט: ער האָט געוואָלט פאָרן אין יענער שטאָט, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן און פון וואַנען עס האָט אים געבראַכט אַהער זיינער אַ פעטער, וואָס איז אין גיכן נאָך זיין קומען דערטרונקען געוואָרן. חאַבּי האָט פאַר־געסן, ווי מען רופט די שטאָט, און האָט נאָר געדענקט, אַז זי שטייט אויף דער קאַמע נאָהענט ביי דער וואָלגע.

די מעשה מיט דער שטאָט פלעגט אונז אויסזעהן קאָמיש און מיר פלעגן זיך רייצן מיט דעם קאַסאָקען טאָטערל, זינגענדיג:

א שטאָט אויף דער קאַמע...
וואו—פרעגט די מאַמען!
מיט די הענט ניט דערלאַנגען,
מיט די פיס ניט דערגאַנגען...

אין אָנפאַנג פלעגט חאַבּי ווערן אין כּעס אויף אונז דער־פאַר, נאָר אַמאָל האָט צו אים וויאַכיר געזאָגט:

— וואָס ביסטו אין כּעס! אויף חברים, אַ פּנים, מעג מען זיין אין כּעס?

דער טאָטערל האָט זיך פאַרשעמט און אַליין אויך אָנגע־הויבן זינגען דאָס לידל וועגן דער שטאָט אויף דער קאַמע.

נאָר אונז איז פינדעסטוועגן מער געפעלן געוועזן צו קלייבן שמאַטעס און ביינער, איידער גנבענען די ברעטער. איבערהויפּט איז דאָס אינטערעסאַנט געוואָרן אין פרילינג, אַז דער שניי איז אַראָפּ און די רעגנס האָבן ריין אויסגעוואַשן די ברו־קירטע גאַסן. דאָרטן, וואו דער יאַרמאַרק שטייט, פלעגט מען שטענדיג קאָנען צונויפקלייבן אין די קאַנאַוועס אַ סך טשוועקעס און שטיקלעך אייזן, מיר פלעגן אַפילו אָפטמאָל געפינען געלד, קו־פערנע און זילבערנע מטבעות, נאָר כּדי די וועכטער זאָלן אונז ניט אַוועקטרייבן און ניט צונעמען די זעק אונזערע, פלעגן מיר זיי מוזן אונטערקויפן מיט צוויי קאָפּיקעס אָדער לאַנג זיך בעטן ביי זיי. בכלל פלעגן מיר ניט גרינג פאַרדינען אונזער געלט, נאָר געלעבט צווישן זיך האָבן מיר פריינדליך און הגם מיר פלעגן זיך אַמאָל אַ ביסל קריגן, געדענק איך ניט אָבער קיין איין געשלעג ביי אונז.

דער רודף־שלום צווישן אונז איז געווען וויאַכיר, ער האָט שטענדיג געקענט צו דער רעכטער צייט זאָגן אונז עפּעס מאָדנע ווערטער, זעהר איינפאַכע, נאָר זיי פלעגן אונז פאַרוואונדערן און פאַרשעמען. ער אַליין פלעגט דאָס אויך אַרויסריידן מיט פאַרוואונ־דערונג. יאזיעס בייזע איינפאַלן פלעגן אים ניט באַליידיגן און ניט שרעקן, ער האָט בכלל געהאַלטן אַלדעס־בייז פאַר איבריג און פלעגט דאָס רוהיג און איבערצייגנדיג דערווייזן.

— נו, צו וואָס דאַרף מען דאָס? — פלעגט ער פרעגן און מיר פלעגן אַלע באַשיינפּערליך זעהן: מען דאַרף טאַקי ניט.

זיין מאַמען פלעגט ער רופן „מיין מאַרדאַווקע" און דאָס פלעגט ביי אונז קיין געלעכטער ניט אַרויסרופן.

— נעכטן איז מיין מאַרדאַווקע ווידער געקומען אַהיים שכור ווי לוט, — פלעגט ער פרייליך דערציילן, בליצנדיג מיט זיינע קיי־לעכדיגע אויגן מיט גאָלדענע שפּרינקעלעך. — האָט אויפגעעפנט די טיר, זיך געזעצט אויפן שוועל און זינגט, און זינגט, ווי אַ הון.

דער סאָלידער טשורקע פרעגט:

— וואָס זינגט זי?

צופּאַטשנדיג צום טאַקט מיט דער דלאָניע איבער די קני, גיט איבער וויאַכיר מיט זיין דינער שטים דאָס ליד פון זיין מאַמען.

— איז זי אָט אַזוי איינגעשלאָפן אויפן שוועל — דערציילט ער ווייטער. — אין שטוב איז געוואָרן קאַלט, איך ציטער ווי אַ בלאַט, איך בין שיעור ניט פאַרפרוירן געוואָרן און אַראָפּשלעפן איר פון טרעפּ האָב איך קיין כוח ניט. היינט אין דער פרי זאָג איך צו איר: וואָס טרינקסטו אַזוי פיל בראַנפן? ענטפערט זי: האָב גע־דולד, איך וועל באַלד שטאַרבן!

טשורקא באַשטעטיגט דאָס מיט אַן ערנסטן טאָן:

— זי וועט אינגיכן שטאַרבן, זי איז שוין אינגאַנצן פאַר־שוואָלן.

— דיר וועט פאַרדריסן? — פרעג איך.

— ווי זשע דען? — פֿאַרוואונדערט זיך וויאַכיר. — זי איז אַ גוטע.

און אַלע מיר, דהגם מיר ווייסן, אַז זי שלאָגט וויאַכירן אָן אָן אויפֿהער, גלויבן, אַז זי איז באמת אַ גוטע. אָפּטמאָל, אַז אונז פֿלעגט ניט מזלדיק זיין די אַרבעט, פֿלעגט טשורקאַ פֿאָרלייגן:

— לאָמיר זיך צונויפֿלייגן צו קאָפּיקעס, פֿאַר וויאַכירס מאַמען אויף בראָנפֿן. אַז ניט, וועט זי אים שלאָגן.

לייענען האָבן סך־הכל צוויי פֿון אונזער קאָמפּאַניע געקאָנט: טשורקאַ און איך. וויאַכיר האָט אים זייער מקנא געווען און גע־גורט ווי אַ טויב, צופּנדיק זיך דעם שאַרפֿן קליינעם מייזישן אויער.

— אַז מיין מאָרדאָווקע וועט שטאַרבן, וועל איך אַוועקגיין אין שול, און וועל פֿאַלן דעם לערער צו די פֿיס אין בעטן, ער זאָל מיך נעמען. און אַז איך וועל זיך אויסלערנען, וועל איך אָנקומען פֿאַר אַ גערטנער צום אַרכיערייִ אָדער גאָר צום קיסר אַליין.

אין פֿרילינג, אַז די מאָרדאָווקע איז געזעסן מיט אַ פֿלאַש בראַנפֿן אונטער אַ שטאַבל האָלץ מיט אַן אַלטן, וואָס פֿלעגט זאַמ־לען נדבות אויף בויען אַ קלויסטער, איז דער שטאַבל איינגעפֿאַלן און פֿאַרשאָטן זיי מיט האָלץ. די מאָרדאָווקע האָט מען אָפּגע־פֿירט אין הקדש, און דער סאָלידער טשורקע האָט געזאָגט צו וויאַכירן:

— אַי־דאַ צו מיר, וועסט זיין ביי אונז און די מאַמע וועט דיך אויסלערנען לייענען.

און אין אַ קורצער צייט אַרום פֿלעגט שוין וויאַכיר, פֿאַר־ריסן דעם קאָפּ, לייענען די איבערשריפֿטן אויף די שילדן:

— באַלאַקיי־געשעפֿט...

טשורקאַ פֿלעגט פֿאַרריכטן:

— באַקאַליי, ניט באַלאַקיי.

— איך זעה, נאָר זיי שפּרינגען אום, די אותיותלעך... זיי זיינען צופֿרידן, וואָס מען לייענט זיי.

אונז פֿלעגט אויסזען קאָמיש און עס פֿלעגט אינז וואונדערן זיין ליבע צוביימער, צו גראָז.

די פּאָרשטאָט איז געלעגן אויף זאַמד, שפּראָצונגען איז דאָ געווען זעהר ווייניג און נאָר זעלטן וואו אויך אַ הויף פלעגט שטיין אַן איינזאַמער אַ דאַרער בוים, אַ קרומער קוסט בוזינע, ביי די פּלאַנקענער פלעגט זיך עניוותדיג באַהאַלטן אַ ביסל גרויע, טרוקענע גראָז, און אַז מיר פלעגן זיך זעצן דערויף, פלעגט וויאַכיר כּעסדיג וואָרטשען:

— נו, צו וואָס דאַרפט איר צעריבן די גראָז? פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט אָן אַ זייט, אויפן זאַמד, עס איז אייך ניט אַליין איינס, אַ פּנים?

פאַר אים אין די אויגן פלעגט עפּעס אומבאַקוועם זיין אָפּצוברעכן אַ צווייגל פון אַ בוים, אַראָפּרייסן בליהונג פון בוזינע אָדער אויסשניידן אַ ריטל פון די קוסטעס אויף דער אָקאַ — ער פלעגט זיך תּמיד פאַרוואונדערן, אויפהייבנדיג די אַקסלען און אויפמאַכנדיג די הענט:

— צו וואָס ברעכט איר דאָס אַלץ? אָט איז טייוואָלים!..

און אַלע פלעגן זיך פאַרשעמען צוליב זיין פאַרוואונדערונג.

אַלע שבת פלעגן מיר זיך מאַכן אַ לוסטיגן שפּיל און גרייטן זיך צו אים אַ גאַנצע וואָך: צונויפקלייבן אַלטע צעטראָגענע לאַפּציעס און באַהאַלטן זיי אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל. שבת אין אָוונט, אַז די טאָטערס, די פאַקנטרעגער, פלעגן גיין מחנותוויייז פון דער סיבירער פּריסטאַן אהיים, פלעגן מיר זיך אויסשטעלן אויף זייער וועג, ערגעץ וואו אויף אַ ראָג גאַס און שליידערן אויף זיי מיט די לאַפּציעס. די ערשטע צייט פלעגט דאָס זיי בייז מאַכן, זיי פלעגן זיך יאָגן נאָך אונז און זידלען, נאָר אין גיכן האָבן זיי זיך אַליין אויך אַריינגעצויגן אין שפּיל און, וויסנדיג וואָס עס וואַרט אויף זיי, קומען צום שלאַכט־פעלד באַוואָפנט מיט פּעק אַלטע לאַפּצעס און נאָך מער—זיי פלעגן נאָכשפּירן און דערגיין, וואו מיר באַהאַלטן אונזער מוניציע, און ניט איינמאָל עס אַרויסגנבענען. מיר פלעגן טענהן:

— אַזוי איז קיין שפּיל ניט!

פלעגן זיי צוטיילן די לאַפּציעס, אָפּגעבן אונז אַ העלפט און עס פלעגט זיך אָנהייבן די מלחמה. געוויינליך פלעגן זיי זיך אויס=

שטעלן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, מיר פלעגן וויזשזשענדיק לויפן אַרום זיי און וואַרפן מיט לאַפּציעס, זיי פלעגן אויך וואָיען און גוואַלדיק לאַכן, אַז עמיצער פון אונז, געטראָפן מיט אַ לאַפּציע אין די פּיס, פלעגט זיך איינגורן מיטן נאָז אין זאַמד.

דער שפּיל פלעגט פלאַקערן גענוג לאַנג, אַמאָל ביז עס פלעגט ווערן רעכט פינסטער, שטאָט־לייט פלעגן זיך צונויפקלייבן, נאָכקוקן אומצופרידן. ווי קראָהען פליִען אין דער לופטן די גרויע, שטויביקע לאַפּציעס, ניט־איינער פון אונז פלעגט כאַפּן אַ גוטן חלק, נאָר דער פאַרגעניגן איז געווען גרעסער פון ווייטאָג און פאַרדרוס.

די טאָטערס פלעגן זיך היצן ניט ווייניקער פון אונז. אָפט פלעגן מיר נאָך דער מלחמה גיין צו זיי אין אַרטעל, זיי פלעגן אונז דאָרטן מכבד זיין מיט זיסע פערדישע פלייש, מיט עפּעס אַ מאָדנעם געקעכץ פון גריגס, נאָך וועטשערע פלעגט מען טרינ־קען שטאַרקע ציגל־טיי מיט ניסלעך פון זיסע טייג. אונז זיינען זעהר געפעלן געווען אָט די גרויסגעוויקסיקע גבורים, זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס קינדישעס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען לייכט צו פאַרשטיין. אויף מיר האָט איבערהויפּט אַ גרויסן רושם געמאַכט זייער גוטמוטיקייט, זייער שטענדיקע גוטהאַרציקייט, זייער אויפ־מערקזאַמע ערנסטע באַציהונג איינע צו די אַנדערע.

זיי האָבן געקענט פראַכטיק לאַכן, פלעגן זיך פאַרכליפּען מיטן לאַכן ביז טרערן. איינער פון זיי, מיט אַ צובראָכענעם נאָז, איז געווען ניט־קיין געוואוינליכער גבר: ער האָט אַמאָל פון אַ באַרזשע צום ברעג, אַ גאַנץ היבשע שטיק, אַראָפּגעטראָגן איינער אַליין אַ גלאָק, וואָס האָט געוואויגן זיבן און צוואַנציק פוד. ער האָט אַמאָל אַרויפגעזעצט וויאַכירן צו זיך אויף דער דלאָניע, האָט אים אויפגעהויבן אין דער הויך און געזאָגט:

— אָט וואו דו לעבּ, אין הימל!

אין שלעכטע וועטערס פלעגן מיר זיך צונויפקלייבן ביי יאַזיען אויפן בית־הקברות, אין וועכטער־שטיבל, ביי זיין טאַטן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט קרומע ביינער, מיט לאַנגע הענט, אַן אָפּגעקראָכענער, אויף זיין קליינעם קאָפּ און טונקלען פּנים

זייַנען ערטערווייז געווען קוסטעס קייטיגע האָר, זיין קאָפּ איז ענליך געווען אויף אַ שישקע, זיין לאַנגע דינע האַלז — אויף אַ שטייַנגל. ער פּלעגט זיס זשמורען זייַנע געלבליכע אויגן און האַסטיק מורמלען:

— זאָל גאָט ניט אָפּטאָן דעם שלאָף פון מיר! אוך!

מיר פלעגן קויפן דריי זאָלאָטניק טיי, אַן אַכטעל צוקער, ברויט, דערצו ניט אַנדערש אַ שקאַליק בראַנפן פאַר יאַזיעס טאַטן, און טשורקע פלעגט אים שטרענג הייסן:

— פאַסקודנער נפש, שטעל אָן דעם סאַמאָוואַר!

דער נפש פלעגט אַ שמייכל טאָן, אָנשטעלן דעם בלעכענעם סאַמאָוואַר, מיר פלעגן, וואַרטנדיק אויפן טיי, שמועסן וועגן אונזערע געשעפטן און ער פלעגט אונז געבן גוטע עצות:

— זעהט נאָר, איבערמאָרגן איז ביי די טרוסאָווס אַ גרויסער מאָלצייט—פערציג טעג נאָכן טויט; וועט דאָרטן זיין אַ כך ביינער פאַר אייך.

— ביי טרוסאָוון קלייבט די ביינער די דינסט — פלעגט אָפּענטפערן דער אַלצוויסנדיגער טשורקע.

וויאַכיר פלעגט טרוימען, קוקנדיג דורכן פענסטער אויפן בית=עולם:

— אינגיכן וועלן מיר אין וואַלד אָנהייבן גיין, אַך!...

יאַז פלעגט שטענדיג שווייגן, אויפמערקזאַם באַקוקן אונז מיט זייַנע טרויעריגע אויגן, און שווייגנדיג פלעגט ער אונז ווייזן זייַנע צאַצקעס,—הילצערנע סאָלדאַטן, וואָס ער האָט געפונען אין אַ מיסטקאַסטן, פערד אָן פיס, שטיקלעך קופער, קנעפּלעך.

דער טאַטע זייַנער פלעגט אַרויפשטעלן אויפן טיש פאַרשיידענע גלעזער און טעצלעך און ברענגען דעם סאַמאָוואַר און בעת קאָסטראָמאַ פלעגט זיך זעצן פונאַנדערגיסן דעם טיי, פלעגט ער אויסטרינקען זיין שקאַליק, אַרויפקריכן אויפן אויוון און אויסציהענדיג פון דאָרטן זיין לאַנגן האַלז, באַטראַכטן אונז מיט זייַנע פאַרשלאָפענע אויגן און וואָרטשען:

— אוך, אַ פגירה אויף אייך! איר זייט דאָך גאָר ניט קיין

יינגלעך, האַ? אַך, גנבים. גאָט זאָל פון מיר דעם שלאָף ניט אָפּ־טאָן!

וויאַכיר פלעגט אים אָפּענטפערן.

— מיר זיינען גאָר ניט קיין גנב־ים!

— נו, זייט איר גנבימלעך!

אַז יאַזיעס טאַטע פלעגט אונז דערעסן, פלעגט טשורקע מיט כּעס אַ געשריי טאָן אויף אים:

— הער אויף, פּאַסקודנער נפש!

מיר, וויאַכירן און טשורקען פלעגט ניט געפעלן זיין, אַז אָט דער מענטש פלעגט אָנהייבן אויסרעכענען, אין וועלכן הויז עס איז דאָ קראַנקע, ווער פון פּאָרשטאָט וועט אין גיכן שטאַרבן —ער פלעגט ריידן וועגן דעם מיט אַ געשמאַקן טעם און אָן רחמנות און אַז ער האָט דערזעהן, אַז זיינע רייד זיינען אונז ניט אָנגענעם, פלעגט ער זיך מיט אַ בּכיוון רייצן מיט אונז:

— אַהאַ, אירר, האָט שדימלעך, מורא? אַהאַ! אָט וועט באַלד איינער אַ גראָבער שטאַרבן,—עך, לאַנג וועט ער פוילן!

מען פלעגט אים הייסן שווייגן, נאָר ער פלעגט ניט אויפהערן:

— איר וועט דאָך אויך שטאַרבן, אין די מיסט־קאַסטנס וועט איר דאָך ניט לאַנג ציהען.

— נו, וועלן מיר שטאַרבן,—פלעגט ענטפערן וויאַכיר—מיר וועלן ווערן מלאכים אין הימל.

— אי—איר?—פלעגט יאַזיעס טאַטן דער אָטעם פאַרכאַפּן פון פאַרוואונדערונג, — אָט איר־אָ?! מלאכים?..

ער פלעגט לאַכן מיט אַ פול מויל און ווידער זיך רייצן מיט אונז, דערציילנדיג עקעלדיגע זאַכן וועגן די טויטע.

נאָר אָפּטמאָל פלעגט ער אָנהייבן דערציילן מאָדנע מעשיות מיט אַ פליסטערדיגער, שטילער שטים:

— הערט, קינדער, וואַרט אַ ווײַלע! אייערנעכטן האָט מען אַ פרויענצימער מקבר געווען, האָב איך זיך דערוואוסט, קינדערלעך, וועגן איר אַ מעשה—וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ פרויענצימער?

ער פלעגט אָפט ריידן וועגן פרויען און שטענדיג מיט מיאוסע רייד, נאָר אין זיינע רייד האָט עפּעס ווי אַ יאָמערליכע

פראַגע געשטעקט, אַזוי ווי ער וואָלט אונז רופן דורכטראַכטן עפּעס צוזאַמען מיט אים און באַגרייפן — און מיר פלעגן זיך אויפ־מערקזאַם צוהערן. ריידן האָט ער ניט געקענט, ער פלעגט ריידן אומגעלומפּערט, איבערייסנדיק אָפּט זיינע אייגענע רייד מיט פראַ־געס, נאָר פון זיינע מעשיות פלעגן בלייבן אין זכרון פאַרשיידענע שערבלעך און ברעקלעך, וואָס פלעגן מאַכן אומרוהיג.

— פרעגט מען זי: ווער האָט אונטערגעצונדן? איך האָב אונטערגעצונדן! סטייטש, ווי אַזוי, דו נאַר איינע? דו ביסט דאָך גאָר אין דער היים ניט געווען יענע נאַכט, ביזט דאָך אין הקדש געלעגן! איך האָב אונטערגעצונדן! צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן? אוך, גאָט, טו ניט אָפּ דעם שלאָף פון מיר!...

ער האָט געוואוסט די לעבנס־באַשרייבונג כמעט פון אַלע פאָרשטאָט-לייט, וואָס ער האָט באַגראָבן אין זאַמד פון פאַראו־מערטן היילן בית־הקברות, ער פלעגט אַזוי ווי די טירן עפענען פאַר אונז פון אַלע הייזער, מיר פלעגן אַריינגיין אַהין און זעהן, ווי מענטשן לעבן, און געפילט דערביי עפּעס ערנסטעס און וויכ־טיגס. ער פלעגט, דוכט זיך, זיין בכח צו ריידן אַ גאַנצע נאַכט ביזן פרימאָרגן, נאָר ווי נאָר דאָס פענסטער פון וועכטער־שטיבל פלעגט ווערן טונקל און פאַרדעקן זיך מיט דער דעמערונג, פלעגט טשורקאַ אויפשטיין פון טיש:

— איך גיי אַהיים, די מאַמע וועט מורא האָבן. ווער גייט מיט מיר?

אַוועקגיין פלעגן אַלע. יאַז פלעגט אונז באַגלייטן ביזן צוים, פאַרשפאַרן דעם טויער, צודריקן צום צוים זיין טונקעלן ביינער־דיקן פּנים, אויסשרייען הייזעריג:

— אַ גוטע נאַכט!

מיר פלעגן אויך אָפּענטפערן מיט געשרייען—אַ גוטע נאַכט! עס פלעגט שטענדיג זיין ווי ניט באַקוועם אים איבערצולאָזן אַליין אויפן בית־הקברות. קאַסטראַמאַ האָט זיך אַמאָל אומגעקוקט אויף הינטער און געזאָגט:

— אָט, וועלן מיר זיך מאָרגן אויפכאַפּן און ער איז—גע־שטאָרבן!

— יאָז לעבט ערגער פאַר אונז אַלעמען,—פלעגט אָפט זאָגן טשורקאַ און וויאַכיר פלעגט שטענדיק אים ענטפערן אַקעגן
— אונז איז גאָר ניט שלעכט...

און איך מיין אויך, אַז מיר האָבן געלעבט ניט שלעכט. מיר איז געפעלן געווען אָט דאָס אומאָפּהענגיקע לעבן אויפן גאַס: עס זיינען געפעלן געווען די חברים, זיי פלעגן ביי מיר ארויסרופן עפּעס א גרויס געפיל. מיר פלעגט זיך תמיד אומרוהיק וועלן טאָן פאַר זיי עפּעס גוטס.

אין שול איז מיר ווידער געווען שווער, די שילער פלעגן לאַכן פון מיר און רופן: טאַנדעטניק, בעטלער, און איינמאָל, אַז מיר האָבן זיך צוקריגט, האָבן זיי זיך באַקלאָגט פאַרן לעהרער, אַז פון מיר עפּושט מיט מיסט-קאַסטן און מען קאָן נעבן מיר ניט זיצן. איך געדענק, ווי טיף איך בין דערמיט געווען באַליידיגט און ווי שווער מיר איז נאָכדעם געווען צו גיין אין שול. די מסירה איז געווען אויסגעטראַכט אויף צו להכעיס: איך פלעג זיך פלייסיג וואַשן אַלע אין דער פרי און פלעג קיינמאָל ניט קומען אין שול אין יענע קליידער, אין וועלכע איך פלעג צונויפקלייבן די שמאַטעס.

נאָר אָט האָב איך, ענדליך, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען צום דריטן קלאַס, האָב באַקומען פאַר אַ מתנה אַ יעוואַנגעליום, קרילאָווס משלים אין אַן איינבונד און נאָך אַ ביכל ניט קיין איינ־געבונדענעם מיט אַן אומפאַרשטענדליכן טיטל „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ", מען האָט מיר אויך געגעבן אַ לויב-פּאַפּיר. דער זיידע האָט זיך דערפרייט, אַז איך האָב געבראַכט די מתנות אַהיים, און געווען גערירט דערמיט און ערקלערט, אַז מען דאַרף דאָס אַלץ היטן און אַז די ביכער וועט ער באַהאַלטן ביי זיך אין קעסטל. די באָ־בע איז שוין עטליכע טעג געלעגן קראַנק און האָט קיין געלט ניט געהאַט און דער זיידע פלעגט אָכצן און וויזשזשען:

— מיינע טרינקט איר אַלץ אויס און מיינע עסט איר אַלץ אויף, עך, אי—איר...

איך האָב אַוועקגעטראָגן די ביכער אין קרעמעלע און האָב פאַרקויפט פאַר פינף־און־פופציג קאָפּיקעס און אָפּגעגעבן דאָס געלט דער באָבען; דעם לויב פּאַפּיר האָב איך פריהער פאַרפּאַטש־

פּעט מיט פרשיידענע אויפשריפטן און דערנאָך אָפּגעגעבן דעם ייִדן. ער האָט אים פּאָרזיכטיג באַהאַלטן, ניט אויפגעעפנט און גיט באַמערקט מיין בייזע שטיפעריי.

אַז איך בין פּטור געוואָרן פון שול, האָב איך ווידער אָנ-געהויבן לעבן אויפן גאַס. איצט איז נאָך בעסער געוואָרן: דער פרילינג האָט געהאַלטן אין מיטן ברען, פאַרדינען פלעגן מיר אַ סך, אין זונטאָגדיגע טעג פלעגן מיר אַלע, די גאַנצע קאָמפּאַניע, אַוועקגיין הינטער שטאָט אין סאָסנאָוון וואַלד און קומען צו-ריק שפּעט אין אָוונט, אָנגעגעם מיד און פריינדליכער איינע מיט די אַנדערע.

נאָר ניט לאַנג האָט דער אַרט לעבן געדויערט—דעם שטיפ-טאַטן האָט מען אָפּגעזאָגט פון שטעל, ער איז ווידער ערגיץ-וואוהין פאַרשוואונדן געוואָרן, די מאַמע מיטן קליינינקן ברודער ניקאָלאַי האָט זיך אַריבערגעקליבן צום זיידן און מיך האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַר אַ ניאַנקע ביי אים — די באָבע איז אַוועק אויף אַרבעט אין שטאָט און אַ ז אָנגעקומען צו אַ רייכן סוחר אין הויז אויסהאַפּטן אַ באַדעקונג פאַר דער געמאָלעכטס פון קריסטו-סעס טויט. —

די מאַמע איז געווען אויסגעדאַרט, קוים אומגעגאַנגען און פלעגט שטום-שווייגן, דער ברודערל איז געווען אַ שטרופּלדיגער, מיט וואונדן אויף די קנעכלעך, און אַזאַ שוואַכינקער, אַז ער האָט אַפילו וויי-נען אויפן קול ניט געקאָנט און פלעגט נאָר שרעקליך קרעכצען, אַז ער פלעגט זיין הונגעריג; זאַטערהייט פלעגט ער כסדר דרעמ-לען און פלעגט אין דרעמל מאָדנע זיפצן טאָן, מורטשען שטי-לערהייט, ווי אַ קעצעלע.

דער זיידע האָט אים אויפמערקזאַם אַרומגעטאַפּט און גע-זאָגט:

— עסן האָט מען אים באַדאַרפט געבן ווי געהעריג, נאָר פאַר אייך אַלעמען האָב איך ניט.

די מאַמע, זיצנדיג אויפן בעט אין ווינקל, האָט הייזעריג אַ זיפץ געטאָן:

— ער דאַרף גאָר אַ ביסל.

— דעם אַ ביסל, יענעם אַ ביסל, ווערט שוין אַ סך...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און געווענדט זיך צו מיר:

— ניקאָלאַיען דאַרף מען האַלטן אין דרויסן, אויפן זון, אין זאַמד...

איך האָב מיט אַ זאַק אָנגעשלעפּט ריינע און טרוקענע זאַמד, האָב עס אָנגעשאָטן אין אַ קופּע אויפן זון־ברען אונטערן פענס־טער און אַריינגעזעצט אין אים דעם ברודערל ביז איבערן האַלז, ווי דער זיידע האָט מיר געוויזן. דעם ייִנגל איז געפעלן געווען צו זיצן אין זאַמד, ער פלעגט זיס זשמורען זיינע אונגעוויינליכע אויגן — אָן ווייסלען, היילע שוואַרצאַפּלען בלויע מיט אַ העלן רינ־געלע אַרום.

איך האָב זיך תּיכּף און שטאַרק צוגעבונדן צום ברודער, מיר פלעגט זיך דוכטן, אַז ער פאַרשטייט אַלץ, וואָס איך טראַכט, ליגנדיק נעבן אים אויפן זאַמד אונטערן פענסטער, פון וואַנען עס קריכט צו אונז די סקריפּעדיקע שטים פון זיידן:

— שטאַרבן איז קיין קונץ ניט, וואָלסט אָבער געוואוסט ווי צו לעבן.

די מאַמע פאַרהוסט זיך...

דער ברודערל באַפרייט זיינע הענטלעך און ציהט זיך צו מיר, צושאָקלענדיק מיט זיין ווייסן קעפּעלע; די האָר זיינען ביי אים שיטערע, עס דוכט זיך, אַז זיי זיינען גראָה, און דער פּנים איז אַן אַלטינקער, אַ פאַרקלערטער.

אַז עס גייט צו נאָהענט צו אונז אַ הון, אָדער אַ קאַץ, קוקט ער זיך צו לאַנג צו זיי, דערנאָך גיט ער אַ קוק אויף מיר און שמייכלט קוים באַמערקבאַר. איך פאַרשעם זיך אַ ביסל פון דעם שמייכל: צי פילט ניט דער ברודערל, אַז מיר איז לאַנגווייליג מיט אים און עס ווילט זיך אים לאָזן און אַרויסלויפן אויפן גאַס.

דער הויף איז קליין, ענג און מיסטיג, פאַרשטעלט פון טויער אָן מיט שפּייכלערלעך, קעמערלעך פאַר האָלץ און קעלערס הינטער זיי שטייט די באָד. די דעכער זיינען פאַרלייגט מיט אָפּ־געבראָכענע שטיקער פון שיפלעך, מיט שייטלעך האָלץ, מיט ברעטער, מיט פייכטע שפּענער — דאָס אַלץ האָט מען געפאַנגען

אין דער אָקאַ בעת דעם געוויסער און אייז־גאַנג. און אויך דער גאַנצער הויף איז פאַרוואָרפן מיט קופּעס פון פאַרשיידענע האָלץ. דאָס אַלץ איז אָנגעזאַפּט מיט וואַסער און פרייעט איצט אויפן זון און פאַרשפּרייט אַרום אַ ריח פון צופוילטקייט.

אין שכנות איז אַ שחיטה־שטיבל פון דקות, כמעט אַלע פרימאָרגן מיטשען דאָרטן קעלבלעך און בלעקען באַראַנעס, און עס שמעקט אַזוי געדיכט מיט בלוט, אַז אָפטמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן — דער ריח וויגט זיך אין שטויביגן לופט ווי אַ דורכזיכטיגע שוואַרץ־רויטע נעץ.

אַז עס פלעגן שרייען די בהמות, באַטויבט מיטן קלאַפּ פון האַק — מיטן אָבוך צווישן די הערנער — פלעגט קאַליאַ טשורען די אויגן, אָנבלאָזן די ליפּן און וועלן, מן הסתם, נאָכמאַכן דעם קלאַנג פון קלאַפּ, נאָר ער פלעגט נאָר אויסבלאָזן דעם אָטעם:

— פּפּו...

אום האַלבן טאָג, פלעגט דער זיידע אַרויסשטעלן דעם קאָפּ דורכן פענסטער און אויסשרייען:

— מיטאָג!

ער פלעגט אַליין געבן עסן דעם קינד, האַלטנדיג אים ביי זיך אויפן שויס — צוקייען אַ שטיקל ברויט אָדער קאַרטאָפל און מיטן קרומען פינגער אַריינרוקן דאָס קאַליען אין מיילכל און פאַרשמירן דערביי זיינע דינע ליפּן און שאַרפינקע מאָרדעטשקע. אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט דער זיידע אויפהייבן ביין קינד דאָס העמדעלע, שטעקן מיטן פינגער אין זיין אויסגעפּויזטן בייכל און זיך מישב זיין אין דער הויך:

— ס׳וועט זיין גענוג, האַ? אָדער געבן נאָך?

פון טונקעלן ווינקל ביים טיר פלעגט זיך לאָזן הערן דער מאַמעס קול:

— איר זעהט דאָך, ער ציהט זיך צום ברויט!...

— אַ קינד איז אַ נאַר! אַ קינד קאָן ניט וויסן, וויפיל ער דאַרף עסן...

און פלעגט ווידער רוקן קאַליען אין מויל דאָס צוקייטע. נאָכקוקן ווי ער קאָרמעט אים, פלעגט מיר זיין פיינליך מיאוס, אין

דעם אונטערשטען טייל פון האַלז פלעגט מיר שטיקן און עקלען.

— נו, גענוג!—פלעגט ענדליך זאָגן דער זיידע—נאַ, טראָג אים צו דער מאַמען.

איך פלעג נעמען קאָליען — ער פלעגט קרעכצען און זיך ציהען צום טיש. מיר אַנטקעגן פלעגט כריפּענדיג אויפשטיין די מאַמע, אויסשטרעקן אירע טרוקענע הענט, איינע הויט און ביי-נער, אַ לאַנגע, אַ דינע, ווי אַ יעל מיט אַרומגעבראָכענע צווייגן.

זי איז שוין אינגאַנצן ווי פאַרשטומט געוואָרן, זעלטן ווען זי זאָגט אַ וואָרט מיט אַ זידעוודיגער שטים, אָדער זי ליגט גאָר אַ גאַנצן טאָג אין ווינקל און שווייגט און שטאַרבט. אַז זי שטאַרבט —דאָס האָב איך, נאַטירליך, געפילט און געוואוסט און דערצו נאָך פלעגט דער זיידע, זעהר אָפט און צושטייענדיג ריידן וועגן טויט, אי-בערהויפט אין אָוונט, אַז אין דרויסן פלעגט טונקל ווערן און דורכן פענסטער פלעגט אַריינקריכן דער וואַרימער, ווי אַ שעפּסענער פעלץ, און פעטער ריח פון צופוילטקייט.

דעם זיידנס בעט איז געשטאַנען אין פאָדערשטן ווינקל, כמעט אונטער די איקאָנעס, ער פלעגט זיך לייגן מיטן קאָפּ צו זיי און צום פענסטער, פלעגט זיך לייגן און אַלאַנגע צייט וואָר-טשען:

— אָט איז געקומען די צייט צו שטאַרבן, מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועלן מיר זיך שטעלן פאַר גאָט? וואָס וועלן מיר זאָגן? און מיר האָבן דאָך אַ גאַנצן לעבן געהאַוועט, געטאָן עפּעס? צו וואָס זיינען מיר געקומען?

איך האָב געשלאָפן אויף דער ערד, צווישן אויוון און פענס-טער; מיין געלעגער איז מיר געווען קורץ, פלעג איך פאַררוקן די פיס אין קאַטוך, אונטערן אויוון, נאָר דאָרטן פלעגן מיר די טאַ-ראַקאַנעס קיצלען אין די פיס. אָט דער ווינקל האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך בייזן פאַרגעניגן. דער זיידע, קאָכנדיג אין אויוון, פלעגט שטענדיג אויסזעצן די שויבן פון פענסטער מיטן עק פון קאָ-טשערע אָדער פון טאָפּ-גאָפּל. עס איז געווען לעכערליך און ווילד, וואָס אַזאַ קלוגער מענטש כאַפּט זיך ניט, אַז מען דאַרף קירצער מאַכן די הענטלעך פון אָט די קיך-אינסטרומענטן.

איינמאָל, אַז עס האָט אָנגעהויבן לויפן עפּעס אַ טעפּל, האָט ער אים אַזוי האַסטיג אַ ריס געטאָן מיטן טאָפּ=גאָפּל, אַז ער האָט צובראָכן די ראַם פון פענסטער, אויסגעזעצט צוויי שויבן, איבער-געקערט דעם טעפּל אויפן פּריפּעטשיק און צובראָכן, דאָס האָט דעם אַלטן אַזאַ צער פאַרשאַפט, אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און זיך צעוויינט:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער...

ביי טאָג, אַז ער איז אוועק פון שטוב, האָב איך גענומען דעם ברויט-מעסער און ארומגעשניטן די טאָפּ=גאָפּלען לערך אויף דריי=פערטל ארשין, נאָר דער זיידע, אַז ער האָט דערזעהן מיין ארבעט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף מיר:

— פאַרשאָלטענער טייוול, מיט אַ זעג האָט מען דאָס באַ-דאַרפט אַרומזעגן, מיט אַ זע=עג!... פון די עקן וואָלטן וואַלגער=האָלצן אַרויסגעקומען, וואָלט מען דאָס געקאָנט פאַרקויפן...

און מאַכנדיג מיט די הענט, איז ער אַרויסגעלאָפן אין פאָר=הויז, און די מאַמע האָט צו מיר געזאָגט:

— וואָלסט זיך בעסער ניט געמישט...

געשטאָרבן איז זי אין אַווגוסט, זונטאָג אַרום האַלבן=טאָג. דער שטיף=טאַטע איז שוין צוריקגעקומען פון זיין נסיעה, האָט שוין ערגיץ געהאַט אַ שטעל, די באָבע מיט קאָליען האָבן זיך שוין אַריבערגעקליבן צו אים אין אַ ריינינקע דירהלע נעבן וואָקזאַל און די טעג האָט מען די מאַמען אויך באַדאַרפט אַהין אַריבערפירן.

אין=דער=פריה, אין טאָג פון איר טויט, האָט זי צו מיר גע-זאָגט שטיל, נאָר מיט אַ ריינערער און גרינגערער שטים ווי גע-וויינליך:

— גיי אַריבער צו יעווגעני וואַסיליעוויטשן און זאָג: איך האָב אים געבעטן קומען!

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, אָנגעשפּאַרט מיטן האַנט אָן וואַנט, האָט זיך געזעצט און צוגעגעבן:

— אויף גיכער!

מיר האָט זיך אָבער אָפּגעדאַכט, אַז זי שמייכלט; עפּעס נייעס האָט זיך געלויכטן ביי איר אין די אויגן. דער שטיף=טאַטע

איז געווען אין קלויסטער, די באָבע האָט מיך אַוועקגעשיקט נאָך שמעק־טאַבאַק צו אַ בודאָטשניצע — אַ יידיש־קינד, נאָר קיין פאַר־טיגע טאַבאַק האָט זי ניט געהאַט און איך האָב באַדאַרפט וואַרטן, ביז זי וועט עס צוגרייטן, און דערנאָך אָפּטראָגן דער באָבן.

אַז איך בין געקומען צוריק צום זיידן, איז די מאַמע גע־זעסן ביים טיש, אין אַ טונקל בלויען קלייד, שיין פאַרקאַמט און חשוב ווי פריהער.

— ווּ ביסטו אַזוי לאַנג געווען? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אויף מיר, און איך ווייס ניט פאַרוואָס, איינגעפאַלן אין האַרצן.

זי האָט אומהיימליך אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— קום אַהער! וואו האָסטו זיך דאָס אומגעדרייט, האָ?

און איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, גענומען פון טיש מיט דער צווייטער האַנט אַ לאַנגן, אַ בויגיגן מעסער, וואָס מען האָט אים איבערגע־מאַכט פון אַ זעג, און פאַרמעסטנדיג זיך, עטלעכע מאָל פלאַך מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ. דער מעסער איז ביי איר אַרויסגע־פאַלן פון האַנט.

— הויב אויף! דערלאַנג אַהער...

איך האָב אויפגעהויבן דעם מעסער און אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, די מאַמע האָט מיך אָפּגעשטופּט און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן טרעפּל פון אייוון און דערשראָקן איר נאָכ־געקוקט.

זי איז אויפגעשטאַנען פון שטול און האָט זיך לאַנגזאַם צו־געריקט צו זיך אין ווינקל, געלייגט זיך אין בעט און גענומען אויסווישן דעם פאַרשוויצטן געזיכט. איר האַנט האָט זיך באַוועגט ניט ריכטיג, צוויי מאָל האָט זי ניט געטראָפן דעם געזיכט און גע־פאַלן פאַרביי און מיטן טיכל אַ וויש געטאָן די קישן.

— גיב מיר וואַסער...

איך האָב אָנגעשעפּט פון עמער אַ טעפּל וואַסער, זי האָט קוים געקאָנט אויפהייבן אַ ביסל דעם קאָפּ, אַ זופּ געטאָן, אָפּגע־שטופּט מיין האַנט מיט איר קאַלטער האַנט און שווער אָפּגע־זיפצט. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אין ווינקל צו די איקאָנעס,

דערנאָך אויף מיר, האָט אַ באַוועג געטאָן די ליפּן, גלייך ווי זי וואָלט אַ שמייכל טאָן און האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אויף די אויגן אירע לאַנגע וויִעס. די עלענבויגנס האָבן זיך האַרט צו די זייטן צוגערוקט, און די הענט, שוואַך באַוועגנדיק מיט די פינגער, זיינען געקראָכן איבערן ברוסט, זיך רוקענדיק צום האַלז. איבערן געזיכט האָט געשוואומען אַ שאָטן אַלץ טיפער, און טיפע רהאָט די הויט פאַרגעלט און די נאָז פאַרשאַרפט. פאַרוואונדערט האָט זיך דאָס מויל געעפנט, נאָר קיין אָטעם האָט זיך שוין ניט געהערט.

אומענדליך לאַנג בין איך געשטאַנען מיטן טעסל אין האַנט ביי דער מאַמעס בעט און געקוקט, ווי עס ווערט פאַרגליווערט, ווי עס ווערט גרוי איר געזיכט.

עס איז אַריין דער זיידע, האָב איך צו אים געזאָגט:

— געשטאָרבן די מאַמע...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן בעט:

— רייד ניט קיין נאַרישקייט...

און איז אַוועק צום אייוון אַרויסנעמען אַ פּיראָג און באַטויבנדיק גערוישט מיט דער זאַסלינקע און מיטן פאַן. איך האָב געקוקט אויף אים, וויסנדיק, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, און געוואַרט, ביז ער וועט דאָס באַנעמען.

עס איז געקומען דער שטיף=טאַטע אין אַ ליוסטרינענעם פּידזשאַק, אין אַ ווייסן היטל. ער האָט שטיל גענומען אַ שטול און אַוועק מיט אים צו דער מאַמעס בעט און האָט פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטאָן מיט אים אָן=דער=ערד און אויסגעשריען הויך, ווי אַ קופּערנע טרויב:

— זי איז דאָך געשטאָרבן, זעהט...

דער זיידע האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און האָט זיך שטילערהייט אָנגעהויבן אָפּרוקן פון אויוון מיט דער זאַסלינקע אין האַנט, ווי אַ בלינדער...

אַז מען האָט דער מאַמעס קבר פאַרשאָטן מיט טרוקענע זאַמד און די באָבע איז ווי אַ בלינדע אַוועק ערגעץ וואוהין צווישן די קברים, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צלם און צוהאַקט דעם געזיכט. יאַזיעס טאַטע האָט זי אָפּגעפירט אין וועכטער=שטיבל

און בעת זי האָט געוואַשן דעם פּנים, האָט ער צו מיר שטיל געזאָגט נחמה־רייד:

— אַך, דו, גאָט זאָל ניט אָפּטאָן דעם שלאָף פון מיר, וואָס ווילסטו, האַ? דאָס איז שוין — אַזאַ זאַך... איך זאָג אמת, באָבינקע? סיי אָרעם סיי רייך, אַלע קומען צום קבר גלייך, — אמת, באָבינקע?

ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער און איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען, נאָר ער איז תּיכּף געקומען צוריק מיט וויאַכירן, אַ פריילעכער, אַ ליכטיגער:

— דו גיב נאָר אַ קוק — האָט ער געזאָגט, באַווייזנדיג מיר אַ צובראָכענע שפּאָרע—זעה נאָר, ס'אַראַ חפץ!... איך און וויאַכיר שענקען דאָס דיר אַ מתנה. זעה, ס'אַראַ רעדעלע, האַ? ניט אַנדערש — אַ קאַזאַק האָט דאָס געטראָגן און פאַרלאָרן... איך האָב דאָס געוועלט אָפּקויפן ביי וויאַכירן און געבאָטן זיבן גראָשן.

— וואָס דרייסטו אַ קאָפּ,—האָט שטיל, נאָר מיט כּעס געזאָגט וויאַכיר, נאָר יאַזיעס טאַטע האָט געוואונקען מיטן אויג אויף אים, שפּרינגענדיג אַרום מיר, און געזאָגט:

— וויאַכיר, האַ, ס'אַראַ שטרענגער ער איז? נו, איז ניט איך,—ער שענקט דאָס דיר אַוועק.

די באָבע האָט זיך איינגעוואַשן, פאַרוויקלט מיטן טוך איר אויפגעשוואָלענעם בלויען פּנים און האָט מיך גערופן אַהיים. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט: איך האָב געוואוסט, אַז היינט וועט מען דאָרטן, ביי די פּאַמינקעס, טרינקען בראַנפן און מען וועט זיך געוויס צוקריגן. דער פעטער מיכאַאיל האָט נאָך אין קלויסטער שטייענדיג געזיפצט און געזאָגט צו יאַקאָוון:

— מיר וועלן היינט מאַכן אַ כּוסע, האַ?

וויאַכיר האָט זיך געסטאַרעט מיר אָנצומאַכן געלעכטער: ער האָט אָנגעטשעפּעט די שפּאָרע אויפן געמבע און פלעגט דערלאַנגען דאָס רעדעלע מיטן צונג, און יאַזיעס טאַטע פלעגט מיט אַ כּיוון לאַכן אויפן קול און אויסשרייען:

— זעה נאָר, זעה נאָר, וואָס ער טוט!—נאָר אַז ער האָט דערזעהן, אַז דאָס מאַכט מיך ניט פריילעך, האָט ער געזאָגט ערנסט:

—נו, געגוג, טשוכע זיך אויס! מיר וועלן אַלע שטאַרבן, אַפּילו אַ פויגל שטאַרבט אויך. אָט וואָס: איך וועל דיין מאַמעס קבר מיט גראָז-ערד אַרומלייגן—ווילסט? אָט וועלן מיר שוין אַוועקגיין אין פעלד,—דו, וויאַכיר, איך; סאַנקאַ מיינער וועט אויך גיין מיט אונז; מיר וועלן אָנשניידן גראָזיגע ערד און מיר וועלן מאַכן דעם קבר ווי מען דאַרף ניט שענער.

מיר איז דאָס געפעלן געוואָרן און מיר זיינען אַוועק אי׳ן פעלד.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך דער מאַמעס קבורה, האָט דער זיידע געזאָגט צו מיר:

— נו, לעקסיי, ביזט ניט קיין מעדאַל, ביי מיר אויכן האַלז איז פאַר דיר קיין אָרט ניט, גיי צווישן מענטשן...

און איך בין אַוועק צווישן מענטשן.